STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00939

GEBENTSHTE HENT

Frume Halpern

Permanent preservation of this book was made possible by
James L. & Edith Z. Weinberg Philanthropic Fund

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרומע האַלפּערן

געבענטשטע הענט

פרומע האַלפּערן

געבענטשטע הענט

דערציילונגען

איקוף פאַרלאַג

ניו-יאָרק, 1963

FRUME HALPERN

Blessed Hands

Copyright by
Yiddisher Kultur Farband, Inc. (Ykuf)
189 Second Avenue
New York 3, N. Y.

אַרויסגעגעבן פון
אַ גרופּע שרייבער
און פרומע האַלפּערן בוך־קאָמיטעט

אַ פּאָר ווערטער
וועגן פרומע האַלפּערן

פון י. א. ראָנטש

ווי דער יואוועליר וואָס איז איבערקלייבעריש מיט עכטער צירונג, אַזוי זוכט און בישטערט דער דערציילער זיין טעמע. אַ געשמאַקער געווינס איז אַ גאָלדענע טעמע. דאָס אויסטערלישע מאַניעט, דאָס פאַרכאַפּנדיקע איז שוין פאַר־זיך־אַליין ווערט באַשריבן צו ווערן.

נאָר וואָס, למשל, קאָן זיין אַטראַקטיוו אין דער געשטאַלט פון אַ צייטונג־פאַרקויפערין ביי דער סאָבוועי, וועלכע איז, נאַטירלעך, ניט יונג, ניט שיין, גרוי־וואָכעדיק און אָפט שלאַבעריק?

איר פנים זעט מען קוים. אַרויס אין די שווערע ווינטערדיקע פרימאָרגנס; איר קול איז מאָנאָטאָן און איינזילביק. אַ קנאַפּער מאַטעריאַל פאַרן אמביציעזן שרייבער.

ניט אַזוי פילט פרומע האַלפּערן.

זי קוקט זיך איין אין די פאַרלאָזענע, פאַרנאַכלעסיקטע, פון לעבן פאַרמשפּטע פאַרגעסן צו ווערן, אין די נשמות פון די טאָג־טעגלעכקייטן, אין די גופים, פון וועלכע מען וויל, געוויינטלעך אָפּקערן די בליקן.

ניט בלויז זיינען דאָס טעמעס פאַר איר, נאָר אירע סימפּאַטיעס פאַר זיי זיינען ניט קיין רחמנותדיקע; זי שטרעבט ניט אַרויסצורופן עמאָציאָנעלקייטן ביים גוטהאַרציקן לייענער. זי באַהאנדלט זיי ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן.

ניט אומזיסט הייסט, ווייזט אויס, דאָס ערשטע בוך פון פרומע האַלפּערן „געבענטשטע הענט". אין פּריוואַטן לעבן פאַרדינט זי איר חיונה פון אירע הענט, וואָס ברענגען גענעזונג און פאַרלייכטערונג צו אָפּגעשוואַכטע און בלוטלאָזע אברים.

איר וועלט איז פול מיט גרויקייט, אָרימשאַפט, יסורים און

איינזאַמקייט, וואָס שטאַמט פון דער אַנגענומענער מאָטאָ: „לאַך — און די וועלט וועט מיט דיר מיטלאַכן; וויין — או דו בלייבסט אַליין".

דאַרף דערפאַר פרומע האַלפּערן זיך ניט יאָגן נאָך קיין סיפור המעשה.

מיר זיינען אַרומגערינגלט אויף טריט און שריט מיט טיפּן, וואָס קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אום, נאָר וואָס נויטיקן זיך שטאַרק אין די גייסטיקע געבענטשטע הענט פון אַ פרומע האַלפּערן.

איר קינסטלעריש אויג זאַפּט זיי איין אין זיך, איר שרייבערישער באַלאַנס אַנאַליזירט זיי אָביעקטיוו, דוכט זיך, נאָר זיי ווערן איר אייגן און ווערן זיי ווערן דעם לייענער.

יעדער מענטש נויטיקט זיך דאָך אין דעם באַריר פון אַ פריינטלעכער האַנט — און אָט דער באַריר איז פאַקטיש דער קווינטעסענץ פון פרומע האַלפּערנס שאַפן.

„אָן אַלטע מאַמע, וואָס זעט אויס ווי אַ שאָטן פון אַ מענטשן, מיט אַ לייב ווי פאַרטריקנטע ערד, און וואָס האָט שוין לאַנג פאַרגעסן דעם באַריר פון אַ פריינטלעכער האַנט, דערפילט די נאָענטקייט פון שרהס געטרייער האַנט און ווערט באַרעדעוודיק." (ז. 6)

נאָר ניט צו יעדן האָט זי דעם זעלבן צוגאַנג. פרומע דאַלפּערן, אין דער זעלבער דערציילונג לייגט די ביטערע פרנסה אַרויף אירע הענט אויף אַ „דאַמע, ווי אַ פּוילע, אויסגעבאַליעטע קאַץ" און דאָס איז איר שוין גאָרניט צום האַרצן.

„זי האָט אַ געפיל, ווי זי וואָלט נאָר־וואָס אָפּגעטאָן עפּעס אַ נאַרישקייט" (ז. 9).

ערלעך־נאַאיוו איז פרומע האַלפּערן און אַזוי זיינען אויך אירע העלדן, וואָס זי באַשרייבט. דאָס אַרבעט־מיידל, די פּשוטע הויז־פרוי, אירע „סוזאַן פלעשער" טיפּן, וואָס זיינען אַרויף אויפן לעבנס־שטעג מיט אַ זוניקן שמייכל און זיינען אויף שטענדיק געבליבן שטעקן אין דער פאַרקאַוועטער אָרימקייט.

ווי פרומע האַלפּערן אַליין, וואָס איז שטיל און איידל, נאָר דרינגט אַריין דורכזיכטיק, אַזוי הערט מען ניט פון אירע העלדן קיין הויך וואָרט. ניט וואָס זיי מאַכן שלום מיט זייער דאַליע, נאָר דער מחבר האָלט, ווייזט אויס, אַז די סיטואַציעס רעדן פאַר זיך

אַליין. אויף אַן אַפּגעריסן־אַפּגעשליסן קינד איז ניט נויטיק אויפ־צוהענגען אַ שילדל וועגן זיין מצב.

נאָר ניט אומעטום הערשט אַ גרויקייט און אומעט אין פרומע האַלפּערנס דערציילונגען.

„מוניע דער שוסטער" דערנעענטערט זיך צו ברוך שפּינאָזאַן אויף אַן אייגנאַרטיקן און שפּילעוודיקן אופן.

פאַראַן א פאַלקסטימלעכער הומאָר אין אַ צאָל מעשות. עס איז דאָ אַ געזונטער אָפּטימיזם ביי ביילקען, וואָס „האָט אָנגעלאָדן אויף אירע שמאָלע פּלייצעס די גאַנצע אחריות פאַר דער גרויסער וועלט" (ז. 43).

פון די שוואַרץ־גרויע כמאַרעס גיט זיך אַ רייס־דורך אַ שאַרפער פייערדיקער, אָנגעגליטער בליץ. דאָס זיינען די ווערטער־בילדער ביי פרומע האַלפּערן, וואָס קומען ניט־געריכט און באַלויכטן דעם אַרום.

פרומע האַלפּערנס „געבענטשטע הענט" וועלן אריינפירן אין אונדזער ליטעראַטור פרעמדע און פאַרשטויסענע מענטשן, אויף וועלכע מיר האָבן זיך ניט אומגעקוקט, כאָטש זיי הויזן מיט אונז. נאָר וואָס וועלן אַ דאַנק איר טאַלאַנט אונז ווערן נאָענט און אייגן.

1962 ,דעצעמבער

געבענטשטע הענט

זינט שרה האָט זיך געשטעלט אויף די אייגענע פיס און איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש זיינען אירע הענט אין שטענדיקן באַריר מיט מענטשישע קערפּערס און אירע פינגער לאַסטשען מיט אַ גינציקייט די מענטשלעכע ווייען, באַהעפטן זיך מיט די ווייטאָקן וואָס קומען פון שווערער פּראַצע. די הענט ווערן באַדאַנקט און געבענטשט פון אַלערליי מיילער און אויף אַלערליי לשונות. אַמאָל בענטשט מען זיי מיט טרערן אין די אויגן, און אַמאָל — מיט אַ שמייכל.

שרה נעמט זיך ניט איבער מיטן אויסזען פון אירע הענט. סיידן ווען זי אַרבעט מיט זיי, אָבער אויסער דער אַרבעט, האַלט זי, איז ניטאָ מיט וואָס זיך אויסשטעלן. אירע הענט זיינען ניט גענוג ווייבלעך. שווערע מוסקולן, אָנגעצויגענע אָדערן, די הויט צערונצלט, די פלאַכן ברייט, — מיט איין וואָרט: הענט, וואָס האָבן ניט קיין חן! אָבער ווען די הענט קומען אין קאָנטאַקט מיטן מענטשישן גוף, באַקו־מען זיי עפּעס אַן אייגן לעבן. זעען אויס צערטלעך און נשמהדיק, מיט זייער מאָמעשער געטריישאַפט, מיט זייער ווילן צו פאַרלייכטערן ווייטיקן, לינדערן שמערצן; מיטן ווילן צו אוורירן קינדער און עלטערע. די הענט דערלאַנגען ניט נאָר צו די קראַנקע אברים, נאָר זיי דערגרייכן אַזש ביז צו דער מענטשלעכער נשמה.

דורך אירע צווי ניט־שיינע, אָבער געראָטענע הענט, פאַרבינדט זיך שרה אויך אַ סך מאָל מיט אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען ניט איר לשון און קענען זיך מיט איר ניט צונויפריידן. די הענט זיינען איר מידיום, און דורך זיי דערפילן די קראַנקע איר נאָענטקייט ביז די טיפסטע טיפענישן פון זייערע, אויסגעליטענע, קראַנקע גלידער. שרה לייענט אַרויס פון אויגן אַ ברכה אָן ווערטער. די שטומע ברכות זיינען פאַר איר אַ סטימול, אַ מין קראַפט און אויך — דער יסוד פון דער ליבשאַפט, וואָס זי טראָגט אַזויפיל יאָרן פאַר אַלע געליטענע.

יאָר־איין, יאָר־אויס — דאָס זעלבע. די אייגענע מענטשן. די פינגער ווייסן ניט פון קיין פאָראורטייל. ליידן זיינען ענלעכע ביי

אַלע סאָרטן מענטשן. ווען עס טוט עמיצן וויי מוז זיך אַרויסרייסן אַן „אוי!" אַ צעבראָכענער אבער איז צעבראָכן ביי יעדן גלייך. דאָך פאַרמאָגט יעדער מענטש אין זיך עפּעס אַן אַנדערשקייט, עפּעס אַזוינס, וואָס טיילט אים אויס פון אַנדערע.

אַ סך מאָל דאַכט זיך שרהן, אַז ניט נאָר דערפילט זי די קראַנקע, נאָר די קראַנקע אַליין דערפילן זי דורך אירע הענט. זיי שפּירן איר מיטגעפיל. זיי דערזעען, ווי זי זאַפּט איין אין זיך זייערע אַנגסטן. דערפאַר ברייננגען די חולאים צו שרהן ניט נאָר זייערע אייגענע צעוואָונדעטע לעבנס נאָר אויך די צרות פון זייערע קינדער און קינדס־קינדער. אַזוי אַרום ווערט זי אַריינגעפּעדימט אין אַלעמענס משפּחות. זי זעט זיי אַרום זיך, ווי זיי וואָלטן געווען אירע לייבלעכע קרובים.

אַן אַלטע מאַמע, וואָס זעט אויס ווי אַ שאָטן פון אַ מענטשן, מיט אַ לייב, וואָס זעט אויס ווי פאַרטריקנטע ערד און וואָס האָט שוין לאַנג פאַרגעסן דעם באַריר פון אַ פריינטלעכער האַנט אויף איר לייב, דערפילט די נאָענטקייט פון שרהס געטרייער האַנט און ווערט באַרעדעוודיק.

די אַלטע ווייסט ניט וויפיל פון אירע קינדער זיינען אומ־געקומען אין די גאַז־קאַמערן. זי ווייסט אָבער וויפיל אייניקלעך. זי רעדט וועגן זיי און טרערן רינען אַראָפּ פון אירע אויגן אויף די הענט. די טרערן מישן זיך אויס מיט שרהס טרערן און די אַלטע ווערט איר נאָענט. זי בענטשט שרהן און דאַנקט איר, און דאַן געהערט זי שוין צו איר משפּחה.

די אַלטע דערמאַנט שרהן אין איר אייגענער מאַמע. איר מאַמע מיט די געבענטשטע הענט. די מאַמע האָט אַ לענגערע צייט געקרענקט, געליטן איבערמענטשלעכע ווייטיקן, וואָס האָבן זי ניט געלאָזן שלאָפן. די קינדער זיינען געווען הילפלאָז. שרה, וואָס איז אַלט געווען אַ יאָר צען, האָט שטאַרק געוואָלט העלפן דער מאַמען, זי האָט דעריבער גענומען פירן אירע קינדערישע פינגער איבער דער מאַמעס האַלדז און דאָס האָט געווירקט ווי אַ כשוף. די מאַמע האָט איינגעדרעמלט. פון דאַן אָן האָט זי שוין דער מאַמען שטענדיג איינגעשלעפערט מיט אירע פינגער. יעדעס מאָל ווען די מאַמע האָט געעפנט די אויגן און דערזען ווי די מיזינקע גלעט איר די האָר, פלעגט זי זאָגן: „אַ ברכה אויף דיינע הענט, מיין קינד!"

האָט אָבער גאָט געוואָלט, אַז די דאָזיקע הענט זאָלן דאַרפן ציִען זייער חיונה פון אַנדערן דעם מענטשן־גוף. דאָס לעבן האָט אויך געוואָלט, אַז שרה זאָל די ברכה פון אירע הענט צעטיילן: צו די יעניקע, וואָס דאַרפן אַמבוטיגסטן אירע הענט האָט זי געקאָנט שיינקען בלויז מינוטן און די איבעריקע צייט האָט זי געמוזט אַוועק־געבן יענע, וואָס קאָנען באַצאָלן. אָבער אין די געציילטע מינוטן, וואָס זי האָט געדינט מיט אירע הענט די סאַמע נויטבאַדערפטיקע, האָט זי עס געטאָן מיט אַ סך געטריישאַפט.

די אַלטע, קראַנקע און צעבראָכענע מענטשן האָבן באַקומען אַ געשריבענע טאַבעלע פאַר אַזויפיל און אַזויפיל מינוטן. פאַר די אָבער, וואָס האָבן געקויפט איר צייט, איז קיין טאַבעלע ניט געווען; יענע האָבן אויסגעקליבן די צייט, וואָס איז צו פרי פאַר זיי שפּילן אין קאָרטן אָדער גיין איבער די קראָמען.

יענע, פון די נידעריקע שיכטן, זיינען ניט געווען אַזוי אָפּ־געהיט אין ריינלעכקייט, ניט געווען אַזוי מאַנירלעך, גאָר שווער און אומגעלומפּערט אין גאַנג און אָפט שטומפּיק מיטן מוח, אָבער אַז מען האָט זיך אין זיי געגרונטעוועט טיפער, אַז מען האָט ארויסגע־שיילט פון זיי דאָס אינעווייניקסטע, פלעגט אַרויסשיינען דאָס מענטשלעכע, וואָס האָט איבערראַשט, און מען האָט זיך אַליין דער־פילט קליין און נישטיק קעגן זיי. דאָרט, ביי די פּריווילעגירטע און פּאָלירטע, איידעלע, — דאָרטן האָט גאָט צוגעלייגט זיין האַנט און זיי באַשירעמט, געהיט פון אַלדאָס בייז. אָבער דאָרטן, — אַז מען האָט אָפּגעשאָרט דאָס שימערירנדיקע, איז פון דעם ראַפינירטן אויבערשיכט אַרויסגעקראָכן אַ ווערעמל, אַ פּאַראַזיטל.

ווען שרה איז געגאַנגען צו אָט־די, האָט זי זיך געמוזט אָנטאָן פריש, ריין. זי האָט זיך געדאַרפט פוצן פאַרן לאַקיי, וואָס האָט פאַר איר געעפנט די טיר. ווען זי איז אַריינגעקומען צו דער דאַמע אין הויז, האָט זי געדאַרפט גיין אויף די שפּיץ פינגער. זי האָט געדאַרפט ריידן שטיל, איידל, מיט אונטערטעניקייט, ווי זי וואָלט געקומען אויסבעטלען איר לעבן. די איידעלע דאַמע איז גראַד געווען לויטער שמייכל און האָט איר צוגעטראָגן באַנאַלע קאָמפּלימענטן, און שרה האָט אויך געמוזט שמייכלען, באַצאָלן פאַרן קאָמפּלימענט.

די דאַמע האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן. זי האָט זיך געווײנלעך באַקלאָגט זיך אויף מידקייט, וואָס קומט פון צופיל טראַכטן, פון קאָפּ־

דרייעניש, פון די דינסטן!.. אַז מען קאָן זיך גאָר ניט אויסצאָלן! זיי ווייסן גאָר אליין ניט וויפיל צו בעטן! און ס'איז אַ צרה — ניטאָ וואו צו אַנטלויפן פון זיי. דאָס ווירקט שלעכט אויף אירע נערוון.

זי האָט זיך אויסגעצויגן, די דאַמע, ווי אַ פוילע, אויסגעכאַליעטע קאַץ און איר מויל האָט זיך צעריסן פון גענעצן; ס'איז שוין צופיל; זאָל שוין נעמען אַ סוף! זאָל מען זי לאָזן צורו!

ווען שרה האָט געאַרבעט איבער דער דאַמע אין דעם נידעריקן, ווייכן בעט, צווישן אַטלעסענע און זיידענע דעקן; ווען זי האָט מאַני־פּולירט מיט אירע הענט איבער דעם ווייכן קערפּער מיט די אויסגע־קעכלטע גלידער און זיך צוגעהערט צו דער דאַמעס פּלאַפּלערייען — האָט זי זיך דערמאָנט אין אירע אייגענע טעג. זי האָט געוואָלט אויפמאָנען איר אייגן שטיקל לעבן, גראַד דאָ, ביי דער, וואָס וואָס האָט געקויפט אירע הענט און זי געצוואונגען זיך צוהערן צו אירע נאַרישע פּלוידערייען.

שרה האָט געטראַכט און געפרעגט ביי זיך: וואָס, למשל, וואָלט זי איצט געטאָן ביי זיך אין דער היים? צום ערשטן, געזען אירע קינדער זאָלן גיין שלאָפן אין צייט. זי וואָלט זיך צוגעשפּאָרט לעבן זיי, זיי געהאָלפן איינדרעמלען מיט א מעשהלע, וואָס זי דאַרף זיי דערציילן און לייגט שטענדיק אָפּ, ווייל זי האָט ניט קיין צייט.

שרה האָט זיך דערמאָנט אין איר אומגליקלעכער מאַמע, אין אַמאָליקן אָרעמען שטעטל. די מאַמע האָט פאַרקויפט איר עופה'לעס מילך. זי האָט זיך פאַרדונגען פאַר אַן אַם ביי די רייכע. איר אייגן קינד האָט זי געמוזט לאָזן לעכצן, בעת דאָס רייכע קינד האָט זיך געפּאַשעט ביי איר ברוסט. די ליבע פון איר אייגן עופהלע האָט זי געמוזט אָוועקגעבן אַ פרעמד קינד.

שרה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אירע רעיונות. זי האָט געטראַכט אַז זי וועקט זיך אויף פון אַ חלום, און זיך געשראָקן: אפשר האָט זי געטראַכט אין דער הויך? אפשר האָט מען געהערט אירע גע־דאַנקען? אירע פינגער גיבן אַרויס אירע מחשבות, זיי זיינען ביי איר ווי אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט. דורך אירע הענט גייען איבער אירע געפילן צו יענע, דאָרטן, זי דערקענט עס אין זייערע אויגן. דאָס זיינען וויברירנדיקע טענער, שטומע מוזיק!

זי האָט זיך אַליין פאַרגעוואָרפן פאַר דער באַרויבטער צייט, און האָט זיך גענומען אינטענסיוו, מיט אַלע ווייכקייטן פון דער נשמה.

אריבערגיסן אין רשות פון די הענט, וואָס וועלן זי שוין פירן אויפן גלייכן וועג. די דינע הענט מיט זייער הכנעה ווייסן איין וועג — דעם אמת, אפילו צו די וואָס זעען ניט יענעמס אמת.

אין צימער איז די שטילקייט אַ בלויע, אַ זיידענע. די לופט איז דאָ אָנגעפילט מיט בלויער אַפּאַטיע. דער שטילער, מוזיקאַלישער טיק־טאַק פונעם וואַנט־זייגער אין אַ קרישטאָלענער ראָם, וואָס הענגט שוין אַ פּאָר דורות אין דער יחוסדיקער דירה אויף פּאַרק עוועניו, — דאָס קלאַפּן פון זייגער האַרמאָנירט מיט איר אָטעם און מיט דעם ריטם פון אירע פינגער, וואָס שאַרן זיך פון גליד צו גליד. עס ציטערן ביי שרהן אַביסל די פיס, ווען זי בויגט זיך אָן. דאָס הינטל, וואָס דרעמלט אין אָן אויסגעבעטן, אַטלעסענעם וויג־שטול, ציט זיך אויס און גענעצט. עס איז ניט קיין פּשוט הינטל. עס זעט אויס ווי אַ קלוגע באַלעבאָסטע, וואָס ווייסט וואו־איין, און וואו־אויס. שרה האָט ליב אַ הונט, אָבער די באַשעפעניש, וואָס קוקט אויף איר מיט אויגן פון אַ מענטשן, איז איר ניט צום האַרצן. עס דאַכט זיך איר, אַז דער הונט זעט זי, שפּירט איר נאָך מיט פאַרדעכטיקטע אויגן. יעדעס מאָל, ווען זי דערזעט ס׳הינטל גענעצן און אַרויסשטעלן אַ ראָז, לאַנג צינגל; ווען עס אַנטפּלעקט די קליינע, ווייסע צייבדלעך זיינע זיידענע האָר, טראַכט שרה, אַז ס׳איז אַ הונט אַ יחסן, וואָס האָט ליב צו קאָקעטירן!

ווען זי האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער אַרבעט, איז איר שווער זיך אויסצוגלייכן. זי וויל אָבער עס ניט באַווייזן דעם הינטל. נעמט זי זיך אָן מיט כּוח און שטעלט זיך אויף מיט אַ זשעסט, ווי זי וואָלט אַרונטערגעוואָרפן פון זיך אַ שווערע משא.

די דאַמע דרייט זיך אויס צו איר מיטן פּנים. זי ציט אויס דעם אויסגעגלעטן קערפּער און אויף איר פּנים באַווייזט זיך אַ שמייכל פון תענוג. מיט פאַרמאַכטע אויגן קוקט זי אויף זיך און זאָגט, ווי צו זיך אַליין: ס׳אַראַ געבענטשטע הענט! ס׳אַראַ כשופדיקע הענט!

שרה טוט שנעל אָן איר מאַנטל און איילנדיק לאָזט זי זיך אין דרויסן. שנעל לויפט זי פאַרביי דעם וועכטער ביי דער טיר, זי האָט אַ געפיל, ווי זי וואָלט נאַרוואָס אָפּגעטאָן עפּעס אַ נאַרישקייט, ווי עמיצער וואָלט איר אָפּגענאַרט און זי איז אַביסל אין כּעס אויף זיך אַליין. זי איילט זיך אין גאַנג, שיקט אַ קללה אין דער לופט. נאָכדעם לויפט זי אַוועק אַהיים.

אין גן עדן

דער אַלטער רב לייזער האָט זיך געלאָזט מיט זיין קויש סחורה צום מאַרק, ווי אַלע פרימאָרגן, איז ער איצט געגאַנגען פאַרנעמען זיין אָרט לעבן דעם גרויסן פּרוכט־געשטעל, וואו ער האָט, זיצנדיק אויף אַ קעסטל, געפירט מסחר. עס איז געווען פרייטיק, אַ טאָג פון לייזונג. דער פרימאָרגן, אַ נאַסער, אַ גליטשיקער, ער האָט זיך געאיילט, און בעת ער האָט דורכגעשניטן די ברייטע, רוישיקע גאַס ניט באַמערקט אַז פון ערגעץ האָט אָנגעיאָגט אַ מאַשין, און איידער ער האָט נאָך געהאַט צייט זיך אומקוקן, איז שוין דער קויש מיט דער גאַנצער סחורה אַוועקגעפלויגן און אים, רב לייזערן, האָט דער שליידער פאַרטראָגן אין אַן אַנדער וועלט.

פלוצלונג האָט ער דערפילט ווי עס רייסט עפּעס פון אים. אַלץ האָט געריסן, באַזונדערס דער רעכטער פוס, ווי מען וואָלט געצויגן מיט צוואַנגען. ער האָט געפילט אַז זיין פוס איז ערגעץ געבליבן ליגן אָן אים. באַלד האָט אים ארומגענומען אַ שטאַרקע קעלט, אַז ער האָט געהערט ווי די ציין קלאַפּן אים, באַלד איז די קעלט איבער־געגאַנגען אין אַ שווערער היץ, אַ פאַרעדיקע היץ, פון וועלכער עס כאַפּט ביים אָטעם. ער האָט זיך געראַנגלט, זיך געוואָלט באַפרייען פון דער היץ, אָבער ער האָט געשפּירט ווי די ערד לאָזט זיך אויס אונטער אים. ער האָט זיך געוואָלט אין עפּעס אָנכאַפּן און האָט אָנגעטאַפּט אַ חלל, אַ ליידיקייט. ער איז שוין געשוואומען אין דער פינצטער און זיך געוואונדערט וואָס ער האָט קיין מורא ניט. דער קאָפּ איז אים עפּעס גרינג, ווי ער, דער קאָפּ, וואָלט זיך אָפּגעטיילט פון קערפּער, ווי דער קערפּער אַליין וואָלט זיך פאַנאַדערגעטיילט אויף צוויי טיילן; דער גוף האָט זיך אַלץ ווייטער אַוועקגערוקט פון אים. צוליבן חושך האָט ער ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. עס איז געווען אַזאַ מוראדיקע פינצטערניש, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט איינגעשלאָפן.

רב לייזער האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי צוזאַמען מיט אים האָט זיך עפּעס אַ האַסטיקן הויב געטאָן צו אַ הויך. ער האָט ניט גע־וואוסט צי מען האָט אים געטראָגן, צי געפירט? ער האָט נאָר גע־שפּירט אַז אַלץ לויפט, לויפט אַזוי גיך ווי וואָלקנס און זיין קאָפּ —

אויך אַ וואָלקן— דרייט זיך משונהדיק, אַט ווערט ליכטיק און אַט— פינצטער. פּלוצלונג איז געוואָרן אַזאַ שניידנדיקע ליכטיקייט, ווי פון טויזנט בליץ־לאָמפּן. ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די ליכטי־קייט און געוואָלט אַוועקדרייען דעם קאָפּ, איז אָבער דער קאָפּ געווען צוגעשמידט צו עפּעס און עס האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס, אַזוי הויך, אַז ער האָט געקענט ציילן די קלעפּ: „טאַ! טאַ! טאַ!" מיטן קלאַפּן האָט זיך אויך אויסגעמישט אַ געקלאַנג פון זילבער־וואַרג, ווי מען וואָלט דאָ געגרייט טישן פאַר אַ שמחה...

מיטאַמאָל אַ קרעכצעניש. ווער קרעכצט דאָרט אַזוי? דאָס קרעכצן, אַ וויטיקדיקס, אַ שניידיקס, רייסט פון אים שטיקער! עס ווילט זיך אים שרייען און ער צעוויינט זיך אויפן קול. דאָס וויינען מאַכט אים אַביסל לייזער אין האַלדז, אָבער עס איז אים זייער הייס. די היץ איז איבלדיק. עס ווילט זיך אים ברעכן. ער האָט זיך געוואָלט אָפּדעקן, אָבער ניט געקענט געפינען די הענט. ווער האָט עס אויס־באַהאַלטן זיינע הענט? עס קלעפּן זיך אים די אויגן, אָבער ער קאָן ניט איינשלאָפן. דאָס קלאַפּן אין די שלייפן הערט ניט אויף.

באַלד דערהערט רב לייזער, דאַכט זיך, ווי עמיצער רעדט. דאָס קול איז נאָענט, לעבן בעט. עס רעדן עטלעכע שטימען. מען האָט עפּעס אַראָפּגענומען פון זיין פּנים און ס'איז אים געוואָרן גרינגער צו אָטעמען. אָבער די משא דריקט נאָך אַלץ אויף אים. ווי טויזנט פוד וואָלטן אויף אים געלעגן. ער פילט ניט קיין אבר, ווי ער וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן, ווי ער וואָלט געוואָרן לויטער שטיין.

רב לייזער האָט אויפגעריסן די אויגן און זיך דערזען אין אַ ליכטיקן גרוימען צימער. ער איז געלעגן אין אַ ציכטיק־ווייסער בעט. ער האָט געזוכט זיין אייניקל, וואָס איז אַלעמאָל געשלאָפן מיט אים אין איין בעט, און זיך געוואונדערט וואָס דאָס אייניקל איז דאָ ניטאָ. ער האָט אויף אַ רגע פאַרמאַכט די אויגן, זיי ווידער אויפ־געעפנט און געטראַכט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט! ווי קומט ער בכלל אין דער ווייסער שטוב? אים דאַכט זיך, אַז ער איז טויט, ער איז אין גן־עדן. דאָס ווייסע ליכטיקע צימער איז א לוין פון גאָט, ברוך הוא, פאַר זיין שווער און אָרענטלעך לעבן.

ווען ער דערמאָנט זיך אין זיין אָרעם פאַרהאַרעוועט לעבן, נעמט אים אַרום אַ צער אויף זיך אַליין, אויף זיין גאַנץ הויז־געזינד, אַז עס הייבט אים אָן שטיקן אין האַלדז און ער כליפּעט אין

זיך. ער פּרוּאווט רעדן, אָבער עס איז אים שווער צו עפענען דאָס מויל און די ווערטער בלייבן שטעקן צווישן צונג און גומען. וויל ער טראַכטן, קאָן ער אויך ניט. זיינע מחשבות פליען אַוועק, קיין זאַך שטעלט זיך ניט אָפּ. ס'ווערט אים הייס, זייער הייס!

רב לייזער האָט געעפנט די אויגן און דערזען לעבן בעט אַ יונג מיידל אין ווייסן, אויפן קאָפּ אַ טשיפּעקל און אויפן פּנים אַ ליכטיקער שמייכל. ער האָט זיך דערפרייט: דאָס איז דאָך זיין שיינדעלע, זי איז אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט, נאָך קיין זיבעצן יאָר ניט אַלט געווען. ער האָט זי געוואָלט גוט באַטראַכטן, אָבער זי איז שוין ניט געווען. ער זעט זי, דאַכט זיך, אָבער איר פּנים איז ערגעץ אַוועקגעשוואומען.

פאַר זיינע אויגן דרייט זיך אַ וואַלקנדיקע ראָד און אין מיטן דער ראָד — שיינדעלעס פּנים און אַז ער וויל עס אָנקוקן פאַר־שווינדט עס, ניטאָ!

עטלעכע מאָל האָט רב לייזער געפילט ווי מען האָט אים גע־שטאָכן מיט נאָדלען. ער שלאָפט ניט אָבער איז אויך ניט וואַך. ער ווייס ניט צי עס איז טאָג, צי נאַכט, ווי די צייט וואָלט זיך אָפּ־געשטעלט. עס דאַכט זיך אים, אַז ער ציט אויס די האַנט און וועט עפּעס דערלאַנגען, אָדער ער הייבט זיך אויף און שפּאַנט צו צום „עפּעס" אָבער ער קאָן זיך ניט רירן פון אָרט.

זיין „שיינדעלע" איז זייער גוט צו אים. זי וואַשט אים, גלעט אים, ברענגט אים עסן אויף אַ טאַץ, קאַרמעט אים ווי ער וואָלט געווען אַ קליין קינד, אָבער זי רעדט גאָרניט. זי שמייכלט בלויז. ער וואָלט איר עפּעס געוואָלט פרעגן, האָט ער פאַרגעסן ווי צוריידן. די ווערטער געדענקט ער יאָ, נאָר ווי ס'קומט אַרויסצולאָזן אַ וואָרט, פאַרגעסט ער. ער וועט זיך מוזן דערמאָנען.

רב לייזער מוז ליגן אויף דער פּלייצע און צוגעשמידט צום בעט. זיין רעכטער פוס פון די שפּיץ־פינגער ביז איבערן בויך איז איינגעמויערט. ליגט איצט רב לייזער אין זיין גן־עדן און קוקט מיט פאַרגלייזטע אויגן אויפן סופיט.

רב לייזער איז איצט שוין אַ ייד אין די זיבעציקער, זינט יאָרן, אַז ער איז אַן אַלמן און וואוינט ביים זון, אַן אָרעמער בעקער־געזעלן. כאָטש ער געהאַט ווייניק גוטע יאָרן אין זיין לאַנג לעבן, האָט ער נאָך אויסגעזען יינגער ווי זיינע יאָרן. ער איז געווען

א קליינער, זשוואווער און גוטמוטיקער. ער האָט ניט ארויסגעוויזן די עלטער און ניט די אָרעמקייט. „יאָרן״, — האָט ער געזאָגט — „זיינען ניט קיין יחוס, ניטאָ מיט וואָס זיך צו גרויסן״.

רב לייזער איז געווען אַ הייסער און איבערגעבענער טאַטע. ער איז געווען גליקלעך וואָס ער האָט געקאָנט ארויסהעלפן זיין זון, און כאָטש דער זון האָט זיך געבעטן ביים טאַטן, ער זאָל שוין אויפהערן לויפן אין מאַרק, ווייל מען וועט שוין אויסקומען אָן זיינע פאַרדינסטן, האָט דער אַלטער ניט געוואָלט הערן.

רב לייזערס קויש איז געווען אָנגעפילט מיט אַלערליי זייפן, פּאָדים, ליכט און שיך־בענדלעך. זיין קויש האָט ער גערופן „מיין גאַלאַנטעריי־געשעפט״. צו באַקוועם ביי זיין זון איז דעם אַלטן ניט געווען. ער האָט ניט געהאַט קיין באַזונדער בעט און געמוזט שלאָפן מיטן זעקס־יאָריגן אייניקל, וואָס האָט פון אים כסדר אראָפּ־געשלעפּט די קאָלדרע, אַז ער האָט געמוזט ליגן אָן אָפּגעדעקטער און צוביסלעך פרירן. ער האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט באַקלאָגט, ניט געוואָלט ווי טאָן די קינדער. „אַז מען וואוינט מיט די קינדער אין ענגשאפט״, — האָט ער געטענהט — „דאַרף מען זיך באַגנוגענען מיט אַלץ און דאנקען דעם אויבערשטן״.

רב לייזער האָט פאַרלוירן עטלעכע קינדער. צוליב דער טאָכטער, וואָס איז יונג אַוועק פון דער וועלט, איז זיין ווייב עטלעכע חדשים נאָך דער טאָכטערס טויט, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. דער מיידלס טויט האָט דעם פאָטער אויך היבש צעבראָכן, אָבער ער האָט זיך געטרייסט מיט זיין צעבראָכן לעבן. „אַבי מען לעבט״.

ווען רב לייזער איז אומגעוואָרפן געוואָרן פון אַ ״קאַר״ און מען האָט אים, האַלב־טויט, האַלב־לעבעדיק, געבראַכט אין שפּיטאָל, האָט מען אים, ווי אַ געפערלעך קראַנקן, אריינגעלייגט אין אַ באַזונדער צימער און אים געגעבן אַ פּריוואַטע „שוועסטער״. ער איז דאָרט געלעגן מיט אַ צעבראָכענעם שאַרבן און אין זיין דעליריום האָט ער די נוירס אָנגענומען פאַר זיין טאָכטער.

נאָך צען טעג האָט זיך דער מצב פון חולה ווייניק־וואָס געביטן. עס האָט פאַסירט און דער וואָלקן ארום אים איז אויף אַ ווילע אָפּגעטראָטן און דעמאָלט האָט ער זיך אויפמערקזאַם ארומגעקוקט. זיינע טרוקענע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט אין אַ שמייכל און האָבן אויך געציטערט ווי ביי אַ קינד, וואָס קלייבט זיך צו וויינען. ער

האָט שטענדיק געוואוסט ווען די נוירס געפינט זיך לעבן אים. זיין אומבאַוועגלעכער גוף האָט זיך מיט עפּעס אָפּגערופן אויף איר אַנוועזנהייט. אָבער דאָס האָט בלויז פּאַסירט זעלטן, געציילטע רגעס. איז ער זיך געלעגן, די אויגן אַנגעשטעלט אויפן סופיט, און ס'איז שווער געווען צו זאָגן וואָס אינעווייניק, אין זיין ניט־זעעוודיקער וועלט קומט פאָר.

דער שפּיטאָל האָט מיט דער צייט אויסגעפונען אַז עס איז ניטאָ וואָס עס זאָל צאָלן פאַרן חולה. דער זון איז אָרעם, די מאַשין וואָס איז אים איבערגעפאָרן, איז ניט געווען קיין פאַרזיכערטע, האָט מען רב לייזערן איבערגעפירט אין אַלגעמיינעם „וואָרד״. מען האָט אויך געשיקט נאָכן זון און אים אָנגעזאָגט, אָדער ער זאָל דעם טאַטן אהיימנעמען, אָדער אים אַוועקפירן אין אַ שטאַטישן שפּיטאָל.

רב לייזערס עלטלעכע און דרייסיק־יאָריקער זון, אַ מידער, האָט געפּרואווט רעדן צו אים, געוואָלט אַרויסרופן ביי אים וועלכע עס איז דערמאָנונג. דער קראַנקער האָט, דאַכט זיך, יאָ געזען דעם זון, אָבער האַלב־דורכזיכטיק, דורכן וואָלקן, וואָס האָט גראַד אין יענע מינוטן, ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, געמאַכט מיט די הענט, געסאָפּעט שווער, און נאָך אַ סך אָנשטרענגונג אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן און באַטראַכט דעם זון און די שרענגעס בעטן מיט די קראַנקע. עס האָט זיך פאַר אים איצט אָנטפּלעקט אַ נייע פּאַנאָראַמע. ער האָט ניט געוואוסט צי ער איז אויפן ריכטיגן פּלאַץ. ער איז צוריקגעפאַלן אויפן קישן, פאַרמאַכט די אויגן, און זיך ווידער געפונען אין זיין גן עדן.

שכנים

אין דעם פינף־שטאָקיקן, פאַרקאָפּטשעטן און האַלב־אָרום־געצופּטן טענעמענט־הויז איז פאַרבליבן בלויז איין יידישע משפחה. די נעגערס, וואָס האָבן ביסלעכווייז פאַרנומען דאָס גאַנצע הויז, האָבן זעלטן ווען אָנגעזען זייערע יידישע שכנים. עס האָבן דאָרט געוואוינט אַן עלטער פּאָר־פאָלק, וואָס האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן ביי די הענט, ווי קינדער. זיי האָבן אויסגעזען ווי פאַרבלאָנדזשעטע אין דעם הויז, וואו זיי האָבן שוין געוואוינט אַ פּאָר צענדליק יאָר. מיטן אַריינציען זיך אַהער פון די נעגערס, איז זיי די שטוב „פאַרפרעמדט געוואָרן".

מיט יאָרן צוריק, ווען די סיגעלס האָבן זיך אַהער אַריינגעקליבן, איז נאָך די ברייטע עוועניו געווען פון די גאָר יחוסדיקע גאַסן, און מען האָט דאָרט אפילו ניט געוואָלט פאַרדינגען אַ דירה צו אַ יידן. די סיגעלס זיינען געווען די ערשטע יידן אין דעם הויז. אָבער ווי דער מנהג איז, האָט די עוועניו מיט דער צייט געביטן איר פּנים. פאַרלאָרן אירע „מיחוסדיקע" איינוואוינער. ערגעץ איז נאָך פאַרבליבן אַן אַלטער בוים. די גאַס אַליין, די הייזער האָבן געשריגן מיט אָרעמקייט. אַמאָל איז די גאַס געווען באַזעצט מיט יידן. ווען עס האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן אַריינקלייבן די נעגער, האָבן די יידן איינציקווייז גענומען פאַרלאָזן. צום ערשטן די מער־פאַרמעגלעכע, שפּעטער די ווייניקער פאַרמעגלעכע, און נאָכדעם יעדער איינער, וואָס האָט נאָר געפונען אַן אַנדער וואוינונג. געבליבן זיינען נאָר די, וואָס האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. די סיגעלס זיינען פאַרבליבן און זיך געקלעפּט איינער צום צווייטן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, קיין פרעמדער זאָל זיך אַריינרייסן אין זייער רשות.

אפילו אין יענער צייט, ווען דאָ האָבן געוואוינט אַנדערע יידן, האָבן זיך די סיגעלס ווייניק וואָס געמישט מיט די שכנים. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן מיט זייער ביסל אָרעמקייט. מר. סיגעל איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַ העברעאישער לערער. אויף דער עלטער האָט ער געצויגן זיין חיונה פון צוגרייטן ייִנגלעך צו דער בר־מצוה.

קיין קינדער האָבן די סיגעלס ניט געהאַט. אַז דער אַלטער סיגעל איז געשטאָרבן, האָט זיך דער עלנט און די שרעק פאַר די טונקעלע שכנים אַזוי שווער געלייגט אויף דער אלמנה, אַז זי האָט מורא געהאַט פאַר איר אייגענעם שאָטן, זיך געשראָקן אַרויס־גיין פון הויז.

אין פרימאָרגן האָט די נעגערשע שכנה, מערי קראָפאָרד, אָנ־געקלאַפּט ביי דער אלמנה אין דער טיר. ווען די אַלטע האָט, מיט ציטערדיקע קני, אָן לשון פון שרעק, האַלב געעפנט די טיר, האָט זי דערהערט אַ ווייך, ניט דרייסט קול:

איז אייער נאָמען מרס סיגעל? איך בין דאָ אַ נייע, ניט לאַנג צוריק זיך אַהער אַריינגעצויגן... זייט ניט בייז, דאָס האָט דער בריוו־טרעגער אַריינגעלייגט אין מיין בריוו־קעסטל אייער בריוו... האָב פון אָנהויב אָן ניט דערזען אויפן בריוו אייער נאָמען".

„זייט ניט בייז, איך בעט אייך!" — האָט מערי געהאַלטן די אויסגעצויגענע האַנט אין דער האַלב־פאַרמאַכטער טיר. איר וואַרעם קול האָט ביי דער אלמנה אביסל אָפגעטעמפּט די שרעק און זי האָט ברייט געעפנט די טיר. אין דער טונקלקייט פון קאָרידאָר האָט זי קיין פּנים ניט געזען. דאָס ווייסע קאָנווערטל האָט זיך צענויפגעגאָסן מיט דער ווייסקייט פון אַ שרעגגע ציין, געוואָרן איין גאַנצע ווייסקייט. עפּעס אַ העלער שאָטן האָט אַרויפגעטאַנצט אויף דער אַלטערס געלבלעכער האַנט, וואָס האָט זיך געשטרעקט צום קאָנווערטל. נאָך אַ רגע האָט שוין מעריס קול אָפגעקלונגען אין דער אבלדיקער, מרה־שחורהדיקער שטוב. „קומט אריין אַהער, איך בעט אייך", — האָט די אַלטע סיגעל איר געוויזן דעם וועג מיטן קאָנווערטל אין האַנט. — „קומט אריין, זיצט..." — האָט זי געמאַכט טריט פאָראויס.

מערי איז איר נאָכגעגאַנגען. איר גאַנג איז געווען אַ שווערער, זי האָט זיך געשאַרט, געוויגט פון איין זייט אויף דער צווייטער, און זיך אָנגעהאַלטן אָן דער וואַנט פונעם שמאָלן קאָרידאָר. זי האָט געזאָגט: „די פיס מיינע קאָפּריזעווען. אַמאָל זיינען זיי גוט צו מיר, פאָלגן און אַמאָל גאָר פאַרעקשנט, כאָטש גיי ניט, נאָר נעם און שאַר זיך אויף רעדלעך". זי האָט זיך צעלאַכט פון אירע אייגענע ווערטער. מרס. סיגעל, וואָס האָט זינט איר מאַנס טויט, קיין שמייכל ניט געטאָן, איז מיטגעריסן געוואָרן פון מעריס געלעכטער.ביידע

פרויען האָבן איצט געלאַכט. איינע הויך, הילכיק, די צווייטע — אביסל אין זיך. צוויי גאַנץ פרעמדע מענטשן, וועמען אַ קאָנווערטל האָט צופעליק צונויפגעפירט און געוויזן אַז זיי האָבן עפּעס גע־מיינשאַפטלעכס.

מערי האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט אָנגעוויזן אויפן קאָנווערטל, וואָס די סיגעל האָט זיך ניט געאײַלט עפענען, און געזאָגט: „ווען ניט דאָס בריוול, וואָלט איך היינט פון בעט ניט אַראָפּ".

מערי איז געווען אַ הויכע, אַ פעסט־געבויטע. אַ פּנים האָט זי געהאַט אַ דיקס, אַ קיילעכדיגס, און איר הויט איז געווען ווי פון סאַמעט און באַהויכט מיט אַ מין נעפּלדיקער פייכטקייט. אויף איר ברייטער נאָז און אויף אירע דיקע ליפּן, איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ ווייכקייט. אירע אויגן זיינען געווען אָנגעזאַפּט מיט צער און אונטער די אויגן האָט זי געהאַט בלויע ראָמען. מיט איר גאַנצער שווערלייביקייט, האָט זי דאָך פאַרמאָגט עפּעס אַ לייכטקייט, וואָס מען האָט דערפילט ווען מען איז מיט איר געקומען אין באַרירונג.

די קליינע, איינגעשרומפּענע סיגעל, האָט אין די ערשטע מינוטן זיך ניט געפילט שטאַרק זיכער מיט מערין, אָבער באַלד איז די ניט־זיכערקייט פאַרשוואונדן, און מעריס געפינען זיך אין צימער, האָט איר געוואָרעמט, אַז זי האָט אפילו פאַרגעסן אין דער אַנדערש־קייט פוןביידן, און פאַרוואָס די שכנה איז אַהער אַריינגעקומען, זי האָט געהאַלטן דאָס קאָנווערטל אין דער האַנט און איז ניט געווען ביי זיך זיכער צי זי האָט די נעגערשע שכנה גוט אויפגענומען.

מערי האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: "מיין נאָמען איז מערי קראָפאָרד, אָבער רוף מיך בעסער „מערי". דיין נאָמען איז סיגעל, וועל איך דיר רופן „מוטער סיגעל". — „עס איז ניט גוט, מוטער סיגעל. זיי האָבן ווידער פאַרהאַלטן מיין טשעק. זיי מאַטערן מיך ווי מיינע קראַנקע קני; אָט גייען די קני, און אָט — רירן זיי זיך ניט פון אָרט. זיי שיקן מיר דעם טשעק, איך כאַפּ אַפּ דעם אָטעם, צאָל אָפּ די אָנגעזאַמלטע חובות, און פּלוצלונג — אויס!" — זי האָט פאַרגעזעצט: „מען דאַרף גיין און גיין, נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל, דערקלערן פאַרוואָס איך אַרבעט ניט... ווען איך וואָלט געקאָנט אַרבעטן, וואָלט איך דען געוואָלט זייערע טשעקס; וואָלט איך געבעטן אַ פּאָר דאָלאַר פאַר אַ מאַטראַץ? וואָלסט געמעגט זען דעם מאַטראַץ, מוטער סיגעל, געלאַטעט, פאַר־

בונדן מיט שטריק. און דער דאָקטאָר אין שפּיטאָל שרייט נאָך:
„קום ניט צו מיר מיט אַזעלכע שיך, מוזט האָבן גוטע שיך! פרעג
איך ביי אים: דאָקטאָר, וואו זאָל איך נעמען געלט פאַר נייע שיך?
וואָס בין איך, אַ שוסטער?

מערי האָט גערעדט אָבער קיין פאַרביטערטקייט האָט זיך אויף
איר פּנים ניט געזען. זי האָט גערעדט אין אַ הומאָרפולן טאָן, גלייך
זי וואָלט גערעדט וועגן עמיצן אַנדערש, ניט וועגן זיך. די קליינע
סיגעל, וואָס האָט קיינמאָל פאַר קיינעם איר ביטער האַרץ ניט
אויסגעגאָסן, האָט זיך איצט אליין דערזען אין מעריס רייד. זי האָט
באַוואונדערט די פרוי, וואָס רעדט זיך אַזוי גרינג אַראָפּ פון האַרצן.

אַריין צו מרס. סיגעל אין שטוב איז מערי שווערלעך —
אַרויסגעגאַנגען איז זי גרינגער. ווי די שוועריקייטן וואָלטן
איר אַראָפּ פון האַרצן. אויך די סיגעל האָט דערפילט, אַז אָט־די
שווערע, טונקל־הויטיקע שכנטע אירע, האָט עפּעס געבראַכט מיט זיך
אַזוינס, וואָס איז אַ שאָד צו פאַרלירן, און אויב זי פאַרלירט עס, וועט
עס איר נאָכדעם אויספעלן.

„מיר וועלן זיך נאָך זען, מאַמע סיגעל, פאַרגעס ניט אָן מיר״ —
האָט מערי געזאָגט ביים געזעגענען זיך, און די סיגעל האָט דערפילט
איר שטאַרקע און וואַרעמע האַנט. ווען מערי איז אַוועק האָט זי
באַלד אויסגעפעלט אין דער אומעטיקער שטוב. דערפאַר אַז זי האָט
אַ צווייט מאָל אַנגעקלאַפּט אין דער טיר, האָט שוין די אַלטע
געוואוסט, אַז דאָס איז מערי, און ביי איר אַריינקומען האָט זיך די
סיגעל דערפרייט מיט איר.

וואָס אָפטער מערי איז צו איר געקומען, אַלץ קלענער איז
געוואָרן די מחיצה צווישן די צוויי פרויען, און אַלץ שטייפער דער
קנופּ צווישן די שכנות. דורך מערין האָט איצט די סיגעל גאָר
אַנדערש געקוקט אויף אירע נעגער שכנים אין טענעמענט־הויז, אויף
יענע, וואָס האָבן איר ביז איצט געשראָקן און געהאַלטן ווייט.

די סיגעל האָט פאַרלאָרן די שפּירונג, אַז פרעמדע, בייזע
אויגן קוקן איר נאָך. זי האָט זיך דערמאָנט אין די רייד פון איר
פאַרשטאָרבענעם מאַן. זי האָט אַמאָל געפּרואווט מיט אים מאַכן
אַ רייד וועגן זיך אַרויסקלייבן פון דעם הויז, וואָס איז פול מיט
נעגער, און ער האָט איר געזאָגט: „זינדיגסט. דערווייל האָט דאָך
קיינער פון זיי דיר קיין שלעכטס ניט געטאָן!״. ער האָט איר אפילו

געזאָגט: „יידן דאַרפֿן זיך ניט איבערנעמען קעגן די גערעדס". אַן אַנדערש מאָל האָט ער איר דערציילט, אַז משה רבינו אַליין האָט געהאַט אַ טונקעלע ווייב ציפּורה... — אין זיינע ווערטער האָט זי זיך איצט דערמאָנט. ביסלעכווייז איז איר מערי געוואָרן דער בעסטער פריינט.

ביי מערין זיינען געשטאָרבן עטלעכע קינדער. זי איז אָבער פאַרבליבן מאַמע און קינד. זי האָט געהאַט אין זיך די ברייטהאַרציקייט פון אַ מאַמען, גרייט אַרויסצוהעלפן, און די צאַרט־קייט פון אַ קינד. ווען די סיגעל דערקענט אויף מעריס פּנים, אַז די שכנה איז ניט אויפגעלייגט, ווייסט זי, אַז עס איז ניט דווקא צוליב אירע קני אָדער ווייל עס פעלט איר דער טשעק. מערי קען לאַכן דער נויט אין פּנים אַריין, און אויב זי איז אַנגעכמורעט, מוז עפּעס אַנדערש זיין מיט איר.

ביי מערין זיינען פאַרבליבן בלויז עטלעכע קינדער, וואָס האָבן שוין אַליין געהאַט קינדער. וועגן אירע קינדער און אייניקלעך האָט זי ווייניק גערעדט, נאָר פון די קאַרגע ווערטער, וואָס די סיגעל האָט יאָ אויפגעכאַפּט פון מעריס מויל, האָט זי דערשפּירט, אַז מערי ווייטיקט פאַר איר אייגן בלוט. דעם ווייטאָג האָט איר די סיגעל מקנא געווען. זי אַליין האָט קיין קינדער ניט געהאַט, האָט זי, אויסער פאַרן מאַן, פאַר קיינעם ניט געווייטיקט. האָט זי איצט מקנא געווען דער שווערער און טונקעלער מערין מיטן צער אין די אויגן און דער וואַרעמער גרינגקייט אינעם קול.

מערי האָט ליב באַקומען די מעשהלעך וועגן נסים, וואָס מוטער סיגעל האָט איר דערציילט. נסים וואָס האָבן געטראָפן מיט פרומע יידן. די מעשהלעך האָבן געקלונגען פאַר מערין אמתדיק, און אַלץ וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן גלויבן פון דער אַלטער האָט איר אויסגעזען ארומגענומען פון אַ סודותדיקייט. זי האָט געזען ווי די סיגעל טראָגט אַ קליין מגן־דודל אויפן האַלדז, און איז געווען זיכער, אַז דאָס זאַכעלע קען אויסהיטן פון אַלע צרות...

מערי, וואָס האָט פון קינדוויז אָן געהאָרעוועט, איז קיינמאָל אין סקול ניט געגאַנגען, איר איז אויסגעקומען, אַז די קליינע אויס־געדאַרטע פרוי לעבט און איז געזונט אויף אַלע אברים צוליב דעם, וואָס זי טראָגט דאָס זאַכעלע אויפן האַלדז.

מערי האָט געטראַכט, אַז איר אייניקל קריגט יעדן טאָג אַן

אַנדער קראַנקהייט; אַזאַ יונג קינד. עס רייסט דאָס האַרץ צו הערן ווי ער הוסט. די באָבע אַליין פאַרגעסט דעמאָלט אירע ווייטיקן און ליידט מיט מיטן קינד. איז איר איינגעפאַלן: אפשר בעטן דער יידישער שכנה, זי זאָל איר אויסבאָרגן דאָס, וואָס זי טראָגט אויף איר האַלדז? פאַר זיך אַליין וואָלט זי ניט געבעטן, אָבער פאַרן אייניקל יאָ!

עס האָט גענומען לאַנג ביז מערי האָט זיך געווענדט צו דער סיגעל: „גוטע מאַמע סיגעל! וואָס איז דאָס, וואָס דו טראָגסט אויפן האַלדז? איז עס פאַר מזל? היט עס אָפּ פון שלעכטע גייסטער? אונדזערע טראָגן אויך צלמלעך, אָבער עס איז אַ גאַנץ אַנדערע זאַך. אַן אייניקל איז ביי מיר ניט געזונט..."

זי האָט זיך פאַרהאַקט. טרערן האָבן געוואָרגן אירע רייד, און די אַלטע האָט כמעט דערזען פאַר זיך דאָס קראַנקע קינד, דערפילט אין מעריס רייד דעם מאַמעשן ווייטאָג. זי האָט איר אַזוי געוואָלט מיט עפּעס אַרויסהעלפן. ווי אַזוי אָבער?

די סיגעל האָט זיך פאַרטראַכט. מערי האָט געקוקט אויף איר, ווי אין אירע הענט וואָלט געלעגן דער גורל פון איר קראַנק קינד.

„פאַרוואָס ניט פּרוּוון?" — האָט זי געטראַכט — אָבער, צי מעג מען עס גאָר טאָן? איז עס ניט קיין פאַרשוועכונג פון דער הייליקייט? — „ניין, ס'איז ניט קיין פאַרשוועכונג!" — האָט עפּעס אין דער אַלטער אויפגעוואַכט. — „אויב ס'איז הייליק, מוז עס זיין גוט, גוט פאַר יעדן..." — זי האָט אַראָפּגענומען דאָס גאָלדענע מגן דודל פון איר האַלדז, עס אַ קוש געטאָן, און געזאָגט: „נאָדיר! איך גיב עס דיר אַ מתנה. גיב עס דער קליינער. מיין מאַן, עליו השלום, האָט אפילו געזאָגט, אַז אין אַזעלכע זאַכן דאַרף מען ניט גלויבן. איך וויל אָבער דיין אייניקל זאָל געזונט ווערן. איך שיק איר די זאַך מיט מיין וואונטש. איך האָב עס אַזוי לאַנג געטראָגן אויף מיין האַלדז".

מיט ציטערדיקע הענט האָט מערי גענומען דאָס מגן־דודל, עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן צו זיך אַליין און מיט אויגן פול מיט טרערן, געזאָגט: „זאָל דיך גאָט בענטשן!" און איז אַרויס פון שטוב.

סוזאַן פלעשער

כאַטש דער פרימאָרגן איז געווען אַן אינדערוואָכנדיקער, איז די עווענין, וואָס שנײַדט דורך דעם פּאַרק, געווען פּוסט און פּאַרלאָזן. מענטשן זײַנען געגאַנגען צו דער אַרבעט מיט זײַטיקע גאַסן, אָנגעלײַגט וועג כּדי אויסצומײַדן דעם משונהדיקן ווינט, וואָס האָט זיך געטראָגן מיט אַ וואָיען און פײַפן פון אַלע פיר זײַטן און געריסן, וואָס עס האָט זיך געלאָזן. ס'האָט אויסגעזען, אַז אַלע ביימער וועלן מיטגעריסן ווערן אין דעם מעכטיקן געראַנגל צווישן בוים און ווינט.

דער פרימאָרגן, אין סוף פעברואַר, איז געווען אַ גרויער, טרוקן־בײַסיקער און איז געקראָכן אין די ביינער. די מענטשן, וואָס האָבן געאײַלט צו דער אַרבעט, זענען דורכגענומען געוואָרן פון דער קעלט און האָבן אויסגעזען כמורנע, אָנגעברוגזטע, גרייט אַלע ווײַלע אַרויסצולאָזן אַ וואָרט, וואָס זאָל טאָן אַ צופּ, אַ ריס ביז ווייטאָג.

די זון, אַ קאַלטע, אַ ווײַטע, האָט זיך געריסן איבער די שפּיצן פון די הויכע קוימענס, ווי זי וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, — צי זי זאָל זיך יאָ אָדער ניט באַווײַזן. שווערע וואָלקנס האָבן באַלד אײַנגעהילט דעם פרימאָרגן אין אַ מין ניט־טאָג און ניט־נאַכטיקער טונקלקייט.

צום דערבײַיאיקן געסל, וואָס האָט געהייסן „טערעס פּאַרק״, איז געגאַנגען סוזאַן פלעשער. זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך און גע־שטופּט אַ קינדער־וועגעלע, וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט צע־צעבראָכענע קעסטלעך, שפּענער פאַר אַ פײַער, צו דערוואַרעמען איר שטיבל. דאָס געסל איז געווען אײַנגעמויערט צווישן הויכע, פינף־זעקס שטאָקיקע הײַזער און האָט זיך ניט אַרויסגעזען ביז מען איז ניט צוגעקומען גאָר נאָענט. די עטלעכע קליינע אײַנ־געהויקערטע שטיבלעך מיט די צעבראָכענע פּאַרקאַנעס האָבן געגעבן דעם געסל אַן אויסזען פון אַ פאַרלאָזענעם בית עולם.

ניט קוקנדיק אויף דער פריער שעה און דער בײַסיקער קעלט

איז ניט געווען צו מערקן אין סוזאַנס גאַנג קיין געאייל. זי האָט געטראָגן אַ לייכט זומערדיק קלײדל מיט אַ סך קרייזלעך. אויפן קלײדל האָט זי געטראָגן אַ קורץ מאַנטעלע, וואָס האָט דערגרייכט ביז דער טאַליע און אויף די פּיס סאַנדאַלן, וואָס האָבן שוין לאַנג אָפּגעדינט זייער צייט און זײנען ניט געווען לויט דער מאָדע. אויף סוזאַנס קאָפּ — אַ העל זײדן טיכל, חנעוודיק אויסגעבונדן מיט אַ קנופּ, וואָס איז געלעגן אויפן סאַמע מיטן שטערן, ווי אַ בלום. זי איז געגאַנגען גלייך. איר טראָט — אַ דראַבנער און זיכערער. די באַוועגונגען פון אירע גלידער — ריטמישע. זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אביסל אויפגעהויבן, ווי זי וואָלט וועלן מאַכן זיכער, אַז איר בליק וועט ריכטיק אויפגעכאַפּט ווערן פון אַ פאָטאָגראַפיסט. עס איז געווען עפּעס פון פּאָזע אין איר גאַנצן האַלטן זיך. זי האָט געשטופּט דאָס צעבראָכענע, סקריפּנדיקע וועגעלע מיט חשיבות, עלעהיי זי פירט אַן אויסגעפּוצט הינטל אויף אַ שפּאַציר.

אין סוזאַנס גאַנג, אין איר קלײדונג, איז געווען אַרויסרופנדיקס. דאָס וועגעלע איז ניט געווען גרינג אין גאַנג. די רעדלעך, שלאַבעריק, לויז אויף די אַקסן, האָבן געדאַרפט סוזאַנס הילף און זי האָט ברייטהאַרציק צוגעהאָלפן די רעדלעך מיט אירע קני. געטאָן האָט זי עס אַזוי געשיקט, אַז דאָס אַלט וועגעלע האָט איר געפאָלגט. עס האָט בלויז פון צייט צו צייט אונטערגעקרעכצט פון אַלטקייט. דאָס האָט צוגעצויגן מער אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרבייגייער ווי סוזאַן האָט געוואָלט.

שווער געווען צו טרעפן ווי אַלט סוזאַן איז. אירע האָר, גאַנץ העלע, אַ געמיש פון קינדערש ווייס־בלוי און ווייס־גרוי. די אויגן גרינלעך־בלוי מיט אַ טונקלען אָפּשיין, און דאָס מויל — די פולע ליפּן — גרייט צום וואָרט און שמייכל. כאָטש די טיפע גריבלעך אונטער די אויגן האָבן יאָ געקענט דערציילן פון שווערע איבערלעבונגען, איז אָבער אין איר גאַנג, אין איר קול, געווען אַ גרינגקייט, וואָס האָט איר מער געפּאַסט, ווי די מיושבדיקייט, וואָס האָט אויסגעזען ווי מער אַנשטעל ווי נאַטירלעכקייט.

צוגעקומען נעענטער צום געסל, גרייט זיך אַריינדרייען, איז איר פּלוצלינג אַנטקעגנגעקומען אַ מיטל־יאָריקער מאַן, עלעגאַנט געקלײדט. דער מאַן האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן ווי ער וואָלט דערקענען געוויסע זאַכן פון אַמאָל. ער האָט זי דערזען

פון וויטן און ביי זיך באַשלאָסן גיין ווייטער, אָבער ווי נאָר סוזאַן האָט אים דערזען האָט זי אָפּגעשטעלט דאָס וועגעלע, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריגן: „אויב דאָס איז ניט מיין אַלטער גוטער טאָמאַס!... אָ, טאָם! בחור טייערער, פונוואַנען האָסטו זיך גענומען? אין אַזאַ פרימאָרגן?... אוי, איך גלויב ניט מיינע אויגן... ווער האָט זיך עס געריכט דיך נאָך אַמאָל צו טרעפן?"

— זי האָט אַרויפגעלייגטביידע הענט אויף זיינע ברייטע, גלייכע באַרקעס און געקוקט אין זיינע אויגן מיט דער פרייד פון דערמאָנונג, געהאַלטן אין איין איבערחזרן: טאָמאַס, טאָמאַס הייזלער!

די ערשטע פּאָר רגעס איז דער מאַן געשטאַנען אַביסל געפּלעפט, ווי ער וואָלט ניט וויסן ווער ס'איז אים פּלוצלונג באַפאַלן מיט אַזאַ ליבשאַפט. באַלד האָט אָבער איר קול עפּעס אַרויסגערופן אין זיין זכרון. זיינע רואיקע, גרויסע אויגן, זיין פולער פרישער פּנים האָבן זיך אין איר איינגעגעסן און עטלעכע רגעס איז אין זיי געווען שרעק געמישט מיט וואונדער. ענדלעך האָט ער שטיל, ווי צו זיך אַליין געווענדט, געזאָגט: „דאָס ביסטו טאַקע סוזאַן פלעשער? יענע סוזאַן?"

זי האָט אים איבערגעשלאָגן: — „שאַ־שאַ! — אָ, יענע"... און זי האָט זיך הייזעריקלעך פאַנאַנדערגעלאַכט.

„אָ, טאָם, טאָם" — האָט זי אים געגעבן אַ האַנט און אים אָנגעוויזן אויף אַ גרויסן עטאַזשנעם מויער אין גאַס און געזאָגט:

„אָט־דאָ, טאָם, אויף דעם אָרט פון דער הויז איז געשטאַנען דיין טאַטנס שיינע שטוב מיטן פיינעם גאָרטן".

דער ווינט האָט שטאַרקער געבלאָזן, און סוזאַן, אַביסל בלוילעך פון דער קעלט, האָט גענומען דאָס וועגעלע און געזאָגט צום מאַן:

„אונדזער שטיבל דאָרטן האַלט ביים זינקען, אָבער עס שטייט! כ'האָב מורא מיין האָלץ־אוצר זאָל מיר ניט פאַרפרוירן ווערן... מען דאַרף גיין, ווילסט מיך אפשר באַגלייטן, טאָם?"

סוזאַן האָט ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער און איז אַוועק. אַביסל צעטומלט איז איר טאָם נאָכגעגאַנגען. ווען זי האָט אויפגעהערט ריידן האָט ער אַ פאַרטראַכטער געזאָגט: „יאָ־יאָ! מאָדנע, איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל דאָ קיינעם ניט טרעפן, יעדנפאַלס

ניט עמיצן, וואָס וועט מיך דערמאָנען אין יענער צייט... אַזויפיל יאָרן אַוועק״...

ער האָט זי גוט באַטראַכט און געזאָגט: „ניט דאָס אייגענע און יאָ דאָס אייגענע. דאָס לעבן איז טאַקע מאָדנע !״

כאָטש ביידע האָבן דאָ, אויף דער ערד אויף וועלכער זיי האָבן איצט געטראָטן, פאַרבראַכט זייערע קינדערשע יאָרן, איז טאָמען דער וועג געווען אַביסל פרעמד. אַלץ האָט זיך אַזוי געביטן, געטויִשט מיט אַזאַ גרונטיקייט, אַז עס איז שווער געווען פאַר אים זיך אַריענטירן און אָנקניפּן דאָס, וואָס ער האָט איצט געזען, מיט דעם וואָס ער האָט געדענקט.

ער איז געווען אַן איין־און־איינציקער ביי זיין טאַטן. זיין פאָטער האָט פאַרמאָגט אַ ברויעריי, די גרעסטע אין שטאָט, און זי האָט זיך טאַקע געפונען דאָ ניט ווייט. ער געדענקט ווי זיין טאַטע האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז דאָס גאַנצע לאַנד אַרום געהער צו אים. דערביי פלעגט זיין פאָטער אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט און אָנווייזן דעם יורש ווי גרויס זיין פאַרמעגן איז. די ברויעריי אַליין האָט פאַרנומען אַ גאַנצע גאַס... ער און סוזאַן האָבן זיך געשפּילט צוזאַמען אין זאַמד. אים, טאָמאַסן, האָט דער טאַטע געשיקט אין אַ פּריוואַטער שולע. סוזאַן איז געגאַנגען אין אַ שטאָטישער שול. די שטאָט־שול איז געווען ווייט און טאָמאַס פלעגט זי מיטנעמען אין זיין שיין וועגעלע, געטריבן פון אַ צוגעלאָזטן פערדל, מיט וועלכן די קינדער האָבן זיך געשפּילט ווי מיט זייערס אַ גלייכן. געענדיקט די עלעמענטאַר שול האָט דאָס לעבן ביידן צעטיילט. דער רייכער טאַטע האָט טאָמאַסן געשיקט שטודירן אין אַן אַנדער שטאָט און סוזאַן האָט זיך געלאָזט זוכן אירע קינדערשע חלומות. איר חלום איז געווען די בינע. זינט זי איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר און זיך אויסגעצייכנט אין אַ קינדער־פאָרשטעלונג, האָט זי קיין שענערן חלום ווי שפּילן טעאַטער ניט געהאַט.

מיט אירע בלאָנדע לאָקן, מיט די טונקל־בלויע אויגן און שמייכל, וואָס האָט געכשופט יונגע לייט, איז איר ניט אָנגעקומען צו־שווער אַריינצוטרעטן אין טעמפּל פון איר טרוים. אַ סך יאָרן האָט סוזאַן געצויבערט די טעאַטער־באַזוכער מיט איר שיין פּנים. זי האָט געשפּילט לייכטע זאַכן מיט קלינגענדיקע נעמען. וואָלט סוזאַן זיכער געווען אַ גרויסער דערפאָלג. אירע בילדער אויף

די פלאַקאַטן האָבן אַראָפּגעשריגן און אַראָפּגעשמייכלט אין שטאָט און אין די ארומיקע שטעט, זי אליין איז געווען ווי אין אַ זיסן טראַנס. צוליב די קאָמפּלימענטן און אַלץ וואָס קומט מיט דעם...

אויך טאמס נאָמען האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. ער איז געווען דעם טאַטנס זון, און דער טאַטע איז געוואָרן פּאָפּולער צוליב זיין פאַרשלינגען שטיקער לאַנד אין יענער געגנט, וואו ער האָט געעפנט די ברויעריי. ער האָט אויך געעפנט קאָנסטרוקציע־קאָנטאָרן. די אַנאָנסן פון דער „טאָמאָס הייזלער קאָנסטראַקשאָן" זיינען אויף פיל פלעצער אויסגעקלעפּט געוואָרן לעבן די שרייענ־דיקע פלאַקאַטן מיט סוזאַנס בילד. דער יונגער טאָמאס אליין (זיין טאַטע האָט אויך געהייסן טאָמאס) איז דעמאָלט געווען ווייט. אים זיינען ווייניק אָנגעגאַנגען דעם טאַטנס געשעפטן. געלט האָט ער געהאַט גענוג, אָבער ער איז ניט געווען פּראַקטיש געניִיגט און ער האָט ביים טאַטנס לעבן גענוג געלט פאַרשווענדט.

שוין יאָרן ווי דער אַלטער טאָמאָס הייזלער איז געשטאָרבן און שוין לאַנג ווי דער נאָמען סוזאַן פלעשער איז פאַרגעסן. אַן שום האַרעוואַניע איז דער יונגער טאָמאס געוואָרן דער יורש פון טאַטנס מיליאָנען. ניט האָבנדיק קיין אַמביציע צו פירן דעם טאַטנס געשעפטן האָט דער יונגער טאָמאָס איבערגעגעבן אַלץ אין די הענט פון פאַרוואַלטער, באַנקירן און מען האָט שוין פאַר אים געטאָן... ער האָט געוואוסט, אַז די „באַנקירן" טויגן זיך מער אויס אין די „ביזנעס" און האָט אַלץ איבערגעלאָזט צו זיינע „אונטער־טאַנען"...

ווען עס האָט זיך אָבער געהאַנדלט וועגן ארונטערוואָרפן די אַלטע הייזער פון דער געגנט, צוליבן אויסברייטערן אַ געוויסן בוי־פּראָיעקט, האָט דעמאָלט טאָם אליין געמוזט אָנקוקן די געגנט און געבן זיין הסכמה. ער האָט זיך געפרואווט אַרויסדרייען פון אַט־דער פונקציע, אָבער ענדלעך האָט ער געמוזט זאָגן דאָס לעצטע וואָרט.

אין אַט־דעם שטורעמדיקן פרימאָרגן האָט זיך טאָמאס געלאָזט אויף דער מיסיע. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיין לוקסוס־אויטאָ־מאָביל און געהייסן דעם שאָפער פאָרן אין די בראָנקס. פון אָנהויב האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט בלייבן זיצן אין דער מאַשין. ער וועט בלויז פאַרבייפאָרן, אָנצייכענען וואָס ער דאַרף און גענוג.

אבער ווען ער איז אַריינגעפאָרן אין פּאַרק און דערזען דאָס טייכל, וואו ער מיט זיינע שול־חברים פלעגן אַמאָל כאַפּן גאָלדענע פיש, און דעם שטיין וואָס האָט פונדערווייטן אויסגעזען ווי אַ גרויסער עלפאַנט, האָט אין זיין זכרון אויפגעהעלט אַ יינגלשע נייגעריקייט, און ס'האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון מאַשין; ער האָט זיך געלאָזן שפּאַצירן איבערן פּאַרק. אַלץ איז שוין איצט געווען אַזוי אַנדערש, אַז ער האָט באַלד פאַרגעסן אין די קינדערשע סענטימענטן און בענקענישן. ער האָט ניט דערוואַרט, ער זאָל דאָ אַנטרעפן עמיצן, וואָס וועט אים דערמאָנען אין זיינע קינדער־יאָרן. אַזויפיל יאָרן זיינען דאָך שוין זינט דאַן אַפּגעפלאָסן!

טאָמאָס האָט גענישטערט אין זכרון, געזוכט זיך דערמאָנען אין אַמאָליקע פריינט און באַשלאָסן, אַז עס איז אומזיסט דאָס זוכעניש נאָך קאַרגע פערציק יאָר... אויף זיינע רייזעס האָט ער דאָך אָנגעזען טויזנטער מענטשן, די טויזנטער מוזן אַפּמעקן די געשטאַלטן פון די איינציקע... אָבער טאָקע ביי דעם געדאַנק האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און דערזען די פרוי מיטן וועגעלע האַלץ...

די פרוי מיט איר עקזאָטישן אויסזען, מיט אירע קליידער און דאָס וועגעלע האָבן אויסגעזען אַביסל מאָדנע און פאַרדעכטיג. ער האָט זי געוואָלט פאַרבייגיין. אָבער די פרוי איז געבליבן שטיין, האָט אַנגעשטעלט אויף אים אירע גרויסע פריידיגע אויגן און אויסגערופן מיט אַזויפיל באַגייסטערונג זיין נאָמען, אַז ער איז גלייך געוואָרן אַביסל צעטומלט און דערשראָקן. ערשט נאָכדעם ווי זי האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט זיין נאָמען — טאָם—טאָמאָס — טאָם האָט ער זיך דערמאָנט צו וועמען דאָס קול געהערט.

„סוזאַן — יאָ, אַ סך איז נאָך פאַרבליבן אין אָט־דעם קול. דאָס דאָזיקע קול האָט ער אַמאָל ליב געהאָט צו הערן. ניט נאָר ער, וועד ס'האָט דאָס קול געהערט האָט עס ליב באַקומען... זיין טאַטע האָט אים געשיקט שטודירן אין אַן אַנדער שטאָט כדי אים צו דערווייטערן פון דער מיידל, וואָס איז געווען דער ליבלינג פון אַלע יינגלעך אין דער געגנט. אפילו אהיים אויף וואַקאַציע האָט אים דער פאָטער ניט געלאָזט. ניט געוואָלט זיין זון זאָל זיך פריינטלען מיט אַ טאָכטער פון אַן אָרעמען מוזיקאַנט.

אַז טאָם איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר איז ער אַהיימגעקומען און האָט שוין די פלעשערס ניט געטראָפן. דער טאַטע איז שוין

געווען טויט און סוזאַן האָט געשוועבט אין די ווייסע וואָלקנס...
ערשט איצט האָט טאָם דערזען די ווייטקייט צווישן זייביידן...

צוגעקומען צום שטיבל, וואָס האָט אויסגעזען איינגעהויקערט, אַלט, ווי ס'וואָלט געציטערט פאַר קעלט, האָט סוזאַן זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט, ווי זי וואָלט וועלן אָפּווענדן טאָמס בליק פון איר שטיבל, עס זאָל זיך ניט פילן פאַרשעמט פון פרעמדנס אויגן. זי האָט אים אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף די אַנדערע שטיבלעך און געזאָגט:

— זעסט יענע אַלטינקע דאָרט? מיר זיינען אַלע איין פאַמיליע. מיר האָבן געשלאָסן אַ בונד! מיר שטייען אַלע צונויפגעשמידט קעגן די גרויסע לאַנד־באַזיצער, וואָס ווילן ביי אונדז צונעמען אונדזער לעצט פאַרמעגן. „זיי דאַרפן דאָס לאַנד", זאָגן זיי, און אונדז ווילן זיי אָפּפּטרן מיט גאָרניט... זיי זאָגן אַז דאָס געזעץ איז מיט זיי און זיי קאָנען אונדז פון די הייזער אַרויסטרייבן. נו, מירן זיי וויזן, אַז זיי וועלן אונדז ניט אַרויסוואַרפן!

סוזאַן האָט געקוקט אויף טאָמאַסן, געוואַרט אויף אַן ענטפער. זי איז געווען זיכער אַז ער קאָן אַנדערש ניט זען די זאַך, ווי זי. אָבער זיין בליק האָט אַרויסגערופן אין איר אַ פאַרדאַכט, אַז זי נאַרט זיך. זי האָט דעריבער צוגעגעבן:

„יאָ, דאָס געזעץ קאָן זיי טאַקע העלפן, אָבער מיר וועלן זיי מאַכן שווער דאָס אַראָפּוואַרפן אונדז פון לאַנד. מירן לייגן שטיינער אין וועג... פאַראַן דאָרט, אין די שטיבלעך, עטלעכע קראַנקע, אויך אַזעלכע וואָס האָבן פאַרלוירן קינדער אין דער מלחמה".

ווען סוזאַן האָט איצט געקוקט אויף טאָמען האָט זי שוין אין זיינע אויגן געזען לאַנגווייליקייט און גלייכגילט. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז איר פלאַפּלען גייט אים גאָנץ ווייניק אָן. אַ רויטקייט האָט זיך געגאָסן אויף איר'ע פאַרפרוירענע באַקן. ס'איז איר איצט געווען שווער צו בייטן דעם טאָן, האָט זי קינדעריש אָנגעבלאָזן די פולע ליפּן, ווי זי וואָלט געווען בייז, און זיך אָנגערופן:

„און דו, פרינץ מיינער, האָסט זיך אפילו ניט אָנגעבאָטן אַרויפֿ־ברענגען מיין וועגעלע! אָט־וואָס יאָרן טוען אויף!

זי האָט הילכיק געלאַכט. טאָם העלפנדיג שטופן דאָס וועגעלע האָט געטראַכט: „דו שפּילסט נאָך אַלץ טעאַטער — סוזאַן פלעשערז" אין גרעסערן, האַלב־טונקעלן צימער איז געווען ווייניק מעבל.

אַ הונט מיט אַ סאַמעט־שוואַרצער פעל, האָט ביידן באַגעגנט. דער הונט איז געבליבן שטיין, אַ ווײַלע געקוקט אויפן גאַסט און איז באַלד צוגעלאָפן צו דער באַלעבאָסטע מיט אַ הינטישער פרייד, ווי ער וואָלט זי שוין לאַנג ניט געזען. סוזאַן האָט אים באַרויִקט מיט אַ פּאָר וואַרעמע גלעטן איבערן קאָפּ, און געזאָגט: „זייט באַקאַנט, זײַן נאָמען איז „קאַפּיטאַן", קאַפּיטאַן האָט מיט זײַנע האַלב פאַר־טרערטע און קײַלעכדיקע אויגן באַטראַכט דעם גאַסט און איז אַפּגעטראָטן.

אויף אַן אָפּגעניצטן טונקל־רויטן דיוואַן אין אַ ווינקל איז געזעסן אַ באַלערינע. אירע לאַנגע, דינע פּיס לויז אַראָפּגעהאַנגען. די רויטע טוליענע קלייד האָט פאַרנומען אַ ווינקל פון דעם דיוואַן און די אויגן, כמעט אַן שוואַרצאַפּלען, האָבן פאַרשייט געבליצט ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „יאָ, איך בין שיין?"

סוזאַן האָט צוגעפירט טאָמאַסן צום דיוואַן און געזאָגט: „אָט דאָ האָסטו אַ דאַמע. איך וועל גיין מאַכן וואַרעם. עס וועט ניט נעמען לאַנג. איך האָב אַ פיינעם אויוון". געבליבן אַליין האָט זיך טאָמאַס ארומגעקוקט, זיך געריבן די אויגן און געשמייכלט. אין זיין שמייכל איז געווען צעטומלעניש און פאַרלוירנקייט. ער האָט באַטראַכט דעם האַלב־ליידיקן צימער, די ווענט וואָס האָבן זיך געקרישלט און דעם פלאַסטער וואָס האָט זיך געשפּאָלטן. מיט איין האַנט האָט ער געהאַלטן די שמייכלענדיקע קוקלע און זיך געוואונדערט ווי נאָך איז ער פאַרקראָכן אין דער אָרעמקייט. ער האָט געטראַכט ווי אַזוי סוזאַן האָט זיך אריינגעפּאַסט אין אָט־דער סביבה ווי זי וואָלט גאָר קיינמאָל פון קיין בעסערס ניט געוואוסט.

— איז דאָס אויך אַזאַ מין שפּיל? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט און אַליין געענטפערט — ניין. לויט איר האַלטן זיך איז ניט צו מערקן אין איר קיין שום געפאַלנקייט, וואָס אַזאַ אָרעם לעבן וואָלט געדאַרפט מאַכן אויף איר.

פון אָט דער גאַנצער אומדערוואַרטעטער באַגעגעניש, פון דער איבעררראשונג האָט זיך אין אים געשאַפן אַזאַ פּלאָנטער, אַז עס האָט אים אָנגענומען אַ חשק וואָס גיכער אוועק פון דאַנען. די לופט איז דאָ געווען שווער און קאַלט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט אים ניט געבעטן אויסצוטאָן דעם מאַנטל. אפשר האָט זי געמיינט, ער זאָל באַלד אַוועק? „טאָקע ניט געדאַרפט דאָ בלייבן" — ער

האָט זיך אויפגעשטעלט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאַ — דאָס איינציקע לייטישע שטיק מעבל אין צימער. פון אַ פּענצטער האָבן זיך אַריינגעשנירלט צוויי קרומלעכע זון־פּאַסן, זיך געדרייט אין האַלב קרייז אויף אַ קרישטאָלענער ראַם פון אַ פאָטאָגראַפיע. ס'איז געווען אַ בילד פון אַ שיינער דאַמע אין איר גאַנצן וואוקס. זי האָט געטראָגן אַ טונקל קלייד מיט שפּיצן און שלעפּ, וואָס האָט זיך געפאַלדעוועט ארום אירע פיס. דאָס קלייד האָט געהאַט אַ טיפן דעקאָלט. אַן אומגעווייגלעכער פּרוילעכער צויבער איז געלעגן אין לייכטן פּראָפיל פון דער בליענדיק־יונגער פרוי, אין אירע האַלדז־ליניעס און אין איר שמייכל. אין אירע הענט האָט זי געהאַלטן אַ פעכער פון שטרויס־פעדערן, ווי זי וואָלט זיך אין אים געשפּיגלט ווי ער וואָלט געווען לעבעדיק און זי וויל אים ברענגען צו די ליפּן.

טאָמאַס איז מעכאַניש אָפּגעטראָטן אויף צוריק און באַלד צוריק־געטראָטן. ער האָט געזשמורעט מיט די אויגן ווי די ליכט־שטראַלן וואָלטן אים געשטערט זיך איינקוקן אין בילד. ער האָט כמעט הויך אַרויסגערעדט: יאָ, דאָס איז זי, סוזאַן! מיט יאָרן צוריק האָב איך דאָס בילד געזען אין אַ ניו־יאָרקער צייטונג. עס איז „סוזאַן פלעשער" אין דער ראָלע פון אָסקאַר ווײַלדס דראַמע „לעידי ווענדעמייערס פען". ער געדענקט, אַז ער האָט דאָס בילד געזען אין פּאַריז. ער דערמאָנט זיך ווי איבערראַשט ער איז דעמאָלט געווען, אַך, ווי זי האָט זיך געענדערט!...

שווער געווען פאַר טאָמאַסן פאַראייניקן דאָס בילד פון דער מיטליעריקער פרוי מיטן געלבלעכן פּנים, קאָלירלאָזע האָר און קינסטלעך־געמאַכטן שמייכל מיטן בילד. פאַרוואָס איז זי ניט געווען אָפנהאַרציק, פאַרוואָס האָט זי אים ניט געזאָגט אַז זי איז אָרעם? זי האָט גאָר געשטופּט דאָס ווענעלע, ווי אַ זאַך מיט וועלכן מען קען זיך באַרימען! ער האָט גענומען דאָס בילד אין די הענט, עס צוגעטראָגן צו דער שיין און געשאָקלט דעם קאָפּ מיט באַדויער: „סאַראַ ענדערונג!" און ווי ער וואָלט געוואָלט צוריק אָוועקשטעלן דאָס בילד האָט ער דערהערט אירע גרינגע, גיכע טריט. ער איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען און געזאָגט: „אַ פיין בילד. האָב עס שוין אַמאָל געזען, ווי לאַנג שוין אַז דו האָסט עס גענומען?"

פאַר סוזאַנען איז די באַגעגעניש מיט טאָמאַסן געווען אַ פריידיקע איבערראַשונג. די לעצטע יאָרן האָט זי דעם גרעסטן

טייל פון איר צייט פאַרבראַכט מיט עלטערע מענטשן, וואָס זיינען אויך געווען אַנדערש פון איר לויט טעמפּעראַמענט, און כאָטש די מענטשן זיינען איר געווען נאָענט און עס האָט זיי פאַראייניקט דער געמיינשאַפטלעכער געראַנגל מיט דער באַנק, וואָס האָט גע־לויערט ווי אַ שאָטן איבער זיי, — זיינען איר אָבער די מענטשן אָפט געווען לאַנגווייליק. איר פאַרגאַנגענהייט איז דאָך געווען אַזוי אַנדערש ווי אַצינד. געווען שעהן, ווען סוזאַן האָט געבענקט נאָך אַ מענטשן מיט וועלכן זי זאָל זיך קאָנען טיילן מיט עפּעס. אין די שעהן האָט איר „קאַפּיטאַן" אויסגעזען אַזוי צעקנייטשט, אַלט. פלעגט טרעפן אַז זי האָט געעפנט איר צויבער־קעסטעלע און זיך דערמאָנט אין דער מאַמעס מעשהלע.

אַ מעשהלע וועגן אַ קעסטלע, וואָס האָט באַוויזן כשוף. דאַרפסט נאָר פאַרמאַכן די אויגן און אַרויסזאָגן עפּעס אַ וואונטש, און דאָס קעסטעלע וועט דערפילן דיין טרוים און באַגער. אַזאַ מין קעסטעלע האָט זיך סוזאַן איינגעשאַפן. ווען ס'איז איר געוואָרן אומעטיק — האָט זי געעפנט דאָס קעסטעלע און אַרויסגערופן אירע פאַרגאַנגענע טעג, זיך אומגעקערט צו יענע זאַטע טעג, און האָט געשוועבט אויף די ווייסע וועגן. נאָכדעם ווי זי האָט צוריק געעפנט די אויגן איז איר שוין דער „איצט" ניט געווען שווער. איר לעבן אויף אַ באַשרענקטער פענסיע האָט זי ניט גענומען טראַגיש.

ווי אַזוי עס איז געקומען צו דער איבעראַנדערשונג אין איר לעבן, וואָלט סוזאַן מסתמא ניט געקאָנט ענטפערן גענוי. אויב מען וואָלט ביי איר געפרעגט. זי געדענקט נאָר, אַז זי האָט זיך אַמאָל אַליין געפרעגט, צי די טעאָטער צושויער, באַזונדערס די יוגנעלייט, אַפּלאָדירן איר קונסט, אָדער איר שיין פנים, און דער ענטפער איז געקומען פון איר אליין — „דיין שיין פנים, סוזאַן!" דעמאָלט איז זי, סוזאַן, געוואָרן אַן אַנדערע, אַזאַ וואָס אָדער שפּילן טעאַטער, אָדער — גאָרניט!

ניט גרינג איז איר אָנגעקומען דאָס קלעטערן אויף דעם טעאָטער שטאַפּל. אויפן וועג האָט זי געמוזט מאַכן קאָמפּראָמיסן, אויפן וועג האָט זי געשפּילט הייסע, לעבלעכע און גלאַט־אַזוי ראָמאַנסן, זיי אָפּגעשפּילט און געלאָזן הינטער זיך. די צייט איז געגאַנגען. איין יאָר האָט באַגלייט דאָס צווייטע. זי האָט געשפּילט גרעסערע און קלענערע ראָלן, אָבער דער פייער, וואָס האָט געצונדן אויגן און

הערצער ביי די וואוילע יונגעלייט אין די „לאָזשעס” איז פאַרבליבן דאָרט, פון וואַנען זי איז שפּעטער אַנטלאָפן.

ווען סוזאַן האָט זיך דערשלאָגן צו שפּילן די ראָלע אין אָסקאַר ווײַלדס דראַמע „לעידי ווענדערמייערס פען” איז זי שוין אַלט געווען נאָענט צו פערציק. חדשים לאַנג האָט זי געאַרבעט אויף זיך, געמייסטערט און געמוסטערט די עמפּינדלעכקייט פון ווײַלדס מוסטער, אָבער זי האָט נאָר אין איין סצענע דערגרייכט פולקאָמענ־קייט. די אַנדערע זײַנען ניט געווען גענוג איבערצייגעוודיק. כדי צו איבערצייגן האָט זי אַליין געדאַרפט זײַן מוטער, זיך פילן ווי אַ מוטער, וואָס האָט אַ שולדיקן געוויסן קעגן איר קינד און וויל עפּעס אויסקויפן. סוזאַן איז קיין מוטער ניט געווען און האָט עס דעריבער קינסטלעריש ניט געקענט איבערלעבן. פון איר גאנצער שווערער ארבעט איז דאָס איינציקע וואָס איז איר פאַרבליבן, דאָס בילד מיטן פעכער אין האַנט. דאָס בילד אויף וועלכן טאָמאָס האָט איצט געקוקט. מיט דעם בילד האָט סוזאַן פאַרענדיקט איר שוישפּילערישע קאַריערע. אַלץ איז דעמאָלט געווען אַזוי פּלוצלונג, דער אַנזאָג אז איר מוטער איז קראַנק געוואָרן האָט איבערגעריסן איר שפּילן.

ווען סוזאַן האָט זיך אומגעקערט אהיים, פון וועלכער זי איז פריער אַוועק אין דער גרויסער וועלט, איז איצט די היים געוואָרן פאַר איר אַ גאָט־געבענטש ווינקל. זי האָט געשפּירט ווי זי וואַרפט אַראָפּ פון זיך קייטן, טאַקע גאָלדענע, שײַנענדיקע קייטן, אָבער דאָך — קייטן.

סוזאַן האָט אויסגעטאָן אירע רײַכע קליידער, אָנגעטאָן אַ שטוב־קליידל און געזאָגט צו זיך: „שפּילסט מער ניט קיין טעאַ־טער!” סוזאַן איז געוואָרן אַ קראַנקן־שוועסטער. זי האָט געהאָלפן דער קראַנקער מאַמען און געפילט, אַז העלפן דער אַלטער מאַמען האָט מער די ווערט ווי אַמוזירן טויזנטער.

עס זײַנען אַוועק עטלעכע יאָר זינט סוזאַן האָט זיך באַהאַפטן מיט דער ווירקלעכקייט. פון דאַן אָן זײַנען שוין אירע דראַמעס, טראַגעדיעס און טראַגי־קאָמעדיעס ניט געווען פון עמיצן־געשריבן, נאָר אליין איבערגעלעבטע. איר מאמע איז געשטאָרבן, אירע אָפּ־געשפּאַרטע געלטער האָבן זיך אויסגעשעפּט. דאָס שטיבל וואָס זי האָט געירשנט איז אַלט, זינקט צו דער ערד ווי אַ זקן. ווי אַלע

שטיבלעך אין דער געגנט, פּאַראַרעמטע און פּאַרלאָזענע און פּאַר־משפּט צום טויט און האַלטן קוים אויף דאָס צאַנקענדיקע לעבן.

די רייכע בוי־פירמעס האָבן געוואוסט אין וואָס פאַר אַ מצב די איינוואוינער פון די שטיבלעך האָבן זיך געפונען, האָבן זיי עקספּלואַטירט די נויט. האָבן אַליין באַשטימט דעם פּרייז פאַר די הייזער, ניט אָנגעפרעגט ביי די וואָס דאַרפן אויסגעוואָרצלט ווערן פון זייער באָדן און זיך אַרויסלאָזן זוכן אַ היים וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן.

סוזאַן איז געווען די ערשטע צו דערזען מיט אַ קלאָרקייט דעם אומרעכט, וואָס די באַנק טוט צו די שכנים. זי האָט געמוטיקט די שכנים און זיי געוועקט זיך קעגנצושטעלן די מאַגנאַטן, וואָס ווילן זיי פאַרטרייבן פון זייערע היימען. מיט איר אָפּטימיזם איז סוזאַן געוואָרן דער לייכט־טורעם אינעם „פּאַרק טערעס". אַ שוץ אויף זיך אָנצושפּאַרן און געפינען אויפמונטערונג אין צייטן פון יאוש און אומעט. זי האָט דערוואַרעמט די געמיטער פון די שכנים מיט איר שפּילן אויף דער פּיאַנאָ. דאָס שפּילן האָט דערפרייט און אויפגעוועקט נייע כחות אין איר אַליין.

באַלד ווי סוזאַן האָט דערזען טאָמאַסן איז אין איר אויפגעגאַנגען אַ מאָדנע פרייד. עס איז געווען די אַמאָליקע פרייד, ווען זי האָט זיך געשפּילט מיט טאַמען אין לויפּעניש און כאַפּעניש... איז ער דאָך געווען אַמאָל אזאַ שיינער! אָבער אַז עס זיינען אַוועק די ערשטע מינוטן פון פרייד און שטוינונג און טאָמאַס האָט געשוויגן, האָט זיך אין איר עפּעס אָפּגעשטעלט. זי האָט דערזען אין זיינע אויגן אַ מאָדנעם גליווער. עס איז איר גלייך איינגעפאַלן, אַז אפשר האָט זי געמאַכט אַ טעות, אפשר איז עס גאָר אַן אַנדערער, וואָס איז ענלעך אויף יענעם טאָמאַסן? אָבער זיין אַרויסזאָגן מיט ערנסט די ווערטער: „ביסטו טאַקע סוזאַן..." און די געציילטע ווערטער, וואָס ער האָט קאַלט געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך געהיט, ער זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט אַן איבעריק וואָרט, — האָט זי גלייך דערפילט אַ פרעמדקייט. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אפילו איר נאָמען זאָגט ער אַרויס מיט אַ געוויסער רעזערוואַציע, ווי מען זאָגט אַ נאָמען, וואָס מען איז ניט זיכער מיט אים... האָט זי דערפילט אַ פרעמדקייט.

סוזאַן האָט פאַר זיך איצט געזען אַ מאַן אַ גיגאַנט, שלאַנק און ברייט־ברוסטיק. דאָס פּנים — לענגלעך. די אויגן — טונקל־ברוין.

די האָר, די זעלבע וואָס אין דער יוגנט, שיינענדיק שוואַרץ. זי האָט געטראַכט, אַז די יאָרן האָבן, ווייזט אויס, זיך ניט געלייגט צו־שווער אויף אים.

ווען זי איז צוריקגעקומען אין צימער אין דער באַגלייטונג פונעם הונט, האָט זי ניט געוואוסט ווי אַזוי אָנצוהייבן אַ נייעם געשפּרעך מיט טאָמאַס. זי האָט זיך גענומען מאַכן אַ פייער. אין איר האַנדלונג איז געווען אַ מין פּאַרדרוס, ווי זי וואָלט געפונען אַ זאַך און עס צוריק פאַרלאָרן אָדער זי וואָלט זיך פאַרמאָסטן קעגן איינעם און איז באַזיגט געוואָרן. זי האָט שוין געטראַכט, צי זי האָט זיך בכלל געדאַרפט לאָזן דערקענען צו אים. ווער ווייסט אין וואָס פאַר אַ וועלט ער לעבט איצט? זיין טאַטע דער מיליאָנער האָט דאָך אים אוודאי איבערגעלאָזן אַ מיליאָניקע ירושה. עס איז מעגלעך, אַז ער איז איינער פון די לאַנד־באַזיצער, וואָס קלייבן זיך אַרונטערוואַרפן די אַלטע הייזער? און באַלד איז אָנגעפלויגן אַ נייע מחשבה, — „אויב יאָ אַ מיליאָנער, זאָל ער טאַקע וויסן ווי ליב זי האָט זיי, די מיליאָנערן!“

סוזאַן איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל. איר אייגן פּנים אין שפּיגל איז איר ניט געפעלן. עס האָט אויסגעזען ווי עס טראָגט אויף זיך אַ פּאַנצער. — „אפשר אים אָפּשפּילן אַביסל טעאַטער? וועט ער פאַרשטיין?“ זי האָט דורכגעפירט די הענט איבער די געלבלעכע באַקן, אָפּגעפרישט די ליפּן, אויסגעגלייכט דאָס געבלימלטע טיכל, וואָס האָט צוגעגעבן קלאָרער צו די אויגן און געשמייכלט: „ס'האַלט נאָך ניט אַזוי שלעכט מיט מיר“...

סוזאַן האָט גענומען אַ סיגאַרעטל אין מויל, אָנגעהויבן אויספּייפן אַ פּאָפּולער פריילעך לידל און מיט דער קוועקזילבערדיקייט פון אַ יונג מיידל איז זי צוגעגאַנגען צו טאָמאַסן, וואָס האָט געהאַלטן איר בילד אין זיין האַנט. טאָם, ווי ער וואָלט זיך פאַרשעמט, האָט אוועקגעשטעלט צוריק דאָס בילד. סוזאַן האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר קאַלטע אויגן, האָט ליידנשאַפטלעך געזויגן דאָס ציגאַרעטל, געבלאָזן דעם רויך פון די שמייכלענדיקע ליפּן און געזאָגט: „איך האָב דיין בילד קיינמאָל ניט געזען. ביסט די אַלע יאָרן אויסגעמעקט געוואָרן פון מיין געדאַנק. דעריבער האָב איך, ביים דערזען דיך, אויסגעדריקט אַזויפיל איבעראַשנדיקע פרייד“.

ביידע אויגן האָבן זיך איצט באַגעגנט. זיינע — קאַלטע,

פאַרשנדיקע, אירע — צופרידן־שמייכלענדיקע. זי האָט זיך באַלד צעלאַכט, ווי דער פאַרביילויפנדיקער עפּיזאָד וואָלט איר פאַרשאַפט שפּאַס, זי האָט געזאָגט: „געווען אַמאָל אַ גרויסער רוסישער שרייבער, גאָרקי, האָט ער געזאָגט אַ קלוג וואָרט: „אין די קאַרטן פון דער פאַרגאַנגענהייט קאָן מען ניט פאָרן!" זי האָט צוגעגעבן: „איך וויל אפילו אין זיי ניט פאָרן!" טאָמאַס האָט אפילו ניט געהאַט קיין צייט צו ענטפערן. זי האָט שוין געמאַכט טריט צו דער טיר. באַלד האָט זי צוגעגעבן: „איך בין טאָקע פון אַנהויב אָן ניט געווען זיכער צי דאָס ביסטו, דער טאָמאַס פון אַמאָל, אָבער גראָד די ניט־זיכערקייט אין דיין בליק האָט מיך איבערצייגט, אַז דאָס ביסטו. איז עס ניט וואונדערלעך? און דו, ווען דו דערקענסט מיך, וואָלסטו זיך אָפּגעשטעלט, אָדער מיך פאַרבייגעגאַנגען?"

אַנשטאָט אָן ענטפער האָט טאָמאַס געקוקט אויף איר שוויגנדיק. פאַרשנדיק. ביידע האָבן שוין איצט, שוויגנדיק, געשפּאַנט צו דער טיר. עס איז אונטערגעקומען „קאַפּיטאַן". סוזאַן האָט זיך איבערגעבויגן איבערן הונט, אריינגענומען זיין פּנים אין אירע הענט און מיט ליבשאַפט געקוקט אין דעם הונטס אויגן. טאָמאַס האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער פּיאַנאָ, ניט געקענט פאַרגעסן די די שייכות פון די צוויי, יענע דאָרט אויפן בילד און די, אַט־דאָ, מיטן הונט. די זעלבע רירעוודיקייט איןביידן.

„אַ פיינער הונט" — האָט ער ענדלעך אַרויסגעזאָגט, — „זייער אַ טרייער פריינט, ער לאָזט מיך ניט אָפּ", — האָט סוזאַן צוגעגעבן.

שוין ביי דער טיר האָט טאָמאַס, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, געזאָגט: „וועגן דיין איינגעשפּאַרטקייט, דיין גיין קעגן שטראָם, ווילט זיך מיר זאָגן, סוזאַן, אַז דו וועסט דעם ווינט ניט צוימען. דאָס געזעץ איז אויף זייער זייט. אפשר קאָן איך דיר העלפן קריגן אַן אַנדער וואוינונג? און וואָס שייך פאַרגיטיקונג, וועסטו אויך אליין דערגרייכן מער".

סוזאַן איז צוריקגעטראָטן פון דער טיר. איר פּנים האָט זיך באַצויגן מיט אַ רויטקייט און פון די אויגן האָט זיך געריסן צע־רייצטער כעס. טאָמאַס האָט געטראַכט, אַז זי פאַרשטייט שוין, אַז ער געהערט צו זיי, צו די וואָס ווילן אָפּרוימען די הייזער... פון איר מויל האָבן זיך געשאָטן רייד ווי פייערדיקע קוילן. זי האָט גערעדט אין איין אָטעם: „וואָס געזעץ, וועד געזעץ? און

יושר, רעכט? וואָס פאַר אַ באַגריף פון גערעכטיקייט האָסטו?״ זי האָט אַ רגע געשוויגן און נאָכדעם געזאָגט מיט אַ שאַרף קול: „ווען דו ווייסט ווי איך האָס זיי!... איך וואָלט זיי מיט מיין שנאה גערן פאַרסמט!״

שטיל, קוים הערנדיק זיין אייגן קול האָט טאָמאָס געזאָגט: „נעם זיך ניט אַזוי צום הארצן, סוזאַן, בארואיג זיך... איך מוז שוין גיין!״ ער האָט לייכט געדריקט איר האַנט און איז אַרונטער פון די טרעפּ.

סוזאַן האָט אים נאָכגעקוקט, „קאַפּיטאַן״ האָט נאָכגעהאַוקעט מיט אַן איינגעהאַלטן קול: „האו, האו״. אירע קאַלט־געוואָרענע הענט האָט סוזאַן געוואַרעמט אין הונטס פעל...

מוניע דער שוסטער און ברוך שפינאָזא

מוניע דער שוסטער איז נאָך אַ יונגער מענטש, אַן ערך עטלעכע און דרייסיק. אַ קליינער, אַ קיילעכדיקער. אַלץ איז ביי אים געווען קיילעכדיק. דאָס פּנים, דער קאָפּ, די בלויע קליינע אויגן, זיין געדיכט און קורץ־געשוירן בערדל, אַפילו די שוואַרצע האָר, וואָס האָבן אַריינגעשלאָגן אין אַ בלויקייט, זיינען אויך געווען קיילעכדיק פאַרשאָרן אַרום דעם האַלדז און דעם גלאַטן שטערן.

מוניע איז געווען אַ פּשוטער, גוטמוטיקער מענטש, און כאָטש עס איז אים שווערלעך געווען מפרנס צו זיין זיין גרויס הויזגעזינד, האָט ער זיך פונדעסטוועגן פאַר קיינעם ניט באַקלאָגט.

אַ גוטער און שנעלער באַלעמעלאָכע האָט ער גאָרניט אויס־בראַקירט. זיינען געווען נייע שיך, איז גוט! טאָמער ניט, זיינען אַלטע שיך צום פאַרריכטן אויך ניט קיין בראָק. זיך באַקלאָגן האָט ער פיינט געהאַט.

די שוסטעריי האָט מוניע ליב געהאַט. ער האָט פון קיין בעסערס ניט געוואוסט. „איך בין געבוירן געוואָרן אַ שוסטער“, — פלעגט ער שפּאַסן.

זיין ווייב, דבורה, איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אים, אַ געזונטע, שטילע און שטענדיג פאַרהאָרעוועטער פרוי, האָט דבורה געלעבט בשלום מיט גאָט און לייט. זי האָט נאָר געהאַט איין טענה צו גאָט: איר האָט זיך געוואָלט האָבן מיידלעך און זי האָט אַלע פאָר יאָר געהאַט אַ יינגל — פינף יינגלעך! זי האָט געהאַט איין מיידל, איז עס אויך געווען אַ האַלב יינגל. דאָס מיידל האָט ניט גע־וואָלט טראָגן קיין קליידלעך און עס האָט זיך איר פאַרגלוסט אָנטאָן אַן „אַרבע כנפות“, אַ טלית קטן. די פינף זין זיינען אַלע געווען גרויס און געזונט, געראָטן אין דער מאַמען.

געוואוינט האָט מוניע דער שוסטער אין אַ הילצערן הינטער־שטיבל אויף אַ גרויסן הויף. די דירה איז באַשטאַנען פון איין גרויסן חדר אָפּגעטיילט אויף צוויי מיט דער וואַנט פונעם אויוון.

קיין פיר־הויז האָט דאָס שטיבל ניט געהאַט. ווען מ׳האָט געעפנט די טיר איז מען גלייך אריין אין אַ גרויסער קיך מיט איין פענצטער, וועלכער האָט אַרויסגעקוקט אין הויף. ביים פענצטער איז געווען מוניעס וואַרשטאַט. אין דער צווייטער האַלבער שטוב איז געשלאָפן דאָס גאַנצע הויזגעזינד.

די קלאַפעריי פונעם שוסטערס העמערל האָט מען געהערט איבערן הויף פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט. קיינער האָט ניט געוואוסט ווען מוניע שלאָפט. ער איז געלאָפן צום דאַוונען פאַרן זון־אויפגאַנג, צום ערשטן מנין. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט שוין דבורה געקאָכט וואַרעמעס. פלעגט ער אויסזופן און זיך אַוועקזעצן אַרבעטן. פאַר יום טוב האָט מוניע געאַרבעט גאַנצע נעכט. אָבער פון דער גאַנצער האַרעוואַניע פלעגן זיך מוניעס קינדער ניט צופיל אָנעסן....

ביי דער אַרבעט איז מוניע געווען אויפגעלייגט, סיידן ווען עס האָט געפעלט ברויט אין שטוב. מוניע פלעגט זיך אָפט מוזן צואיילן פאַרטיג מאַכן אַ פּאָר שיך און זיי אָפּטראָגן איידער די קינד׳ער קומען צוריק פון חדר, דעמאָלט האָט ער געאַרבעט שווייגנדיק. דבורה איז דאַן אויך געווען שטיל און אביסל אָנגעכמורעט. ווי נאָר די שיך זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָט די שטילקייט געפּלאַצט. מוניע האָט זיך אויפגעהויבן, אַרונטערגעצויגן דעם שוסטערשן פאַרטוך, אַראָפּגעשלעפּט דעם קאַזיראַק פון היטל, גענומען אַ פּאָר שיך מיט צוויי פינגער, זיי אָפּגעבלאָזן און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

די אַרעמקייט אין שוסטער־הויז איז ניט געווען קיין קרעכצנדיקע און די ענגשאַפט אין דער היים — ניט קיין שרייענדיקע. יעדער איינער, וואָס איז אַהער אַריינגעקומען, האָט זיך דערפילט היימיש, אַז ער האָט שוין זיך געוואָלט דאָ פאַרהאַלטן לענגער. און אויב אויפן טיש איז דאַן געלעגן א האַלבער ראָזעווער ברויט פון וועלכן דאָס קליינוואַרג האָט געצופּט שטיקער, געלייגט אין די פּיסקלעך, האָט אַרומגענומען אַ חשק און דיך אויך געצויגן אַ קנייפּ טאָן פונעם שמעקעדיגן ברויט. און אַז דבורה האָט געשטעלט אויפן טיש אַ פולע שיסל זודיקע קאַרטאָפל, האָט ביים גאַסט אָנגעהויבן וואַסערן אין מויל, און ער האָט געטראַכט, אַז קיין בעסער מאכל ווי די קאַרטאָפל קאָנען גאָר ניט געמאָלט זיין.

דבורהס קאַרטאָפל זיינען אַלעמאָל געווען אַזוי מעליק, אַז זיי פּלעגן ממש אַרויסזינגען פון דער שיסל.

ביי מוניען אין האַרץ איז געווען עפּעס אַ נאַגעניש וועגן וועלכער ער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט, אַפילו ניט מיט זיין ווייב.. די בית־מדרש יידן, וואָס קאָנען אַריינקוקן אין אַ ספר, האָט מוניע תמיד מקנא געווען. ער איז מער ניט ווי אַ שוסטער, און דערפאַר איז ער אַזוי מקנא די לערנער! — אַזוי האָט מוניע אָפט געטראַכט ער איז פאַרט ניט מער ווי אַ שוסטער! אַזוי האָט מוניע געטראַכט וועגן זיך ביזוואַנען אַ בית־מדרש בחור איז געוואָרן אַן אַריינ־גייער אין זיין הויז.

דער בחור האָט באַרייכערט דאָס לעבן פון דעם שוסטער און זיין ווייב. דאָס איז ניט געווען קיין געוויינלעכע עשירות. מוניע האָט זיך דערוואוסט פון בחורס מויל אַז ער איז ביי גאָט ניט ווייניקער מיוחס ווי די לומדישע יידן פון בית מדרש. פון דעמאָלט אָן האָט מוניע פאַרלוירן זיין נאַגעניש.

ווען מוניע האָט צום ערשטן מאָל מיטגעבראַכט מיט זיך דעם בחור, האָט זיך דבורה געוואונדערט: אַזאַ יונגער! כמעט אַ קינד! אָבער אַז מען האָט זיך געזעצט צום טיש האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז אַזאַ אורח האָבן זיי קיינמאָל ניט געהאַט. דער בחור האָט זיך באַלד צוגעבונדן צו דער משפחה, די יינגלעך האָבן זיך געקלעפּט צו אים. ער איז זיי געוואָרן איינגעבאַקן אין האַרצן און די מוניעס האָבן געפּועלט ביי אים ער זאָל ווערן זייער שטענדיקער אורח אויף שבת.

אַלט איז דער בחור געווען אַרום צוואַנציק. אַ הויכער, אַ שמאָלער, מיט בלייכע באַקן און טונקעלע גרויסע אויגן. אַ קול האָט ער געהאַט אַזאַ אַנגענעמס, אַז עס האָט זיך געוואָלט, ער זאָל רעדן און רעדן. ער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן, עס האָט זיך פון אים קיינמאָל ניט אויסגעשעפּט, ווי פון אַ ברונעם, — האָט די פּשוטע דבורה געטראַכט וועגן אים.

צי די דאָזיקע ערלעכע מענטשן האָבן דערמאָנט דעם בחור אין זיין אייגענער היים? אָדער די לופט אין בית־מדרש איז פאַר אים געוואָרן צו שטיקנדיק, און עס האָט אים געטריבן? — ווי די זאַך זאָל ניט זיין, דער בחור האָט זיך אַריינגעהיימישט ביי די מוניעס און

ער איז געקומען עטלעכע מאָל אַ וואָך, און האָט געבראַכט אַ יום־טוב־דיקייט אין דער ענגער וואַכעדיקער שטוב.

ווי נאָר דבורה האָט דערזען דעם בחור דורכן פענצטער, פלעגט זי זיך באַלד צוכאַפּן צום בענקל, אים אָפּצושטויבן מיט איר פאַרטוך. זי האָט געוואוסט, אַז דער בחור האָט ליב צו זיצן לעבן מוניען, האָט זי צוגערוקט זיין בענקל צום וואַרשטאַט, נאָך איידער ער איז אַריינגעקומען. מוניע האָט אויפגעלויכטן ביים בחורס קומען. דער בחור, ווי ער וואָלט געלייענט דעם שוסטערס באַגערן, האָט מיט פלייס גענומען דערציילן וועגן די אַמאָליקע גרויסע תנאים, וואָס האָבן באַוויזן, אַז נאָר דורך ערלעכער פּראַצע דערגרייכט מען די געטלעכקייט..

ווען דער בחור האָט גערעדט וועגן דער חשיבות פון מלאכה, האָט זיך מוניע דערפילט גאָר געהויבן. ער האָט געטראַכט: „איך בין טאַקע ניט מער ווי אַ שוסטער! אָבער בין אַזאַ חשוב ווי די פון בית מדרש!"

פאַרן גרעסטן און הייליקסטן וואָס די וועלט האָט געהאַט, האָט מוניע באַצייכנט ברוך שפּינאָזאָן. וועגן דעם פילאָסאָף איז ער געווען אַזוי פאַרגאַפּט, אַז ער האָט זיך גאַרניט געקאָנט אָנזעטיגן מיטן בחורס רייד. דער בחור האָט פאַר אים געמוזט איבערחזרן צענדליקער מאָל שפּינאָזאַס באַנעם פון גאָט. ווען דער בחור האָט גערעדט, האָט מוניע אַוועקגעלייגט דאָס העמערל, אים געקוקט אין מויל און געשעפּטשעט.

„גאָט איז ניט נאָר אין הימל. ער איז אומעטום. ער איז אין אונדז, מיט אונדז. ער איז דאָ, ער איז דאָרט. ער איז אין יעדן ווינקל!

„גאָט איז ניט אין אָרון קודש. ער איז אין אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט. דאָס גוטע וואָס אין מענטשן איז די געטלעכקייט!"

און אַז דער בחור האָט געענדיקט דערציילן, ווי שפּינאָזאַ האָט פאַרדינט זיין טעגלעך ברויט מיט זיינע אייגענע הענט, האָט דעמאָלט מוניע געפילט, ווי אויפשטייען פון בענקל, און אים אינגאַנצן אויסקושן. נאָר ער האָט זיך געשעמט. ווען דער בחור איז אַוועק פון שטוב, איז מוניע אויפגעשטאַנען פון בענקל, אַריינגעטאָן די הענט אין די קעשענעס, זיך דורכגעגאַנגען איבער דער קיך און גערעדט צו דבורהן:

„אַ־וואַ, דבורה, איז שפּינאָזאַ אַ גרויסער מענטש!..."

חברטע באַשע

באַשע איז איינע פון די טויזנטער מיידלעך, וואָס אונזער מיליאַניקע שטאָט היפּערט איבער און פאַרזעט. ניט קיין יונגע, ניט קיין שיינע, שטעלט זיך אויף איר קיינעמס אויג ניט אָפּ, מען גייט זי פאַרביי.

באַשע איז אַ ברייטלעכע און נידעריקע. אירע גוטמוטיקע, ברוינע אויגן זעען זיך כמעט ניט אַרויס צוליב די פולע באַקן און רונדן שטערן. איר גאַנג איז אַ שווערער, אַ זייטיקער, ווי זי וואָלט וועלן עמיצן אָפּטרעטן דעם וועג. איר קול — שטיל, ניט דרייסט.

באַשע איז שוין דאָ אין לאַנד אַ פּאָר צענדליק יאָר. כמעט די גאַנצע צייט אַרבעט זי אין איין שאַפּ צוזאַמען מיט עטלעכע הונדערט מענער און פרויען. אָבער זי איז דאָרטן ווי אַן אָפּגערוקטע, אַ ווינקלדיקע. עס איז ניט דערפאַר, ווייל זי האָט פיינט מענטשן — פאַרקערט: באַשען גייט אויס דאָס האַרץ נאָך אַביסל מענטשלעכער פריינטשאַפט, אָבער איר דאַכט זיך, אַז מענטשן האָבן זי ניט גערן. זי האַלט, אַז איר מזל איז שוין אַזאַ צו זיין אַ פאַרגעסענע. זי האָט טענות צו גאָט און פרעגט אים: „פאַרוואָס האָסטו מיך פאַר־משפּט, אַז מענטשן זאָלן מיך פאַרזען?" ...

ווען באַשע איז געקומען קיין אַמעריקע איז זי נאָך קיין אַכצן יאָר ניט אַלט געווען. זי האָט געבראַכט מיט זיך, חוץ איר שווערלעכן קערפּער אויך אַ שווער געמיט, אַ פּנים פול מיט זאָרג. ווען זי איז דאָס ערשטע מאָל אריינגעקומען אין שאַפּ און דערזען די שיין־פאַרפּוצטע מיידלעך ביי דער שרענגע מאַשינען, האָט זי זיך דערפילט וואָכעדיק. זי האָט זיך געפילט האַמעטנע אנטקעגן די גרינגע צאַפּלדיקע מיידלעך און געוואָלט בלייבן אַ פון קיינעם ניט־באַ־מערקטע. זי האָט געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט זי באַוויזן אָפּצוטרייסלען פון זיך די דאגות, אַראָפּצוואַרפן דאָס היימישע אָנ־טועכץ און זיך אויסגלייכן מיט אַלעמען, אַניאַגן.

זי האָט קיינעם ניט אָנגעיאָגט. פאַרוואָס עס איז אַזוי? איז זי צו שנעל? צו לאַנגזאַם? זי האָט אַליין ניט געוואוסט. זי האָט בלויז געשפּירט, אַז חוץ ביי דער מאַשין פאַרנעמט זי אין שאַפּ

קיין אָרט ניט. די פּרויען־אַרבעטערינס באַגריסן זי נאָך אַמאָל, אָבער די מענער־אַרבעטער גייען זי פאַרביי. ווי זי וואָלט געווען עפּעס אַ „זאַך״ און עס לוינט זיך אפילו ניט די מי איר אַ שאָקל צו טאָן מיטן קאָפּ.

ווען עמיצער אין שאָפּ האָט זיך געווענדט צו באַשען, איז זי שטענדיק גרייט געווען צו טאָן וואָס מען האָט פון איר פאַרלאַנגט. ווען אין שאָפּ איז אויסגעבראָכן אַ סטרייק, איז זי געווען די ערשטע זיך אויפצוהייבן און אַוועקגיין. ווען דער שאָפּ איז יוניאָניזירט געוואָרן איז באַשע געווען פון די ערשטע איינצוצאָלן פאַר איר יוניאָן־ביכל, און זי האָט געהיט די אָפּצאָלונגען פון די „דיוס״ מיט אַ פּינקטלעכקייט, ווי איר פרומער טאַטע האָט געהיט דעם אָפּצאָל פון שכר לימוד פאַר אירע ברידער אין חדר.

אָבער אויסער דעם „שאָפּ״ און דער יוניאָן, איז באַשע געווען צוריקגעשטאַנען. זי איז ניט מיטגעגאַנגען און ניט מיטגעשלעפּט געוואָרן. די ערשטע יאָרן האָט זיך טאַקע דער אומעט געלייגט אויף איר שווער און ווייטיקדיק. שעהן לאַנג האָט זי געמאָסטן די גאַסן פון בראָנקס, ווי זי וואָלט געבלאָנדזשעט. לאַנג ווי דער גלות זיינען די ווינטערדיקע אָוונטן, און אַז באַשען פלעגט דערעסן די גאַסן פלעגט זי אַרויפגיין אין איר „אַפּאַרטמענט״, בלייבן צווישן די ווענט פון איר פאַרכמורעט צימערל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין שמאָלן הויף. זי פלעגט אויסלעשן דאָס ליכט, פאַרשאָרן דאָס פאַרהענגל, אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אויף די הענט און קוקן אין די שכנישע פענצטער, קוקן אַזוי לאַנג ביז עס האָט איר אָנגעהויבן שניידן אין די אויגן.

אין איר אָפּגעזונדערטקייט פון מענטשן האָט באַשע אַלעמאָל געהאַט דאָס געפיל, ווי זי וואָלט ביי די מענטשן עפּעס צוגענומען און אַז זי האָט זיי אָנגעטראָפן אויף די טרעפּ, האָט זי אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, מען זאָל זי ניט דערזען.

אין גאַנג פון די יאָרן איז איר בענקשאַפט נאָך מענטשן אָפּגעטעמפּט געוואָרן. וואָס לענגער זי איז געווען אַליין, אַלץ ווייטער איז געוואָרן דער שטח צווישן איר און דעם ארומיקן לעבן.

ווי טויזנטער אַנדערע איז באַשע יעדן טאָג געפאָרן אין אָנגעפּאַקטע וואַגאָנעס, אריינגעקוועטשט צווישן די קערפּערס פון ריחות און געהאַלטן די ליפּן פאַרזיגלט אין שווייגן.

אַזוי זיינען אַפּגעלאָפן יאָרן.

אין שאַפּ איז איר נאָענטער פריינט געווען די מאַשין, וועמען זי האָט פאַרטרויט איר גאַנצן אומעט. די מאַשין, האָט זי געוואוסט, וועט קיינעם ניט דערציילן. אָפטמאָל פלעגט באַשע אַריינזינגען אין דער מאַשין אַ היימיש לידל. איר שטים איז געווען קינדעריש־ווייך און ניט דערגרייכט קיין פרעמדן אויער.

איינמאָל איז דאָס שאַפּ־מיידל, ביילקע, צוגעקומען צו באַשען און איר אַנגעבאָטן אַ בילעט פאַר אַ לעקציע. באַשע האָט אויף איר אַנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן:

„מיינט איר מיך? ווי קום איך?"

ביילקע האָט אָבער ארויפגעלייגט איר קליין הענטל אויף באַשעס אַקסל און געזאָגט:

„אודאי מיין איך אייך! וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי? די לעקציע קומט פאַר היינט אָוונט. קומט! איך פאַרזיכער אייך, אַז איר וועט קיין חרטה ניט האָבן".

באַשע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער בילעט איז שוין געלעגן אויף דער מאַשין און ביילקע איז שוין געווען פאַרנומען מיט עמיצן אַנדערש.

ביילקע איז געווען אין באַשעס יאָרן, נאָר צוליב איר קליינעם קערפּער האָט זי אויסגעזען יינגער. זי איז געווען אַ קורצוואָוקסיקע, אַ גרינגע, מיט שמאָלע פּלייצעס, אַ דין העלדזל און מיט קינדערשע הענט און פיס. די האָר — אַ געמיש פון העל־בלאָנד און גרוי. אַמאָל זיינען איר אויגן געווען גרין און היינט — בלוי. ווען זי האָט גע־שמייכלט האָבן זיי אויסגעזען ווי אויגן פון אַ יונג קעצל. איר קליין קעפּל האָט ביילקע געהאַלטן פאַרריסן אַרויף און אַביסל אין אַ זייט. איר גאַנג איז געווען אַ לייכטער, אַ שטילער. די דראָבנע פיס האָבן קוים די ערד באַרירט. אין גרויסן לעדערנעם בייטל, וואָס זי האָט שטענדיק געטראָגן, האָט זי געהאַט אַן אויסוואַל פון פאַר־שיידענע בילעטן. זי האָט תמיד געפירט אַלערליי חשבונות און ס'האָט איר תמיד אויסגעפעלט געלט און ס'איז אויסגעגאַנגען צו איר אייגענער קעשענע. זי האָט זיך אָבער פון דעם דערלייגן ניט גע־נומען צום האַרץ. „איך וועל שוין בלייבן דער זעלבער אָרעמאַן!"

ביילקע איז געקומען קיין אַמעריקע אין דער זעלבער צייט, וואָס באַשע, אָבער איר דאָ־זיין איז אַוועק מיט אַן אַנדער טעמפּאָ, ווי

באַשעס. זי האָט מיט אַן אימפּעט אויפגעכאַפּט און אַריינגעזאַפּט אין זיך אַלץ, וואָס איז איר אַנטקעגנגעקומען. זי איז געוואָרן אַ רינג אין יענער קייט, וואָס דאַרף אויסבעסערן דאָס לעבן. די ניינציק־פונטיקע מיידל האָט אָנגעלאָדן אויף אירע שמאָלע פּלייצעס די גאַנצע אחריות פאַר דער גרויסער וועלט.

געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז ביילקען ניט געפאַלן שווער. זי האָט געזוכט וואָס מער אַרבעט. זי האָט געאַרבעט אין שאַפּ בלויז צוויי טעג און באַלד האָבן אירע חברשע הענט באַרירט באַשעס אָפּגעפרעמדטע אַקסלען. מיט איר חוש האָט זי באַשען דערזען און זי אַרונטערגענומען אונטער איר שוץ. ווי אַ רעגן אין צייט, וואָס דערפרישט אַ פלאַנץ, וועלכע האַלט אין טריקענען, אַזוי האָט ביילקע דערפרישט באַשעס לעבן.

ווען באַשע איז יענעם טאָג אַרונטער פון שאַפּ אין גאַס, האָט זי ביילקע באַגעגנט ווי אַן אַלטע באַקאַנטע, זי האָט באַשען גענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט:

„איר ווייסט וואָס? מירן צוזאַמען גיין צו דער לעקציע. קודם לאָמיר עפּעס אָפּעסן, נאָכדעם וועלן מיר זיך דורכשפּאַצירן און דאַן אוועק צו דער לעקציע".

באַשע האָט געשפּירט, אַז זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן אין אַ נעץ. זי האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען און ניט געוואוסט ווי אַזוי. כאָטש זי האָט ניט געהאַט קיין חשק צו גיין צו דער לעקציע, ווייל חוץ איר מאַשין און איר אַלטע, טויבע באַלעבאָסטע, האָט זי קיינעם ניט געהאַט. דאָך האָט זי זיך שוין ניט געקענט אָפּרייסן פון דער קליינער ביילקען, וואָס האָט אפילו אויף איר ענטפער ניט געוואַרט, נאָר זי גענומען אונטערן אָרעם און געפירט גלייך צום „אויטאָמאַט".

באַשע האָט זיך ניט געפילט צופיל באַקוועם אין איר שפּאַציר מיט דער קליינער לייכטער מיידל ביי דער זייט. אירע שווערע פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט. זי איז געוואוינט געווען צו גיין אַליין אויף דער גאַס. קיינער האָט זי קיינמאָל ניט געפירט אונטערן אָרעם, אָבער יעדער באַריר פון ביילקעס האַנט איז געווען מחיהדיק, וואַרעם. אין אויטאָמאַט האָט ביילקע אַליין באַדינט באַשען ווי זי וואָלט געווען אַ גאַסט ביי איר אין שטוב.

נאָכן עסן האָבן ביידע שפּאַצירט אין פּאַרק. ביילקע האָט

געפּרואווט מאַכן באַשען צום רעדן, אָבער ביי באַשען זיינען די ווערטער ניט אַרויסגעקומען גלאַט פון מויל. זי איז ניט געוואוינט געווען צו ריידן, האָבן זיך די ווערטער ניט אַרויסבאַקומען פון מויל.

מערסטנס האָט ביילקע גערעדט. זי האָט דערציילט באַשען, אַז זי איז געקומען אהער אליין, האָט קיינעם ניט געהאַט, אָבער זי געדענקט ניט זי זאָל אמאָל האָבן געווען איינזאַם. ווי נאָר זי איז אָנגעקומען אין שאַפּ, האָט שוין אויף איר געוואַרט די אַרבעט. זי האָט באַלד צעפירט די הענט און איז זיך צעשוואומען, ווי אַ פיש אין וואַסער. זי איז שטענדיק פאַרטאָן און זי זעט אליין ניט ווי עס פליען אַוועק די טעג און די וואָכן. עס פעלט איר אויס ציט. מען מוז גיין צו זיצונגען פון דער יוניאָן, צו פאַרזאַמלונגען. נו, און הערן אַ לעקציע איז אויך נויטיק. דערצו איז מען דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, ס׳גלוסט זיך דאָך אויך אמאָל פאַרברענגען. ניטאָ קיין ציט! — פאַרטיפט אין שמועס זיינען זיי דערגאַנגען צום זאַל.

דער גרויסער עולם אין געפּאַקטן זאַל האָט באַשען איבערראַשט און אַביסל געשראָקן. פון אָנהויב אַז האָט זי זיך געוואָלט אומ־באַמערקטערהייט אַרויסשאַרן פון זאַל, אָבער איידער זי האָט נאָך ציט געהאַט, האָט זי ביילקע שוין אַוועקגעזעצט לעבן אירע פריינט און זיך געלאָזן פאַרקויפן בילעטן פאַר אַן אַנדער אונטער־נעמונג.

דער לעקטאָר, אַ מיטלוואוקסיקער, אַ טונקעלער, מיט לעבעדיקע אויגן האָט זיך באַוועגט אויף דער פּלאַטפאָרמע, אהין און צוריק. ער האָט גערעדט וועגן דער ראָלע פון דער פרוי אין דער הייניקער אינדוסטריע. זיין יידיש לשון איז באַשען געוואָרן נאָענט, און וואָס ער האָט גערעדט — צום האַרץ. זי איז מיטגעצויגן געוואָרן און כמעט פאַרגעסן, אַז זי האָט פריער געוואָלט אַנטלויפן פון זאַל. איצט האָט זי זיך שוין אליין געפרעגט: ווער און וואָס האָט איר אַזאַ לאַנגע ציט פאַרצאַמט דעם וועג צו אַנדערע מענטשן? ווער איז שולדיק? אפשר זי אַליין? באַשע האָט ניט געזען קיין גרויסן אונטערשייד צווישן זיך און די אַרומיקע אין זאַל. זי האָט באַמערקט פרויען, וואָס זיינען, דאַכט זיך, ניט שענער פון איר, אָבער אויף זייערע פּנימער איז ניט געלעגן קיין דערשלאָגנקייט. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט באַשע באַגריפן, אַז זי האָט ביז אַהער געקוקט אויף זיך ווי אויף אַן אויסגעבראַקירטער סחורה, מיט וועלכער

מען דאַרף זיך אויסבאַהאַלטן. פריער האָט באַשע געהאַט רחמנות אויף זיך אַליין, אָבער אַצינד האָט זי זיך גאָר געוואָלט קנייפּן פון כעס אויף זיך.

נאָך דער לעקציע איז ביילקע צוגעלאָפן צו באַשען אַ שטאַרק־צעפלאַמטע, ווי זי וואָלט אָפּגעזוכט אַן אוצר.

„נו", — האָט זי געזאָגט — „וואָס האָב איך אייך געזאָגט? איך האָב געוואוסט, אַז די לעקציע וועט אייך געפעלן. איר וועט שוין קומען נאָכאַמאָל!"

ארויסגייענדיק פון זאַל האָבן עטלעכע פון ביילקעס פריינט אַרומגערינגלט באַשען, געוואָלט וויסן ווי די לעקציע איז איר געפעלן. עמיצער האָט איר געזאָגט: „זייט נאָר ניט קיין גאַסט ביי אונדז, חברטע!"

דאָס וואָרט „חברטע" האָט באַשען געוואַרעמט. עס איז געווען ווי איר מאַמע וואָלט זי אַרומגענומען. די וואַרעמקייט האָט דערלאַנגט ביז די שפּיצן פון אירע פינגער, זיך צעגאַנגען איבערן קערפּער. און ווען זי איז געגאַנגען אהיים האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַלע פּנימער, וואָס זי האָט פריער באַגעגנט, האָבן צו איר געשמייכלט. זי האָט געהערט ווי די ווערטער: „חברטע, חברטע" גיסן זיך ריטמיש צוגויף מיטן רויש פון די וואַגאָנען־רעדער אין דער סאַבוועי.

ווען זי איז געקומען צו זיך אין צימער האָט באַשע עפּעס געזוכט, געזוכט דאָס ווינקל פון וועלכן אַ ניי לעבן האָט געשטראַמט: זי איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל און דאָרט געזוכט נייע שטריכן אין פּנים, געזוכט דאָס פּנים פון דער נייער באַשע, דער „חברטע". זי האָט גערעדט צום שפּיגל, וועלכן זי האָט פריער אַזוי פיינט געהאַט:

„חברטע באַשע!" — האָט איר האַרץ גערופן.

„חברטע באַשע!" האָבן איר געענטפערט אַ פּאָר הונגעריקע, טונקעלע אויגן.

זי, ער און די לבנה

זי האָט געוואוסט, אַז דאָס וועקן און רופן איר מאַן, וואָס איז איז געזונקען אין אַ געשמאַקן שלאָף, וועט ניט העלפן. זי האָט געוואוסט, אַז עס איז ניטאָ אויף דער וועלט יענער כשוף, וואָס זאָל אים שטערן דעם פאַרגעניגן פון שלאָף. פונדעסטוועגן האָט זי אים אַ פּאָר מאָל אַ טאַרקע געטאָן און זיך ביי אים געבעטן:

„זע נאָר, וואָס פאַראַ נאַכט! סאַראַ לבנה! סאַראַ ליכטיקייט!"

קיין ענטפער האָט זי ניט דערוואַרט. האָט זי זיך באַנוגנט און גע־זעטיקט מיט איר אייגן קול. דער אומעט איז געוואַקסן אין איר פון רגע צו רגע, געוואַקסן מיט דער נאַכט, און יעדער גליד האָט אין איר געוויינט אַן טרערן, געוויינט פון אינעוויייניקסטן ווייטיק.

און די לבנה — אַ קלוגע, מיט קאַלטן רייץ, האָט שטיל און זיכער אויך גערופן: „אַ סך אַזעלכע נעכט זיינען דאָ?"

אויף די טעג, וואָס זיינען געווען ענלעך איינע אין די אַנדערע, האָט זי זיך געוואָרגן מיט דער מאָנאָטאָנקייט. דאָך האָבן די טעג זי ניט אַזוי באַאומרואיקט, ווי די נעכט. טעג וועפּן זיך אויס פון זיך אַליין, אָבער נעכט? זיי זיינען מיט איר און אין איר. נעכט מאָנען. ניט אומזיסט זאָגן גערטנער, אַז דאָס וואַקסן פון פלאַנצן איז מער אָפּהענגיק פון די נעכט ווי פון די טעג... זי לעבט אויף דעמאָלט, ווען אַלץ אַרום איר שלאָפט; ווען איר מאַן און די קינדער ווערן אַנטשלאָפן, וועקן זיך אין איר די זעקס און צוואַנציק יאָר און מאָנען, פאָדערן חשבון.

געקומען איז זי אַהער אין עלטער פון זיבעצן יאָר. זי איז גע־קומען פון אַ קליין שטעטל און ניט געווען צוגעגרייט צו טראָגן די לאַסט פון אייגענעם לעבן. זי האָט ניט געהאַט קיין פאַך, קיין פריינט, און דערצו איז נאָך געווען אַ קריזיס אין לאַנד, האָט זי זיך אַזוי דערשראָקן פאַר איר הילפלאָזיקייט, אַז זי האָט זיך אָנ־געכאַפּט אָן דער ערשטער האַנט, וואָס האָט זיך צו איר אויסגע־שטרעקט. אמת, קיין גרויסע קראַפט איז אין אָט־דער אויסגע־שטרעקטער האַנט ניט געלעגן, אָבער גענוג כח איר צו געבן אַביסל זיכערקייט. וועגן מער האָט זי דעמאָלט ניט געטראַכט. אין יענע קריזיס־יאָרן האָט מען זיך באַנוגנט מיט ווייניק.

אין יענער האַנט האָט זי דערפילט אַ פריינטשאַפט, אָבער נאָכדעם ווי זי איז אָנגעקומען אין איר נייער היים, האָט זי זיך באַלד באַ־געגנט מיט פאַרהונגערטע פנימער פון מענער אָן מאַנטלען אין די ברענענדיקסטע פרעסט, קינדערלעך אין צעפליקטע שיכלעך, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פינגערלעך אויף דער פאַר־שנייטער גאַס. דעמאָלט איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסער פּאַניק, און דעמאָלט האָט זי אים באַגעגנט ביי זיינס אַ קרובה אין אַ קליין צימערל מיט אַ פענצטערל, דורך וועלכן עס האָט זיך געזען אַ ווייס־פאַרפרוירן ביימעלע אין פאַרק. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז גאָט האָט איר צוגעשיקט א גרויס גליק!

דאָס ביימעלע האָט פאַרזיכערט: כ׳וועל ווידער זיין גרין, ווען פרילינג וועט קומען. צו איר אַכצנטן געבורטסטאָג איז זי געוואָרן אַ מאַמע פון אַ שיין יינגעלע און דורכדעם אָפגעריסן געוואָרן פוןביידע וועלטן, דער אַלטער און דער נייער. איר גאַנצע זאָרג איז איצט געווען פאַרן נייעם נפשל, וואָס האָט קיין סך ניט פאַרלאַנגט, נאָר דאָס בויטיקסטע, וואָס עס האָט געדאַרפט, האָט זיך אויך אויף איר געלייגט שווער ווי אַ גרויסער באַרג.

מיט דער גאַנצער עמפינדלעכקייט האָט זי זיך געשיצט און באַשיצט איר קינד פון אַלערליי קראַנקהייטן וואָס לויערן אויף קינדער אין די באַדינגונגען פון אַן אָרעם לעבן. איר אייגן לעבן האָט זי פאַרנאַכלעסיקט.

צו איין און צוואַנציק יאָר איז זי שוין געווען אַ מאַמע פון צוויי קינדער. איר מאַן האָט קיין סך ניט פאַרדינט, און זי האָט זי זיך דערמאָנט אין אירע קינדער־יאָרן, ווען זי פלעגט אַזוי זיך פאַרברענגען אין די טעג און נעכט, באַזאָרגט געווען מיט אַלץ, דערמאָנענדיק זיך אין די קינדער־יאָרן האָט איר פאַרדראָסן זי האָט זיך פאַרגונען ברייגען קינדער אויף דער וועלט. זי האָט די וועלט און דאָס לעבן געזען פון איר אייגן באַגרענעצט ווינקל.

ווען די קינדער זיינען אונטערגעוואָקסן האָט זי ערשט גע־פונען אַ פרייע מינוט פאַר זיך. זי האָט זיך גענומען לייענען ביכער, פאַר וועלכע זי האָט פריער קיין צייט ניט געהאַט. עס זיינען דער־גאַנגען צו איר קלאַנגען און ווידערקלאַנגען פון דער לעבעדיקער וועלט, וואָס אַרום איר, פון דער וועלט, וואָס האָט מיט פיר־פינף יאָר צוריק אויף איר אָנגעוואָרפן אַ שרעק. אָט די קלאַנגען האָבן

איר געמאַניעט, געכשופט. זי איז ווייט געווען פון דער דאָזיקער וועלט, אָבער די קלאַנגען האָבן אַרויסגערופן אין איר מאָדנע שטימונגען און קאַפּריזן. עס האָט זיך איר געגלוסט צו שפּרינגען ווי אַ ווילד פערדל אין סטעפּ. ווען זי איז געווען פאַרנומען מיט די קליינע קינדער, האָט זי פאַר די שטימונגען קיין צייט ניט געהאַט, אָבער שפּעטער, אַז זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער הויז־אַרבעט, האָט זי זיך דערמאָנט אין אירע קינדער־יאָרן, ווען זי פלעגט בויען הייזקעס פון זאַמד, מאַכן סטעזשקעס, אַרומצוימען די זאַמדיקע שטיבעלעך און נאָכדעם אַלץ איבערלאָזן און אַנטלויפן. אָט־אַזוי האָט זי איצט געפילט.

כאָטש זי האָט נאָך געדאַרפט אַ סך געבן די קינדער, האָט זי אָבער געשפּירט, אַז אין איר אַליין לעבן נאָך ניט־דערפילטע באַגערן, אַז דאָס ניט־אויסגעלעבטע רייסט זיך פון איר, און מען דאַרף עס צוימען, באַצווינגען. זי האָט אויף עפּעס געוואַרט, געאַנט, אַז עפּעס מוז קומען, וועט קומען, היינט, מאָרגן, און מען וועט עס דאַרפן באַגעגענען.

דער „עפּעס" איז געקומען. אַ שכן האָט ביי זיי געדונגען אַ צימער. ער איז געווען אַ שרייבער זי האָט אַמאָל געלייענט זיינס אַ בוך, און כאָטש זי האָט ניט שטאַרק געהאַלטן פונעם בוך, וואָס האָט, ווי איר האָט זיך געדאַכט, ניט געשילדערט מענטשלעכע, טיפּישע סיטואַציעס, נאָר שאָטנס, סילועטן, — האָט זי פונדעסטוועגן אַרויסגעוויזן אַ סך דרך־ארץ פאַרן שכן. פאַרט אַ שרייבער!

להיפוך צו איר, דער איינזאַמער, אין זיך פאַרטראַכטער, איז דער שרייבער דווקא געווען דורכאויס באַהעם און שטאָטישער מענטש. זי האָט געטראַכט, אַז ער האָט צו טאָן מיט ספערן, וואָס האָבן מיט דער אַלטעגלעכקייט ווייניק־וואָס צו טאָן און געוואָלט וויסן פון יענע ספערן. נאָר זי האָט ניט געוואָלט, ער זאָל וויסן פון איר נייגער. ער האָט אָבער דערשפּירט מיט זיין שאַרפן חוש איר נייגער, און פון צייט צו צייט האָט ער געעפנט פאַר איר אַ שפּאַרונקעלע צו די קרייזן מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו טאָן. די קרייזן זיינען באַשטאַנען פון מענטשן, טאַקע מענטשן פון גייסט, אָבער דאָך ניט מער ווי מענטשן, און ער האָט זיי אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט: „מענטשן און גאָרניט!"

ביי איר זיינען אָבער אַזעלכע מענטשן ניט געווען „גאָרניט".

די מאַניערן פון דעם שכן, זיין דיסקרעטקייט, זיינען איר ניט געווען גערן, ער האָט אָבער דאָך גערייצט איר פאַנטאַזיע און זי האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט זיינע רייד וועגן זאַכן, מיט זיינע מחשבות. זי האָט געהאַלטן, אַז ווי אַ שרייבער, פאַרשטייט ער אַלץ, קוקט אויף זאַכן און מענטשן ווי מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז.

ער אַליין האָט געקוקט אויף איר מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. ווען ער איז זי פאַרבייגעגאַנגען נאָענט, האָט ער די אויגן אַרונטערגעלאָזן, ווי ער וואָלט געקוקט בלויז אויף זיך. זיינע ליפּן האָבן זיך פאַרשטייפט און ער האָט געשוויגן. דאָך איז ער געווען צופרידן, ווען זי האָט אים עפּעס געפרעגט. דעמאָלט פלעגט ער זיך אָפּשטעלן, פירן מיט דער האַנט איבערן שטערן און זיך צערעדט מער ווי זי האָט געקאָנט באַנעמען. גערעדט האָט ער שטיל. זיין קול, אַביסל אַ הייזעריקס, האָט געהאַט אַ געוויסע טיפקייט, אַ ברוסטיקייט און זי האָט דאָס קול ליב געהאַט צו הערן.

צווישן ביידן איז אָנגעגאַנגען אַ מין קאַץ־און־מויז שפּיל. עס איז פאָרגעקומען ווי איינער וואָלט דעם צווייטן געזוכט, אָבער ביים טרעפן זיך, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ קאַלטקייט, וואָס האָט געזאָגט: לאָמיר זיך אויסמיידן!

געווען איז עס אין יענער לבנה־נאַכט, ווען איר שלאָף־צימער האָט זיך געבאָדן אין אַ זילבערנער העלקייט, און דער שלאָף האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן. דעמאָלט זיינען איר געקומען אין געדאַנק ענלעכע לבנה־נעכט, וואָס האָבן זי אַמאָל אַרויסגעשלעפּט פון דער בעט. זי איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר דרייצן־פערצן. זי פלעגט זיך אין מיטן דער נאַכט אַרויסגנבענען פון צימער, זיך געהיט ניט אויפצוּוועקן איר קליין שוועסטערל. אין איין העמד פלעגט זי אַרויס־גיין אין הויף, און זיך אַוועקשטעלן אין טויער קוקן אויף דער לבנה, געדאַכט האָט זיך איר, אַז יענע לבנה פון שטעטל איז די שענסטע לבנה אויף דער גאַנצער וועלט, עס האָט זיך איר גע־דאַכט, אַז די שיינע לבנה האָט געוואוינט אויף אַ שיינער וועלט, וואָס וואַרט ערגעץ אויף איר.

ווי אָפּנאַרעריש דאָס לעבן האָט אָבער געקאָנט זיין! — אָט די און ענלעכע מחשבות זיינען איר אין דער שלאָפלאָזער נאַכט געקומען אויפן געדאַנק, און וואָס לענגער די שעהן האָבן זיך גע־

צויגן, אַלץ וואָכער איז זי געוואָרן, ביז זי האָט דערהערט זיינע גרינגע טריט. אומדערוואַרט האָט זי צו אים אַ רוף געטאָן:

— איר זענט אפשר אַ בעלן צו גיין אויף אַ שפּאַציר? די ליכטיקע לבנה לאָזט ניט צומאַכן קיין אויג!

— אַ שפּאַציר, אַוודאי! געוויס! פאַרוואָס ניט? —איז געפאַלן זיין ענטפער.

אין זיין ענטפער איז ניט געווען קיין איבערראַשונג, נאָר ווי עס וואָלט געווען אַ פאַרשטענדלעכע זאַך. פליִנק, ווי אַ קאַץ, האָט זי זיך אַרויסגעגליטשט פון בעט, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ לייכט קליידל און איז געבליבן שטיין לעבן אים. ער האָט לאַנג געקוקט אויף איר מיט זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, נאָכדעם זי גענומען בייביידע הענט, און אַן אַ וואָרט זי אַראָפּגעפירט פון די טרעפּ.

זיינע שטאַרק־וואַרעמע הענט האָבן געהאַלטן אירע הענט אין צערטלעכן קלאַמער, אָבער זי האָט ניט געפילט די וואַרעמקייט, אויך דער טאָן פון זיין רעדן האָט געיאָגט מיט קעלט, אַז דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ איז מעסיקער און לאַנגזאַמער געוואָרן.

זיי זיינען אריין אין פּאַרק. די לבנה, באַקראַנצט מיט קליינע צעשאָטענע וואָלקנדלעך, דער פּאַרק האָט געאָטעמט מיט טיפן בלוי. זיי האָבן געשוויגן. געגאַנגען און געשוויגן. ביידע נאָענט איינער צום אַנדערן האָבן געטראַכט: זי — „זי דאַרף אָנהויבן אַ ניי לעבן! שוין אָט מאָרגן!" און ער? — ער האָט שוין אַ פּאַרטיקע טעמע! אַן איינאַקטער מיט אַ טשיקאַווען נאָמען: „זי, ער און די לבנה!" ער האָט איר געזאָגט: „בראַוואָ, אויסגעצייכנט!" — זי האָט געענטפערט: — מען מעג שוין אַהיימגיין.

— אויב דאָס איז אייער באַגער, מיין פּרינצעסין!

זי האָט זיך באַפרייט פון זיין קלאַמער און זיך געלאָזן לויפן איבערן פּאַרק, טראָציק געראָפן: „כאַפּט מיך!"

ער, דער עלטערער און שווערער, האָט אפילו ניט געפּרוואווט נאָכלויפן...

זי האָט אים אָפּגעוואַרט אויף די טרעפּ. ער האָט געפרעגט: „ווי געפעלט אייך די לבנה?"

דאָס ערשטע מאָל האָבן זיך זייערע פיר אויגן אויף אַן אמת באַגעגנט און געשמייכלט...

קריסטאָפער וועט דערזיצן

אַלע זיינע יאָרן, זינט ער געדענקט זיך, איז קריסטאָפער געשטאַנען אויף זיינע פיס. ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין יינגל און אַרויסגעהאָלפן דער מאַמען אין דער אַרבעט, איז עס געווען אַזאַ אַרבעט וואָס מען טוט שטייענדיק.

ווען ער איז אָנגעקומען אין דער גרויסער, צוואַנציק־שטאָקיקער געביידע, איז ער נאָך קיין זעכצן יאָר ניט אַלט געווען. די ערשטע צוויי יאָר איז ער געווען אַ שיק־יינגל, געגאַנגען אויף אַלע שליחות׳ן.

עס איז געווען זיין מאַמע, וואָס האָט פאַר אים באַקומען די אַרבעט. דאָס ערשטע מאָל איידער די מאַמע האָט אים געשיקט צו דער אַרבעט, האָט זי אים אָנגעזאָגט: „געדענק מיין יינגל, אַ ניגער דאַרף זיין בעסער ווי גוט. אַז דו וועסט זיין געהאָרכזאַם און פאָלגן גאָט, וועט דער לאָרד זיין גוט צו דיר״.

קריסטאָפער האָט געפאָלגט דער מאַמען. ער איז געגאַנגען אין „גאָטס וועגן״. נאָך צוויי יאָר פון אַרומלויפן פון אַכט פרי ביז צען ביינאַכט, האָט אים דער הויז־פאַרוואַלטער אַריינגערופן צו זיך אין אָפיס און געזאָגט: „קריסטאָפער, ביסט אַ וואוילער ניגער! דער בעסטער, וואָס כ׳האָב ווען עס איז געהאַט. איך וועל דיך אויסלערנען טרייבן דעם עלעוויטאָר, וועסטו זיין פאַרזאָרגט מיט דיין שטיקל ברויט״. ער האָט אויסגעפוצט דעם נעגער־יינגל אין אַ בלויען גאַרניטור מיט מעשענע קנעפּ און נאָך צוויי טעג האָט ער שוין געקענט די נייע מלאכה.

כמעט דרייסיק יאָר האָט קריסטאָפער געטראָגן דעם בלויען גאַרניטור מיט די מעשענע קנעפּ. ער איז טאַקע געווען פאַרזאָרגט מיט ברויט, קיינמאָל ניט געהונגערט. זיין הויזגעזינד האָט אויך געהאַט חיונה און אַ דאַך איבערן קאָפּ. פון איין זאַך האָט אָבער קריסטאָפער ניט געוואוסט: וואָס מיינט זיך אָוועקזעצן אָפּרוען. ער האָט געמוזט שטיין אויף די פיס לאַנגע שעהן, און אַז ער איז אַהיימגעקומען איז ער געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז ער איז איינגעשלאָפן מיטן ביסן אין מויל. די ערשטע פאָר יאָר איז נאָך געווען צו דערליידן. אין עלעוויטאָר איז געווען אַ קיילעכדיק

בענקל, אויף וועלכן ער פלעגט זיך צומאָל צוזעצן... אָבער זינט מען האָט דאָס הויז רעמאָנטירט, געפינט זיך ניט אין דער גאַנצער געביידע קיין סימן פון עפּעס אויף וועלכן מען זאָל זיך קאָנען כאָטש אויף איין רגע אָנשפּאַרן. שטייט קריסטאָפער און שטייט, אַז ער שפּירט שוין כמעט ניט אז ער שטייט.

אַמאָל, אין די זומערדיקע פרימאָרגנס, ווען קריסטאָפער איז איילִיק פאַרבייגעלאָפן דעם פּאַרק, האָט עס אים אַ ציַ געטאָן צו דער ערד, צום שמעקנדיגן פייכטלעכן גראָז, כאָטש זיך אויף אַ ווײַלע אויסציען, זיך אַ קייקל טאָן, ווי ער פלעגט עס טאָן ווען ער איז נאָך געווען אַ סקול־קינד. אָבער ער האָט עס ניט געקענט טאָן. ער האָט זיך שטענדיק געאײַלט צו דער אַרבעט און האָט זיך נאָר באַנוגנט מיט אָנרייסן אַ הויפן גראָז און אַרייַנציען אין זײַנע נאָז־לעכער די געשמאַקע פייכטקייט, זיך קוויקן מיט די גראָזיקע ריחות.

אַז ביי קריסטאָפערן זיינען די פיס געוואָרן שווער, האָט ער זיך אַליין געזאָגט: „מסתמא שוין אָפּגעשטאַנען". מען דאַרף נעמען אַ וואַקאַציע! — די יוניאָן האָט קריסטאָפערן געגעבן איין וואָך וואַקאַציע דורכן יאָר, אָבער ער האָט די וואַקאַציע ניט גענומען. יעדעס יאָר האָט ער געהאַט עפּעס בילכערס. דאָ האָט מען געדאַרפט עפּעס צוקויפן פאַרן הויז; דאָ עפּעס פאַר די קינדער. קריסטאָפער האָט פאַרקויפט זיין וואַקאַציע. ער פלעגט פאַר דער וואָך וואַקאַציע קריגן דאָפּלט באַצאָלט פאַר דער אַרבעט...

מיט אַ יאָר צוריק האָט ער באַשלאָסן, אַז היי־יאָר מוז ער פאָרן אויף וואַקאַציע. זיין ווייב האָט אים צוגערעדט, ער זאָל שוין דעם אורלויב ניט פאַרשאַכערן. ער האָט זיך שוין געפילט ווי אויף זומער־רו, שוין געשפּירט די ליבע מנוחה, דעם טעם פון גאַנצע זיבן טעג ניט דאַרפן אויפשטיין אינדערפרי. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי ער וועט ליגן אין בעט ביז האַלבן טאָג און שפּעטער זיצן מיט ביידע פיס אויפן פענצטער און אַרויסקוקן צו דער גאַס. אָבער פון דעם שיינעם חלום איז גאָרניט געוואָרן.

גראַד האָט זיך געמאַכט, און עמיצער האָט געוואָלט פאַר־קויפן אַ פּיאַנא פאַר זייער ביליק. זיינע קינדער האָבן אַזוי געוואָלט די פּיאַנא, האָט קריסטאָפער ניט געוואָלט דורכלאָזן די גע־לעגנהייט און האָט זיי געקויפט די פּיאַנא. קיין חרטה האָט ער ניט

געהאַט. ער האָט גרויס פאַרגעניגן ווען ער הערט די קינדער קלאַפּן אויף די ביינדלעך פון דער פּיאַנאַ. זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט געלערנט, אָבער פון זייער שפּילן קומט דאָך צו אַ שטיק געזונט.

קריסטאָפערס פיס האָבן זיך ניט דערוואָרט אויף וואַקאַציע. זיי זיינען אים געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער, ווי זיי וואָלטן צוגעוואַקסן צו דער ערד, און ער האָט זיי געמוזט שלעפּן מיט אַלע כחות. קריסטאָפער האָט געמוזט בלייבן אין דער היים. די פיס האָבן אים אויפגעהערט צו דינען; ער איז שוין ניט געגאַנגען, נאָר געקראָכן. עס האָט אויסגעזען, ווי ער רייסט אָפּ פון זיינע היפטן איין פוס, שטעלט זיך אָפּ און רייסט אָפּ דעם צווייטן פוס. אַ שווערע אַרבעט. ער מוז זיך אַלעמאָל אָפּשטעלן.

קריסטאָפער איז שוין מער ניט געגאַנגען. ער איז געזעסן אויף אַ נידעריקן בענקל, וואָס איז געשטאַנען צווישן בעט און פענצטער. שטענדיק געזעסן, און אַז מען האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער זיצט, האָט ער געענטפערט: „די פיס ווילן ניט פאָלגן". דאָס איז געווען אַ תירוץ פאַר אַנדערע. פאַר זיך האָט ער געטראַכט, ווען די מאַמע וואָלט איצט געלעבט, וואָלט זי געוויס געהאַט אַן אַנדער ענטפער. ער הייבט ניט אָן צו וויסן, פאַרוואָס ער איז אַזוי שווער געשטראָפט געוואָרן. ער איז, דאַכט זיך, שטענדיק געגאַנגען אין גאָטס וועגן, זיך אויסגעהיט פון זינד. קיינמאָל ניט געגאַנגען שלאָפן אָן אַ תפלה צו גאָט. ער האָט אַלץ גענומען פאַר ליב, ווי זיין מאַמע האָט אים געלערנט; זיין ווייב, טעסי, איז אויך פרום, נאָך פרומער פון אים, און די קינדער אויך גאָטס־פאַרכטיקע. פאַרוואָס זשע קומט אים די שטראָף?

גלייך נאָכדעם ווי דער אומגליק איז באַפאַלן איר מאַן, איז די פרומע טעסי אַוועקגעלאָפן צום „פּריסט", צו איר פאָטערל. ער האָט זי אויסגעהערט און איר געהייסן נעמען דעם מאַן צו אַ גרויסן דאָקטאָר. קיין געלט פאַר דאָקטוירים האָט טעסי ניט געהאַט. האָט זי אים ארייגעגעבן אין שפּיטאָל. די דאָקטוירים האָבן קריסטאָפערן געפרעגט אַזויפיל פראַגן ביז זיין מויל האָט אים געטריקנט פון ענטפערן. מיט אַ טיפן אומעט אין די אויגן האָט ער געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט קיינעם קיינמאָל קיין שלעכטס ניט גע־וואונטשן, אַז זיין לעבן איז געווען ריין און ערלעך, ווי זיין מאַמעס, אָבער די דאָקטוירים האָבן אים ניט געפרעגט וועגן זיין ערלעכקייט.

זיי האָבן אים געפרעגט אַזעלכע פראַגעס, וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז זיי דאַרפן גאָרניט וויסן.

די דאָקטוירים האָבן פאַשריבן פולע בויגנס פּאַפּיר און אים געהייסן קומען אין אַ פּאָר טעג אַרום צוריק. ווי לאַנג ער האָט זיך נאָך אַביסל געקאָנט שלעפּן האָבן אים טעסי און זיין ייִנגסטער זון, געבראַכט אין שפּיטאָל. דאָס ייִנגל, אַ לענגלעכער, אַ שמאָלער, מיט אַ שעמעוודיק פּנים און טאַנצנדיקע פיס, האָט זיך געפילט באַליידיקט פונעם טאַטנס אומגליק. די קינדער, ווי קריסטאָפער, זיינען געווען זיכער, אַז גאָט וועט זיי אויסהיטן פון אַלדאָס בייז. זיי זיינען געווען געהאַרכזאַמע קינדער, האָבן קיינמאָל ניט אַנטייל־גענומען אין צייט־פאַרטרייב, ווי אַנדערע האַרלעמער ייִנגלעך און מיידלעך. ניט איינמאָל האָבן די פריינט פון קריסטאָפערס ייִנגל פון אים אָפּגעלאַכט, אים גערופן „משיחס זון". ער האָט זיך געשלאָגן פאַר זיין טאַטנס נאָמען. ער האָט ליב געהאַט זיין טאַטן און געגלויבט אין אים. איצט האָט אים אָנגענומען אַ ווייטיק פאַרן טאַטן, אַ ווייטיק און אַ חרפּה.

כמעט אויף די הענט האָט דאָס ייִנגל דעם טאַטן געטראָגן אין שפּיטאָל. קריסטאָפער האָט זיך ביי אים געבעטן: ער וויל ניט גיין אין שפּיטאָל. ער קאָן ניט ליידן ווען מען טראָגט אים ווי אַ זאַק. אָבער דער זון איז באַשטאַנען: ער מוז יאָ גיין! האָט זיך דער טאַטע אונטערגעגעבן, ווי לאַנג ער האָט נאָך געקאָנט צוגיין צו דער טעקסי, צו וועלכער דאָס ייִנגל האָט אים צוגעטראָגן. אָבער איצט קאָן ער שוין ניט געבן קיין איין שפּאַן און ער האָט אַ געפיל, אַז ער וועט שוין אַזוי אָפּזיצן דאָס ביסל יאָרן.

טעסי איז אַוועק אַרבעטן און קריסטאָפער איז געבליבן אַליין זיצן אין דער היים. ער זיצט אָפּ גאַנצע טעג אַליין, אָבער עס אַרט אים ניט. קיינמאָל איז ער ניט געווען גיך אויף אַן ענטפער. ער האָט אַלעמאָל געדאַרפט פריער אביסל טראַכטן איידער ער האָט עפּעס געזאָגט. איצט רעדט ער יאָ. נאָר צו זיך אַליין. זיינע רייד זיינען איין טיפער געוויין. אַלץ וויינט אין אים, אין זיינע אינגעווייד. די טרערן זיינען פאַרגליווערט אין די גרויסע, קיילעכדיקע אויגן און די רויטלעכע ווייסלען זעען אויס ווי פאַרצויגן מיט אַ גלאַזיק הייטל.

ווען דאָס ייִנגל מיט די טאַנצנדיקע פיס קומט צו לויפן פון

סקול, פּרואווט ער איינהאַלטן די פּיס. ער וויל ניט דער טאַטע זאָל זען ווי זיינע פּיס הייבן זיך אַזוי גרינג. ער דערנעענטערט זיך צום טאַטן און פרעגט אים: „ווי פילסטו פּאָפּ?" קריסטאָפער הייבט אויף דעם קאָפּ, שאַרט מיט די גרויסע הענט איבערן צודעק פון דער בעט, און זאָגט: „אַלרייט, זון, אַלרייט!"

אָפּגעזאָגט די פּאָר ווערטער, לאָזט קריסטאָפער אַרונטער דעם קאָפּ, און קוקט אויף זיינע פּיס,—קלעצער—, ווי ער וואָלט וואַרטן, זיי זאָלן אויך עפּעס זאָגן...

קריסטאָפער טראַכט וועגן זיין מאַמען. אַן אלמנה געווען. זי האָט געאַרבעט, געהאָרעוועט אין פרעמדע הייזער, אויסגעבאָוועט פיר געזונטע קינדער. אפילו אין טיפן עלטער האָט די מאַמע נאָך גע־האָרעוועט. פון איר שווער־פאַרדינט געלט אָפּגעשפּאָרט גענוג אויף אַ לויה און אַ קבר. זי האָט קיינמאָל ניט געוואָלט אָנקומען צו מענטשן. זי האָט ניט געקענט לייענען, אָבער תפילות האָט זי געזאָגט אויסנווייניק. די קינדער האָט די מאַמע געלערנט, זיי זאָלן ניט בעטן גאָט, נאָר אים דאַנקען פאַרן חסד וואָס ער טוט צו אונדז, לעבעדיקע מענטשן. און אַז ער, קריסטאָפער, נישטערט דורך זיין לעבן, קען ער זיך אַלץ ניט דערגרונטעווען, פאַרוואָס גאָט האָט אים אַזוי געשטראָפט? מיט וואָס האָט ער אים אַזוי דערצאָרנט? אפשר מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אַמאָל געוואָלט אָפּרוען?

ער איז דאָך שטענדיק געשטאַנען. איצט דאַרף ער שטענדיק זיצן, זיצן ביזן סוף. קריסטאָפער באַנעצט זיינע ליפּן, וואָס זיינען ביי אים שטענדיק טרוקן. ער וויל זיך אויפהייבן, און ער האַלט זיך אָן מיט די הענט אין בעט, אָבער ער פאַלט צוריק אין בענקל, און ער רעדט צו זיך אַליין טרויעריק: „יאָ, איך וועל שוין, ווייזט אויס, דערזיצן, דערזיצן!"

בלומע

עס האָט זיך מיר געחלומט אַ חלום: דו ביסט צו מיר געקומען אַזאַ ווי איך האָב דיך געזען מיט אַ סך יאָרן צוריק. ברייט, צעגאָסן. מיט דיין קורצן האַלדז אין אויפגעצהויבענע באַרקעס. דיינע טונקעלע אויגן האָבן, ווי אַלעמאָל, געגלאַנצט, געשמייכלט און געווען אַביסל פֿייכט. דיינע בלוילעך־שוואַרצע האָר, לויז, ניט פֿאַרקעמט, זיינען געפֿאַלן ווייך אויף דיין שטערן, וואָס האָט געגלימערט און פֿאַרשטעלט די ניט געשיקטקייט פֿון דיין בליק. דיינע פּולע, אָנגעבלאָזענע באַקן, אָנגעבלאָזענע מיט אַ פֿרישער רויטקייט, און דיינע פּולע ליפּן — אין אַלץ איז געלעגן די ניט־האַרמאָנישע ליבלעכקייט, וואָס האָט מיך תמיד געצויגן צו דיר.

ווי אַזאַ ביסטו, בלומע, געקומען צו מיר. האָסט צו מיר גע־שמייכלט, אָבער דיין שמייכל איז געווען אַ פֿאַרשאָטנטער, אַן אומקלאָרער, אַזאַ וואָס יעדע רגע האָט מען אים אַנדערש געקענט אויסטייטשן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאָזיקער שמייכל מאָנט עפּעס און זאָגט אין דער זעלבער צייט: אַזאַ, ווי דו האָסט מיך געקענט, אַזאַ בין איך אומגעקומען. האָב גאָרניט באַקומען פֿון לעבן און גאָרניט געגעבן דעם לעבן.

איז געווען עפּעס אַ שייכות צווישן בלומען און דעם אומ־באַקאַנטן סאָלדאַט? אַ געוויסער, כאָטש ניט־לאָגישער פֿאַרגלייך איז יאָ געווען. ביי מיר אין דער מחשבה האָט געהאַלטן אין איין בויערן: געווען אַ בלומע, וואָס האָט זיך אַ לעבן געראַנגלט. זי איז געווען אַ מאַמע, וואָס האָט ליב געהאַט אירע קינדער; זי האָט געאַרבעט פֿון אירע סאַמע קינדערשע יאָרן; מיט אירע צוויי הענט געהאָלפֿן באַוועגן דעם ראָד פֿון דער צייט און אליין ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס זי האָט דער וועלט צושטייער געגעבן. בלומע איז אומגעקומען און איז פֿון קיינעם ניט באַווײנט געוואָרן, פֿון קיינעם ניט דערמאָנט געוואָרן, ווי עס וואָלט ניט געווען קיין בלומע!

איך טראַכט: בלומע אליין וואָלט געזאָגט: ווער און וואָס בין איך מען זאָל מיך באַקלאָגן? ביי איר לעבן האָט זי דאָך אזוי ווייניק געמאָנט. זי האָט ניט געהאַט קיין צייט צו מאָנען, ניט געהאַט קיין צייט זיך אַליין דערמאָנען, און דאָך! — האָט דאָך באַנטשע

שוויג אויך פון לעבן געאַרניט געמאַנט, פונדעסטוועגן האָט זיין נשמה „דערלאַנגט אַזש צום כסא הכבוד!"

ווי באַנטשע שוויג ביסטו, בלומע, און ווי אַזאַ וועסטו בלייבן! אמת, באַנטשע איז געווען אַ סך מזלדיקער פון דיר. ער איז פאַר־אייביקט געוואָרן פון אַ פאַראייביקטן, און אים איז באַשערט געווען צו שטאַרבן מיט אַ מענטשלעכן טויט. אָבער דו, בלומע, ביזט פון די פאַראייביקטע פאַרזגן געוואָרן און ביסט ניט געשטאָרבן, נאָר די ווילדע חיה אין מענטשן־געשטאַלט האָט דיך, אינאיינעם מיט עטלעכע טויזנט יידן פון דיין שטעטל, אריינגעשלעפּט אין שול, וואו די פלאַמען האָבן אַלעמען פאַרשלונגען.

ניט קיין מצבה וויל איך דיר דעריבער שטעלן ביזט אַליין דער מאָנומענט!

...איך זע דיך, בלומע, ווי איך האָב דיך געזען מיט פיל יאָרן צוריק. איך זע דיך ביים שפּול־רעדל. דיין רעכטע האַנט דרייט דאָס רעדל שנעל, אַז עס איז שווער צו כאַפּן מיטן אויג, וועלכע איז דאָס רעדל און וועלכע די האַנט. פון גיכקייט פייפט דאָס רעדל ווי אַ ווינט. גייט די אַרבעט גוט, דער פאָדים רייסט זיך ניט, זיינען דיינע אויגן האַלב־פאַרמאַכט, און די פּולע באַקן בליען ווי אַ זון וואָלט זיי באַשטראַלט; רייסט זיך דער פאָדים איבער, פלאַנטערט זיך, עפּנסטו ברייטלעך דיינע אויגן און פינטלסט מיט נאָסן אומגעדולד.

איך געדענק דאָס לידל, וואָס דו האָסט געזונגען, ווען די אַרבעט איז ניט געגאַנגען גלאַט:

אוי, אין דרויסן גייט אַ רעגן,
אין דרויסן בלאָזט אַ ווינט —
ניט רו, מאַמעניו, אין דיין קבר,
נאָר טו זיך מיען פאַר דיין קינד!

איך געדענק דיך אביסל שפּעטער. האָסט שוין געהאַט אַ מיידעלע לעבן דיר און אויך אַ שטאַרקן, קאַפּריזנעם הוסט, וואָס האָט דיך ניט אָפּגעלאָזן בעת דער אַרבעט. נאָכדעם ווי דו פלעגסט זיך פאַרהוסטן האָסטו זיך פאַרענטפערט עלעהיי האָסט עמיצן ווייַ געטאָן. דיין קינד, נאָך קיין יאָר ניט אַלט, איז געזעסן אויף דער ערד, ארומגערינגלט מיט פעקלעך וואָל, כדי עס זאָל זיך חלילה ניט צעשלאָגן אויב עס פאַלט. דאָס קינד, ווי דו — אויך אַ פּולע, מיט ליכטיקע אייגעלעך און בעקעלעך ווי פרילינג־קנאָספּן. אַ

פרישע ליכטיקייט האָט דאָס קינד געשפּרייט ארום זיך. איז עס געווען זאַט, שפּילעווודיק, האָט דיין פּנים געזוניקט; איז די קליינע געוואָרן מיד, געגומען רייבן מיט די פולע הענטלעך די אייגעלעך און נאָכדעם געגומען שרייען, — האָט דיין פּנים אָנגעהויבן פאַר־וואָלקנט ווערן און דאַן האָסטו צום קינד גערעדט ווי צו אַ גרויסן...

גערעדט האָסטו, בלומע, צום קינד: „באַלד, באַלד! סערצע! באַלד, מאַמעלע! אָט נעם איך דיך. איך בין שוין פאַרטיק". און אַז די קליינע האָט זיך ניט געלאָזט איינגעמען, געשריגן אויף די העכסטע טענער, האָסטו זי גענומען אויף דיין שויס, איר פאַר־שטופּט דאָס מיילעכל, און אַזוי האָסטו מיטן קינד אויף די הענט ווייטער געדרייט דעם ראָד, און דערביי יעדער מאָל געוואָרפן אַ בליק צו דער טיר, צי דער באַלעבאָס קומט ניט אריין. אים איז ניט געווען צום הארצן, וואָס דאָס קינד נעמט ביי דער מאַמען צו „זיין" צייט.

איך געדענק: האָסט מיר אַמאָל דערציילט: דיין מאַמע איז געשטאָרבן, ווען דו ביסט נאָך קיין צוועלף יאָר ניט אַלט געוואָרן. דו האָסט דער מאַמעס אָרט פאַרנומען. ביסט געוואָרן אַ מאַמע צו די ברעקלעך קינדער, פינף יתומים. דיין טאַטע, אַ בעל עגלה. ער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. דיין מאַן האָט דיר דער טאַטע געבראַכט פון ערגעץ ווייט. ער איז געווען ניט קיין שלעכטער מענטש, אויך אַ פורמאַן. נאָר אַז דאָס צווייטע קינד איז ביי אייך געבוירן געוואָרן, האָט ער געזאָגט, אַז ער בענקט נאָך זיינע טאַטע־מאַמע. ער איז אַוועק און האָסט אים שוין מער ניט געזען.

איך געדענק אויך: דו זיצסט ביים רעדל. שנעל־שנעל דרייסטו דעם ראָד, אַ קונציקע געשווינדטקייט. די קליינע לעבן דיר קוועלט אָן פון דיינע קונצן. זי פּאַטשט מיט די הענטעלעך, שפּריצט מיטן פּיסקעלע, פּלאַפּלט און שאָקלט זיך, גיך־גיך, ווי זי וואָלט וועלן אָניאָגן דער מאַמעס הענט. פּלוצלונג וואַקסט אויס דער באַלעבאָס. אויף זיין פּנים — אַ בייזקייט, אויף דיין פּנים — אַ געלבלעכע בלייכקייט. ער גייט צו נאָענט. עס דאַכט זיך, אַז באַלד־באַלד און ער וועט נעמען שיסן מיט פייער ווי אַ וואולקאַן, אָבער ווי זיינע אויגן באַגעגענען זיך מיט די שפּילעווודיקע אייגעלעך פון קינד, אַזוי

באַלד פֿאַרקערעוועט ער אויף צוריק און אויף זיין פּנים אַ שמייכל, וואָס ער וויל באַהאַלטן.

פֿאַר דער טובה צו לאָזן האַלטן לעבן זיך דאָס קינד, האָסטו געמוזט אָפּצאָלן מיט נאָך שעהן אַרבעט, מיט נאָך שווערער פּראַצע, האָסט מורא געהאַט פֿאַרן באַלעבאָס, אָבער האָסט ניט געוואָלט, ער זאָל קוקן אויף דיין קינד, האָסט מורא געהאַט פֿאַר אַ ביין אויג;

עס איז מאָדנע: איך געדענק דיך אַ שטענדיק־שמייכלענדיקע, איך געדענק דיך אַ שטענדיק גיכע. שנעל האָסטו געאַרבעט, שנעל גערעדט. האָסט זיך פֿאַר מיר קיינמאָל ניט באַקלאָגט וועגן איינזאַמקייט. ווייס איך ניט, צי דו האָסט אין די נעכט זיך יאָ אָדער ניט געוואָרפֿן אויף דיין אָרעם בעטל, געבענקט נאָכן מאַן און תּפֿילה געטאָן, ער זאָל זיך אומקערן; אָדער האָסט גאָר געשאָלטן, פֿאַרשאָלטן די שעה וואָס ער האָט זיך אַריינגעמישט אין דיין טרויעריק לעבן.

אין מיין זכּרון האָט זיך איינגעקריצט דאָס שטיבל אין וועלכן האָסט געוואוינט. דאָס שטיבל האָט אויסגעזען ווי אַ שטאָל. עס איז געשטאַנען הינטערן שטאָט, צווישן שיכּורים. עס האָט זיך געדאַכט אַז ניט גוטע לויערן דאָרט אָרום און אַרום. צווישן אָט־דעם שטיבל און דער טונקעלער, שטויביקער פֿאַבריק האָסטו דיינע יונגע יאָרן צעטיילט. שבתים און יום־טובים האָסטו אָפּגעאַרבעט, כּדי גוט־מאַכן די צייט, וואָס דיין באַלעבאָס האָט דיר באַוויליקט אַראָפּ־נעמען פֿאַר דיין ליכטיק קינד.

ניט פֿאַר דיר, בלומע, האָבן די הימלען געבלויט און די זון געליכטיקט; ניט פֿאַר דיר האָבן די שטערן שימערירט, פֿייגעלעך געטרילט; ביסט געווען אָפּגעריסן פֿון דער שיינער נאַטור, דיין לעבן — איינפֿאַרביק; איינגעטונקען אין דער גרויער נויט.

אָרעמקייט, נויט, זיינען ניט תּמיד פֿריידלאָז, אָבער אומעטיק און גרוי איז געווען דיין לעבן, ווי אַלץ וואָלט זיך צו־דיר געקערט מיט דער טונקעלער זייט. קעגן שיקזאַל האָסטו זיך ניט געווערט, ווי אַמאָל באַנטשע שוויג, כאָטש האָסט געלעבט אין אַן אַנדער צייט, האָט דאָך שוין אין דיינע יאָרן איין גרויסער טייל פֿון דער

וועלט אויפגעהעלט. ווען ניט די צעבושעוועטע חיה, וואָלט דאָרט דאָס לעבן נאָך ליכטיקער געווען...

איך בין ניט געווען ביי דיין אומקום, שטייסטו פאַר מיר א לעבעדיקע און ווי אַזאַ שטעל איך דיר אַ מצבה —

אַ מאָנומענט פאַר דער וואָס די וועלט האָט איר ביים לעבן ניט געזונגען קיין לויב.

... און ניט אין די הימלען, פאַר כסא הכבוד, ניט פאַר די גאָלדענע מלאכים, דערמאָן איך דיך, פאַרגעסענע בלומע! נאָר פאַר די מענשן פון דיין מין, פאַר די מענטשן פון אַן אנדער צייט!

דריי מאָל באַגעגנט

די ערשטע באַגעגעניש איז געווען ווען פריידל איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, אין שאַפּ פון פרויען־קליידער. פאַר איר איז דאָן אַלץ געווען ניי און פרעמד. די מענטשן, די אַרבעט — אַלץ האָט זיך אויסגעוויזן פאַרקערט, ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט. זי האָט שוין דאַן געקאָנט אַביסל נייען אויף אַ מאַשין אָבער קיין עלעקטרישע געקוקט, אפילו די קעפּ ניט אויסגעדרייט צו איר. יעדע איז געווען מאַשין האָט זי נאָך ביז דאָן ניט אָנגעזען.

די פריינט האָבן איר פריער אָנגעזאָגט, זי זאָל ניט זאָגן, אַז זי קאָן ניט נייען אויף אַן עלעקטרישער מאַשין. האָט זי ניט אויסגעזאָגט. די דאַמע, וואָס האָט זי גענומען צו דער אַרבעט, האָט איר קאָנטיק אַביסל פאַרדעכטיגט. זי האָט פריידלען צוגעפירט צו אַ מאַשין, פאַנאַנדערגענומען אַ פּעקל מיט שטיקלעך זייד, זיך אַליין אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן שטעפּן. נאָכדעם האָט זי געפרעגט פריידלען צי זי פאַרשטייט וואָס זי טוט. פריידל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, די דאַמע האָט געשמייכלט און איז אַוועק.

פריידלען האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז זייער פּשוט. וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? נאָר אַז זי האָט אַוועקגעשטעלט איר פוס אויפן „טראָט" און די מאַשין איז זיך צעשפּרונגען, ווי אַ ווילד פערד, האָט זי שנעל אַראָפּגעכאַפּט דעם פוס און איז געבליבן זיצן פאַרשעמט און דערשראָקן, זי האָט געמיינט, אַז די אַרומיקע שאַפּ מיידלעך האָבן דאָס צוגעזען, און לאַכן פון איר. קיינער האָט אויף איר ניט געקוקט, אפילו די קעפּ ניט אויסגעדרייט צו איר. יעדע איינע איז געווען פאַרטאָן אין אַרבעט און פריידל האָט קיין פּנים ניט געזען. פריידל האָט זיך געראַנגלט מיט דער מאַשין, וואָס האָט ניט געוואָלט פאָלגן, כאָטש טוט איר עפּעס! מיט די שטיקלעך סחורה איז איר אויך ניט געגאַנגען גוט. זיי האָבן אַלע אויסגעזען ווי איינע, איז איר ניט געווען גוט אויפן האַרצן.

זי איז געזעסן אַ צעקלעמטע, ניט געוואוסט וואָס מען טוט. זי האָט געהאָפט, אַז עמיצער וועט זי באַמערקן און איר קומען צו הילף, אָבער אומזיסט דאָס זוכן. זי האָט ניט אויפגעכאַפּט אפילו איין בליק.

ניט ווייט פון פריידלס מאַשין, אַביסל אין דער זייט, זיינען געשטאַנען דריי מאַשינעס, ווי אַ קמץ. אויף די מאַשינעס האָבן געאַרבעט דריי יידישע מיידלעך. איינע פון זיי, מיט אַ בלאָנד, געקרייזלט און חנעוודיק קעפּל, האָט צוגעצויגן פריידלס זוכנדיקן בליק. דאָס בלאָנד מיידל האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דער מאַשין און אירע באַרקעס האָבן זיך ריטמיש געוויגט פון זייט צו זייט. מיט די פינגער פון איר רעכטער האַנט האָט זי גיך געשאָרט דאָס געוואַנט פון דער סחורה און די לינקע געהאַלטן אויף דער מאַשין. זי האָט געזען ווי די אַרבעט ביי דער בלאָנדער איז אַ שפּיל, און איר מויל האַלט אין איין רעדן צו די אַנדערע צוויי. פריידל האָט געקוקט אויפן דריילינג, געזען מיט וואָס פאַר אַ הנאה זיי רעדן צווישן זיך ביי דער אַרבעט, און זי איז נאָך מער טרויעריק געוואָרן.

זי זיצט נעבעכדיק, הייבט ניט אָן צו וויסן וואָס מען טוט, זי דערפילט אַ קנאה צו יענע גליקלעכע. באַזונדערס האָט זי מקנא געווען דאָס מיידל מיטן שיינעם בלאָנדן קעפּל. עס האָט איר אויסגעוויזן ווי די אַרבעט ביי דער בלאָנדער איז אַ שפּיל, איר מויל — אַ מילעכל, וואָס הערט ניט אויף צו מאָלן.

פריידל האָט געטראַכט, אַז די דערבייאיקע מיידלעך ווילן זיך אויף איר ניט אומקוקן, ווייל זי איז אַ נעבעכל, אַ גרינע.

איר אייגענע אומבאַהאָלפנקייט, האָט זי צוגעשריבן צו די מיידלעך און דאָס האָט זי געקרענקט. דער קנאה־געפיל האָט זיך ביי איר געמישט מיט כעס און עס האָט איר אָנגענומען אַ גרויס רחמנות אויף זיך אַליין. ווען זי וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט זי זיך צעוויינט אויפן קול. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי זיינען דאָס מענטשן אַזוי געמיין? אַז זיי קוקן זיך אַפילו ניט אום אויף אַ צווייטן, וואָס זיצט דאָ ניט ווייט, און מוטשעט זיך?

דער כעס איז געוואָקסן אין פריידלען פון מינוט צו מינוט. זי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז אַרבעטן אין דעם שאַפּ וועט זי בשום אופן ניט! זי האָט איינגענירט איר קאָפּ אין פּעקל סחורה, געפּרוּווט פאַמעלעך אָנרירן מיט אַ פוס די ווילדע מאַשין, זיך אָנגעשטרענגט צו קאָנטראָלירן דעם מעכאַניזם, ער זאָל זיך ניט צעשפּרינגען. אַזוי האָט זי, קוים מיט צרות, דערלעבט מיטאָנצייט, ווען זי האָט זיך גענומען אַרויסשאַרן פון שאַפּ. ווען פריידל איז פאַרבייגעגאַנגען אויפן וועג צו דער טיר, די מיידלעך, האָט

איר אויער אויפגעכאַפּט עטלעכע ווערטער, וואָס די בלאָנדע האָט געזאָגט: „מיר מאַכן פּראָגרעס! איר זעט דאָך ווי מיר פּראָגרעסירן!

„פּראָגרעס״ איז אַ פאַרגעשריטן און אינטעליגענט וואָרט, האָט פריידל באַשלאָסן, אַז די דאָזיקע מיידלעך זיינען אינטעליגענט. ווער ווייסט? — איז אַנגעפלויגן אַ געדאַנק, — „אפשר אי זעס גאָר איר אייגענע שולד, וואָס די מיידלעך האָבן זי ניט באַמערקט? געווען אַ טעות, געדאַרפט זיך אַליין ווענדן צו זיי! ווי עס זאָל ניט זיין! אַרבעטן דאָ וועט זי שוין ניט!״

יאָרן זיינען אַוועק. פריידל וואָלט שוין לאַנג די מיידלעך פאַרגעסן. זי האָט געהאַט גענוג אייגענע פּלאַנטערנישן, און ניט געקענט טראַכטן וועגן אַרום.

אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג האָט פריידל דערהערט, ווי מען שרייט אויף דער גאַס: „עקסטראַ״! עקסטראַ!״ זי איז אַראָפּגעלאָפן אין גאַס, געקויפט אַ יידישע צייטונג און געלייענט די מגילה פון פייער, וואָס האָט פאַרצערט אַרום דריי הונדערט יונגע מענטשלעכע לעבנס, מערסטנס מיידלעך. פריידל איז אַזוי דערשיטערט געוואָרן, זי איז אַזוי געווען געדריקט, אַז איר לעבן איז כמעט געווען אין געפאַר. זי האָט כסדר געזען פאַר די אויגן די מיידלעך, אַרומגעכאַפּטע פון די פלאַמען; געזען ווי זיי שפּרינגען פון די פענצטער. זי האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון די צייטונגען, וואָס האָבן געשילדערט די איינצלהייטן פון דער גרויליקער טראַגעדיע. די טראַגישע סצענעס האָבן זיך איינגעגעסן אין איר נשמה און זי ניט געלאָזט רוען.

אין די פרימאָרגנס איז זי געשטאַנען אין פענצטער און ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון די אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרביי־געגאַנגען. יעדע אַרבעטער מיידל, וואָס איז דורכגעגאַנגען און געטראָגן אַ פּעקל עסן, אויפן וועג צום שאַפּ, האָט זי באַוויינט, ווי יענע וואָלט געגאַנגען צו איר אייגענער לויה.

פריידל האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען פאַר צער. איר איינציקע טרייסט זיינען געווען אירע צוויי קליינע קינדער.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט פריידל געלייענט וועגן אַ טרויער דעמאָנסטראַציע נאָך די אין טרייענגל־פייער אומגעקומענע. זי איז אַוועק צו דער דעמאָנסטראַציע.

ס׳איז דעמאָלט געווען אַ גרויער קאַלטער טאָג. אַ שיטער און שטעכיק־שפּיזלדיק רעגנדל האָט געמראַקעט, אָנגעהויבן און אויפגעהערט, ווי עס וואָלט זיך געדרייצט. פריידל איז געקומען צו דער דעמאָנסטראַציע צו פרי. זי האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן. זי האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס די מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט, זיינען געווען גלייכגילטיק און קאַלט צו דער טראַגעדיע. מאַנכע האָבן געלאַכט, געטומלט, ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט. פריידל איז געלאָפן פון איין ראָג גאַס צו אַ צווייטן, ביז זי האָט דערהערט די קלאַנגען פון אַן אָנקומענדיקן אָרקעסטער. זי איז שוין געווען אויסגעשעפּט פון אַרומדרייען זיך און צעבראָכן פון דער נאַסער קעלט. מיט די לעצטע כחות האָט זי זיך דורכגעריסן דורך דער ענגשאַפט, געוואָלט זיין נאָענט, אריינזאַפּן אין זיך דעם גאַנצן טרויער, איבערלעבן אַלץ מיט איר האַרץ און נשמה.

די אָנקומענדיקע, מאַרשירנדיקע דעמאָסטראַציע האָט מיט זיך געדאַרפט פאַרשטעלן אַ לויה נאָך עטלעכע הונדערט קרבנות, קינדער, טעכטער, כלות. דאָ זיינען געווען עלטערן, טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע, וואָס האָבן פאַרלוירן קינדער, אייניקלעך. פריידל איז ווי עלעקטריזירט געוואָרן פון דער שוואַרצער פּראָצעסיע. די מענטשן אין שוואַרצן מיט געבויגענע קעפּ, האָבן געשלעפּט זייערע מידע פיס אין דעם ריטם פון די טרויער־טענער און דער לויה־מוזיק. צום אָנהויב האָט זי געשפּירט, ווי יעדע האָר פון איר קאָפּ רייסט זיך, און דער קנויל טרערן האָט זי געוואָרגן אין האַלדז, ביז דערשטיקט ווערן!

ביסלעכווייז האָט זיך די טרויעריקע פּראָצעסיע געביטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן יונגע מענטשן, מיט געהויבענע קעפּ, מיט עקשנות אין זייערע פּנימער און קראַפט אין די טריט.

דער פלאַם פון די רויטע פענער האָט געוואָרעמט דעם קאַלטן דרויסן. די פענער האָבן געפלאַטערט, זיך געצויגן צו די וואָלקנס. די פאָן פון פאַראייניקטן אַרבעטער־כח האָט אין פריידלס אויגן אויסגעזען, ווי אַן אַרויסגעשטעלטע, געפּאַנצערטע ברוסט, וואָס באַשיצט אַלץ און אַלעמען.

דריי יונגע בחורים האָבן געטראָגן אַ פאָן. פאַראויס פון די פאָנען־טרעגער זיינען געגאַנגען אין איין ריי אַ יונגער מאַן און

צוויי מיידלעך. איינע פון די מיידלעך האָט פריידלען אויסגעזען קענטלעך. זי האָט זי באַלד דערקענט. דאָס איז זי, דאָס בלאָנדע מיידל פון אַמאָליקן „שאַפּ"! זי מיטן געקרייזלטן הנעוודיקן קעפּל. זי האָט זי דערקענט אינעם ריטמישן וויג פון אירע באַרקעס, גענוי ווי דעמאָלט, ווען זי איז געזעסן און געשטעפּט ביי דער מאַשין. אויף דער בלאָנדערס פּנים איז איצט געלעגן אַ טיפער ערנסט. אין איר גאַנג איז געווען אַנטשלאָסנקייט. פריידלען האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד־באַלד, און פון דער בלאָנדערס מויל וועלן זיך אַרויס־רייסן די ווערטער: „מיר מאַכן פּראָגרעס!"

ווי אַמאָל אין שאַפּ, אַזוי האָט זיך איצט אויך פריידל דערפילט קליין און נישטיק אַנטקעגן דער בלאָנדער. עס האָט איר אַזש אָנ־גענומען אַ רחמנות אויף זיך. דאָ, שטייט זי אַליין און באַטראַכט די טרויעריקע סצענע, און יענע מאַרשירט מיט אַזאַ פעסטן טראַט.

נאָך יאָרן זיינען אַוועק. אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג איז פריידל געגאַנגען צוריק פון דער אַרבעט. עס איז געווען אַ מאַיאיקער נאָכמיטאָג. פריידלען איז איצט געווען גרינג אויפן גוף און גרינג אויף דער נשמה. עס איז מאַי, פרילינג, וואַרעם. מאָרגן איז זונ־טאָג און מען דאַרף ניט גיין צו דער אַרבעט. באַלד וועט זי זיך געפינען אין איר גאַס און געוואוסט, אַז באַלד וועלן אירע קינדער איר אַנטקעגנלויפן. זי האָט געשפּאַנט מיט געמאָסטענע טריט און האָט באַטראַכט דיביימער, וואָס זיינען ערשט נעכטן, דאַכט זיך, געווען נאַקעט און רוי, און איצט — אַזאַ רחבות פון גרינס! דער שבועות האָט דאָ, אין פּאַרק, אַרויסגעזוגנגען פון יעדן בלעטל אויף אַ בוים. פריידל האָט געטראַכט: ווי גוט וואָלט געווען, ווען עס וואָלט געווען שבועות אַ גאַנצער חודש.

ביים אַרויסגאַנג פון פּאַרק האָט זי באַמערקט אַ פרוי, וואָס איז געזעסן אויף אַ קעסטל. דער פרויס פּנים האָט זי ניט געקאָנט זען. אָבער דאָס בלאָנדע, געקרייזלטע קעפּל האָט זי אין עפּעס דער־מאָנט. —יאָ, דאָס איז זי! ווידער די זעלבע פון אַמאָליקן שאַפּ! די בלאָנדע איז געזעסן מיט צונויפגעדריקטע שפּיציקע קני. די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויף די קני און די הענט, די צעשפּרייטע פינגער האָט זי געהאַלטן קעגן דער זון. ווען זי האָט דערזען פריידלען, האָט זי זיך אַ דריי געטאָן אויפן קעסטל, געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דערזען אַז דאָס איז אַ פרעמדע האָט זי געשוויגן.

פריידל האָט מער ניט געקוקט אויפן צעגרינטן יום טובדיקן פּאַרק, אויף דער רחבותדיקער גרינקייט. זי האָט זיך געשטעלט און לאַנג געקוקט אויף דער בלאָנדער. זיך געוואָלט איבערצייגן צי דאָס איז טאַקע „יענע". אויף דער בלאָנדערס פּנים האָט זי, פריידל, ניט געקענט זען דאָס וואָס זי האָט אַמאָל געזען. די בלאָנדע איז געזעסן פאַרקוקט אויפן האָריזאָנט, געזעסן געשפּאַנט, ווי זי וואָלט איבערלעבן די ווייטע און נאָענטע פאַרגאַנגענהייט.

זי האָט דערוואַרט די בלאָנדע זאָל צעוויגן איר געקרייזלט קעפּל און זאָגן די זעלבע ווערטער, וואָס אמאָל ביי דער מאַשין, יענע ווערטער, וואָס האָבן זיך איר, פריידלען, אַזוי איינגעקריצט אין זכרון: „מיר מאַכן פּראָגרעס!"

פריידל האָט געשפּירט, אַז די, וואָס זיצט אויפן קעסטל, מיט פאַרשטייפטע קני, יאָגט איבער די גייענדיקע פריידל!

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט

וועןֿ פראַגער איז אָנגעקומען אויפן זומער־פלאַץ האָט ער זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. וואָס מער דער עולם אַרום האָט געיובלט, געטומלט, געלאַכט, אַלץ מער האָט עס אים געהויבן פון אָרט. נאָכדעם האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אין אַ וויג־שטול, האָט זיך אַביסל באַרואיקט און זיך געוואָלט אויסלייטערן פון אַ מין ניט־קלאָרקייט. ניט געשטערט פון דער אַרומיקער רעשיקייט, ווייל אַ טויבע וואַנט האָט געשאַפן אַ מחיצה צווישן אים און די אַרומיקע, האָט זיך פראַגער געקענט אַריינלעבן אין זיין קליין וועלטל, איבערלעבן די ווייטע און נאָענטע פאַרגאַנגענהייט.

ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען. ווען איז דאָס געשען? ווען האָט מען אָנגעהויבן רעדן צו אים אין דער פאַבריק אויף אַ הויך קול?

צום אָנהויב האָט פראַגער געמיינט, אַז מען שרייט, ווייל ער הערט ניט וואָס מען זאָגט אים, צוליב זיין טראַכטן וועגן זיין היים, ווייל ער איז אין געדאַנק דאָרט, ביי איר. ער האָט זי דאָך קיין איין מינוט פון געדאַנק ניט אַרויסגעלאָזט. שטענדיק האָט ער געזען אירע ווייטיקפולע אויגן קוקן אויף אים און בעטן: „העלף מיר". כאָטש אין דער אמתן, האָט זי דווקא זייער געוואָלט אויס־באַהאַלטן פון אים אירע ווייטאָגן. ער האָט זי אָבער געהערט זיצנדיק ביי דער מאַשין. ער האָט געהערט ביילקען הינטער דער טיר, זי געהערט ווען ער איז אַרויף אויף די טרעפּ.

אַז זי האָט אים געזען אַריינקומען, פלעגט זי מיט איין האַנט פאַרשאַרן די האָר אויפן שטערן און די צווייטע געצויגן צו אים. איר אָפּגעצערט קליין הענטל איז שטענדיק געווען טרוקן און הייס.

זי האָט געהאַט אַ וואַך קול. זי האָט מיט קיינעם ניט גערעדט, נאָר אים האָט זי אַלעמאָל געהאַט עפּעס וואָס צו דערציילן. ער האָט זיך ניט געדאַרפט אָנשטרענגען זי צו דערהערן כאָטש איר ריידן איז געווען ניט מער ווי אַ שעפּטשען.

עס איז געווען זיין טאַטע, וואָס האָט איר פאַרלייכטערט די לעצטע טעג. ביז ביילקעס קראַנקהייט האָט זיך זיין טאַטע זעלטן

ווען באַוויזן ביי זיי אין שטוב. אַ גוטער טאַטע! ווער וואָלט געקענט גלויבן, אַז דאָס קליין מענטשל האָט פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ כח? און אפשר האָט ביילקע געהאַט אין זיך אַזעלכעס וואָס קיין מענטש האָט ניט געקענט פאַרבייגיין? איז עס נעווען שיינקייט? — ניין; טאָקע זיין טאַטע האָט וועגן איר געזאָגט: די ציכטיקייט פון איר נשמה באַשיינט איר פנים!

פראגער האָט צונויפגענומען די הענט, זיך צעשאָקלט אין וויג־שטול און געקוקט אויף זיינע שווערע, גרויסע פיס. ער איז גע־קומען אַהער זיך נעמען אין די הענט און שטעלן אויף די פיס. די עצה צו פאָרן אַהער האָבן אים געגעבן גוטע פריינט. קוקט ער איצט אויף די פיס און הייבט אָן גלויבן אין זיי.

פראגער האָט איצט געטראַכט וועגן טאַטן: וויאַזוי איז געקומען דערצו, אַז זיין פרומער טאַטע זאָל זיך אַרויסכאַפּן מיט ווערטער קעגן גאָט? האָט זיך דאָך זיין טאַטע שטענדיק באַמיט איינצופלאַנצן אין אים און אין ביילקען בטחון? ביילקע האָט זיך תמיד מיט אַזעלכע קינדעריש־נייגעריקע אויגן צוגעהערט צום שווער און זיינע רייד וועגן בטחון אין גאָט, מער ווי אין דאָקטאָר! און וויפיל מאָל האָט איר דער טאַטע איינגעשלעפערט מיט זיינע פרומע תפילות?

עס איז געווען אין יענעם פרימאָרגן. נאָכדעם ווי ביילקע איז שטיל איינגעשלאָפן אויף אייביק. דורך דער גאַנצער וואָך פון שבעה האָט ער מיטן טאַטן קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, ווי ביידע וואָלטן פון צער פאַרשטומט געוואָרן. נאָר אַ טאָג נאָכן אויפשטיין שבעה, אינדערפרי, האָט די זון, אַ ניט־געבעטענע, זיך אַריינגעריסן דורך די צוויי פענצטער און אויסגעלאַכט די פאַריתומדיקייט אין צימער. די ליידיקייט האָט אויף אים שווער געדריקט.

עס האָט זיך געעפנט די טיר און דער טאַטע, אַ מידער, אַ בלייכער, איז אַנטקעגנגעגאַנגען מיט פאַנאַדערגענומענע הענט, ווי ער וואָלט געמאָנט אַ חוב, וואָס עמיצער איז אים שולדיק געבליבן. די זון האָט מיט איר ליכטיקייט אויפגעריסן די פוסטקייט אין צימער, און דער טאַטע האָט גערעדט, ווי ער וואָלט פאַרענדיקט אַ וויכוח, וואָס ער האָט שוין פריער אָנגעהויבן.

ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צום זון, געוואָלט מאַכן זיכער, אַז ער הערט אים, האָט אים געקוקט אין די אויגן און שאַרף גערעדט:

„מיין ביט, מיין זון, אַז עס וועט אַמאָל ניט קומען אַ מענטש, וואָס האָט געגוג כח צו דערגרייכן אַזש ביזן כסא־הכבוד און מאָנעןביים רבונו של עולם אַ מין דין וחשבון פאַר זיינע מעשים! עס וועלן אַמאָל קומען אַזעלכע. עס דאַרף נאָר קומען די ריכטיקע צייט!... ביי מיר, מיין זון, האָסטו ניט וואָס צו מאָנען! איך ווייס?״ די לעצטע ווערטער האָט דער טאַטע אַרויסגעזאָגט שטיל און מיט דערשראָקענע אויגן, גלייך ער וואָלט זיך געשראָקן פאַר זיינע אייגענע ווערטער, איז ער אַרויס פון שטוב.

פראַגערן האָט איצט אָרומגענומען אַ רחמנות אויף זיין טאַטן. ער האָט אים געזען, דעם אויסגעדאַרטן יידן, מיט די מענטשלעכע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק עפּעס געמאָנט.

דער טאַטע האָט געליטן מער ווי ער האָט עס אַרויסגעוויזן. געליטן, ווען ער האָט באַמערקט אַז דער זון איז שוואַך אויפן געהער, אַז ער קוקט אים, דעם טאַטן, אין מויל ווען ער רעדט צו אים. ער, פראַגער, האָט געפילט, ווי זיין טאַטע באַטראַכט עס פאַר אַ שטראָף, וואָס איז געקומען אויף אים, ניט אויפן זון.

עס איז געווען ווייטקייט צווישן טאַטע און זון און דאָך זיינען זיי אַזוי נאָענט איינער צום צווייטן! דער פאָטער — אַ ייד וואָס האָט מער געהאַט צו טאָן מיטן ספר, ווי מיטן לעבן; דער זון — אַ מענש פון מעשים, פון אַרבעט.

דער טאַטע האָט געהאַט אמונה, אַז די וועלט וועט דערלייזט ווערן דורך משיח'ן; דער זון האָט געגלויבט אַז די גאולה פון דער וועלט וועט קומען דורך דעם אַרבעטער־קלאַס. ביידע האָבן געגלויבט מיט עקשנות אין זייערע פּרינציפּן. און אַז עס איז געקומען דער צווייענדיקער אומגליק אין זונס לעבן, איז דער טאַטע געווען זיכער, אַז דאָס האָט ער זיך פאַרזינדיקט מיט עפּעס קעגן גאָט און דער זון איז געבליבן מיט דער גרויזאַמער עוולה, וואָס דאָס לעבן האָט אים אָפּגעטאָן.

ווען פראַגער האָט פאַרלאָזן זיין ליידיקע שטוב האָט עפּעס אויפגעפלעמלט אין זיין געדאַנק. דאָס פלעמל איז געווען אַ קליינס, אַ שוואַכס, קוים־קוים צו באַמערקן, אָבער דאָך אַן אָנהאַלט. אפשר, אויפן שויס פון דער נאַטור, אויפן לאַנד, וועט זיך די געדיכטקייט אין זיינע אויערן צעגיין? אפשר?

דער זומער פלאַץ האָט פראַגערן באַגעגנט מיט ליכטיקער

ברייטהאַרציקייט. ער האָט געקוקט פאַרוואונדערט אין דער אַנ־סופיקער ווייטקייט, וואָס האָט זיך געשפּרייט אין אַ יום טובדיקער גרינקייט. פראַגער האָט אַלץ און אַלעמען באַגריסט מיט חידוש, ווי ער וואָלט געקומען פון אַ ווייטער וועלט. ער האָט זיך איבער־געגעבן דער רו, וואָס איז פאַר אים געווען ווי אַ לייכטער שלאָף־געטראַנק.

פראַגער האָט זיך באַמיט פון אַנהויב אָן ניט וויזן די מענטשן זיין פעלער, ניט געוואָלט זיי זאָלן פאַרדעכטיקן, אַז ער הערט ניט וואָס עס קומט פאַר אַרום אים. אָבער לאַנג האָט עס ניט אָנגעהאַלטן. ער האָט אָנגעהויבן מערקן אין די מענטשנס פּנימער, אַז ער איז מיט זיין ניט דערהערן, אַ מין שטער פאַר זיי. כאָטש ער איז אליין ניט געווען זיכער, אַז עס איז טאַקע אַזוי, האָט ער זיך פונדעסטוועגן אָנגעהויבן דערווייטערן פון עולם אַרום אים.

זינט ער געדענקט זיך האָט ער געהאַט צו טאָן מיט מענטשן. ער איז קיינמאָל ניט געווען אַליין. ער האָט זיך שטענדיק געפילט ווי אַ טייל פון אַ באַוועגונג. ס׳איז אים שווער געווען זיך אָפּצו־זונדערן, ווען אַלץ אַרום אים האָט געשוויבלט מיט לעבן. ער איז געלאָפן צו דער גרינער ווייטקייט, געפראוווט זיך באַהעפטן מיט אַן אַלטן בוים, וואָס האָט אים באַגריסט ווי אַ געטרייע אַלטע מאַמע, דעמאָלט האָט זיך אים געדאַכט, אַז טויזנטער בלעטער רוישן אין דער הייך פון זיינטוועגן, און ער הערט זייער גערויש. אָבער באַלד האָט ער זיך אַליין געזאָגט: „עס איז ניט מער ווי אַ חלום!" ער האָט געקוקט אויפן בוים, אויף די וואָרצלען וואָס שפּרייטן זיך ווי פאַרשטיינערטע שלאַנגען און זיך געלאָזט לויפן אַרויף־באַרג, געלאָפן אין דער ווייטקייט, ביז די כחות האָבן זיך אים אויסגעלאָזן.

דאָס אַנטלויפן פון זיך האָט אָנגעהאַלטן אַ פּאָר טעג. שפּעטער האָט שוין פראַגער, אַנשטאָט זוכן מנוחה אינעם דרויסן, גענומען זוכן אין זיך און ער האָט אַנטדעקט קוואַלן, אוצרות, ניט־אָנגערירטע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך געלאָזט אָפּפרישן, זיך אויסגעברייטערט.

די געדאַנקען האָבן אַרויפגעבראַכט זכרונות פון אַמאָל. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט אַלס פּופּצן יאַריק ייִנגל געאַרבעט אין אַ קראָם, אַלס אַ שיק־ייִנגל. זיינע עלטערע חברים האָבן אים אַריינגענומען אין זייערס אַ קרייז, וואו מען האָט געלייענט

פאַרבאַטענע ביכלעך, גערעדט וועגן פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלעמען.

אין שטאָט האָט מען זיך דאַן געגרייט צום ערשטן מאַי. מען האָט אים אָנפאַרטרויט צו פאַרשפרייטן פראָקלאַמאַציעס. עס איז געווען צוויי טעג פאַרן אַרבעטער יום טוב און צוליב זיין מיסיע, איז קיינער צו אים ניט געווען גלייך. ער האָט די מיסיע אויסגעפירט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן אויסטיילן די פּראָקלאַמאַציעס, איז שוין געווען שפּעט נאַכט. ער איז געגאַנגען אַהיים אַ גליקלעכער און זיך פאַרגעשטעלט אין דער פאַנטאַזיע, ווי אַלע לויבן אים פאַר דער גוטער אַרבעט.

מיטאַמאָל האָט אים עמיצער אָנגעכאַפּט ביים האַלדז; —

„סטאָי!" ער האָט דערזען צוויי זשאַנדאַרן. — „פונוואַנען שלייעט זיך אַזאַ שנעק שפּעט ביינאַכט? זאָג פונוואַנען גייסטו?" ער האָט געקוקט טאַמעוואַטע אויף די זשאַנדאַרן און ניט אַרויסגעבראַכט קיין וואָרט פון מויל. זיי האָבן אים שטאַרק געשלאָגן און אים פאַר־שלעפּט אין דער שטאָטישער תּפיסה, אַריינגעשטופּט אין צעל. געכאַפּט דעם אמתן פאַרברעכער!

פראַגער האָט געשמייכלט ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם תּפיסה־קעמערל, וואָס איז געווען דריי שפּאַן די גרויס. אין די ווענט, גלאַטע ווי געמאַכט פון אייז און אין קליינעם פענצטערל אין דער הייך, אַזש ביז דער סטעליע. ער האָט געזען, אַז דערגרייכן דאָס פענצטערל וועט ער ניט, זיך אַרויסבאַקומען פונדאַנען וועט ער בשום אופן ניט. איז אים איינגעפאַלן מאַכן קולות. ער האָט זיך באַלד צעשריגן מיט באַנומענע קולות, אָבער עס האָט זיך געדאַכט, זיין קול איז צוריקגעקומען ווי אַ פרעמד קול, ווי עמיצער וואָלט געשטאַנען הינטער דער וואַנט און אים נאָכגעשריגן. דאָס איז אים געפעלן געוואָרן. אַ שפּיל אַזאַ!

דער סוף איז געווען, אַז מען האָט אים באַטראַכט פאַר אַ צעדרייטן ייִנגל און אים אַרויסגעטריבן פון דער תּפיסה...

די מענטשן אויף דער טעראַסע האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן. פון צייט צו צייט האָט זיך צו אים דערטראָגן עפּעס אַן אומקלאָרער ראַץ פון ווערטער. אָבער מער ניט. אַלץ איז דאָ אַרום שטיל געוואָרן, אין דער שטילקייט פונעם אַרום איז פראַגערן געווען אַזוי גוט!

„האלאָ בוטש"

כאַטש ער האָט שוין אַריינגעלעבט אין אָט־דער פּרנסה שיינע עטלעכע צענדליק יאָר, און ער האָט זיין פאַך געירשנט פון זיין טאַטן, און כאָטש זיין זיידע, פון מאַמעס צד, איז אויך געווען אַ קצב, האָט ער פונדעסטוועגן אַלע זיינע יאָרן, זינט ער געדענקט זיך, געהאָפט, געבעטן ביי גאָט, ער זאָל זיך אַמאָל אַרויסדרייען פון דער קצבישער מלאכה.

ביי זיך אין שטעטל האָט ער געוואוסט, אַז ער וועט שוין פון הינטער דער יאַטקע־קלאָץ ניט אַרויסקריכן. דאָרטן, אַפילו ווען ער וואָלט זיך גענומען צו עפּעס אַנדערש, וואָלט די יאַטקע־קלאָץ זיך סיי ווי נאָכגעשלעפּט נאָך אים. איין מאָל אַ קצב — תמיד אַ קצב ! מען ווערט געשטעמפּלט מיט דער מלאכה און מען טראָגט שוין דעם שטעמפּל ביזן קבר. געווען אין שטעטל אַזעלכע, וואָס האָבן זיך יאָ פון דער מלאכה אַרויסגעדרייט, אָבער מען האָט זיי ניט געלאָזט פאַרגעסן, אַז זיי זיינען געווען קצבים, און מען האָט זיי נאָכגעשיקט דעם נאָמען קצב ביז אין טויט אַריין : שמעון קצב, בערל קצב, מוני קצב. אַפילו די קינדער האָט מען גערופן : פריידל דעם קצבס, שיינדל דעם קצבס, כאָטש זייערע עלטערן, די קצבים זיינען שוין געווען אויף יענער וועלט. די קצבים האָבן געדאַוונט אין קצבישן מנין, און אַז מען האָט געמאַכט אַ שמחה, אָדער חלילה אַ לויה, האָט מען גערופן די קצבים, ווי די הויפּט־מחותנים.

ווען ראַלקין איז געקומען אין נייעם לאַנד, איז ער געווען זיכער, אַז ער וועט זיך צו דער קצבישער מלאָכה ניט צורירן. אַ ניי לאַנד — אַ ניי לעבן ! — האָט ער געזאָגט זיין ווייב און זי האָט מיט אים מסכים געווען. זי האָט אויך געוואָלט זיין מיט לייטן גלייך. האָט מען גענומען זוכן. מען האָט זיך געטראָפן מיט לאַנדסלייט. אָבער זיי זיינען אויך געווען קצבים, אַלע ווי איינער ! ווי אויף צו־להכעיס האָבן זיך דאָ אַלע גענומען צו דער היימישער מלאכה. משה ראַלקין האָט זיך אַ שטיק צייט געראַנגלט מיטן דלות, און זיך לסוף געמוזט נעמען צו זיין אַלטער מלאכה. מיט זיינע צוויי געזונטע הענט און זיין געירשנטער געניטקייט, האָט ער ביי יענעם קיין סך צייט ניט גענדאַרפט אַרבעטן. ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און משה

ראַלקין איז געשטאַנען אין אַן אייגענער ציכטיקער יאַטקע. די ווייבער זיינען געקומען. ראַלקין איז בטבע געווען אַ גוטמוטיקער, אַ באַרעדעוודיקער, זיך ניט געאײַלט און האָט אַרויסגעוויזן געדולד און אויסגעהערט וואָס די ווייבער האָבן דערציילט. ער האָט זיך איינגעלעבט אין פאַך. זיין ווייב האָט געזאָגט: ווען ניט דאָס ווערימל, וואָס טאַטשעט אים, ווען ניט זיין רייסן זיך אַ גאַנץ לעבן צו עפּעס, וואָס ער אַליין ווייסט ניט, וואָלט מען מיט גאָטעס הילף אויסגעקומען.

ראַלקין אַליין האָט זיך ניט אונטערשאַצט. ער האָט געוואוסט, אַז ער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס, וואָס הייבט אים אַרויס פון דעם געוויינלעכן מין קצב, וואָס האָט כסדר אין זינען איין זאַך: געלט! ראַלקין האָט געהאַט זיין אייגענע מאָראַל, אַן אייגענע מאָס, געוואוסט ווי ווייט אַ מענטש קאָן זיך לאָזן אריינציען אין דעם הו־האַ! געלט, האָט ער געטראַכט, איז טאַקע אַ גוטע זאַך, אָבער פאַרקויפן די נשמה דאַרף מען ניט! און די ווייבער האָבן טאַקע באַלד אויסגעפונען, אַז אויב ראַלקין זאָגט „פריש" מעג מען אים גלויבן, אַז ער זאָגט: „כשר" איז — כשר!

ראַלקין פלעגט זיך טיילן מיט זיינע קונים מיט די דער־פאַרונגען, וואָס ער האָט געהאַט אין די אַמעריקאַנער שלאַכט־הייזער. ער האָט זיך געקלאָגט, אַז מען האָט אים דאָרטן ניט צו פיל ליב, אַז ער האָט שוועריקייטן ביים באַקומען פלייש, ווייל אים קאָן מען ניט אָפּנאַרן — פאַרקויפן פאַדלע און ווייזן אַ שטעמפּל... ער קאָן זיך אויס אויף זייערע שטעמפּלען... מען האָט אים געגלויבט, ווייל זיינע גרויסע, אביסל רויטלעכע און פאַרטרערטע אויגן, זיינען געווען קינדעריש, אמתדיק. ביי א סך קונים האָט זיך אפילו געשטעלט די פראַגע: „ווי קומט גאָר אַזאַ איינער צו ווערן אַ קצב?"

ווען ראַלקין האָט ביי זיך געפועלט, אַז קיין אַנדער מלאכה, ווי קצבות, איז אים שוין ניט באַשערט דאָ, אינעם גאָלדענעם לאַנד, האָט ער גענומען לייגן האָפנונגען אויפן נייעם דור.

אַז עס איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע, איז שוין ביי אים קיין ספק ניט געווען, אַז דאָס ניי־געבוירן מענטשעלע וועט זיין זיין דאָס ווייסע פערדל, וואָס וועט אים, דעם טאַטן, אריינפירן אהין וואוהין זיין האַרץ האָט די גאַנצע צייט געצויגן. דאָס נייע מענטשעלע וועט אַראָפּשלעפּן פונעם טאַטן דעם פאַרבלוטיקטן

פאַרטוך און ער, דער קצב, וועט שוין ניט שפּירן די ריחות פון געקוילעטע עופות, נאָר ווערן אַ מ ע נ ט ש, ניט קיין „בוטשער"...
אַט די האָפנונג זיינע האָט ראַלקין אויסגעלייגט פאַרן פיצל קינד, וואָס האָט זיך געצאַפּלט אין זיינע שטאַרקע, קצבישע הענט און געשמייכלט, ווי ער וואָלט געלאַכט פון טאַטנס רייד און זיינע טרוימען.

דאָס איז געווען ביי זיי דאָס ערשטע און לעצטע קינד. מער קיין קינדער זיינען ניט געקומען. דאָס איין־און־איינציק זינדל, דאָס יינגל, איז געווען קורצוואוקסיק. ער איז מער געווען געראָטן אין דער מאַמען. דער בן יחיד איז געוואַקסן פאַמעלעך, און די עלטערן האָבן ניט געהאַט מיט וואָס זיך איבערצונעמען.

די יאָרן זיינען געגאַנגען. מיט דער צייט זיינען ביי דעם קצב די פיס געוואָרן שווערלעך, די באַקן האָבן זיך געצונדן, אָבער זיין שמייכל איז נאָך אַלץ געווען יוגענטלעך, און די האָפנונג האָט אַלץ געטליעט אין די אויגן. עס האָט זיך גערדאַכט. אַז ער זאָגט: „וואַרט, וואַרט! איר וועט זען: איך וועל אייך נאָך איבעררעשן!"

אויף צו־להכעיס דעם טאַטן, האָט דאָס קינד דווקא שטאַרק ליב געהאַט אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער יאַטקע. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיך אַרונטעררוקן הינטערן טיש און שאַרן מיט די הענטלעך די ברעקלעך פון די ביינער וואָס האָבן זיך געוואַלגערט הינטערן קלאָץ. ער האָט זיך פאַרגנבעט און געגלעט מיט די הענטלעך דעם גרויסן האַקמעסער, די זעג, און ווען ער האָט זיך געשפּילט מיט קינדער, האָט ער געשלעפּט די הינער פאַר די פיסלעך, געענוי ווי זיין טאַטע. ווי דער טאַטע האָט ער אויך געמאַכט מיט די הענט, ווי דער קצב איז זיך נוהג צו ווייזן אַ קונה וואָס פאַר אַ פיינע סחורה ער פאַרמאָגט. דער קליינער האָט אפילו נאָכגעמאַכט דעם טאַטנס לשון. ער האָט גערעדט יידיש.

ווען דאָס יינגל איז נאָך געווען אַ קינד, האָט ראַלקין זיך געהאַלטן אין איין בעטן ביים ווייב: „נעם אים אוועק פון דאַנען — ווילסט ער זאָל וואַקסן אַ קצב?" די מאַמע האָט טאַקע געשלעפּט דאָס קינד פון דער יאַטקע, אָבער דער קליינער האָט געבריקעט מיט די פיסלעך, זיך בשום אופן ניט געלאָזן שלעפּן. ראַלקין האָט צוגעזען ווי דאָס קינד טוט אים נאָך און אָפט האָט ער מיט גרויס כעס אַליין דאָס יינגל אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן טומבאַנק.

שבתביים עסן האָט ראַלקין געקנייטשט מיטן שטערן, דאָ געשיקט א בליק צום ווייב, דאָ — צום זון, געוואָלט עפּעס זאָגן, און די ווערטער זיינען ביי אים געבליבן אויף דער צונג. ראַלקין האָט געטראַכט: דאַכט זיך אַ וואויל ייִנגל, אָבער איך האָב מורא, ער זאָל ניט בלייבן ביים טאַטנס פּרנסה! ער פלעגט אָפּשאָקלען פון זיך די טרויעריקע געדאַנקען, ווי מען טרייבט אַוועק אַ בייזע פליג, און האָט געקוקט מיט ליבע אין דעם זונס פּנים: „אַ יאָ, וועסט מיך ניט פאַרשעמען, מיין זון?"

ווען די ווייבער, די „קאַסטימערס", האָבן זיך באַרימט מיט זייערע קדישים ווי פיין און געראָטן זיי זיינען, ווען זיי האָבן אים דערציילט וואָס דער רבי אין תלמוד תורה זאָגט, אָדער וואָס פאַר אַ פיינע דרשה דאָס בר־מצוה ייִנגל האָט אויסגעלערנט, פלעגט דאַן ראַלקין ארונטערלאָזן די אויגן און טראַכטן: איך האָב זיך ניט מיט וואָס צו באַרימען. וועגן מיין זון זאָגט קיינער ניט, ניט קיין שלעכטס און ניט קיין גוטס. און עס פלעגט איבערבלייבן ביים קצב אין הארצן אַ מאָדנע נאָגעניש. ער וואָלט שוין מוחל געווען די ווייבער זייער פריינטשאַפט, אַבי זיי זאָלן אים ניט דערציילן די מעשות וועגן זייערע קינדער.

די געגנט וואו ראַלקין האָט געהאַלטן די יאַטקע, איז געווען אַ קליינבירגערלעכע, ניט גאָר קיין אָרעמע און אויך ניט קיין רייכע. דאָ האָבן געוואוינט ארבעטער, וואָס זיינען שוין לאַנג אין לאַנד, שניידער, קירזשנער, פאַרזיכערונגס־אַגענטן, וואָס האָבן אָפּגעשפּאָרט אַביסל אייגנס, ניט קיין עשירות, אָבער קינדער — פּראָפעסיאָנאַלן, ווי דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן. די מוטערס האָבן זיך געהאַלטן איין באַרימען מיט די קינדער, אויסדערציילט זייער קלוגשאַפט, זייער אינטעלעגענץ. די דאָזיקע באַרימערייען האָבן געעקבערט אין ראַלקינס מוח, זיך געפּלאָנטערט אין זיין געדאַנק, ווען ער איז געגאַנגען אין קעלער אַרויסנעמען אַ זייטל פלייש, אָדער ווען ער האָט געשניטן דאָס פלייש פאַר די קונדן. ראַלקין האָט אויך געוואָלט אריינוואַרפן אַ וואָרט וועגן זיין זון, אָבער ער האָט בלויז געמאַכט מיט די ליפּן, ווי ער קלייבט זיך עפּעס זאָגן און לייגט עס אָפּ אויף אַ צווייטן מאָל. עס האָט אים עפּעס געגריזשעט אין דער טיף, ווען

ער האָט געטראַכט וועגן זיין בן־יחיד. אַ צער אויפן קינד און אויף זיך אַליין האָט אים אַרומגענומען.

— „אַ וואויל יינגל, ניט שייך צו זאָגן! אָבער סתם אַ יינגל, אָן חידושים. באַלד וועט ער פאַרענדיקן פּאַבליק סקול, איז שוין בר־מצוה, וואָס קומט אָבער אַרויס?"

וועגן יינגלס בר־מצוה האָבן די ראַלקינס ניט גערעדט מיט די שכנים, גאַרניט דערמאָנט, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט מיט עפּעס. די עלטערן האָבן געקענט פּראַוועז אַ פיינע שמחה, ווי ביי לייטן, דער דאָלאַר פעלט, ברוך השם, ניט אויס, אָבער עס איז ניטאָ מיט וואָס זיך צו באַרימען! שוין בעסער אַז מען איז שטיל!

דאָס יינגל איז, דאַכט זיך, ניט געוועזן קיין נאַר. ער האָט אָפט געענטפערט דעם טאַטן גאַנץ געשיקט, און דער קצב האָט אים געמוזט געבן גערעכט. למשל, ער וואָלט אויך געוואָלט האָבן אַ גוטן קאָפּ, זיך אויסצייכענען, אָבער אַז ניט איז — ניט! ער וועט שוין זיין וואָס ער וועט זיין!

ראַלקינען איז געגאַנגען אין לעבן זיין זון זאָל זיין געבילדעט. ער האָט געהאָפט, אַז דער זון וועט עלטער ווערן, דערזען ווי ער, דער טאַטע, האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן אין דער יאַטקע, אַרום פליישׂ־קלאָץ, וועט ער פאַרשטיין אַז עס איז ניט קיין תכלית. אָבער די יאָרן זיינען געגאַנגען, ראַלקין איז עלטער געוואָרן. זיין באַנק־ביכל איז אויך געוואַקסן, די פיס זיינען שווערער געוואָרן, און אויפן האַרצן האָט געפרעסט דער אומעט. אָט האָט שוין דאָס יינגל געענדיקט היי סקול. פון צייט צו צייט האָט ער אפילו צוגעהאָלפן דעם טאַטן מיט די חשבונות. דער טאַטע האָט גערעדט צו די ווייבער: „אַדרבה, זאָל ער צוהעלפן אין רעכענען, פאַרדינען אויף זיינע באַ־דערפענישן. דאָס וועט אים העלפן אין קאָלעדזש". — „אַוודאי, ווי דען? ווער גייט עס ניט אין קאָלעדזש? — האָבן די ווייבער גע־ענטפערט — „אויב אַ ייד ווי איר, מר. ראַלקין, זאָל ניט שיקן זיין זון אין קאָלעדזש, איז ווער דען?"

אין געדאַנק האָט ראַלקין אַנגעציילט שיינע עטלעכע פריינט, זיינע לאַנדסלייט, אויך קצבים. אָבער זייערע קינדער האָבן געוויכט פון די יאַטקעס. מאַנכע קינדער האָבן אויסשטודירט אויף דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, מאַנכע האָבן זיך פאַרנומען מיט געשעפט. נאָר זיין זון, קוועלט גאָר אַן פון דער יאַטקע... ווען ער, דער טאַטע, לאָזט אים

נאָר צו, וואָלט ער זיך אַזוי אַ נעם געטאָן צו דער מלאכה, אַזש פונקען וואָלטן געשפּריצט!

ראַלקין האָט צוגעזען מיט באַדויער ווי דער זון נעמט אַרויף אויפן קלאָץ אַ גלאַט שטיק פלייש, ווי ער וואָלט עס וועלן מאַכן בעסער און שענער. ער האָט געקוקט ווי דער זון קלייבט צונויף דעם אָפּפאַל און וואַרפט עס מיט גרויס געשיקטקייט אין אַ גרויסער בלעכענער קאַן, וואָס שטייט אונטער דער פּאָליצע. ער האָט עס געטאָן מיט גרויס געשיקטקייט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט דער טאַטע זאָל זיך ניט יאָגן נאָך אים און זיך אים הייסן אָפּטראָגן...

ראַלקין האָט דאָ און דאָרט אַרייַנגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן זון. „מיין זינדל גרייט זיך אַוועקפאָרן אין קאָלעדזש אין אַ גרויסער שטאָט" — האָט ער געזאָגט מיט געמאַכטער באַשיידנקייט ווי אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, כאָטש ער האָט געפילט, אַז עס וואָלט געווען בעסער, ווען ער לאָזט דעם זון אויסקלייבן דעם באַרוף, די מלאכה צו וועלכער דאָס יינגל ציט זיך פון קינדוויז אָן.

שווער געווען פאַר ראַלקינען זיך צו פאַרשטענדיקן מיט זיין אַמעריקאַנער געבוירענעם זון. דער זון האָט ניט פאַרשטאַנען דעם טאַטנס בענקען און לעכצן נאָך עפּעס אַנדערש, צו עפּעס העכערס, צו אַזאַ זאַך, וואָס ער האָט גאָר קיין נאָמען דערפאַר ניט געהאַט. ער האָט געטראַכט, אַז עס איז אפשר דאָס וואָס זיין ווייב רופט „די קצבישע קרענק", אָדער דער טרויער פון ניט קאָנען זיך געבנוג אויסמישן מיט אַנדערע מענטשן? דאָרטן — אין שטעטל איז ער געווען „דער קצב", דאָ — „דער בוטשער"". אַזאַ מין נאָמען! זיי פאַרקירצן עס און עס הייסט גאָר ביי זיי „בוטש". „העלאָ, בוטש!"

אין שטאָטישן קאָלעדזש האָט דער זון ניט געקענט אַנ־קומען. ער האָט ניט געהאַט די נויטיקע קוואַליפיקאַציעס. טאַטע־מאַמע זיינען געווען פון דעם זייער דערשלאָגן! און אפילו דער זון, נייטן, וואָס האָט געהאַלטן דאָס לערנען ווי אַ שטער צו „ווערן אַ מענטש" — אפילו ער איז דורכגענומען געוואָרן פון זייער צער, און האָט באַשלאָסן אַוועקפאָרן אין אַ קאָלעדזש פון אַן אַנדער שטאָט.

נייטן האָט אַליין ניט באַגריפן וואָס אָט־די בשורה האָט גע־מיינט פאַר זיין טאַטן. ראַלקין איז ניט געווען פון די מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן זייערע געפילן, און כאָטש זיין מוח איז געווען פול

מיט געדאַנקען און פאַרלאַנגען, האָט ער זיי אָבער ניט געקענט אַרויסברענגען פאַר אַ פרעמדן.

צערטלען און קעכלען דעם בן יחיד, דאָס האָט שוין ראַלקין געלאָזן פאַר דער מאַמען. זי האָט עס שוין געטאָן פאַר ביידן. וואָלט דאָס יינגל ניט באַשלאָסן צו פאָרן אין קאָלעדזש, וואָלט ראַלקין זיך פאָרן זון קיינמאָל ניט געקענט אויסצאָלן, ווייל טיף אין באַוואוסטזיין האָט עפּעס געעקבערט אין טאַטנס מוח: „דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון ביימעלע"... ראַלקין האָט ליבערשט געטראַכט, אַז דער זון האָט זיינע אייגענע קאַפּריזן, ווי צו זען דעם אמת. די אמתע מורא אַז דער זון האָט געירשנט דעם פאָטערס קצבישן מוח, האָט ראַלקין פאַרשוויגן ווי אַ סוד, אפילו פאַר זיך אַליין.

אין יענעם פרייטאָג־צו־נאַכט, אידער דער זון איז אָפּגעפאָרן, איז ראַלקין געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. יענעם פרייטאָג האָט די מאַמע צוגעגרייט שענערע און בעסערע מאַטראָוועס, ווי אלעמאָל, אויסגעזען מער יום־טובדיק. די ליכט־פלעמלעך האָבן, דאַכט זיך, העלער געשיינט. פאַרן בענטשן האָט דער טאַטע אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויףביידע הענט און אָנגעהויבן רעדן, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרענדיקן אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט פריער אָנגעהויבן:

„מיין טאַטע האָט אויך ניט געוואָלט זיין קינד זאָל זיין אַ קצב, אָבער דאָך פלעגט ער מיך אויפוועקן פאַרטאָג איך זאָל גיין מיט אים אין „בוינע". אין די גרעסטע פרעסט פלעגט ער מיך אַרויסשלעפּן פון בעט, האָט געשאָלטן זיין פרנסה און געהאַלטן אין איין טענהן צו מיר: ‚זאָלסט אויסגעהיט ווערן פון אַזאַ שטיקל ברויט!' אַלץ זאָלסטו טאָן, נאָר ניט קיין קצב! נו, זעסט דאָך ווי ער האָט מיך אויסגעהיט!"

ראַלקין האָט גערעדט אין דער וועלט אריין. ניט דערוואַרט קיין ענטפער. אָבער דער זון, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, האָט אים איבערגעריסן די רייד מיט אַ פראַגע: „זאָג, טאַטע, וואָס איז, וואָס עקבערט דיך? קענסט מיין חבר, זיין טאַטע איז אַ דענטיסט און האָט ניט געלט צו שיקן זיין זון אין קאָלעדזש. ביי דיר איז געלט קיין מניעה ניט. האָסטו זיך פאַרטראַכט, אַז אויב איך וועל אויך זיין אַ דענטיסט, וועל איך ערשט ניט האָבן קיין שכר־לימוד פאַר מיינע קינדער? ווילסט ניט איך זאָל זיין אַ קצב, אָבער עס פאַלט דיר גאָרניט איין, אַז אַ קצב מאַכט אויס בעסער ווי אַ דענטיסט?"

נייטן איז געווען צופרידן, וואָס ער קאָן איצט רעדן מיטן טאַטן ווי מיט זיינס אַ גלייכן. פאַרן לעצטן יאָר איז ער אויסגעוואַקסן אין דער הויך. זיין פּנים, כאָטש נאָך קינדעריש, איז אָבער געווען פול מיט אַנטשלאָסנקייט. די ניט גרויסע גרינלעכע אויגן האָבן געשמייכלט. ער האָט געקוקט אויפן טאַטן מיט ליבע און איראָניע צוגלייך. דער טאַטע, וואָס האָט שוין אַביסל געדרעמלט, האָט דורך די צעגויפגעלייגטע הענט געקוקט אויפן זון, און געטראַכט: „ער רעדט דאָך ווי אַ פאַלנער מענטש!" ער האָט זיך אָנגעשטרענגט און האַלב פאַרשלאָפן געענטפערט: „איך וועט זיך מיט דיר, מיין זון, אַז דער דענטיסט וואָלט זיך פונדעסטוועגן קיינמאָל ניט געביטן מיט מיר"...

„ווייסטו, מיין זון" — האָט ער פאַרגעזעצט — „געלט איז טאַקע, ווי מען זאָגט, די וועלט, אָבער עס זיינען דאָך פאַראַן אַזעלכע זאַכן וואָס פאַר געלט קען מען ניט קויפן. נעם מיך, איך בין אַ פּשוטער קצב. איך יאָג זיך ניט נאָך כבוד. ווייס אפילו ניט ווי אַזוי מען יאָגט זיך, אָבער איך זאָג דיר — וויפיל געלט איך זאָל ניט פאַרמאָגן, וועט מען אויף מיר אַלץ זאָגן: אַ רייכער קצב, אָדער אַ רייכער בוטשער.. מען וועט אָנווייזן אויף מיר: אָט גייט דער רייכער בוטשער! דעם דענטיסט באַגריסט מען מיט די ווערטער: העלאָ דאָק! — מיר אָבער זאָגט מען: העלאָ בוטש! זאָג אַליין, וואָס געפעלט דיר בעסער?"

דער זון האָט אים געענטפערט, האַלב אין שפּאַס און האַלב־ערנסט: „איי דאָנט קער".

די ווערטער האָבן דעם טאַטן אַביסל ווי געטאָן, אָבער די מידע שלעפערישקייט האָט געמאַכט אַ סוף צום שמועס. „גיי שוין שלאָפן, גיי שוין" — האָט די פרוי געזאָגט צום מאַן. ראַלקין האָט נאָך באַוויזן צו זאָגן דעם זון: „ביסט שוין אַ גאַנצער חכם, מיין זון"!

אַז דער בן יחיד איז אַוועקגעפאָרן, האָבן טאַטע־מאַמע דערפילט אַן אומעט אין הויז. דאָס ערשטע מאָל ווי דעם ייִנגלס בעט איז געבליבן ניט באַרירט, און זיין בענקל ביים טיש איז געשטאַנען ליידיק.ביידע האָבן זיך אָבער געטרייסט און ראַלקין האָט אפילו פאַרגליכן דעם זונס אָפּפאָרן פון דער היים מיט די היימישע באַ־לעבאַטישע משפּחות, וואָס פלעגן שיקן זייערע קינדער אין די וויטע ישיבות. דאָס האָט אים צוגעגעבן חשיבות און אים האָט

זיך געדאַכט, אַז זײַנע קונדן קוקן איצט אויף אים מיט גאָר אַנדערע אויגן. נאָר די מאַמע האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען. זי האָט געציילט די טעג זינט דער זון איז אַוועקגעפאָרן. זי האָט געוואָלט וויסן ווי דער זון גיט זיך אַן עצה צווישן פרעמדע, געזאָרגט, צי ער האָט אַ גוטן נאַכטלעגער, צי ער עסט צו דער צייט. גאַנצענע טעג האָט זי געטראַכט, ביז זי האָט זיך דערטראַכט, אַז איר מאַן איז ניט גערעכט. מיט איר מאַמעשן חוש האָט זי דערפילט, אַז דער זון האָט ניט געוואָלט פאָרן, אַז ער האָט עס געטאָן דעם טאַטן צוליב. און כאָטש זי האָט, ווי ראַלקין, געחלומט, געהאָפט און געבעטן גאָט, אַז עס זאָל זיך פון איר בן יחיד אַרויסשיילן עפּעס אַזוינס מיט וועלכן מען זאָל זיך קאָנען איבערנעמען, האָט זי פונדעסטוועגן געשפּירט, אַז דער מאַן האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. מיט גוואַלד קאָן מען אַ קינד ניט מאַכן פאַר אַ דאָקטאָר אָדער אַדוואָקאַט. אַלץ איז באַשערט!

מרס. ראַלקין האָט געטראַכט אַז אַן אַנדערער אויף איר מאַנס אָרט, וואָלט געווען צופרידן. קיין חיונה פעלט זיי ניט. זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט עטלעכע דאָלאַר. אפשר איז גאָר דער בחור גערעכט? אָט זי אַליין האָט גאָר ליב צו זען ווי דער מאַן שטייט ביי דער אַרבעט. עס דאַכט זיך איר, אַז זי האָט נאָך קיינמאָל און אין ערגעץ ניט געזען אַ מענטשן מיט אַזעלכע גאָלדענע הענט! אמת, ער איז שוין ניט דאָס וואָס אַמאָל. פריער פלעגן זיך אַלע ווייבער חנדלען צו אים, נאָר היינט זיינען נאָך אויך דאָ אַזעלכע וואָס וואָלטן אים נאָכגעלאָפן...

פון די געדאַנקען איז דער מאַמען ניט פריילעכער געוואָרן אויפן האַרצן. פונעם זונס בריוו האָט זי קיין סך ניט געקאָנט דערגיין, ער האָט געקענט יידיש ווי זיין טאַטע ענגליש, איז דאָס דורכ־שרייבן זיך געווען שווער פאַר ביידן. פאַר די עלטערן האָט זיך יעדער טאָג אויסגעצויגן. זיי האָבן שוין געציילט די טעג, ווען דער זון וועט אהיימקומען אויף זיין אורלויב.

דער סעמעסטער איז פאַראיבער אַ סך פריער ווי טאַטע־מאַמע האָבן געמיינט. נייטן איז געקומען אהיים אַן אָפּגעצערטער, אַן אויסגעבלייכטער, ווי ער וואָלט אַ סך נעכט ניט דערשלאָפן. טאַטע־מאַמע האָבן זיך דערשראָקן, געמיינט זייער זון איז קראַנק, אָבער נאָכדעם ווי נייטן האָט זיך אויסגערוט, זיך אויסגעשלאָפן, האָט

ראַלקין דערקענט, אַז דער זון פֿאַרשווייגט עפּעס, אַז ער דערזאָגט ניט. עפּעס האָט ער סודות.

עס איז געקומען אַ נייער פֿרייטאָג נאַכט. די פֿלעמלעך פֿון די ליכט האָבן זיך געוויגט, און דעם טאַטנס אויגן האָבן עפּעס גע־מאָנט. נייטן האָט ארויפגעלייגט די הענט אויפֿן טאַטנס פּלייצע, געשמייכלט, אָבער דער שמייכל איז אים עפּעס ניט געראָטן. ער האָט צונויפגעלייגטביידע הענט, ווי דער טאַטע, זיך געשאָקלט, און ענדלעך געזאָגט: „איך האָב געפּרואווט, טאַטע, צוליב דיר האָב איך עס געטאָן. אָבער עס איז אומזיסט! אַ שאָד דיין געלט, און אַ שאָד די צייט, טאַטע דאָס לערנען קריכט מיר ניט אין קאָפּ. צוריק פֿאָר איך ניט. גענוג!"

נייטן האָט זיך אויפגעשטעלט געגומען שפּרייזן איבערן צימער און זיך אָפּגעשטעלט לעבן טאַטן.

„בי עי ספּאָרט, דעד, איך בין אַ געטרייער זון, וואָס נאָך ווילסטו"?

ראַלקין האָט אַ צייט געשוויגן און דאָס שווייגן איז געפֿאַלן שווער. און אַז ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיינען ביי אים די אויגן געווען ווי פֿאַרשכורט. די פּיס האָבן זיך ביי אים געוואַקלט. טאַטע, מאַמע, זון, זיינען געבליבן שטיין אין מיטן צימער. די פֿרוי האָט געהאָט גרויס רחמנות אויפֿן מאַן, אים געוואָלט מיט עפּעס טרייסטן און ניט געפֿונען קיין ווערטער. זי האָט זיך שטיל צעוויינט. ראַלקין האָט דערהערט דעם ווייבס געוויין און זיך געווענדט מיט אַ הייזעריק קול צום זון. ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: „שוין ווידער בוטש, אויף שטענדיק בוטש? — העלאָ, בוטש, העלאָ בוטש...

די שטומע מאַמע

אין יעדן ווינקל פון גרויסן אָרעמאַנסקן הויף, וואו די איינוואוינער האָבן זיך געמישט ווי איין גרויסע משפּחה, האָט זיך געקאָכט. אַ גערודער האָט ארומגעכאַפּט אַלט און יונג. ווייבער האָבן זיך געסודעט, מאַנסבילן האָבן זיך פאַרמאַסטן מיט קולאַקעס; קליינוואַרג, וועמען מאַמעס האָבן אָפּגעשטופּט, ניט געוואָלט זיי זאָלן וויסן וואָס דאָ איז געשען, זיינען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ שרעק. זיי האָבן דערוואַרט, אַז יעדע מינוט זאָל זיך אויף זיי פון ערגעץ אַראָפּלאָזן אַזעלכעס, וואָס מען קאָן פון מויל ניט אַרויסברענגען.

דעם גרויסן פיר־זייטיקן הויף האָט מען גערופן געסל. ער האָט געהאַט צוויי אַריינפאָרן און מער פון אַ צענדליק קליינע, איינשטאָק־הייזלעך, וואָס זיינען געווען גלייך מיט דער ערד. אויף אַ טייל הייזלעך זיינען געהאָנגען די אָפּגעבליאַקעוועטע שילדלעך פון שוסטער און שניידער. די באַלעמעלאָכעס זיינען געווען קנאַפּע פאַרדינער און האָבן אַרויסגעקוקט אויף די קינדער, אָדער געמוזט אָנקומען צו שטאָטישער צדקה. אַלע איינוואוינער פון דעם דאָזיקן הויף האָבן זיך געפילט ווי אַרויסגעשטויסענע פון בעסערן טייל שטאָט. די מאַנסבילן האָבן געהאַט אַן אייגענעם מנין פאַר די פּראָסטע באַלעמעלאָכעס און זיך אויסגעדרייט מיט די רוקנס צו די שיינע באַלעבאַטים אין מזרח, וואָס האָבן דעם הויף גערופן: דער ווינקל פון די לאַפּצעדאָנעס.

טיר און פענצטער זיינען אויפן הויף אַ גאַנצן זומער געשטאַנען אָפן. פון אַלע פענצטער האָט דער דלות אַרויסגעזוגן און ס'האָט דאָ געשמעקט מיט ענגשאַפט, מיט ריחות פון אָרעמע מאכלים. אָפט האָבן שכנים געמאַכט געלעגער אויף די דראָנג־וועגענער, וואָס זיינען געשטאַנען אין הויף אויסגעדינטע, לאַנג־ניט גענוצטע. די וועגענער האָבן געמאַניעט דאָס קליינוואַרג דורך די טעג, און אין די נעכט, אַז די איינוואוינער האָבן ניט געקענט איינליגן אין די פאַרשטיקטע שטיבער, האָט מען פאַרכאַפּט די וועגענער און איינגעאָטעמט פרישע לופט אויף וואָס די וועלט שטייט.

פאַר אַלעמען איז אויף די וועגענער ניט געווען גענוג פּלאַץ,

האָט יעדער איינער געאײַלט צו פאַרכאַפּן אַן אָרט. דאָס שלאָפן אונטערן פרייען הימל איז געווען אַ תענוג אַ נחת און מען האָט זיך געקוויקט מיט דעם ווי מיט אַ גוטן געטראַנק.

די סיבה פון דעם גערודער, וואָס האָט זיך געהערט פון יעדן ווינקל אין הויף, איז געווען אַ זאַך, וואָס האָט יעדן איינעם באַרירט, כאָטש קיינער איז אין דעם ניט געווען שולדיק. דער רעש איז געווען ארום אַ פּופצן־יאָריק האַלב שטומער מיידל, וואָס האָט געהאַט אַ מאַמע, אָבער אַלע הויף־לייט האָבן זי באַטראַכט ווי זייערס.

דאָס מיידל איז געבוירן געוואָרן ביי אַ קראַנקער מאַמען. איר טאַטע איז געשטאָרבן איידער נאָך זי איז געקומען אויף דער וועלט. די מאַמע איז געווען אַזוי קראַנק, אַז זי האָט גאָרניט געוואָלט און ניט געקענט טאָן. זי פלעגט דאָס קליין „פּאַרזעענישל" אָפּפּטרן מיט אַ ביסל וואַרעם וואַסער און האָט געהאַפט, אַז גאָט וועט זיך אויף דעם מרחם זיין און עס צונעמען. די שכנים האָבן אָבער אַלץ געטאָן, אַז דאָס קינד זאָל זיך דווקא אויסהאָדעווען. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז אַ קינד מיט אַזאַ ליפּ איז גאָר מזלדיק. זיינען דעריבער אַלע ווייבער געוואָרן דעם קינדס מאַמעס. ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אין הארצן האָט עפּעס צוגעטראָגן. די וועלכע האָבן אליין גאָרניט געהאַט, פלעגן אַנקלאַפּן אין אַ פרעמדער טיר און אויס־געבעטלט אביסל געקעכץ פארן נעבאַכדיקן קינד. דאָס מיידל איז געוואַקסן אויף אויסגעווייקטן ברויט מיט גרויפּן און איז קיינמאָל ניט קראַנק געווען. דאָס אַליין האָט שוין גענוג איבערצייגט די שכנישע מאַמעס, אַז דאָס קינד מיטן צעשפּאָלטענעם ליפּל און פאַרעלטערט פּנימל איז דווקא אַ מזלדיקס.

דאָס קינד איז געוואַקסן. איר פּנימל האָט זיך אביסל אויסגעע־מענטשלט, די אייגעלעך האָבן זיך פאַרגרעסערט און באַקומען אַ טונקעלן גלאַנץ. דאָס קערפּערל האָט זיך גערונדיקט און עס האָט געגומען גיין פריער ווי אַנדערע קינדער. נאָר קיין לשון האָט עס ניט געהאַט. עס האָט ניט גערעדט, קיין וואָרט ניט ארויסגעלאָזט פון מויל, כאָטש עס האָט גראָד יאָ געהאַט אַ שאַרפן געהער.

קיינער האָט זי ניט גערופן ביים נאָמען. אויף שטענדיק איז איר נאָמען פאַרבליבן „די שטומע".

אַז זי איז אונטערגעוואַקסן האָבן זיך אַלע אין הויף מיט איר געשאַפט. זי האָט פאַר אַלעמען געאַרבעט. זי איז געווען די וואַסער־

טרעגערין, האַלץ־טרעגערין. עס האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע אויסער דעם הויף, וואָס האָבן זי געדונגען פאַר אַ פּאָר גראָשן צו טאָן די שווערסטע אַרבעט. ווען די שטומע האָט דערזען די פּאָר סענט, פלעגט זי אַרויסלאָזן משונהדיקע קולות פון פרייד. זי האָט געאַרבעט מיט אַן אימפּעט און מיט אַלע אברים. אַ היץ האָט געשלאָגן פון איר קערפּער ביי דער אַרבעט. אויף געלט האָט זי זיך ניט אויסגעקענט, אָבער האָט דאָך געוואוסט אַז געלט קומט צונוץ. די פאַרדינטע פאַר גראָשן האָט זי באַהאַלטן און דערנאָך אָפּגעגעבן דער מאַמען.

די שטומע האָט געפילט אַ ליבשאַפט צו די, וואָס האָבן איר אַרויסגעוויזן וואַרעמע געפילן. זי האָט זיך צו אירע פריינט צוגע־בונדן און טריי געוואַכט איבער זיי און זייער פאַרמעגן. זי איז געווען הויך און שלאַנק און זי האָט זעלטן גערוט, נאָר שטענדיק אַרומגעלאָפן אַ באָרוועסע, אָדער אין די שיך, וואָס אימיצער האָט איר געשאָנקען און אין אַ קליידל, וואָס האָט זיך קוים אויף איר געהאַלטן. זי איז געלאָפן פון שטוב צו שטוב, אָבער זי האָט געוואַרט ביז מען פלעגט זי אַריינרופן און הייסן עפּעס טאָן.

די שטומע האָט אויך געקענט ווערן בייז און אויפגערייצט, אויב זי האָט דערפילט אַז מען נאַרט זי אָפּ, ווי, צום ביישפּיל, ווען מען האָט איר געגעבן אַ שטיקל פאַרעלטערט ברויט אָדער ניט גענוג גראָשנס. אין איר אויפגערייצטקייט האָט זי ווילד געריטשעט און זיך אויך געלאָזן מיט די הענט צו יענעם אין די אויגן אריין. אַזעלכע סצענעס האָט זי בלויז אָפּגעשפּילט פרעמדע, ניט די אייגענע. גאָר באַזונדערס האָט די שטומע אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע ליבע צו קינדער. ווי נאָר זי האָט דערשמעקט אַ קינד, האָט מען זי שוין פון קינד ניט געקאָנט אָפּרייסן. מיט די קינדער איז זי אליין געוואָרן אַ שטיל, צאַרט קינד. אירע שוואַרצע, שאַרפע און אביסל פאַרשאָטנטע אויגן זיינען געוואָרן מילד און אירע הענט האָבן זיך באַוועגט אויפן קינדס קערפּערל מיט אַ ציטער. זי האָט נאָכגעקוקט מיט אייפערזוכט יעדע האַנט, וואָס האָט באַרירט אַ קינד. דעמאָלט האָט זיך אַ צאַרט קול, ווי פון אַן ערשט געבוירן עופלע געקייקלט פון איר האַלדז.

זייער יונג האָט זיך די שטומע אַנטוויקלט פיזיש. אירע היפטן האָבן זיך געראונדיקט און די שטייפע, קליינע בריסטן האָבן אַרויס־

געשריגן פון די ענגע פּאַרלאַטעטע קליידלעך. אומרו און הונגער האָבן זיך געריסן פון אירע ארומלויפנדיקע אויגן און זי האָט ניט געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט.

זי איז נאָך ניט אַלט געוואָרן קיין פופצן יאָר ווען דער הויף האָט דערעפנט אויף איר די אויגן מיט אַ שטוינונג. פון אָנהייב האָט זיך עס קיינעם ניט געוואָלט גלויבן, אָבער אַז דאָס בייכל האָט זיך ביי איר נישקשהדיק פאַרשפּיצט האָבן זיך שוין די ווייבער גאַנץ פיין צעליאַרעמט:

„ווי איז אונדז, ווינד און וויסט איז אונדז! וואו זיינען געווען אונדזערע אויגן, ווי האָבן מיר גאָר דערלאָזט דערצו?" — מיט די ווערטער האָבן די ווייבער באַגעגנט איינע די אַנדערע, ווי דער אומגליק וואָלט פּאַסירט צו זייער אייגן קינד. די מאַנסבילן האָבן ניט געוואָלט יוצא זיין מיט רייד, נאָר טאָן עפּעס ממשותדיקס; כאַפּן דעם שולדיקן און אים אָנלערנען! זיי האָבן געטופּעט מיט די פיס, פאַרקאַשערט די אַרבל, זיך געגרייט צו דערלאַנגען דעם אויסוואורף, אים אָנברעכן די ביינער. פון גרויס הילפלאָזיקייט, וואָס זיי איז ניט געלונגען צו כאַפּן דעם זינדיקן, זיינען זיי דערווייל געקראַכן איינער דעם אַנדערן אין די פּנימער...

עס זיינען אַוועק טעג, וואָכן און דער רעש ארום דער שטומער האָט זיך איינגעשטילט. די שטומע אליין האָט זיך געענדערט. זי האָט זיך געשאַרט אין טונקעלע ווינקלען, און ניט געענטפערט אפילו מיט קיין פינטל פון אַן אויג אויף די געשרייען און גוואַלדן פון די שכנים. זי האָט געטאָן איר אַרבעט נאָך מער פלייסיק, ממש געברענט, ווי זי וואָלט געוואָלט מיט די געזונטע הענט פאַרשטאָפּן די מיילער ביי די שכנים. אויך דער שטומערס מאַמע האָט זיך געמאַכט ווי זי הערט ניט און זעט ניט וואָס דאָ, אין הויף, קומט פאָר.

די צייט איז געגאַנגען. חדשים האָבן זיך גערוקט. די שטומע איז געוואָרן שווערלעך אויף די פיס און זיך גענומען פאַררוקן ביי דער מאַמען אין טונקעלן שטיבל. זי האָט מיט קיינעם ניט גערעדט, פאַר קיינעם ניט פאַרטרויט איר סוד, ווער איז דער טאַטע פון קינד, אָדער זי האָט בכלל ניט געוואוסט וואָס מיינט אַ טאַטע... מען האָט אָבער באַמערקט, אַז זי וויס יאָ, וואָס אַ קינד איז. זי האָט געשפּירט, אַז זי טראָגט אין איר איינגעוויד עפּעס לעבעדיקס, צאַפּלדיקס, און

זי האָט איר בויך געהיט, קיינעם צו זיך ניט צוגעלאָזט. אַז מען האָט זיך צו איר דערנענטערט, האָט זי מיטביידע הענט פאַר־שטעלט איר פאַרנט, ווי מיט אַ רייף.

כאָטש זי איז געווען „אַלעמענס קינד״, און איר „אומגליק״ האָט אָנגעמאַכט אַזאַ ליאַרעם אין הויף, — האָט דאָך קיינער ניט באַמערקט, ווי די שטומע איז ערגעץ ניט געוואָרן אויף אַ פּאָר טעג. מיט אַ קינפּעט־בעט האָט זי קיינער ניט פאַרזאָרגט, קיין ווינדעלעך פאַרן קינד האָט מען אויך ניט צוגעגרייט. ביי דער מאַמען אין טונקעלן שטיבל, אין אַ כמורנעם ערב־פּסחדיקן טאָג, האָט די שטומע, אויף אַ שטרויענעם שעניק, זיך געדרייט פון אָנגסט־קראַמפן, און געמרוקעט ווי אַ קו צו די טונקעלע ווענט. זי האָט געריסן פון זיך דאָס קליידל, די צעשויבערטע האָר, געביסן די פינגער פון די הענט, און קיינער האָט זיך אויף אירע קולות ניט אָפּגערופן. ווען איר מאַמע איז געקומען האָט זי שוין געהערט אַ שטילן קרעכץ, אַזאַ קרעכץ וואָס קומט נאָכן אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון שרעקלעכע ווייטיקן. די מאַמע האָט אויך דערהערט דאָס פּישטשען פון דעם ניי־געבאָרענעם נפשל.

די שטומע איז געוואָרן אַ מאַמע. אליין אָן אַ הייבאַם, נאָר מיט הילף און שכל וואָס די נאַטור האָט איינגעטיילט יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש, האָט די שטומע איר אייגן לעבן און דאָס לעבן פון איר קינד געשיצט.

דער הויף האָט נאָך אַלץ געהאָפט צו געפינען אַ טאַטן פאַר דער שטומערס קינד. מען האָט זיך געקליגט, געבראָכן די מוחות, נאָכ־געקוקט דאָ און דאָרט, נאָכגעשפּירט יעדן מאַנסביל, וואָס האָט זיך באַוויזן אין הויף. נאָר אַז מען האָט זיך דערוואוסט אַז דאָס קינד איז שוין דאָ אויף דער וועלט, האָט מען אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. פאַרפאַלן!

די קינפּעטאָרין האָט געשוויגן. די ערשטע פּאָר טעג — פון שוואַכקייט, און דערנאָך — פון גרויס גליק, ווי זי וואָלט געווען אַ קינד, וואָס האָט געגאַרט נאָך עפּעס און עס ענדלעך געקראָגן. איר געלבלעכער, אָפּגעצערטער פּנים האָט איצט געשיינט פון פרייד. זי האָט געהאַלטן זייער נאָענט און פאַרזיכטיק דאָס קינד לעבן זיך און אין אירע אויגן איז געווען אַזאַ וואַכזאַמקייט, וואָס האָט אָפּ־געשראָקן די שכנים. קיינער האָט ניט געוואָגט זיך צוצורירן צום

קינד. דער שטומערס אויגן האָבן געשריגן: אוועק! זי האָט פון קיינעם גאָרניט דערוואַרט, ניט קיין מאכלים, היגערשע יויך, אָדער איינגעמאַכץ. איבערן בעט זיינען ניט געהאַנגען קיין שיר־המעלות׳ן און פאַר די „ניט גוטע״ האָט זי, ווייזט אויס, ניט מורא געהאַט. זי האָט זיך באַנוגנט מיטן ביסל קרופּניק און טעפּעלע ציקאָריע, וואָס איר מאַמע האָט איר אונטערגעטראָגן, אַבי אירע בריסט זיינען געווען פול. זי האָט נאָר געוואָלט מען זאָל זי צורו לאָזן מיטן קינד. דאָס קינד האָט געזויגן און צו דער מאַמעס גליק איז ניט געווען קיין שיעור.

דאָס ניי־געבוירן נפשל האָט אויך גערדאַרפט זייער ווייניק. דער מאַמעס מילך איז זיס, די בריסט — וואַרעם, האָט עס געשוויגן, געזויגן און געשלאָפן, ווי אַן אַלטינקער מיט אַ צעקנייטשט שטערנדל און פולע, זאַטע ליפּעלעך. ווען עס האָט אַמאָל יאָ אַרויס־געלאָזט אַ געשריי, איז עס געווען אַ שטאַרק קול, גאָרניט ווי ביי אַ ניי־געבאָרן עופעלע.

ניט לאַנג האָט די שטומע געטיילט איר גליק מיטן קינד. עס האָבן זיך געיאָוועט פרעמדע אַריינמישער. דער הויף האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווידער אָנגעהויבן רעשן. דער גערויש איז אַרויס פון די הויף־גרענעצן און איז דערגאַנגען צו דער אַרומיקער געגנט. די שטאָטישע „פּאַרזאָרגער״ האָבן דערהערט וועגן „ניט־געזעצלעכן״ קינד און זיך באַלד געלאָזט הערן. עס איז אַראָפּגעקומען אַ דעלע־גאַציע פון פיר דאַמען, אויסגעפּוצטע, פאַרפּומירטע, מיט ווייסע הענטשעקעס אויף די הענט און מיט ברילייאַנטענע אוירינגלעך. אַריינגייען אין טונקעלן חדר פון דער שטומער האָבן זיי ניט געוואָלט ניט געהאַט גענוג קוראַזש, זיינען זיי געבליבן שטיין ביי דער שוועל, זיך איבערגעקוקט, זיך איבערגערעדט, און געוואַרט, אַז עמיצער זאָל אַרויסקומען און זיי אַריינפירן. די שטומע איז געווען אין צימער אַליין און האָט פון שרעק יעדע מינוט אַרויסגעלאָזט אַ ברום. דאָס קליינוואַרג אין הויף האָט זיך געקליבן אַרום די דאַמען, ווי אַרום אַ בייז וואונדער.

צוויי דאַמען האָבן סוף־כל־סוף אַריבערגעשפּרייזט די שוועל און אריין אינעווייניק. עס האָט אויף זיי אַ שלאַג געטאָן מיט פאַר־דומפּטער פינצטערניש. די דאַמעס האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט און ניט געוואוסט וואו אַ פוס צו שטעלן. איינע האָט געפרעגט:

וואו געפינען מיר זיך? באַזשע מאַי! די צווייטע האָט געענטפערט מיט אַ פראַגע: „איז עס ניט שרעקלעך?" די שטומע האָט דערפילט די אַנוועזנהייט פון די ניט־געבעטענע געסט און אויף איר שטום לשון אַרויסגעבראַכט איר אומצופרידנקייט, אַז די דאַמעס האָבן באַלד דערפילט איר תרעומות אין דעם חושך. ווען די פינצטערע כמאַרע איז אַביסל צעשוואומען האָבן זיי דערזען אַ העלפט פון דער שטומער, ווי זי האַלט שטייף צוגעדריקט צו זיך דאָס קינד. דאָס קול און די אויגן ביי דער שטומער האָבן געפליצט מיט כעס, אַז די דאַמען האָבן געפילט, אַז עס איז בעסער און זיכערער פאַר זיי, זיי זאָלן זיך באַצייטנס אָפּטראָגן פון דאַנען. ווען זיי זיינען אַרויס האָט זיי די שטומע באַגלייט מיט אַ מרוקעניש.

אַן אינסטיקטיווער געפיל האָט דער שטומען אונטערגעזאָגט, אַז מען וויל ביי איר צורויבן דאָס קינד. זי האָט קיינעם ניט צו־געלאָזט צום קינד, אפילו ניט איר מאַמען. דאָס קינד, האָט זי גע־שפירט, איז איר אייגנס, קיינעמס ניט. אָט דאָס נפשל מיט די צוויי רירעוודיקע פיסעלעך, מיט די קליינינקע, וויכע פינגערלעך, מיטן פולן קיילעכדיקן פנימל, — דאָס איז אירס! און אַז דאָס קינד האָט קוים־קוים געעפנט די אייגעלעך און זי האָט דערזען אין זיי אַ טונקל דין פּאַסיקל, ווי אַ קלינגל פון מעסערל, האָט זי שוין געפילט ווי דאָס פּאַסיקל בעט זיך ביי איר, זי זאָל עס צוהאַלטן פעסט אין אירע אָרעמס ניט אָפּלאָזן פון זיך.

אין הויף האָט זיך דערוויל אַרום די פּאַרפּוצטע דאַמען גע־קליבן אַ רעדל. פון אָנהויב איז עולם ניט געווען זיכער ביי זיך, ניט געוואוסט צי זיי, מיט זייער פּשוט לשון, וועלן זיך קענען צענויפרײדן מיט די דאַמען. אָבער ווי נאָר איינע האָט געוואָגט עפענען דאָס מויל, האָבן זיך שוין אַלע מיילער צערעדט. ווער עס האָט נאָר באַוויזן זיך אריינשטופּן אין רעדל האָט אריינגעוואָרפן אַ וואָרט לטובת דער שטומער. זיי האָבן געטענהט, אַז עס איז זייערס אַ קינד, זיי אַלע האָבן געזען, זי זאָל ניט שטאַרבן פון הונגער, און דערפאַר זיינען זיי אַלע צעבראָכן פון דעם אומגליק וואָס האָט מיט איר געטראָפן.

די דאַמען האָבן זיך געפּרואווט פאַנאַנדערקלייבן אין די טענות פון די שכנים. איינע פון די צוויי, וואָס זיינען פריער געווען אין דער שטומערס שטיבל, האָט געווישט די אויגן מיט א דין, שמעקעדיק

נאַז־טיכעלע. ענדלעך האָט זיך איינע פון זיי געווענדט צו די ווייבער: „וועט איר אונז באַהילפיק זיין און באַווירקן דער שטומער, זי זאָל דאָס קינד אַוועקגעבן אין אַן אַנשטאַלט?״ די ווייבער, וואָס האָבן זיך אויף די רייד גאָרניט געריכט, האָבן גאָרניט געענטפערט. די דאַמע האָט געמאַכט אַן ערנסטע מינע, געוואָלט באַווייזן די שכנים, אַז עס איז אַן ערנסטע זאַך, און זיך צערעדט: „מיר אַלע זיינען יידן, דאַרפן מיר זען דאָס קינד זאָל אויסוואַקסן אַ יידיש קינד. היינט, ווי קאָן מען אָנטרויען אַ קינד צו אַזאַ מאַמען?״

ביים גאַנצן רעדל האָט אָפּגענומען דאָס לשון און מען האָט פון זיי קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסקריגן. דעמאָלט האָט די דאַמע געזאָגט אין אַ ווייכערן טאָן: מיר וועלן אייך געבן אַ פּאָר טעג זיך צו באַטראַכטן. אָפּגעזאָגט די עטלעכע ווערטער, האָבן די דאַמעס פאַרלאָזט דעם הויף מיט פאַמעלעכע טריט. זיי האָבן געהויבן די פיס, ווי זיי וואָלטן ניט וועלן טרעטן אויף עפּעס, וואָס מען וועט נאָכדעם אַזוי גרינג ניט קענען אָפּשאָקלען... די שכנים זיינען אַ צייט געבליבן שטיין אויף די ערטער און זיי נאָכגעקוקט.

זיי האָבן פּשוט ניט באַנומען וואָס די דאַמע האָט גערעדט צו זיי. יעדער איינער האָט זיך פאַרטראַכט און געוואַרט, אַז עמיצער אַנדערש זאָל עפּעס זאָגן, אַרויסקומען מיט אַ שאַרף וואָרט קעגן די ניט־געבעטענע בעלי־דעהניצעס. זיי האָבן זיך שוין ביז איצט גענוג געבראָכן די קעפּ, געגעסן די הערצער צוליבן אומגליק, וואָס האָט דאָ געטראָפן. זיי האָבן דאָך די שטומע געהיט, געכאָוועט, און דאָ אַזאַ צרה!

אַן אַלטער איינבינדער מיט קראַנקע, רויטע אויגן האָט איבער־געריסן דאָס שווייגעניש. ער האָט זיך אריינגעשטעלט צווישן אַ בינטל ווייבער, פאַרריסן דאָס קליינע בערדל און קוקנדיק אַהין, וואוהין די דאַמען זיינען אַוועק, האָט ער אויסגעשריגן: „מירן זיי הערן ווי דעם קאָטער! וואָס הייסט, מיר ווייסן ניט וואָס אַ יידיש קינד איז? ווײַבאַלד אַ יידישע מאַמע האָט דאָס קינד געבוירן, און עס זויגט איר מילך, איז עס אַ יידיש קינד! אלא וואָס? מען דאַרף דאָס קינד אידישן, וועט מען זיך באַגיין אָן זיי! וואָסי, מיר זיינען דען קיין אידן ניט?״

אָפּגעזאָגט די ווערטער האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַ מאַך געטאָן מיט די הענט, ווי איינער זאָגט: איך האָב שוין מיינס

געטאָן! ער האָט זיך אַרויסגערוקט פונעם רעדל און איז ניט געוואָרן.
די ווייבער האָבן ניט שטאַרק געהאַלטן פונעם אַלטנס חכמה. זיי האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף זיך נאָכפרעגן ביי מער באַהאַוונטע אין יידישקייט. אין הויף האָט געוואוינט אַ ייד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ רב. דער ייד איז אַלע ערב שבת געגאַנגען קלייבן חלה פאַר אָרעמע לייט. גערופן האָט מען אים: דער ייד מיט דער טאָרבע! ער האָט זיך געהאַלטן אַביסל פון דער ווייטן פון די שכנים, כאָטש ער האָט יעדן געענטפערט זייער פריינטלעך. צו אַזאַ יידן, האָבן די ווייבער געזאָגט, דאַרף מען זיך ווענדן נאָך אַן עצה. איז ער דאָך אַ ייד מיט אַ גוט האַרץ. ער וועט שוין געבן די ריכטיקע עצה...
דער ייד מיט דער טאָרבע האָט טאַקע באַלד איבערגענומען דעם ענין אין זיין רשות. אָן שאלות, אָן טאַראַראַם, האָט ער באַלד צענויפגערופן אַ מנין יידן, געשטעלט לחיים, מל געווען דאָס קינד און דאָס אַ נאָמען געגעבן נתן. נאָכדעם האָט דער ייד מיט דער טאָרבע געזאָגט: יידן, זייט וויסן, אַז דאָס קינד איז אַ ייד, איר זאָלט גאָר אַנדערש ניט טראַכטן!
דער ייד האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער מיט אַ באַפעלערישן טאָן, מעשה אויטאָריטעט, אָבער מען האָט דערפילט, אַז ער ווייסט, וואָס ער רעדט. ער וועט שוין אַכטונג געבן, אַז אַלץ זאָל זיין ווי מען דאַרף.
פון יענעם טאָג אָן האָט מען דעם יידן גערופן „רבי". ביי אַלעמען האָט דער רבי אַרויסגערופן גרויס דרך ארץ, און די שטומע מאַמע, וואָס האָט קיינעם ניט אָנפאַרטרויט איר קינד, האָט זיך געקלעפּט צום רבין מיט אַ שטומער הכנעה און געבעט אין אירע אויגן, מיט יעדער באַוועגונג פון איר פּנים און אירע הענט. אַלץ אין איר האָט זיך געבעטן: האָב ליב מיין קינד! און אַז דער ייד האָט אַמאָל גענומען דאָס קינד אויף די הענט, האָט דעמאָלט פון דער שטומערס האַרץ אַרויסגעברומט אַ ווילדע פרייד.
ווען די שטומע וואָלט זיך אַביסל אויסגעקענט אויף מענטשן, וואָלט זי דעמאָלט געוואוסט, אַז דער דאָזיקער ייד וועט זיך שוין פון איר קינד ניט אָפּפרעמדן. דער ייד האָט דאָס קינד אין זיך אַריינגענומען, אים אָפּגעגעבן אַן אָרט אין זיין האַרץ און אים געטראָגן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.
ער איז געווען אַ מיטליעריקער, מיט ברייטע, אַביסל געבויגענע

פּלייצעס, א ברוינער באָרד, אויגן פון אַ געמישטן קאָליר. דאָס זיינען געווען אויגן, וואָס אָט האָבן זיי אויסגעזען מילד־ווייך, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן: מענטשן, קומט אַהער! איך האָב אייך אַלעמען ליב! און אָט ווארפן גאָר די אויגן אָן אַן אומעט, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: לאָזט מיך, מענטשן, לאָזט מיך צורו!

דער ייד האָט באַגראָבן זיינס אַן איין־און־איינציק קינד, וואָס איז אַלט געווען דריי יאָר. זינט דעם קינדס טויט איז שוין זיין ווייב ניט אַראָפּ פון בעט, און דער ייד האָט אַליין ניט געקענט באַשליסן, צי גאָט האָט אים צוגעשיקט דאָס פרעמדע קינד, ווי א טרייסט אויף די עלטערע יאָרן, ער זאָל עס שיצן, אָדער דאָס האָט אים גאָט געשטראָפט דורך עפּעגען זיין אַלטע וואונד, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל ניט פאַרהיילן. ער דאַרף דערפאַר די וואונד אויפלייזן אין דעם לעבן פון דער עלנטער באַשעפעניש, פאַרגעסן אַז עס איז אַ פרעמד קינד, עס אַריינברייינגען צום קראַנקן ווייב און זאָל עס אויך פאַר איר זיין אַ טרייסט.

ווען דער איד האָט פאַר דער שטומער און איר קינד געעפנט זיין שטוב, האָט די שטומע מאַמע ממש געקוועלט פאַר פרייד. דאָס קינד האָט אויך אַריינגעבראַכט פרייד אין דער אָפּגעזונדערטער שטוב. ווען עס האָט אפילו געוויינט האָט מען זיין וויינען גענומען פאַר ליב, ווי עס וואָלט מיט דעם איבערגעריסן דעם טרויער. דער ייד האָט אָנגעזאָגט: כל זמן ער לעבט, זאָל מען זיך טיילן מיטן קינד מיט דעם לעצטן ביסן, און אַז ער וועט שוין ניט זיין, וועט עס גאָט פאַרזאָרגן.

דאָס ייִנגל איז געוואַקסן. עס איז געוואָרן גרעסער, געזונטער. עס האָט געהאַט דער מאַמעס שוואַרצע קרייזלעך און אירע לעבעדיקע גרין־גרויע אויגן. די שטומע האָט אין קינדס אויגן שטענדיק עפּעס געזוכט, און אַז ער האָט גענומען אַרויסריידן ווערטער, האָט זי מיט איר צעשפּאָלטענער ליפּ גענומען אים נאָכמאַכן, נאָכריידן. די שטומע מאַמע האָט אַרויסגעברומט א מין קלאַנג, וואָס די שכנים האָבן געשוואוירן, אַז זיי דערהערן אין דעם קלאַנג דייטליך דעם קינדס נאָמען. עס האָט אויסגעזען ווי מאַמע און זון פאַרשטייען זיך גוט, האָבן אַן אייגענעם לשון.

מען האָט זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן פון דער געטריישאַפט, וואָס דער ייד האָט אַרויסגעוויזן צום קינד. דער ייד און זיין ווייב

האָבן דאָס קינד ניט ארויסגעלאָזט פון זייער השגחה, און מען האָבן געזען בחוש, ווי די שטומע נעמט זיך איבער מיט דעם, וואָס אַזוינע לייטישע מענטשן ווייזן אַרויס אַ שטאַרקע ליבע צו איר קינד.

ווען נתן איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָט שוין דער ייד גענומען אריינקנעלן אין אים דעם אַלף־בית. „ער וועט ביי מיר לערנען — האָט דער ייד געזאָגט — ווי מיין אייגן קינד". ביז זיין פינפטן יאָר האָט זיך דאָס יינגל דערצויגן ביים יידן, נאָכדעם האָט דער ייד פאַרלאָזט די שטאָט. ער איז אַלעמאָל געווען אַזאַ מין סודותדיקער און מען האָט ניט געוואוסט געניי פונוואַנען ער האָט זיך גענומען. מען האָט אויך ניט געוואוסט, וואוהין ער איז אַוועק.

מען האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אים, אים אַרומגעזוכט, אָבער קיינער האָט זיך ניט געקענט דערוויסן וואו ער געפינט זיך. מען האָט נאָר געוואוסט, אַז ער האָט פאַר זיין אַוועקגיין באַזאָרגט דאָס קינד אין „קאָמיטעט", אַז ער האָט עס געקושט, און אַז ער האָט אפילו דער שטומער אַ קוש געגעבן אין קאָפּ, און אין איין טונקעלן פרימאָרגן איז זיין שטיבל געשטאַנען ליידיק און עס האָט זיך געהערט די יאָמערדיקע שטים פון דער מאַמען.

דער „קאָמיטעט" איז געווען אַן אינסטיטוציע פאַר אָרעמע קינדער און יתומים. די קינדער האָבן דאָרט געלערנט אַ פאַך. דער „קאָמיטעט" איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פון קהל און אין קיין וואויל־טאָג האָבן זיך די קינדער דאָרט ניט געבאָדן. די באַלעבאַטישע יידן פון שטאָט, כאָטש זיי האָבן געדאַרפט האָבן פוקע הערצער, האָבן אָבער ניט געוואָלט, אַז די יתומים און אָרעמע קינדער זאָלן זיך גלייכן מיט זייערע קינדער. האָבן זיי די קינדער געהאָדעוועט מיט קרופּניק און קאַרטאָפל און זיי זיינען געווען אויסגעבלייכט, מאָגער, אָן שום קינדערשער פרייד אויף די פּנימלעך. זיי האָבן אויך געטראָגן דלותדיקע גאַרניטערלעך, וואָס האָט זיי באַצייכנט ווי קינדער פון אביונים, און אַ בלעכל אויף זייער היטל האָט זיי אויסגעטיילט פון די איבעריקע קינדער אין שטאָט.

דער אַנשטאַלט איז געווען אין אַ נידעריקער און אַלטער געביידע, אויפן שול־הויף ביים מאַרק. די פענצטער — נידעריק ביי דער ערד. די ערשטע צייט האָט די שטומע, ווי אַ געטרייער הונט, געהיט די פענצטער. זי פלעגט זיצן מיט די פיס הינטער זיך און מיטן קאָפּ צו די שויבן, און האָט עפּעס אַריינגעברומט. שפּעטער האָט זי זיך

באַנוגנט מיט די מינוטן, וואָס דאָס קינד איז געווען אין שטיבל מיט איר. נתן האָט דער מאַמען ליב געהאַט, ניט ווייניקער ווי זי אים. ער האָט זיך געקלאַמערט אין איר, און איר אויסדערציילט אַלץ, וואָס אים האָט געקלעמט. ווען ער איז עלטער געוואָרן איז זיין ליבע צו דער מאַמען ניט געמינערט געוואָרן.

די יאָרן זיינען געגאַנגען. די שטומע האָט זיך געעלטערט. ווי אין אירע קינדערשע יאָרן איז זי נאָך אַלץ אַרומגעלאָפן פון שטוב צו שטוב. איר מאַמע איז שוין לאַנג געשטאָרבן. די שכנים האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן אויף איר אַן אויג, מורא געהאַט עס זאָל נאָכאַמאָל ניט געשען, וואָס עס איז געשען...

גראָד אין יענע ציטן האָט די שטאָט געגומען קאָכן מיט עפּעס. קלאַנגען זיינען דערגאַנגען, אַז אין שטאָט וועט באַלד אָפּגעשטעלט ווערן די אַרבעט. אַ האַנט וועט זיך ניט הייבן! מען האָט אויך גערעדט וועגן דעם, אַז אַרבעטער קלייבן זיך אין די וועלדער, אַז מענטשן פון די גרעסערע שטעט קומען אַהער אַראָפּ און האַלטן דרשות פאַר די וועבער און די גאַרבער, אַנדערע האָבן דערציילט, אַז די בעקער וועלן אויפהערן באַקן ברויט. עס וועט זיין אַ „זאַבאַסטאָווקע”. אַזאַ ווי אין דער אייזן־פאַבריק פון דער נאָענטער גרויס־שטאָט.

אויפן הויף זיינען עטלעכע יונגעלייט אַרומגעגאַנגען פאַר־סודעט, און זיך געמאַכט ניט וויסנדיק וואָס מען רעדט. זיי האָבן קלוג צוגעשמייכלט, אָבער די שכנים האָבן אין זייערע אויגן געזוכט און געפונען עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. עפּעס אַ וואַרטעניש, אַן אָנגעצויגענע, געשפּאַנטע פרייד. דער זעכצן יאָריקער נתן האָט דער שטומער מאַמען געגלעט מיטביידע הענט די צעשויבערטע קרייזלעך און אין איר אריינגערעדט: „וועסט זען, מאַמע, וועסט זען!” ער האָט געוואָלט זיין מאַמע זאָל אַלץ פאַרשטיין. די ווערטער זיינען ביי אים אַרויסגעגאַנגען געמאָסטענע. זי האָט געקוקט אויף זיינע ליפּן, אים נאָכגעמאַכט מיטן מויל און ביידנס אויגן האָבן געגלאַנצט מיט קינדערשן, שטיפערישן זוכן. דער מאַמעס אויגן — שוואַרצע, אַרומלויפנדיקע, דעם קינד'ס — גרין־גרויע, מיט טונקלע, גרויסע ברעמען און אַביסל מידע.

דאָס דערוואַרטע איז געקומען פריער ווי מען האָט גערעכנט. אין איין טאָג האָבן זיך אַלע פאַבריקן און וואַרשטאַטן פון דער שטאָט אָפּגעשטעלט. דער סיגנאַל איז געקומען פון זיך אליין. די

באַלעבאַטים האָבן ניט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר. די גאַסן זיינען געווען פול מיט אַרבעטער, וואָס האָבן צו קיינעם ניט גע־רעדט, ווי דאָס וואָלט אויך געווען אַ פּין פריער אָפּגערעדטע זאַך. איין טאָג איז געווען רואיק, אָבער אויף מאָרגן איז שוין די שטאָט באַלאַגערט געוואָרן פון פּאָליציי. צוויי מענטשן האָבן זיך ניט געטאָרט אָפּשטעלן רעדן צווישן זיך. די פּאָליציי און די קאָזאַקן אויף די פערד האָבן מיט לעדערנע נאַגייקעס געשניטן אָן רחמנות. ווער ס'איז נאָר זיי געקומען צו דער האַנט, האָבן זיי געלאָזט פילן דעם טעם פון די שמיץ. צוליב דער רציחה פון די קאָזאַקן, איז דער דער עולם געבליבן אין די הייזער. דער הויף האָט געציטערט.

דער הויף איז געלעגן צווישן דער פאַבריק און די מיליטערישע קאַזאַרמעס. אַ גאַנצן טאָג האָט מען דאָ געהערט דאָס טופּען פון די פערד און דעם געקלאַנג פון קאָזאַקישע שפּאָרן. עלטערע מענטשן האָבן זיך פאַררוקט אין די הייזער. דאָס יונגוואַרג איז אַרומגעלאָפן און געפּרואווט עפּעס אויפכאַפּן פון דער גאַס. די וואָס זיינען אַוועק צו דער אַרבעט, זיינען שוין פון נעכט־אָן ניט צוריקגעקומען אַהיים. טאַטע־מאַמע זיינען אומגעגאַנגען מיט פאַרבראָכענע הענט און געציטערט פון פחד. די שטומע איז געלאָפן פון איין שטוב צו דער אַנדערער, געפּרואווט געוואויר ווערן, וואָס דאָ קומט פאָר. זי האָט געשפּירט, אַז עפּעס מוראדיקס הענגט איבער איר קינדס קאָפּ, שוין עטלעכע טעג, אַז זי האָט אים ניט אָנגעזען. זי האָט זיך געריסן פון הויף צו דער גאַס און מען האָט זי אָפּגעהאַלטן. זי האָט זיך אַזש געוואָרפן שלאָגן די וואָס האָבן איר פאַרשטעלט דעם וועג.

נאָך דריי טעג, וואָס האָבן זיך געצויגן פאַר די איינוואוינער פון הויף ווי דריי יאָר, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אַרבעטער האָבן פאַרלוירן. זייערע פירער האָט מען פאַרשפּאַרט אין טורמע און אַ סך האָט מען צעשלאָגן און פאַרשלעפּט אין שפּיטאָל.

אין שטאָט איז ווידער שטיל געוואָרן. אַ שטילקייט ווי נאָך אַ לויה. ס'האָט אויסגעזען ווי אַלעמענס כחות וואָלטן זיך מיט־אַמאָל אויסגעלאָזט. מען האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן און אָפּוואַרטן ביז מען וועט צו זיך קומען.

עס זיינען אַוועק עטלעכע וואָכן. אין די פרייע פאַרנאַכטן האָט זיך נתן ווידער געטוליעט צו דער מאַמען. ער איז געווען אָפּגעצערט, שווייגנדיק און האָט געשמייכלט ווי אַ קינד. די שטומע האָט אים

מיט זאָרג אין די אויגן געפרעגט אַלץ וואָס זי האָט ניט באַנומען. אין אירע זוכנדיקע אויגן איז אויך געווען אַ פרייד, וואָס ער איז דאָ, וואָס ער איז איר קינד.

עס איז געווען אַ שבת פאַרנאַכט. אויף די גאַסן זיינען געווען ווייניק מענטשן. בלויז דאָ און דאָרט איז געגאַנגען א ייד, באַלאָדן מיט שווערע מחשבות. אין די פענצטער האָבן זיך געצונדן מוטנע פייערלעך, אין דער לופטן איז געהאָנגען אַ נאָגנדיקער אומעט. פלוצלונג האָט פון ערגעץ אַ שאָט געטאָן מיט קולות, מיט אַ קלאַפעריי פון צענדליקער פאָר פיס, שווערע טריט, ווי זיי וואָלטן מיט יעדן טראָט עפּעס צעשמעטערט. פּאָליציי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן הויף ווי אַרויסגעוואָקסענע פון די שאָטנס פון הויף. מען האָט פאַרשטעלט ביידע אַרויסגאַנגען, קיינער זאָל זיך ניט קענען אַרויסכאַפּן. די שכנים, צעטומלטע, האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, ווי זיי וואָלטן צווישן זיך פון פריער אָפּגערעדט, אַז אַזוי דאַרף זיין. די פּאָליציי האָט איבערגעקערט די שטיבער, דעם גאַנצן הויף. אונטערן טונקעלן הימל האָבן זיך די מענטשן געוואונדערט: וואָס קען מען ביי זיי געפינען?

באַלד האָבן זיך דער פּאָליציי־הויפּט און עטלעכע פון זיינע לייט געלאָזן אויף די מענטשן, געשריען, מען זאָל זיי גלייך אַרויס־געבן נתנען פון זיין באַהעלטעניש. זיי האָבן אויך געפרעגט אויף דעם יידן מיט דער טאָרבע. עס האָט גענומען אַ ווילע ביז די שכנים האָבן באַנומען וואָס מען וויל פון זיי. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען וואָס דער רשע וויל פון נתן דער שטומערס, און פונוואַנען זאָלן זיי וויסן וואו דער ייד מיט דער טאָרבע איז? שוין יאָרן, אַז מען האָט אים פאַר די אויגן ניט געזען. אַלע האָבן אין דער שטיל ביי זיך אָפּגעמאַכט צו ענטפערן: מיר ווייסן פון גאָרניט: די פּאָליציי, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין הויף מיט שטורעם, האָט זיך געמוזט אָפּטראָגן מיט גאָרניט.

די זעלבע נאַכט האָט מען אַרעסטירט נתנען צוזאַמען מיט די אַנדערע געזעלן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער שניידער פאַבריק. אַ צייט האָט די שטאָט זיך געוואונדערט, ווער עס האָט געקענט אַרויס־געבן דער פּאָליציי די נעמען פון די יונגעלייט. מען האָט זיך דער־וואוסט דעם סוד: מענדל, אַ חסידישער ייד, אַ שניט־קרעמער, האָט אונטערגעשריבן אַ מסירה, אַז די אַלע יונגעלייט זיינען בונטאָוו־

שטשיקעס. אַ ייד, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געווען אַ גמרא־מלמד ביי מענדלען, האָט זיך ווידער באַוויזן, און איז געוואָרן דער גאַנצער אָנפירער פון דעם בונט.

די מאַמעס פון די אַרבעטער־זין האָבן אויסגעבראָכן די שויבן ביים מסור אין הויז, און האָבן יעדעס מאָל ווען מענדל איז פאַרביי־געגאַנגען אויסגעשפּיגן, אָבער זייערע זין האָט מען פאַרשיקט מיטן עטאַפּ ווייט־ווייט, קיין סיביר. דער קרבן פון הויף איז געווען נתן. אין הויף איז געווען תשעה־באָב. דער צער פון דער שטומער איז געווען אין לשער. זי איז איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג.

די ערשטע פאָר טעג, וואָס נתן האָט געפעלט, איז זי אַרומ־געלאָפן און זיך איינגעקוקט מיט צעטומלטע אויגן אין יעדן פאַרביי־גייער. אַ בייזקייט האָט אַרויסגעשריגן פון איר וועזן. מיט איר ווילדן אויסזען, ניט־פאַרקעמטע האָר, אַ ניט־געוואַשענע, האָט זי אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלעמען. נאָכדעם האָט זי זיך צונויפ־געדרייט ווי אַ קנויל, ניט געגעסן, ניט געטרונקען, נאָר געברומט, ווי אַ שווערע משא וואָלט געדריקט אויף איר.

אין איין טונקעלן פאַרנאַכט האָט זיך ביי דער שוועל פון אַ שכן באַוויזן אַ יונג מיידל און געפרעגט אויף דער שטומער. נאָכדעם איז געקומען אַן עלטערער ייד מיט אַ גרוי, געשוירן בערדל. די שכנה האָט באַלד אריינגעבראַכט די שטומע, און אַז דער ייד האָט זיך צערעדט, האָט די שכנה דערקענט אין זיין קול, דעם יידן מיט דער טאָרבע, דעם רבין.

די שטומע האָט באַטראַכט דעם יידן און זיך צעצאַפּלט פאַר פרייד. זי האָט דעם יידן געצופּט פאַר די אַרבל, פאַרן לאַץ, ווי זי וואָלט פון דאָרטן דערוואַרט איר זון. דער ייד האָט זי געגלעט אויפן קאָפּ און געזאָגט: „איך האָב דיר געבראַכט אַ גרוס פון נתנען. ער וויל דו זאָלסט ניט וויינען. ער וועט צוריקקומען. מען דאַרף איבערוואַרטן. וויין ניט!" — האָט ער צו איר גערעדט ווי צו אַן אייגן קינד. „וואַרטן, וואַרטן!" — האָט די שכנה אים נאָכגעזאָגט.

דער ייד איז אַוועק. די שטומע האָט זיך באַרואיקט און געוואַרט אינאיינעם מיטן גאַנצן הויף אויפן ליכטיקן טאָג...

טויטע בלומען

די נאַכט האָט זיך נאָך ניט אָפּגעטאָן. אין פּעיס צימער איז נאָך די פֿינצטערניש געווען געדיכט. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום לאָמפּ, געוואָלט זען ווי שפּעט עס איז. פֿאַרוואָס זיך אויפֿגעוועקט? וואָס איז די איילעניש? היינט וועט זיין אַ טאָג ווי אַלע טעג! זי וועט זיך אָנטאָן, עטוואָס עסן, קוקן אין שפּיגל און דערנאָך דער לאַנגער טעגלעכער שפּאַציר צו דער אַרבעט. דער וועג איז אַן אויסגעטראָטענער. עס זיינען איר שוין קאַנטיק די הייזער, די קראָמען; די פּנימער וואָס וועלן איר אַנטקעגנקומען. זי דערקענט זיי שוין אפֿילו מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

אַ געוויינלעכער פֿרימאָרגן, ווי אַלע פֿרימאָרגנס, אַזאַ, וואָס מיט צוויי אָדער צען יאָר צוריק. די יאָרן אונטערשיידן זיך איינס פֿון אַנדערן אַזוי ווייניק, ווי זיי וואָלטן זיך אויסגעמישט. דער פֿרימאָרגן טיילט זיך יאָ אויס אין איר געדאַנק, אָבער נאָר מיט אַ געוויסער אינערלעכקייט, אויסערלעך איז דער טאָג אַ טאָג ווי אַלע פֿריערדיקע טעג.

זי אַליין, האָט פֿון די יאָרן ווייניק געטראַכט. זי איז געזונט אויף אַלע אברים, גרינג אין איר גאַנג ווי יינגערע פֿון איר. זי איז ניט הינטערשטעליק אין דער אַרבעט, פֿאַרקערט, מען לויבט איצט איר אַרבעט מער ווי פֿריער. מיט די יאָרן איז געקומען די דערפֿאָרונג אין דער אַרבעט. דאָך האָט פּעי דערפֿילט אין זיך אַ דראַנג צו פֿלייס, אַ מין אַרויסרופֿערישקייט, ווי זי וואָלט געוואָלט באַווייזן, אַז זי איז די זעלבע פּעי, וואָס מיט יאָרן צורק.

ווען זי איז געקומען אין דער ביוראָ און געזען, אַז דער וויזער האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף גאַנצע פֿינף מינוט, האָט זי זיך פֿאַרגעוואָרפֿן, פֿאַרוואָס זי האָט זיך פֿאַרטראַכט און פֿאַרשפּעטיקט. זי האָט זיך אין געאייל אויסגעטאָן, און איידער וואָס ווען האָבן זיך שוין אין דעם אַרבעטס־צימער באַוויזן פֿיר מיידלעך מיט דעם פֿאַרוואַלטער. זיי האָבן אַריינמאַרשירט, ווי אין אַ צוגעגרייטער פּראָצעסיע. דער פֿאַרוואַלטער, וואָס האָט געהאַלטן אַ קליין בוקעטל בלומען אין די הענט, האָט געהאַט אַן ערנסט פּנים,

כאָטש זיינע קליינע אייגעלעך האָבן אביסל געשמייכלט. ער האָט מיט אַ פּייערלעכן איינדרוק איר דערלאַנגט די בלומען, און ווי איינער, וואָס איז שוין געוואוינט געווען צו אַזעלכע צערעמאָניעס, האָט ער שטיל געזאָגט:

„...מיר, דאָ, האָבן ניט פאַרגעסן צו באַצייכענען די דאַטע פון אייערע פינף און צוואַנציק יאָר, ביי אונדז! דאָס איז ניט קיין קלייניקייט! עס איז דאָך אַ פערטל יאָרהונדערט! איר האָט איצט דערגרייכט אַזאַ פּונקט, מיין ליבע פעי, פון וועלכן מען שאַרט זיך שוין אויף צוריק, ווי נאָר מען גרייכט אים. מען מוז זיך שוין אָנ־האַלטן אין עפּעס מיטביידע הענט, ווייל דאָס געזעץ...״ —

מיט זיינע ציכטיקע הענט האָט ער אָנגעוויזן אויף ארונטער, און האָט זיך צעלאַכט פון זיין אייגענער חכמה.

פעי איז געשטאַנען האַלב פאַרגליווערט. זי האָט דערפילט אַז דער ראַפינירטער פאַרוואַלטער האָט מיט זיין צוגרייטן די פייערונג, מיטן געדענקען די גענויע דאַטע, זינט זי אַרבעט דאָ, און מיט זיין „אויסצייכענען״ זי — איז איר אויסגעקומען ווי ער וואָלט זי אויסגעטאָן נאַקעט פאַר אַלעמען אין די אויגן. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן און וואָס צו טאָן מיט די הענט, אין וועלכע עס האָבן געשטעקט די פאַרשעמטע בלומען, האַלב פאַר־חלשטע, מיט ארונטערגעלאָזענע קעפּלעך. זי האָט אַ בליק געטאָן צו די פיר מיידלעך, וואָס האָבן דערפילט די שטעכעדיקייט אין פאַר־וואַלטערס רעדע. זי האָט אַרויסגעלייענט אין זייערע אויגן דעם מיטגעפיל צו איר. ווען די קליינע סילוויע לויפט ניט צו און נעמט זי אַרום, און קושט זי מיט טרערן אין די אויגן, ווער ווייסט מיט וואָס די סצענע וואָלט זיך געווען געענדיקט.

הער בערג, דער פאַרוואַלטער, איז געווען מיט אַ פופצן יאָר עלטער פון פעי׳ען. אין פאַרגלייך מיט איר איז ער דאָ נאָך געווען אַ גאַנץ נייער מענטש. ער איז געקומען פון עסטרייך. ביז היטלערן האָט ער ניט געוואוסט, אַז ער איז אַ ייד. היטלער האָט עס אים דערמאָנט. די נאַציס האָבן אים באַרויבט פון זיין גאַנץ פאַרמעגן, כאָטש ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין ערשטן וועלט־קריג און געהאַט מעדאַלן פאַר זיין מלחמה־דינסט. ווען מען שמוגלט אים באַצייטנס ניט אַרויס, וואָלט ער געווען וואו אַלע זיינע יידישע לאַנדסלייט.

ער איז געווען אַ מענטש מיט בילדונג. האָט געהאַט עטלעכע

טיטולן, זיין שטייגער־לעבן, זיין אויפפירן זיך איז געווען אין „דייטשן סטיל״, „אַן עכטער אַריער״. ער איז אָבער „געשטראָפט״ געוואָרן מיט אַ יידישער נאָז, וואָס האָט עפּעס ניט האַרמאָנירט מיט זיינע העל־בלויע אויגן, מיט זיינע קיילעכדיקע, בלוט־שפּריצנדיקע באַקן, מיט זיינע שטעכיקע וואָנצעס, און כמעט האַרלאָזן קאָפּ. בערג האָט געדענקט עטלעכע יידישע ווערטער, וואָס האָבן זיך פאַרוואַלגערט אין זיין משפּחה, אַן איבערבלייב פון אַ פּוילישן עלטער־זיידן. ער האָט די ווערטער זעלטן באַנוצט, און ווען יאָ, איז ניט אין פלאַץ. ער האָט דעם באַדייט פון די ווערטער אַליין ניט פאַרשטאַנען.

ווען בערג איז אָנגעשטעלט געוואָרן אין דער אינסטיטוציע איז ער נאָך אפילו קיין וואָך ניט געווען אין לאַנד. אָבער מיט זיין פּיאַיקייט זיך צוצופּאַסן צו יעדער אַטמאָספערע, האָט ער זיך באַלד אָריענטירט און געוואונען דעם צוטרוי פון אַלע. ער האָט זיך געסטאַרעט צו באַווייזן, אַז ער וואַרפט אָפּ פון זיך אַלץ, וואָס האָט אים פאַרבונדן מיט זיין געוועזענער היים. ער האָט ניט געוואָלט ריידן קיין דייטש, האָט געלייקנט, אַז דייטשלאַנד איז אַמאָל געווען אַ לאַנד פון קולטור, און אַ שטיק צייט האָט ער זיך אַפילו געהאַט אויסגעדריקט, אַז די ציוויליזירטע וועלט דאַרף זיך לערנען פון די „רוסן״. ער האָט געוואונען דעם צוטרוי פון זיינע מענטשן. פעי האָט אין זיין אָנוועזנהייט געלייענט די לינקע פּרעסע, זשורנאַלן, און כאָטש פאַר געשפּרעכן איז ניט געווען קיין צייט, איז זי אָבער געווען זיכער, אַז עס לויערן ניט אויף איר קיין אויגן פון וועלכע מען דאַרף זיך אויסהיטן.

לאַנג האָט אָבער די אידיליע ניט אָנגעהאַלטן. אין אַ פרי־מאָרגן, ווען די פּרעסע האָט אָנגעזאָגט מיט גרויסע קעפּ, אַז טשעכאָסלאָוואַקיע איז געוואָרן אַ פאָלקס־דעמאָקראַטיע, איז הער בערג געקומען צו דער אַרבעט אַן אַנדער מענטש; אויס מיט די שיינע פראַזן, וועגן „אַרויפקוקן צו די רוסן״! אין געציילטע טעג איז אַלץ, וואָס האָט פריער געהעלט און געמוטיקט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואולקאַן, וואָס אָט־אָט פאַרפלייצט ער די גאַנצע פרייע וועלט...

אָט־די נייע ענדערונג אין בערגן האָט געווירקט אויף זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער. זייער טאָן אין שמועס מיט אים האָט זיך געמוזט בייטן. צו קיין פּאָליטישע און אידעאישע דיסקוסיעס איז

ניט געקומען. עס האָט זיך אָבער איינגעשטעלט אַן אַנדער ריכטונג.

פעי, וואָס איז דעם גרעסטן טייל טאָג געווען אין איין צימער מיט בערגן, האָט ארויפגעצויגן אויף זיך אַ מין שטייפקייט. זי האָט זיך געצוואוּנגען צו שמייכלען, זיין מער דיסציפּלינירט און דער עיקר, אויסמיידן יעדע מינדסטע אָנדייטונג, אַז עס איבלט איר פון זיינע רייד. ער, בערג, האָט געזוכט צו איבערצייגן אַלעמען, אַז די „רוסן" זיינען די ערגסטע, מען דאַרף זיך דערווייטערן פון זיי. ער האָט גערעדט מיט ברען און ליידנשאַפט. דאָס האָט גורם געווען, אַז צווישן די צוויי, דעם פאַרוואַלטער בערג און זיין מיטאַרבעטערין פעי, זאָל איינגעשטעלט ווערן אַ מין מחיצה, א צוים. דאָס האָט אים גערגערט און ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט צו צעשטערן דעם צוים. אין יענעם פרימאָרגן האָט ער געמיינט, אַז ער האָט געפונען די געלעגנהייט.

דער הער בערג האָט זיך געקליבן צו מאַכן פעין אַן איבער־ראַשונג, אַ „סורפּריז", — צוטראָגן בלומען צו דעם יובל פון דער דאַטע זינט זי אַרבעט דאָ. אין דער זעלבער צייט וויל ער האָבן די סאַטיספאַקציע פון לאָזן איר וויסן, אַז ער ווייסט גענוי ווי אַלט זי איז, און אַז ווען מען דערגרייכט אזאַ עלטער קוקט מען ארונטער...

פאַר די איבעריקע אַרבעטער פון דעם אַנשטאַלט האָט הער בערג געהאַלטן די צערעמאָניע פאַר אַ סוד. ער האָט זיי ערשט אָנגעזאָגט מיט אַ טאָג פריער, מען זאָל מאָרגן באַגעגענען פעי'ען מיט בלומען.

די מיידלעך, די ארבעטערינס, זיינען ניט געוואוינט געווען צו אַזעלכע פייערונגען. קיינער האָט ניט געהאַט קיין באַזונדערע פרייד פון אויסזאָגן די עלטער. זיי האָבן געוואוסט, אַז דוקא די עלטערע אַרבעטער עקספּלואַטירט די פאַרוואַלטונג ניט ווייניק, צאָלט זיי ווייניקער ווי די נייע. האָבן זיי געוואָלט פאַרשווייגן פעיס יובילייַ. זיי האָבן זיך אָבער ניט געשטעלט קעגן פאַרוואַלטער, בפרט נאָך, אַז עס האָט געהייסן, אַז ער וויל באַווייזן זיין גוטע באַציאונג צו אַן אָנגעשטעלטן מיטאַרבעטער... האָבן די מיידלעך געמוזט דורכפירן די צערעמאָניע, כאָטש דאָס האָט זיי פאַרדראָסן.

נאָך דער צערעמאָניע האָט שוין פעי געאַרבעט מיט אַ מאָדנעם אימפּעט, ווי געיאָגט פון בייטשן. זי האָט אויסגעמיטן אַלעמענס אויגן, האָט בלויז געענטפערט אויף אַ פראַגע פון פאַרוואַלטער.

זי האָט געוואָלט מיט איר אימפּעטיקער אַרבעט פאַרהאַקן אירע מחשבות, וואָס זיינען געשפּרונגען אין איר מוח, ווי ווייזערס איבערן ציפערבלאַט, ווי צעשראָקענע פליגן. זי האָט קוים דערלעבט די מינוט דער אַרבעטס־טאָג זאָל זיך ענדיקן. עס האָבן געעקבערט אין איר מוח זיינע רייד, אַז מען האָט אָפּגעאַרבעט אין אַן אינסטיטוציע אַ פערטל יאָרהונדערט, איז שוין ניטאָ אויף וואָס צו וואַרטן. דאָס מיינט, אין אַנדערע ווערטער, אַז דאָס בעסטע פון זיך האָט זי שוין אָפּגעגעבן, און פאַר דעם האָט ער איר צוגעטראָגן אַ פּאָר בלימלעך, אַ באַלוינונג פאַר די אָפּגעאַרבעטע יאָרן.

זי האָט געטראַכט ווי מאָדנע עס איז! ביז אַצינד האָט זי געהאַט אַ געפיל, אַז מיט די יאָרן זאַמלט זי עפּעס, אָבער היינט האָט ער איר גאָר געגעבן אַנצוהערן אויף זיין דייטשן אופן, אַז אַלץ איז איצט גאָר „קאַפּוט!". אין איר געדאַנק האָט אים פּעי געענטפערט: „איר, הער בערג, זיינט דאָך שוין אַביסל עלטער פון מיר, זענט איר אויך „קאַפּוט"?

אַ לוסטיקער זון־שטראַל, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין צימער, האָט איר געזאָגט: „קוק אויף מיר, וואָס ווייסט דען אַ מענטש פון צייט?" זי האָט זיך אויפגעשטעלט קעגן דער זון און געטראַכט: „ לאָמיך זיך נאָר איבערטאָן, אָוועקגיין און דאָ איבערלאָזן דעם פאַרדרוס!" אירע אויגן זיינען געפאַלן אויף די בלומען, וואָס האָבן, ווי איר האָט זיך געדאַכט, גערעדט צו איר: „וואָס זיינען מיר שולדיק? פאַרשעם אונז ניט, נעם אונז מיט!"

זי האָט גענומען די בלומען פון דער וואַזע און עס האָט איר פאַרדראָסן פונעם געפיל, אַז זי האַלט די בלומען מיט קאַלטע הענט...

אין גאַס האָט זיך פּעי דערפרייט, אָפּגעפרישט. אין אַ פענצטער, ביי וועלכן זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זי זיך דערזען אַ שלאַנקע, און זיך געוואונדערט, וואָס דער היינטיקער פרימאָרגן האָט אויף איר אויסערלעך ניט איבערגעלאָזט קיין רושם. זי האָט געהאַט אַ באַגער צו שפּאַצירן, כדי בעתן גאַנג בעסער טראַכטן. זי האָט אַנגעלייגט אַ סך וועג צו דערגרייכן דעם פּאַרק, און אַז זי האָט דעם פּאַרק דערגרייכט, איז זי שוין געווען פאַרמאַטערט. זי האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, אָנגעשפּאַרט איין האַנט אויף דעם פּאַרענטש און מיט דער צווייטער געריבן אירע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. זי האָט געשפּירט אַ מאָדנע רואיקייט, נאָר אין דער רואיקייט

האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס דרייט זיך פאַר איר אַ שוואַרץ נפשל, מיט אַן עקל, ווי ביי „מיקי מויז", מיט אַזעלכע לאַכנדיקע, גרינע אייגעלעך. זי האָט געפילט, אַז דאָס געלעכטערל עסט זיך איין אין אירע ביינער, ווי די אייגעלעך ווילן דווקא זי זאָל זיך אין זיי איינקוקן „וואו האָט זי די אייגעלעך געזען?" — וויל זי זיך דער־מאָנען, — „דאָס זיינען זיינע אייגעלעך, דאָס זי זעט זי אים..."

פעי האָט געעפנט די אויגן און דערזען די בלומען אויף איר שויס. פונקט ווי פריער האָט זיך איר געוואָלט זיין אַליין מיט אירע געדאַנקען, האָט זיך איר איצטער פאַרוואָלט צו זיין מיט עמיצן, מיט וועמען זי זאָל זיך קאָנען טיילן מיט אירע געדאַנקען. דער באַוואוסטזיין, אַז זי וועט זיך אומקערן אליין אין איר מעבלירטן צימער, וואו זי וועט אַליין דאַרפן גרייטן דעם טיש, האָט איר געמאַכט טראַכטן, ווי לאַנג עס איז שוין, זינט זי האָט געגרייט אַ טיש פאַר צווייען? דאַכט זיך, אַז ניט לאַנג צוריק. זי איז דעמאָלט געלאָפן אַהיים אַ באַלאָדענע מיט פעקלעך און מיט דער פרייד, וואָס עמיצער וואַרט אויף איר. יאָ, דאָס איז געווען „אַמאָל". נאָכדעם האָט זיך דאָס גליק אויסגעלאָזט...

פעי איז ניט געווען די איינציקע, וואָס האָט געהאַט אין לעבן בלויז איין „קורצע פאַרבינדונג". אויך די אַנדערע מיידלעך האָבן געלעבט אין זייער אַליינקייט, געבענקט און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז עס קימערט זיי ניט, אַז זיי קאָנען אויסקומען אָן ליבע, נאָר איינע, די יינגסטע, האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם „אַליין"־קרייז.

סילוויע, איינע פון די פינף מיידלעך, זעקס־און־צוואַנציק יאָר אַלט. זי איז געווען די איינציקע אַמעריקאַנער־געבוירענע און אַ טאָכטער פון אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. זי איז געווען אַ קורצ־וואוקסיקע און האָט מיט איר אויסזען ניט געצויגן די אויפמערק־זאַמקייט פון די מענער. זי האָט באַקומען אַ גוטע דערציאונג, נאָר אפילו אין קאָלעדזש האָט זי זיך ניט אָנגעזען. זי איז דערפאַר אָוועק אַרבעטן אין דער דאָזיקער אינסטיטוציע פאַר סאָציאַלער הילף.

עס האָבן זיך אָבער געפונען מענטשן, וואָס האָבן אין סילוויען באַמערקט די שיינקייט, וואָס שרייט ניט, נאָר דווקא די שיינקייט, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין איר קער און ווענד, אין איר באַנעמונג מיט מענטשן און זאַכן. פעי איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָט אין סילוויען דערזען די אויסערגעוויינלעכקייט. און כאָטש זי איז

געווען עלטער פון איר, האָט זיך פונדעסטוועגן אָנגעקניפּט צווישן זיי אַ פריינטשאַפט און איבערגעבנקייט, ווי צווישן אַן עלטערער און ייִנגערער שוועסטער. פעי האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף דער קליינער סילוויע, און איר השפעה האָט געווירקט, אַז זי, סילוויע, זאָל זיך אַרויסרייסן פון איר פאַרגליווערטקייט, און אפילו איבערשטייַגן איר וועג־ווייזערין...

סילוויעס אַרבעט איז געווען פון דעם סאָרט, וואָס האָט איר צונויפגעפירט מיט מענטשן, וואָס זיינען איר ביז דעמאָלט געווען פרעמד. זי האָט דערזען די אָרעמקייט און זי האָט זיך געווידמעט דעם נייעם פאַר איר ווינקל.

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג האָט זי אין אַ האַלב טונקעלן קאָרידאָר, אין שליחות פון דער אינסטיטוציע, באַמערקט אַ יונגנמאַן מיט אַ באַרשט אין איין האַנט און אַן אויסשניט פון אַ צייטונג אין דער צווייטער. ווען דער יונגערמאַן האָט אויפגעהויבן די אויגן פון דעם פּאַפּיר און האָט דערזען סילוויען, האָט ער דעם פּאַפּיר גיך אַריינגעשטופּט אין קעשענע פון זיין טונקל העמד, און אַ נעם געטאָן די באַרשט אין ביידע הענט, זיך גענומען אויסקערן דעם קאָרידאָר. „ווער ווייסט" — האָט ער געטראַכט — „אפשר איז זי פון די, וואָס פּאַסן אויף, צי די אַרבעט ווערט געטאָן".

ער איז געווען פון די „נייע", איינער פון די וואָס דער „האַיאַס" האָט פאַרזאָרגט מיט שטעלעס. מען האָט אים גערופן קאַרל. זיין נאָמען איז געווען קלמן. ער איז געווען דער עלטסטער אין אַ פאַמיליע וואָס זיינען פון אַ קליין שטעטל אין פּוילן פאַרוואָגלט געוואָרן קיין כינע. די משפחה האָט דורכגעמאַכט אַלערליי קראַנק־הייטן, אָבער ער איז פאַרבליבן פיזיש און גייסטיק געזונט און איז אויך געווען דער שפּייזער און פאַרזאָרגער פון זיינע עלטערן.

קלמן איז געווען אַ געזונטער בחור פול מיט לעבן און לוסט. ער האָט ניט ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיין שווערער פאַרגאַנ־גענהייט און האָט אויך ניט געוואָלט מען זאָל אויף אים רחמנות האָבן, אים אַרויסווייזן מיטלייד. סילוויען איז דערפאַר ניט אָנגעקומען גרינג צו געווינען זיין צוטרוי. אָבער אַז דער בחור האָט זיך שוין יאָ דערנעענטערט צום מיידל, וואָס האָט געקוקט אויף אים מיט אַזעלכע אויגן, פאַר וועלכע ער האָט ניט געהאַט קיין נאָמען, איז עס געווען ווי צוויי מענטשן וואָס האָבן זיך אַ לאַנגע צייט געזוכט און

סוף כל סוף געפונען. וואָס עס האָט דעם אַמעריקאַנער געבוירענעם מיידל צוגעצויגן צום פרעמדן בחור? — דאָס איז פאַרבליבן סילוויעס סוד...

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און סילוויע מיט קלמנען האָבן זיך פאַרבונדן. דורך קלמנען האָט ערשט סילוויע דערזען די וועלט אין איר אמתן קאָליר.

אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן און דערמאָנט פעי'ען אַז זי איז דאָ צו לאַנג פאַרזעסן. זי האָט שוין אַביסל פאַרגעסן די שטעכיקע ווערטער פון דעם פאַרוואַלטער. זי האָט דערזען די טויטע בלומען אויף דער באַנק, זיי אַראָפּגעשאַרט און געזאָגט צו זיך אַליין: „איך וועל מיר שוין אַליין קויפן בלומען. מאָרגן וועל איך זאָגן דעם הער בערג, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. נאָך די ערשטע 25 יאָר, וועל איך ערשט אָנהייבן גיין באַרג אַרויף, ניט אַראָפּ!" זי האָט זיך אויפגעהויבן, איז אַוועק אין דער ערשטער בלומען־קראָם און זיך איינגעקויפט זעקס רויטע, פרישע רויזן.

אויף מאָרגן איז פעי געקומען צו דער אַרבעט אַביסל פריער ווי אַלעמאָל. זי האָט זיך ניט געאײַלט איבערצוטאָן, נאָר האָט פריער אַלץ צוגעגרייט. זי האָט געטראַכט וועגן דעם לעבעדיקן „גוט מאָרגן", וואָס זי וועט אָפּגעבן דעם פאַרוואַלטער און וועגן די ווערטער, וואָס זי קלייבט זיך אים צו זאָגן.

דער ווייזער פונעם זייגער האָט זיך גערוקט. אַלע זײַנען שוין געווען אין דער ביורא, די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען, אָבער ער איז נאָך אַלץ ניט געווען.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. פעי האָט אַראָפּגענומען דאָס טרייבל: "וואָס? הער בערג קומט ניט? ער איז קראַנק? האָ עס טוט מיר לייד. איך האָף ער וועט באַלד געזונט ווערן!"

באַלד האָט עמיצער איבערגעגעבן, אַז דער הער בערג וועט שוין אַפּנים ניט קומען. ער איז שטאַרק קראַנק...

אַרום איר האָט זיך געטומלט. מען האָט צו איר גערעדט, ביי איר געפרעגט, אָבער זי האָט כמעט ניט געזען און געהערט. זי האָט געפילט אַ מאָדנע שווערקייט אין אירע גלידער און זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז יעדער ריר וועט אַרויסגעבן איר שרעקלעכן סוד.

פעי האָט געזוכט און גענישטערט אין זיך, צי זי האָט אים עפּעס

געזאָגט אָדער געוואונטשן? — „ניין, ניין!" — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ. — זי האָט נאָר געטראַכט, אַז ער איז עלטער פון איר. האָט זי געזינדיקט מיטן טראַכטן? זי האָט דערפילט אַ וויטיק, אַ וויטיק פאַר זיך, פאַר אים, וואָס וועט שוין דאָ מער ניט זיין. זי האָט אליין ניט געוואוסט פאַרוואָס און פאַר וועמען עס טוט איר וויי. זי האָט נאָר געטראַכט, אַז ערשט נעכטן אינדערפרי האָט ער צו איר גערעדט וועגן אירע פינף און צוואַנציק יאָר דאָ, און ער האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף דער ערד... און ווער ווייסט! אפשר אין דער רגע, ווען זי האָט מיט דער האַנט אָוועקגעשאַרט זיינע בלומען איז ער שוין געווען אַ חולה מסוכן...

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט אַמאָל געהערט אַזאַ זאַך. פאַראַן אַזעלכע פלאַנצן וואָס זאַפּן אין זיך איין מענטשיש לעבן און פאַרוועלקן ווען עס קומט די צייט... די בלומען זיינען געווען טויט! טויטע בלומען!

„ביג באָס"

אז „ביג באָס" האָט איבערגענומען די פירערשאַפט אין דער אינסטיטוציע, האָט ער זיך באַלד געלאָזן הערן מיט זיינע ברייטע קעשענעס און מיט זיין געוויכטיקער פערזענלעכקייט. די ערשטע, וועמען ער האָט באַוויזן זיין קענטעניש, זיינען געווען די פשוטע אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן אין אים דערקענט דעם „עקספערט" און אים אַ נאָמען געגעבן „ביג באָס".

צו די דאָקטוירים און נוירסעס פון פערסאָנאַל, האָט ער זיך פון אָנהויב אָן באַצויגן מיט יראת הכבוד, גערעדט צו זיי מיט געמאַכטער העפלעכקייט. אַלע האָבן אים גערופן „ביג באָס", אַלע האָבן אויסגעמיטן זיין אמתן נאָמען, ווי דער נאָמען וואָלט מיט זיך געטראָגן עפּעס ניט אָנגענעמס.

איידער „ביג באָס" האָט איבערגענומען די פירערשאַפט, איז די אינסטיטוציע געווען קליין און אָרעם, אָבער די אַטמאָספערע איז דאָרט געווען אַ געמיטלעכע, אַ מענטשלעכע, אָבער צוליב מאַנגל אין געלט האָבן די דאָקטוירים פריער געמוזט באַשרענקען אַביסל זייער אַרבעט. ווען דער „ביג באָס" איז געקומען איז זיך די אינסטיטוציע באַלד צעוואַקסן, געוואָרן איינע פון די גרעסטע.

די דאָקטוירים, כאָטש זיי האָבן אָפּגעשאַצט די מאָטיוון פונעם נייעם פילאַנטראָפּ און דערקענט ווער ער איז, האָבן זיך געבויגן פאַר זיינע פולע קעשענעס. טייל האָבן עס געטאָן מיט געבויגענע קעפּ און מיט חניפה, מאַנכע מיט זיסע צביעותדיקע שמייכעלעך. אַלע האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף זיינע רייד, געזאָגט „יאָ" אויף אַלע זיינע מעשים.

די אַרבעט פון „ביג באָס" האָט זיך טאַקע באַלד אָנגעזען. די קליינע אינסטיטוציע האָט געביטן איר פּנים, האָט גענומען אויסזען ווי „ביג באָס". אויף די ווענט האָבן זיך באַוויזן גרויסע מאַרמאָרנע אין מעשענע פּאַנעלן. אַרום דער געביידע זיינען פאַרפלאַנצט געוואָרן ביימער און בלומען, און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך אין קאָרידאָר באַוויזן אַ סטאַטוע פון דעם נייעם פאַרוואַלטער, פון דעם „ביג באָס".

פונוואַנען האָט ער זיך גענומען, דער גאָלד־ריז, פאַר וועמען אַלע האָבן אָפּגעטראָטן דעם וועג? ווער איז ער?

„ביג באָס" איז געווען אַ ייד איבער זעכציק. ער האָט געטראָגן זיינע יאָרן מיט אַ גאווה, ווי מעדאַלן, אָנגעשפּיליעטע אויף דער ברוסט. אַ זעקס־פוסיקער, מיט אַ מאַסיוון און גלייכן קערפּער, ברייטע און שטייפע פּלייצעס און אַ זיכערן געמאָסטענעם גאַנג. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן פאַרריסן אויף אַרויף, די ברוסט אויסגעשטעלט, ווי ער וואָלט מאַרשירט פאָראויס פון אַ פּאַראַד. זיין פּנים, אַביסל געקנייטשט, אָבער זוניק פריש און פאַרברוינט. זיינע געל־גרויע האָר זיינען געווען געדיכט, ווי ביי אַ צוואָנציקיאָריקן בחור. די אויגן, ווייסע, שאַרפע; די ברעמען, אויך ווייסע. דאָס מויל אַ ברייטלעכס. די אונטערשטע ליפּ האָט ביי אים אַביסל אונטערגעציטערט און עס איז שווער געווען צו זאָגן, צי דאָס איז געווען אַן אָנזאָג אויף בייזקייט, אָדער מילדקייט. ער, „ביג באָס", האָט זיך געקליידט לויט דער לעצטער מאָדע. אין אַלגעמיין, נעט. צירלעך־מאַנירלעך. ווען ניט זיינע הענט, וואָלט מען אים אָנגענומען פאַר אַ ציכטיקן און איידעלן דזשענטלמען. ווען מען האָט אַ קוק געטאָן אויף זיינע הענט האָט מען שוין געזען גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס זיינען געווען הענט, וואָס האָבן דערציילט סודות, הענט, וואָס וואַרפן אָן אַ שרעק; הענט, וואָס ווען מען זעט זיי איינמאָל קאָן מען שוין אין זיי ניט פאַרגעסן.

ברייטע הענט, אָנגעבלאָזענע ווי פּענכערס און קורצע פאָנאַנדערגעשפּרייטע, אַביסל פאַרבויגענע פינגער. אויף יעדן פינגערשלאָס, אַ בערגל מיט רויטלעכע האָר. געגל — ווי קרישלדיקע שטיינער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די הענט זיינען באַשעפענישן פאַר זיך אַליין. זיי קאָנען שוין זייער שטעטל באַשטיין.

מען האָט געהאַט אַ שטיקל נקמה אין „ביג באָס", ווען מען האָט דערזען זיינע הענט. מען האָט געטראַכט, אַז דאָס האָט גאָט, וואָס האָט אים געגעבן די פאָר הענט, אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. די הענט האָבן געשריגן: היט זיך פאָר מיר!

עטלעכע צענדליק יאָר איז „ביג באָס" געווען אַ זייל אין דער לעדער־אינדוסטריע. ער האָט געהאַט אַ נעץ פאַבריקן איבערן לאַנד, ער איז געשטאַנען ווי אַן אייזערנע וואַנט קעגן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער. ווי לאַנג ער איז געווען „באָס" איז די וואַנס

ניט געבראָכן געוואָרן. ווען זיין פאַרמעגן האָט שוין איבערגעשטיגן זיינע אַמביציעס, ווען ער האָט שוין געזעטיקט זיינע אַפּעטיטן, — דאָס האָט געגומען יאָרן — האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון געשעפט.

אַ מענטש אָן אַ פאַמיליע און מיט גענוג פאַרבליבענער ענערגיע, האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן אַ זשעסט: זאָל די וועלט הערן פון אים! ער האָט זיך אונטערגענומען צו פינאַנסירן די אינסטיטוציע, וואָס האָט פאַרן געלט, אין וועלכן זי האָט זיך גענויטיקט, צוגעזאָגט אַ סך כבוד. דער פאַבריקאַנט איז געוואָרן אַ פילאַנטראָפּ. די איבער־וואַנדלונג האָט ניט גענומען לאַנג. צום ערשטן איז „ביג באָס" נאָך געווען אביסל באַשיידן, אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען זיין נאָמען אין די „פּייפּערס", איז ער געוואָרן אַן אַנדערער. די פּרעסע האָט ניט געקאַרגט. מען האָט אים באַשריבן אויף גאַנצע קאָלומס, דערציילט וועגן זיין ברייטהאַרציקער פילאַנטראָפּיע, און געוויזן זיינע „פּיקטשערס". אַ קלייניקייט עפּעס! אַ מענטש האָט אַוועק־געגעבן זיין שווער־פאַרהאָרעוועט פאַרמעגן פאַר אַזאַ נאָבעלן צוועק...

די „פּובליסיטי" האָט אים צוגעגעבן חוצפּה, און ער האָט שוין אַליין אָנגעהויבן גלויבן אין זיין גרויסקייט. ער האָט נאָך העכער פאַרריסן דעם קאָפּ, ברייטער אַרויסגעשטעלט די ברוסט, איבערגענומען די לייצעס און אַרויף אויפן פערד. מיטן זעלבן אימפּעט מיט וועלכן ער האָט זיך פריער געיאָגט נאָך געלט, האָט ער זיך איצט גענומען יאָגן נאָך כבוד. אין דעם געיעג האָט ער זיך באַמיט מיט זיין געלט צו באַזייטיקן יעדע שטערונג, וואָס איז אים געווען אין וועג צו קריגן כבוד.

עס זיינען געווען ווינקלען, וואו „ביג באָס" האָט קיין שליטה ניט געהאַט, ווייל ער האָט זיך דאַרט ניט אויסגעקענט. איינס אַזאַ ווינקל איז געווען דער טעכניש־מעדיצינישער אָפּטייל, און ווייל ער האָט זיך אויף דעם געביט ניט אויסגעקענט האָט ער אים גע־פּרוווט מבטל מאַכן.

אַלע טירן זיינען געווען אָפן פאַר „ביג באָס". מען האָט קיינמאָל ניט געוואוסט ווען ער וועט אַריינשטורעמען מיט זיין שאָפער, וואָס איז אים פאַראויסגעלאָפן, געזען די טיר זאָל זיין אָפן; מאַכט אַ וואָרע! דער „באָס" גייט! אַלעמאָל איז ער אַריינגעלאָפן אומ־דערוואַרטעט.

איינמאָל האָט פּאַסירט. עס זיינען געזעסן עטלעכע דאָקטוירים

און אויסגעהערט אַ לעקציע פון אַ נאָרוועגישן פּראָפעסאָר, אַ פּליכטלינג, אַ נייער מענטש אין דער אינסטיטוציע. אַזוי ווי דער „ביג באָס" האָט אויך דער פּראָפעסאָר געבראַכט אַהער אַ פאַרמעגן. אָבער דעם פאַרמעגן האָט „ביג באָס" אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. דעם פּראָפעסאָרס פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון יאָרן מעדיצינישע דערפאַרונג, פון פאָרשונגס־אַרבעט און אַקאַדעמישע ביכער. דאָס איז געווען זיין וועלט. ווען די היטלער מגפה איז אַריינגעטראָטן אין זיין לאַנד, איז דער פּראָפעסאָר, אַ ייד, וואָס האָט וויניק געוואוסט פון זיין יידישקייט, אַביסל צעשאָקלט געוואָרן. ער האָט זיך אָבער שנעל צוריקגעשטעלט אויף די פיס, ווידער גענומען אַרבעטן אויף זיין מעדיצינישער פאַכמאַנשאַפט.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און, ווי זיינע קאָלעגן אין פאַך, איז דער פּראָפעסאָר אויך געוואָרן אַ טייל פון דער אַטמאָספערע און האָט גענומען בויגן זיין קאָפּ פארן „גרויסן באָס".

דער פּראָפעסאָר האָט גאָרניט אויסגעזען „פּראָפעסאָריש". אַ קליינער, רונדלעכער, אַ פלינקער. ער האָט געהאַט קינדערשע ברוינע אויגן און אַ קאָפּ אָן האָר. ער האָט גערעדט דייטש און איז געווען אַן אויסגעצייכנטער לערער און גוטער רעדנער. ווען ער אָנגעהויבן רעדן האָט מען שוין פאַר זיך מער ניט געזען דאָס קליין מענטשל. פאַר די אויגן פון די צוהערער איז אויסגעוואָקסן דער מענטש פון וויסן, וואָס האָט גאָר קיין גרענעץ ניט; אַ קוואַל פון וויסן, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט אויסשעפּן. זיינען די דאָקטוירים געזעסן פאַרגאַפטע, צוגעשמידט מיט זייערע אַלע חושים צו דער געשטאַלט פון דעם לעקטאָר. זיי האָבן פאַרצייכנט אין זכרון יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט. און מיטאַמאָל! — די טיר האָט זיך אויפגעריסן, ווי פון אַ שטורעם. עס איז אַריינגעלאָפן דער שאָפער, זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג און ברייט ביי דער וואַנט אָנגעזאָגט: דער „באָס" גייט! באַלד האָט „ביג באָס" אַריינמאַרשירט, ווי זיין שטייגער, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, די הענט אָנגעשפּאַרט אויף זיין געוויכטיקן שטעקן. ער האָט קיינעם ניט באַגריסט. ער האָט אָפּגעמאָסטן די זיצנדיקע מיט אויגן פול מיט ביטול. די ווינקלען פון זיין מויל האָבן זיך פאַרצויגן אין אַ שפּאָטיש שמייכעלע. די דאָקטוירים האָבן זיך אויפגעשטעלט, לעקישעוואַטיש געשמייכלט, ווי מען וואָלט זיי געכאַפּט ביי אַ

נאַרישן אַקט. דער נאַרוועגישער פּראָפעסאָר אַליין איז אים אַנט־קעגנגעלאָפן און זיין קליין קערפּערל איז באַלד אַנטפּלעקט געוואָרן. ער איז ווי נאָך קלענער געוואָרן אין דער אַנוועזנהייט פון דעם „גרויסן באָס". איבער זיין פּנים און האַלדז האָט זיך געגאָסן אַ רויטקייט. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און געוואָלט עפּעס זאָגן דעם „ביג באָס" אויף ענגליש.

„ביג באָס" האָט זיך אָבער ניט געאײַלט אים געבן אַ האַנט. דער פּראָפעסאָר איז געבליבן שטיין מיט זיין האַנט אין דער לופטן עטלעכע מינוט. די מינע אויפן פּנים פון „באָס" האָט געזאָגט: „אַניט פאַרשטיי איך דען אַ וואָרט, וואָס דו רעדסט צו מיר?" „ביג באָס" איז געשטאַנען אַ פּאָר מינוט. זיינע הענט האָבן זיך באַוואויגן די גאַנצע צייט, ווי זיי וואָלטן צווישן זיך געפירט אַ שמועס. און פּלוצלונג, אָן אַ וואָרט, האָט ער זיך אויסגעדרייט און האָט אַרויס־מאַרשירט מיט דער זעלבער שטייפקייט מיט וועלכער ער איז פריער אַריינגעקומען. דער שאָפער, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי צוגעקלעפּט צו דער וואַנט, האָט זיך אַ יאָג געטאָן פאַראויס, ווי אַ גוט־טרענירטער הונט.

אין זאַל איז געווען שטיל. אַ פאַרשעמטע און דערדריקטע שטילקייט. אַלע האָבן געפילט, ווי זיי וואָלטן נאַרוואָס באַקומען פּעטש פון אַ קליינלעכער באַשעפעניש. איינער האָט זיך געשעמט פאַרן צווייטן. דער פּראָפעסאָר האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט אָוועגעשאַרט אַ וואָלקן רויך, געגעבן עטלעכע שפּאַן איבערן צימער, געצויגן די ווייסע אַרבל פון כאַלאַט. באַלד האָט ער זיך אָוועקגעזעצט צוריק. געפירט די האַנט איבערן שטערן, ווי געזוכט צוריק אָנקניפּן דעם געדאַנק, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן.

„ביג באָס" וואָס האָט זיך איצט געפונען אין קאָרידאָר האָט געשפּרייזט הין און צוריק און אָנגעקוואָלן פון זיך אַליין. געזען ווי מען האָט אים אָפּגעטראָטן דעם וועג, אָפּגעהויכט דאָס פּלאַץ. ער האָט געשמייכלט, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן צו דערשרעקן די „יאַלדישע" דאָקטוירים. עס האָט זיך אים געגלוסט צו לאַכן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זיי האָבן זיך געפילט פאַרלוירן אין זיין אַנוועזנהייט. ער האָט זיך אַליין געוואָלט גראַטולירן און זאָגן „גוד וואָירק!"

קלאַראַ און מערי

א מידע און אויסגעשעפּטע נאָך דער לאַנגער מעדיציני־שער אונטערזוכונג, איז קלאַראַ געווען פול מיט דאַנק צום קילן בעט מיט די פּריש־אָנגעצויגענע ליילעכער, וואָס זיינען איצט געווען אַ דערפרישונג. אירע אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט. זי איז געלעגן אין אַ ניט־שלאָפנדיקן און ניט וואַכיקן באַוואוסטזיין, און ס'איז איר געווען גוט, וואָס די דאָקטוירים זיינען שוין אַוועק, וואָס איר מאַמע מיטן ברודער זיינען אויך ניטאָ. זי איז אַליין, און עס איז איר גוט אין דעם פרעמדן בעט.

געקומען אַהער איז זי מער צוליב דער מאַמען ווי צוליב זיך. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט און געוואָלט אויסמיידן דעם שפּיטאָל. עס איז איר ניט געלונגען. דער דאָקטאָר איז דורכאויס באַשטאַנען, זי זאָל גיין פאַר „אָבסערוואַציע", און זי האָט נאָכגעגעבן. זי איז שוין דורכגעגאַנגען די ערשטע אונטערזוכונג. מען האָט זי שעהן־לאַנג געמאַטערט. צו די אויספרעגענישן איז גאָר קיין סוף ניט געווען.

קלאַראַ האָט אליין ניט געוואוסט, ווי לאַנג זי איז געלעגן אין דער „וועלט פון גאָרניט", ביז זי האָט דערפילט אויף זיך אַ האַנט און האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן: „ווידער אַ דאָקטאָר!" אָבער צו איר איבערראַשונג האָט זי דערזען אַ שמייכלדיקע „נוירס", וואָס האָט איר געגעבן אַ טערמאָמעטער, און איז אַוועק צום צווייטן בעט.

איצט האָט קלאַראַ באַטראַכט די גרויס פונעם „וואָרד", איבער־געציילט פיר־און־צוואַנציק בעטן; זי איז איינע פון די פיר־און־צוואַנציק פּאַציענטקעס.

קלאַראַ האָט געטראַכט, וואָס אייגנטלעך האָט מיט איר פּאַסירט אין די לעצטע פּאָר שעה, וואָס זי געפינט זיך דאָ, אין שפּיטאָל. אויסערלעך האָט, דאַכט זיך, גאָרניט פּאַסירט? זי איז אַ גאַנצע מיט אַלע אירע גלידער, מיט אירע חושים, און דאָך האַלט זי, אַז מיט איר האָט עפּעס יאָ געטראָפן. אַ סימן, זי, קלאַראַ, וואָס איז אַזאַ באַשיידענע; וועגן איר ריידן די דאָקטוירים, און אַרגומענטירן אין איר געגנוואַרט, זי האָט געזען ווי מערי, וואָס איז געלעגן אַנט־

קעגן איר האָט ניט אראָפּגענומען די אויגן פון דעם נייעם חולה, כאָטש זי האָט, דאַכט זיך, אויסגעמיטן איר בליק.

ווען קלאַראַ האָט יאָ דערזען מערין, האָט זי שוין יענע באַגעגנט מיט אַ פרייד. איידער קלאַראַ האָט נאָך צייט געהאַט אביסל צו פאַרגלעטן די האָר, איז שוין מערי געשטאַנען לעבן איר בעט און זיך אַליין פאַרגעשטעלט מיט אַ וואַרעמען שמייכל: „מיין נאָמען איז מערי — דיינער?” און ווי זי וואָלט גאָר ניט געוואַרט אויף אַן ענטפער, האָט זיך מערי אַריבערגעבויגן און איבערגעלייענט דעם טאַוול און פריידיק אויסגעזונגען: „קלאַראַ! זייער שיין! מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, ווי נאָר איך האָב דיך דערזען, אַז דו וועסט מיר געפעלן!”

מערי איז געווען אַ קליין מאָגער מיידל מיט לעבעדיקע, שוואַרצע אויגן, וואָס זיינען אביסל געווען פאַרוואָלקנט און אויסגעזען מיד, פון דער נאָענט איז איר הויט געווען טונקל און צאַרט, אָבער פונדערווייטנס — קרענקלעך און אַלט. מעריס האָר זיינען געווען שוואַרץ, שטאַרק געקרייזלט. איר שמייכל, אַ ליכטיק־וואַרעמער. אַזוי אַז קלאַראַ האָט זיך אין אָט־דעם שמייכל באַלד דערוואַרעמט. זי האָט דערפילט אין מעריס קומען, ווי זי וואָלט צוריק געפונען עפּעס וואָס זי האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק פאַרלאָרן.

מערי האָט גענומען קלאַראַס האַנט פון איר האַרצן און האָט געפרעגט מילד: „וואָס איז דיר?” — „אָט, ווער ווייסט, ניטאָ קיין אַפּעטיט, און האָב פאַרלוירן וואָג”, — האָט קלאַראַ מילד געענטפערט. מערי האָט געקוקט אויף איר מיט וואונדער: „מאָדנע, זייער מאָדנע! ווער מאַכט נאָך וועמען? אפשר דערפאַר האָט מיך געצויגן צו דיר, ווי נאָר דו האָסט זיך דאָ באַוויזן!”

ביידע מיידלעך האָבן געלאַכט. מערי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר עס האָט זיך דערהערט איבערן „וואָרד” אַ קרעכצנדיק, וויינענדיק קול: „מערי, מערי! טייערע, גיך־גיך. איך קען שוין מער ניט וואַרטן!”

דאָס האָט גערופן אַ געפּערלעך־קראַנקע פרוי, וואָס איז געלעגן אין לעצטן בעט ביים פענצטער. די קראַנקע איז שוין דאָ געווען אַ לענגערע צייט. די קראַנקן־שוועסטער און די דאָקטוירים זיינען שוין צוגעוואוינט צו אירע קולות, און זיך ניט געאיילט צו איר בעט. די קראַנקע האָט אַליין געוואוסט, אַז זי וועט שוין צו זיך ניט

קומען, און געהאַלטן, אַז די וויניקער־קראַנקע זיינען איר עפּעס שולדיק, מוזן איר קומען צו הילף, ווען זי באַקומט אומדערטרעגלעכע ווייטיקן. מערי האָט דער געפערלעך־קראַנקער אַוועקגעגעבן אַ סך פון איר צייט, און דער געפערלעכער חולה האָט זיך געקלאַמערט אין דעם שוואַכן מיידל. מערי איז שוין דאָ געווען די דריטע וואָך, און איז אַ גרויסן טייל פון טאָג געווען אויף די פיס. ווער עס האָט זי דערזען פאַרבייגיין, האָט זיך צו איר געווענדט. ווען זי איז אַוועק האָט קלאַראַ געוואַרט אויף איר מיט אומגעדולד.

אַז מערי האָט זיך צוריקגעקערט, האָט זי אויסגעזען מיד און דערשלאָגן פון איר ראַנגלעניש מיט דער געפערלעך־קראַנקער. קלאַראַ האָט זיך ביי איר געבעטן, זי זאָל זיך אַוועקלייגן אויפן בעט. ווען מען האָט סערווירט מיטאָג האָבן זיךביידע איבערגעקוקט. איינע האָט דער צווייטער אָנגעוויזן אויפן שפּייז און געזאָגט: „עס! עס!" אָבער ניט מערי און ניט קלאַראַ האָבן געגעסן. זיי האָבן בלויז געטרונקען קאַווע, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און געזאָגט: מירן עסן שפּעטער, אפשר מאָרגן, ווער ווייסט ווען? ...

די באַזוכער האָבן אריינגעבראַכט אַ טומל. לעבן יעדער בעטל איז געשטאַנען אַ רעדל. די עלנטע חולאים, וואָס האָבן ניט קיין באַזוכער, האָבן אויף זיך אליין רחמנות געהאַט און אויסגעקוקט אויף אַ שמייכל פון אַ פרעמדן.

די אויגן פון קלאַראַס מאַמע האָבן זיך איבערגעקוקט מיט די אויגן פון מעריס מאַמע, וואָס האָט גערעדט גיך און הויך אויף עפּעס אַ פרעמד לשון און געקוקט צו דער יידישער מאַמען, ווי זי וואָלט דערוואַרט פון איר הילף. קלאַראַ האָט גערעדט מיט איר מאַמען אויף יידיש. ביידע האָבן גערעדט שטיל, ווי זיי וואָלטן געטאָן עפּעס אַ זאַך, וואָס איז קעגן געזעץ. זיי זיינען אַנטשוויגן געוואָרן ווען אַ נוירס האָט זיך באַוויזן. נאָכדעם האָבן ביידע מאַמעס שמייכלענדיקע פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, אָבער מיט צעוויטיקטע הערצער.

באַלד זיינען אריינגעקומען די דאָקטוירים. זיי האָבן זיך אַהער אריינגעלאָזט מיט רעש. צו פינף־זעקס אין אַ גרופּע. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדער בעט און געשמועסט וועגן דער קראַנקער. דער חולה האָט געקוקט די דאָקטוירים אין מויל אריין, און גע־האָפט פון זייערע רייד געהאָלפן ווערן. אַלע דאָקטוירים זיינען

געבליבן שטיין לעבן קלאַראַס בעט. איין דאָקטאָר האָט פּאַר אַלעמען איבערגעלייענט אַ גרויסן אָנגעשריבענעם פּאַפּיר. דער וואָס האָט אויסגעזען צו זיין דער הויפּט־דאָקטאָר, האָט איר געפרעגט עטלעכע פראַגן, איר צוגעוואָרפן אַ שמייכל און די דאָקטוירים זיינען אַוועק צו מערין.

ווען די מיידלעך האָבן אויסגעפונען, אַז עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן ביידנס קראַנקהייט, האָבן זיי געלאכט און עס איז זיי אויך געווען שווער אויפן האַרצן. ביידע האָבן זיך דערזען אַביסל אַנדערש ווי ביז אַצינד. מערי האָט דורכגעמאַכט אַלע לאַבאָראַטאָרישע אונטערזוכונגען, זינט זי איז אהער געקומען און קלאַראַ האָט זיי ערשט געדאַרפט דורכגיין. ביידע מיידלעך זיינען דערפאַר צעשיידט געוואָרן דורך די טעג.

מיט הונגעריקע אויגן האָט קלאַראַ נאָכגעפאָלגט מעריס אַרומגיין אַרום די קראַנקע און האָט געזאָגט צו איר נייער חברטע: „אַ, ווען איך קען עפּעס טאָן פאַר די קראַנקע, ווי דו, וואָלט איך געפילט גוט!" — „וועה לאָזט דיך ניט?" האָט מערי געזאָגט.

אויף מאָרגן, ווען דער דאָקטאָר האָט דערלויבט קלאַראַן אַראָפּגיין פון בעט, האָט זי שנעל אָנגעטאָן איר העל־בלויע קימאָנע און האָט זיך מיט מערין אַוועקגעלאָזט צווישן די קראַנקע.

קלאַראַ איז געווען כמעט אין איין הויך מיט מערין, נאָר אַביסל ברייטער און ניט אַזוי גרינג אויף די פיס. קלאַראַ האָט געהאַט אַ לענגלעך פּנים און אַ פאַרשפּיצטע נאָז און גאָמבע. דער האַלדז — לאַנג און דין, אירע האָר אויך געקרויזלט, נאָר ניט אַזוי טונקל ווי מעריס. זיי האָבן אויסגעזען ווי אַ צווילינג. זיי האָבן מאַרשירט פון בעט צו בעט און זיך געמאַכט נוצלעך. קלאַראַ האָט געהאָלפן איינער ארויסקריכן פון בעט, און מערי — אַ צווייטער. קלאַראַן האָט די נייע אַרבעט גערירט און דערפרישט.

דער טאָג איז אַריבער אַ סך שנעלער ווי ביידע האָבן דערוואַרט. באַזוכער זיינען ניט געווען. די זון איז ערגעץ פאַרקראָכן צווישן הויכע קוימענס. דורך די פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ ברוגזער הימל. די פענצטער האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ גרויער, שווייסיקער נעץ, ווי פון אַן אָפּגייענדיקן פראָסט. די זייער קראַנקע פרוי איז געווען שטיל. איר שטילקייט, כאָטש עס איז געווען אַן אָפּרו פאַר אירע שכנים אין די נאָענטע בעטן, האָט עס פונדעסטוועגן

אַנגעוואָרפן אַ פּחד. נאָכן אוונט־ברויט — בלויז קאַווע, ניט שפּייז. זיינעןביידע געווען פאַרמאַטערט. קלאַראַ האָט זיך פאַרטיפט אין אַ ביכל, און מער — אין זיך. זי האָט געבלעטערט איר אייגן לעבן. געמישט בלאַט נאָך בלאַט: אַט האָט זי זיך דערזען מיט איר געליבטן — זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט, געשפּאַנט איבער דער עוועניו, ווי צוויי זאָרגלאָזע קינדער, און געמאַכט פּלענער: מען וועט וואוינען מיט דער מאַמען. די מאַמע האָט זיך שוין אויף דעם ניט געקאָנט דערוואַרטן. כאָטש מערי איז נאָך אַזוי יונג, האָט די מאַמע געוואָלט זי זאָל גלייך חתונה האָבן, און ער — וויל אויך.

זיי האָבן ביידע געלאַכט. ער האָט געזאָגט: „קוק זי נאָר אָן! דאָס וועט זיין אַ מאַמע!" ער האָט זי געדרייט אַרום זיך, זי אָפּגעשטופּט און צוריקגעכאַפּט, און זי אַזוי שטאַרק געדריקט צו זיך, אַז עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם. מערי האָט אריינגעצויגן אין זיך אַביסל לופט, געעפנט די אויגן, זיי ווידער פאַרמאַכט... זיינע הענט, אַזעלכע שטאַרקע און גוטע! מער פון אַלץ האָט זי ליב געהאַט זיינע אויגן. זי וואָלט שטענדיק אין זיי געקוקט... אָבער אין יענעם פאַרשאָלטענעם טאָג, אין יענער פאַרשאָלטענער מינוט האָט זי ניט געקענט קוקן אין זיינע אויגן. ער האָט זיי געהאַלטן אין איין אָוועקדרייען. ער האָט גערעדט, געלאַכט, אָבער ניט געקוקט. פאַרוואָס? ביי וועמען זאָל זי פרעגן? זי האָט ווידער געעפנט די אויגן, געקוקט צו קלאַראַן, געוואָלט אויפכאַפּן איר בליק, און ווידער געשלאָסן די אויגן. ווען זי וויים כאָטש, וואו ער איז אומגעקומען, וואו זיין קבר איז? אפשר איז זיין שיינער קאָפּ ערגעץ פאַרזונקען געוואָרן אין אַ בלאָטע?

אפשר האָט זי שוין אָפּגעלעבט איר לעבן? זיי האָבן דאָך אין זייער קורצן לעבן צוזאַמען געהאַט אַ סך פריידן! און אפשר האָט ער אויך אַזוי געטראַכט, ווען ער האָט צום לעצטן מאָל געקוקט אויף דער ליכטיקער וועלט!... אַ, מלאך מיינער! זי דערמאָנט זיך: די ערשטע צייט האָבן אירע פריינט זי ניט פאַרלאָזט, איר געטרייסט, אָנגעוויזן אויף די, אויף יענע, וועמען עס האָט אויך געטראָפן דער זעלבער אומגליק, און דאָך האָבן זיי זיך געגומען אין די הענט — דאָס לעבן מוז ווייטער אָנגיין, — האָבן זיי געזאָגט. דאָס לעבן גייט טאַקע אָן. אַלע האָבן שוין קינדער. פילע פון אירע פריינט, וואָס

האָבן מיט איר פריער מיטגעפילט, האָבן זי שפּעטער פאַרלאָזן. זי בענקט ניט נאָך זיי, אָבער זי גייט אויס פון אומעט.

און דאָס וואָס זי קאָן ניט עסן — מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן? אָ, ווען זי מוז ניט אָנהאַלטן דאָס לעבן צוליב איר מאַמען... אָ, די מאַמע! פון איר וויל זי זיך ניט באַפרייען! מען וועט זיך מוזן נעמען אין די הענט אַריין!

קלאַראַ, וואָס האָט יאָרן אָפּגעלעבט אָן פריינט, און האָט איצט אַנטדעקט אין מערין אַזאַ נאָענטקייט, האָט זיך שוין איצט געגוויטיקט אין דער חברטע. אָן איר האָט זי זיך געפילט פאַראייננזאַמט. ווען זי האָט פון איר בעט געזען מערין ליגן אַזוי לאַנג מיט פאַרמאַכטע אויגן, איז זי געוואָרן אומרואיק. זי האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָלט אַראָפּגיין פון בעט און זען, צי מערי שלאָפט, אָדער ליגט סתם פאַר־חלשט, אָבער האָט זיך צוריקגעהאַלטן. „איך וועל נאָך אַביסל צו־וואַרטן" — האָט זי געזאָגט צו זיך. נאָכדעם איז זי שטיל צו־געגאַנגען צו מעריס בעט, אָנגערירט איר האַנט און שטיל געזאָגט: „האָסט מיך געלאָזט וואַרטן אַליין צוויי שעה, איז עפּעס דער מער מיט דיר?"

מערי האָט געעפנט די אויגן. זי האָט דערזען קלאַראַס געל־בלייך פּנים און די ליפּן, וואָס האָבן געוואָלט שמייכלען, אָבער דער שמייכל איז איבערגעגאַנגען אין אַ ציטער, ווי ביי אַ קינד, וואָס וויל וויינען און האַלט זיך צוריק. זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט און געזאָגט: „געטראַכט, האַלב־געדרימלט און ווידער געטראַכט".

מערי האָט געקוקט אויף קלאַראַן און דערפילט אַ שולד: „ניט געדאַרפט זי לאָזן אַליין!" זי האָט געזאָגט: „האָסט מיך געדאַרפט רופן!" קלאַראַ האָט געענטפערט: „נעם עס ניט אַזוי ערנסט! איך האָב געזען אַ מענטש ליגט אַזוי לאַנג און טראַכט, בין איך אַביסל אייפערזיכטיק געוואָרן. האָב געוואָלט וויסן וואָס דו האָסט געטראַכט — מעג איך?" „אָ, יאָ! מעגסט וויסן. איך וויל זאָלסט וויסן!"

קלאַראַ האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפן ברעג פון מעריס בעט און מערי האָט איר פאַר איר אויפגעעפנט דאָס האַרץ, ווי אַ יונגע פרוי פאַר איר נאָענטער פריינדין. זי האָט אָנגעהויבן דערציילן פון דער צייט, ווען זי האָט זיך געקליבן חתונה האָבן מיט איר געליבטן

פון קינדערוויי־אַן, און האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „פאַרלאָרן אַלץ וואָס האָט געלעבט אין מיר, מיט מיר! געקומען אַ בייזער ווינט, און אַלץ מיט גוואַלד אַרויסגעריסן. אַזאַ שיין, לעבעדיק, ליכטיק לעבן ערגעץ אין ווייטע זומפּן פאַרשלעפּט און אויס — ווער ווייס ווי און וואו?"

בעת'ן ריידן האָט מערי געקוקט אויף די הענט, ווי זי וואָלט פון דאָרטן עפּעס אַרויסגעלייענט. געענדיקט, האָט זי אַנגעשטעלט אירע אויגן, וואָס זיינען געווען פאַרצויגן מיט רויך. זי האָט געקוקט אויף קלאַראַס פאַרגליווערטן פּנים, האָט איר געגעבן אַ פּאַפּיראָס און געזאָגט: „ניט געדאַרפט זיך אַזוי אַנטפּלעקן!"

קלאַראַ האָט געראַוכערט, זיך פאַרקוקט אין דער ווייט, און באַלד אַ פרעג געטאָן: „און ווי פילסטו איצט?" — „איצט בין איך עלנט. מיין האַרץ גייט מיר שיער אויס פון בענקשאַפט, אָבער איך בין צופרידן, וואָס מיר האָבן זיך דאָ צענויפגעטראָפן, מיר, מיט די זעלבע קראַנקהייטן, אפשר אויך מיט די זעלבע בענקענישן". מערי האָט צוגעגעבן: „האָסט דאָך מיר גאָרניט דערציילט פון דיר, איך האָב אָבער דאָס געפיל, אַז אויך דו ביסט ניט גליקלעך, אמת?" קלאַראַ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: „יאָ, האָסט געטראָפן. ביסט זייער אַ קלוגע, מערי! נאָר ס'איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן אונדז, דו, מערי, האָסט דאָך געהאַט אַביסל גליק, איז געקומען דער טייוול און עס צעשטערט. האָסט פאַרלוירן דאָס בעסטע אין לעבן, און איך גלויב דיר. אָבער איך האָב זיך אַליין פאַרלוירן. קוקסט מיך אָן? פאַרשטייסט ניט?"

„איך וואָלט זייער וועלן פאַרשטיין, — האָט מערי געזאָגט — רעד מיט מיר אָפּנהאַרציג, קלאַראַ! אפשר וועט דאָס רעדן אונדז נאָך מער דערנענטערן". קלאַראַ האָט זיך אַביסל געקווענקלט און נאָכדעם געזאָגט: „עס איז אַ לאַנגע מעשה. האָב נאָך מיט קיינעם וועגן דעם ניט גערעדט. נאָך די אַלע יאָרן, וואָס זיינען אַוועק, האָט שוין מיין טראַגעדיע אָנגעוואָרן איר גאַנצן זין. היינט צו טאָג, וואָלט אַזאַ זאַך בכלל ניט געקאָנט פּאַסירן. צוליב איין „פּאָינט" בין איך אָפּגעריסן געוואָרן פון זיך אַליין. קיין אַנדער וואָרט האָב איך ניט פאַר דעם. הער מיך אויס".

ווען איך בין אַלט געוואָרן זעקס יאָר איז מיין קליין ברודערל קראַנק געוואָרן אויף אַן אַנשטעקנדיקער קראַנקהייט. מען

האָט אים געדאַרפט נעמען אין שפּיטאָל. די מאַמע האָט געוויינט געוועזן זיכער, אַז זי וועט שוין אים קיין לעבעדיקן קיינמאָל ניט זען, אין שטוב האָט אויסגעבראָכן אַ געוויין; איך האָב מיטגעוויינט מיט אַלעמען. אַ דאָקטאָר האָט טעלעפאָנירט אין שטאָטישן שפּיטאָל. צום הויז איז צוגעפאָרן אַן אַמבולאַנס און עס זיינען אַריינגעקומען אַ דאָקטאָר מיט אַ נוירס.

די נוירס האָט מיך ממש פאַרכשופט! מיט איר ליכטיק פּנים און ליבן שמייכל האָט זי אַריינגעבראַכט אַ ניי לעבן אין שטוב. די שרעק האָט זיך אָפּגעטאָן און אַלע האָבן אויפגעלעבט. פאַר דער מאַמען איז די קראַנקן־שוועסטער געוועזן ווי אַ מלאך פון הימל. אפילו דאָס קראַנקע קינד האָט זיך ניט געשראָקן פאַר דער פרעמדער, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסן. זי האָט אַרויסגענומען דאָס קינד פון בעטל, אים צוגעדריקט צו זיך מיט אַזויפיל ליבשאַפט, טאַקע ווי אַ צערטלעכע מאַמע.

ווען זי איז אַרויס פון שטוב אינאיינעם מיטן דאָקטאָר, האָט זי געזאָגט: „זייט רואיק, אייער יינגל וועט שנעל געזונט ווערן!" אירע ווערטער האָבן אַלעמען באַרואיקט. אַלע זיינען געווען זיכער, אַז ווערטער, וואָס קומען פון אַזאַ מענטשנס מויל, זיינען אמתע! ביז צוויי וואָכן איז דאָס קינד פולשטענדיק געזונט געוואָרן. די נוירס האָבן מיר מער ניט אָנגעזען, אָבער איך האָב זי ניט געקענט פאַרגעסן. אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע האָב איך זיך קיין שענערס און בעסערס ניט געקאָנט אויסמאָלן.

ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך אויסגעפונען, אַז עס איז ניט שווער צו ווערן אַ נוירס, אויב נאָר מען האָט אַ שטאַרקן ווילן און מען איז אַ גוטע שילערין. איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז איך מוז ווערן אַ נוירס, טאַקע ווי יענע... איך בין געווען אַ גוטע שילערין. די לערערינס זייענען געווען מיט מיר צופרידן. איך האָב געענדיקט די עלעמענטאַר־שולע צו דרייצן און אַ האַלב יאָר.

אין דער מיטל־שול זיינען שוין געווען אַנדערע צייטן. ביי אונדז אין הויז איז דאָס לעבן געוואָרן ענגער, און איך האָב געמוזט אַרבעטן נאָכן לערנען. מיינע פייאיקייטן זיינען דורכשניטלעכע, איז מיר דאָס לערנען ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג, אָבער איך בין געגאַנגען פון איין קלאַס צום צווייטן.

אין שטוב איז געוואָרן שווערער. די מאַמע האָט מיר דערציילט

וועגן די שוועריקייטן, און זיצנדיק אין קלאַס האָב איך געמוזט טראַכטן וועגן די צאָלונגען, וואָס מען האָט געדאַרפט מאַכן. האָב געאַרבעט עטלעכע שעה אין די אָוונטן, און דאָס לערנען איז מיר אָנגעקומען שווער. איך בין ניט געבליבן הינטערשטעליק. דער געדאַנק, אַז דאָס לערנען וועט מיך ברענגען צום ציל, איז געווען מיין טרייבקראַפט.

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון די פאַרגעניגנס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די יונגע יאָרן. האָב זיך אויסבאַהאַלטן פון מיינע פריינט, ווען זיי זיינען געגאַנגען אין די „מואוויס". דער ציל צו ווערן אַ נוירס איז געשטאַנען פאַר מיינע אויגן! — קלאַראַס קול איז געוואָרן שטילער, אַז מעריין איז שווער געווען צו הערן אירע רייד. מערי האָט געזען, אַז קלאַראַ שטרענגט זיך אָן, האָט זי געזאָגט: „כאַפּ־אָפּ דעם אָטעם, רו זיך אָפּ! נעם אַ טרונק וואַסער!" קלאַראַ האָט געטרונקען פונעם גלאָז וואַסער און געזאָגט: „ניט געדאַרפט אָנהויבן, נאָר איך וועל שוין פאָרזעצן. — איך האָב געענדיקט די מיטלשול, ניט ערגער ווי פילע פון מיין קלאַס, נאָר צו מאַטע־מאַטיק האָט מיר געפעלט איין „פּאָינט". דער פּרינציפּאַל איז געווען אַ סימפּאַטישער מענטש. ער האָט ניט געוואָלט איך זאָל בלייבן אויף נאָך אַ סעמעסטער. ער האָט מיך אַריינגערופן און געזאָגט: „איך וועל דיך לאָזן פאַרענדיקן, מיטן באַדינג זאָלסט דורכן זומער לערנען, און אָפּמאַכן דעם „פּאָינט" כדי צו קריגן דיין דיפּלאָם".

איך בין ניט געווען די איינציקע הינטערשטעליקע אין מיין קלאַס, און האָב באַשלאָסן גיין זומער אין סקול.

מיין טאַטע האָט געאַרבעט פאַר אַ דאָקטאָר, אַן איידעלער מענטש און אַ פריינט פון אונדזער פאַמיליע. דער טאַטע האָט דעם דאָקטאָר דערציילט וועגן מיין שטאַרקן באַגער צו ווערן אַ נוירס, האָט דער דאָקטאָר געשיקט נאָך מיר און געזאָגט: „פאַרגעס וועגן דעם „פּאָינט". איך וועל דיר געבן אַ בריוו צו מיינער אַ באַ־קאַנטער, אַ פאַרוואַלטערין אין אַ שול, זאָג איר, אַז האָסט געענדיקט אַ מיטלשול. מער דאַרף מען ניט".

איך בין געווען איבערגליקלעך. אויף מאָרגן, נאָך פאַר דער באַשטימטער צייט, בין איך שוין געשטאַנען אין קאָרידאָר, און געוואַרט. איך האָב זיך דערוואַרט און געזען ווי אין דער טיר שטעלט זיך אריין אַ וואונדער־שיינע דאַמע, אין אַ שניי־ווייסן קלייד.

זי האָט אַנגעשטעלט אויף מיר אירע גרויסע, גרינע אויגן, ווי ביי אַ שלאַנג, מיך באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, און געפרעגט: „וואָס ווילסטו?" איך האָב איר דערלאַנגט דעם בריוו, דערציילט, אַז איך האָב געענדיקט די „ריווער האַי־סקול", און וויל ווערן אַ נוירס. זי האָט מיך ווידער באַטראַכט, און איך האָב שוין איצט געזען אַן אָפענע שנאה אין אירע גרינע אויגן. זי האָט דערקענט, אַז איך בין אַ יידיש קינד, און האָט איר האַס שוין ניט געקענט פאַר־מאַסקירן.

זי האָט געדרייט דעם בריוו אין אירע הענט און מיר געהייסן קומען אין צוויי טעג אַרום. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב אַנגעטראָפן אַזאַ, וואָס וועט מיר לייגן שטיינער אין וועג. די צוויי טעג האָבן זיך געצויגן פאַר מיר ווי צוויי יאָר. קוים איבער־געקומען די צוויי טעג, בין איך ווידער אַוועק און געוואַרט אין דער „לאָבי". ווען זי האָט זיך באַוויזן, האָב איך שוין געפילט, אַז עס איז ניטאָ אויף וואָס צו האָפן, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן! זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און אויסגעשריגן: „דו ביזט אַ ליגנערין, האָסט די שול ניט פאַרענדיקט. פאַר ליגנער זיינען אונדזערע קורסן געשלאָסן!"

מערי האָט זיך איינגעגעסן מיט אירע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אין קלאַראַס געלבלעכן, ציטערדיקן פּנים. מיט אירע קאַלטע הענט האָט זי געגלעט קלאַראַס טרוקענע, הייסע הענט, און צו זיך אליין געזאָגט: „זאָל יענע ברענען אין גיהנום!" און זי האָט ניט געוואָלט, קלאַראַ זאָל זען ווי עס טוט איר וויי פאַר איר. זי האָט שווער געאָטעמט, איינגעהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן זי געוואָרגן. נאָך אַ פּאָר מינוט שווייגן, האָט אַ נוירס געבראַכט די נאַכטיקע טאַבלעטן פאַרביידן.

ביידע מיידלעך האָבן זיך אָביסל באַרואיקט. אין מעריס אויגן האָט קלאַראַ אויסגעזען ווי אַ מאַרטירערין, און זי האָט געוואָלט גע־פינען פאַר איר גוטע, צערטלעכע ווערטער. אין קלאַראַן האָט זי געזען איר אייגענעם עלנט. זי האָט געזאָגט:

„אַ שאַד וואָס מיר האָבן זיך ניט געטראָפן פריער. ביסט מיד, קלאַראַ, ווילסט נאָך ריידן?" — „ביזט אַ טייער מיידל, מערי" — האָט קלאַראַ געזאָגט. איך בין דיר דאַנקבאַר. בין געווען פאַרשלאָסן אין זיך עטלעכע יאָר. פאַרשטייסט מיך? ווען איך בין דעמאָלט

אַהיימגעקומען, האָט מיין מאַמע אַ קוק געטאָן אויף מיר און שוין ניט געדאַרפט פרעגן וואָס עס האָט פּאַסירט. אַ מאַמעס האַרץ פאַר־שטייט אַלץ. זי האָט מיך דערפילט נאָך מער ווי איך האָב געוואָלט...

איך האָב מער ניט געוואָלט זען מיינע שול פריינדינעס. זיי זיינען דאָך געווען זיכער, אַז איך וועל באַלד זיין אַ נוירס. אין שפּאַס האָבן זיי מיך שוין גערופן „די נוירס". איך האָב פאַרלאָרן מיין אייגענע ווערדע. האָב זיך אַליין פיינט געקראָגן, און וואָלט ביי אונז אין שטוב די לאַגע ניט געווען אַזוי שלעכט, ווער ווייסט, מיט וואָס עס וואָלט זיך געענדיקט!"

קלאַראַ האָט געקוקט אויף אירע הענט, געביסן די פאַרטריקנטע ליפּן, פלוצלונג זיך אויפגעהויבן און זיך באַלד ווידער אַוועק־געזעצט, געוואַרט מערי זאָל איר עפּעס זאָגן. מערי האָט געזאָגט: „כאַטש, ווי דו, האָב איך זיך אויך דערוווייטערט פון מיינע פריינט, ווען כ'האָב פאַרלוירן דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע, וואָס כ'האָב געהאַט. דאָך, איך פיל איצט, נאָכדעם ווי איך האָב דיך אויסגעהערט, אַז אונדזער גרעסטער טעות איז געווען דאָס, וואָס מיר האָבן זיך אַליין פאַראיינזאַמט, וואָס מיר האָבן פאַרשלאָסן די עוולה, וואָס איז קעגן אונדז באַגאַנגען געוואָרן. אין מיין פאַל האָב איך קיין הילף פון קיינעם ניט געקענט דערוואַרטן, ווען מיין יונג לעבן איז צע־שטערט געוואָרן, אָבער אין דיין מצב, ווען דו טיילסט זיך מיט עמיצן וואָלט אפשר דיינס אַ פריינט דיר געזאָגט דאָס זעלבע וואָס איך וויל דיר זאָגן, הערנדיק דיין אַנטוישונג. איך זאָג דיר: „טו אַ שפּיי אין דער זייט פון יענער מרשעת! פון איר איז ניט אָפּ־אָפּהענגיק דיין שיקזאַל. אויב דיין יידיש פּנים איז איר ניט געפעלן, פּרואוו געפינען אַנדערע, וואָס וועלן דיך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס".

מערי האָט איצט גערעדט העכער ווי זי איז געוואוינט געווען. די אָדערן אויף איר האַלדז האָבן זיך אָנגעצויגן. קלאַראַ האָט געפילט מעריס מידלקייט און זי אָפּגעשטעלט: „ביסט אפשר גערעכט. אָבער פאַרשטיין איז איין זאַך, און איבערלעבן איז עפּעס אַנדערש. ניט וועגן אַלץ קאָן מען ריידן. איך בין ווייט פון אַ שיינהייט. האָב עס געפילט ווען איך בין נאָך געווען זייער יונג. ווען אַלע מיידלעך האָבן שוין געהאַט יינגלעך־באַלויפער, האָט מען מיך ניט באַמערקט.

האָב איך זיך פאַררוקט אין אַ זייט און זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס איך וועל ווערן אַ נוירס, און מען וועט מיך שאַצן לויט מיינע פאַרדינסטן. דאָס וועט זיין מיין גליק. אָבער פון דעם שיינעם חלום האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

קלאַראַס קול איז געוואָרן שטילער, אַזוי שטיל, אַז זי האָט זיך אַליין ניט געהערט. ביידע האָבן געשוויגן. די געפערלעך־קראַנקע האָט זיך צעוויינט, און גערופן מעריז. האָט זיך מערי אַראָפּגע־שאַרט פון בעט און איז אַוועקגעלאָפן צום בעט ביים פענצטער. קלאַראַ איז איר נאָכגעגאַנגען. ווען די קראַנקע האָט דערזען די מיידלעך לעבן זיך, איז איר געווען פאַרקראָכן צו איר אין האַלדז, און זי האָט געכליפּעט און גערעדט אומפאַרשטענדלעכע רייד. די מיידלעך זיינען געשטאַנען לעבן דער קראַנקערס בעט ביז זי איז ווידער איינגעשלאָפן.

צוריק לעבן מעריס בעט, האָבן די מיידלעך פאַררויכערט, זיך אָפּגערוט, און מערי האָט ווידער געבעטן ביי קלאַראַן: „מיר זיינען דאָך ניט פאַרטיק". — „עס איז מיר שוין דערווידער דאָס ריידן וועגן זיך אָבער איך ענדיק שוין" — האָט קלאַראַ געזאָגט. — גענוג!" אָבער מערי האָט ניט אָפּגעלאָזט „לאָמיר ניט ריידן וועגן אַ זאַך וואָס מען קען ניט צוריקקערן. די פראַגע איז, וואָס וועט איצטער זיין?" — איצט איז אומעט, עלנט! איצט עפנט זיך ניט ביי אונדז דאָס מויל אפילו צום עסן!" — האָט קלאַראַ געזאָגט.

קלאַראַס טאָן האָט געקלונגען כמעט שפּאַסיק. זי האָט גערעדט: „געדענקסט, וואָס איך האָב דיר שוין דערציילט, אַז ווען איך בין געגאַנגען אין סקול, האָב איך געאַרבעט אין די אָוונטן אין אַ גרויסער קראָם. דער פאַרוואַלטער איז געווען זייער צופרידן מיט מיר, און האָט געזאָגט, אַז איך קאָן צו יעדער צייט ביי אים קריגן אַרבעט. אין מיין פאַרצווייפלונג האָב איך עס באַטראַכט פאַר אַ גליק. ער האָט מיר אָנגעבאָטן אַ שטעלע, און בין נאָך דאָרט ביז איצט. וויפיל יאָר? — דאָס בלייבט שוין אַ סוד...

איך האָב אָנגעהויבן ווי אַ פאַרקויפערין, אָבער שוין יאָרן ווי איך בין די „אינפאָרמאַציע־ביוראָ". איך האָב פאַר זיך אַ צימערל, ווי אַ שטייגל, און דאָרטן לאָז איך איבער מיינע טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן! קיין פריינט האָב איך ניט. מיינע איינציקע פריינט זיינען ביכער, מיט וועלכע איך פאַרברענג. קלוגע ביכער!

אַזוי גאָר! ביכער? — האָט זיך מערי געוואונדערט, — פאַר־וואָס האָב איך זיך צו דעם ניט דערטראַכט? אַז דיר איז אומעטיק, פילסטו זיך עלנט, און האָסט ניט מיט וועמען צו טיילן דיין אומעט, נעמט מען אַ בוך אין האַנט, מען גייט אַוועק פון זיך, מען פאַרטוט דעם קאָפּ מיט עפּעס. און מיר איז אַזאַ זאַך קיינמאָל גאָר אויפן געדאַנק ניט געקומען. מען מוז פּרואוון!

„פאַר מיר איז אַ בוך ניט קיין צייט פאַרטרייב — האָט קלאַראַ געזאָגט, — פאַר מיר איז אַ בוך אַ ברייט פענצטער, דורך וועלכן איך קוק אַרויס צו דער גרויסער וועלט. אָפט פּאַסירט אַפילו, אַז איך לעב ניט מיין לעבן, נאָר מיטן לעבן פון די ביכער. אַזוי ווי אַצינד, ווען איך האָב זיך מיט דיר באַקאַנט, און איך פיל דיין ווייטיק ווי מיינעם. ווי גוט וואָלט טאַקע געווען, ווען מענטשן פילן־מיט יענעמס ליידן, אַט ווי מיר פילן די מאַטערניש פון די קראַנקע דאָ. אָפט ווער איך פילאָסאָפיש און מיין, אַז עס איז ניט ריכטיק מענטשן זאָלן נאָר טראָגן דאָס אייגענע לעבן אויף די פּלייצעס, אָבער לאַנג האַלט איך זיך ניט מיט דער פילאָסאָפיע. דאָס האַרץ ציט ערגעץ. וואָס עס פעלט מיר ווייס איך ניט. איך בין דאָ צווישן די קראַנקע, און וואָלט וועלן וויסן וואָס די דאָקטוירים האָבן אויסגעפונען נאָך זייערע אַלע זוכענישן און פאָרשענישן. עס איז מאָדנע, וואָס אונדז ביידן ווערט ניט ערגער און ניט בעסער.

קלאַראַס קול איז זייער ווייך און מילד. ס'איז גוט זי צו הערן ריידן און צו קוקן אין איר פּנים, וואָס זעט אויס ווי ביי אַ צאַרט, קרענקלעך קינד, וואָס איז צופרידן ווען מען הערט עס אויס.

ניט איינמאָל האָט זיך מערי אַליין דערזען אין קלאַראַס איבער־לעבונגען. קלאַראַ האָט געליטן ווייל זי איז א יידישע; מערי — ווייל זי איז אַ פאַרטאַריקאַנערין. קלאַראַ פאַרברענגט אירע יונגע יאָרן אין א צימערל, ווי אין אַ שטייג; זי, מערי, האָט זיך קוים דערשלאָגן צו אַן אַרבעט ביי אַ „סוויטשבאָרד"; ניט געקאָנט באַ־קומען עפּעס אַנדערש, כאָטש איר מאַן האָט איר לעבן אַוועקגעגעבן פאַרן לאַנד. וואָס מער קלאַראַ רעדט, אַלץ נעענטער ווערט מערי צו איר.

די ביינאַכטיקע נוירס האָט שוין לאַנג טונקל געמאַכט דאָס ליכט. אַן אַלטינקע אינעם צווייטן בעט האָט זיך שטאַרק צעהוסט, ניט געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. קלאַראַ האָט איר דערלאַנגט אַ גלאָז

וואַסער, איר געהאָלפן זיך אויפזעצן. מערי איז אַוועק זוכן אַ נוירס. דערווייל איז אַן אַנדער קראַנקע אַרויסגעפאַלן פון בעט. עס איז געוואָרן אַ טומל. ווען אַ פּאָר נוירסעס האָבן זיך באַוויזן, האָבן אַלע געלאָזט הערן פון זיך.

עס האָט אויסגעזען ווי אין דער נאַכטיקער פּאַלאַטע איז געוואָרן טאָג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש. אַ יונגע נעגער־מיידל האָט זיך צעוויינט און האָט נאָר געוואָלט מען זאָל שווין, די מינוט רופן צו איר אַ פּראָפעסאָר, ניט אַנדערש, נאָר אַ פּראָפעסאָר! מ'האָט אַריינגערופן אַ דאָקטאָר און ער האָט זי איינגעשטילט.

מידע, צערפולע, האָבן זיך די מיידלעך דערשלעפּט צו זייערע בעטן. ניט גערעדט קיין וואָרט. דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן. קלאַראַ און מערי האָבן זיך געוואונטשן, זיי זאָלן קענען פאַרמאַכן די אויגן, די אויערן, אפשר אויך דאָס האַרץ...

מערי האָט געטראַכט: פאַרוואָס דאַרפן מענטשן זיין צעטיילט צוליב אַזעלכע זאַכן, ווי שפּראַך, רעליגיע און געוואוינהייט, ווען אין זייערע הערצער, נשמות, זיינען זיי געקנאָטן ווי פון איין טייג? וואו און אין וואָס ליגט די אַנדערשקייט? אָט איז איר געוואָרן נאָענט דאָס עלטערע, ליידנדיקע מיידל; געוואָרן ווי די צווייטע העלפט פון איר! מערי פילט, אַז אויב עפּעס זאָל זיך זיי שטעלן אין וועג, זיי פאַנאַנדערשיידן, וועט עס זיין ווייטיקדיק פאַר ביידן. — ניין, טראַכט זי, — פון איר, פון מעריס זייט, וועט די צעשיידונג ניט קומען. זי האָט ליב באַקומען קלאַראַן און וועט זי שוין ניט אָפּלאָזן פון זיך, וועט איר אַנטקעגנקומען מיט הילף ווי אַ שוועסטער.

קלאַראַ האָט געטראַכט: „אַ ביסעלע שלאָף!" אָבער קיין שלאָף איז ניט צוגעקומען צו איר. אירע אויגן זיינען געווען פאַרמאַכט, אָבער זיי האָבן אַריבערגעקוקט צו מעריס בעט: זיי וועלן ביידע אויסגעשריבן ווערן פון דאַנען, און וואָס נאָכדעם? ביידע וועלן זיך צעגיין אין באַזונדערע שטאָט־טיילן, זיך אפשר ניט קענען טרעפן. אַ, ניין! זי וויל אפילו דעם געדאַנק ניט צולאָזן! פאַרוואָס זאָלן זיי זיין אָפּגעריסן, בענקענדיג איינע נאָך די אַנדערע, פאַרוואָס זאָלן זיי גאָר ווערן פרעמד? און אַז איר, מעריס, מאַמע גייט אין קירך, און מיין מאַמע אין שול — איז וואָס? מיר ביידע, וואָס גייען ניט אין שול און ניט אין קירך, קאָנען זיין פריינט. ניט מיר קענען, נאָר מיר מוזן!

ביידע האָבן געטראַכט, אָבער שלאָף און טראַכטעניש זיינען ניט קיין פּאָר.

אַרום האלב נאָך פיר האָט זיך קלאַראַ אויפגעוועקט פון איר האַלב דרימל צוליבן טאַראַראַם, וואָס די געהילפן פון די נורסעס מאַכן אָן מיט זייער קומען. זיי קלאַפּן מיט שיסלען, מיט די וואַסער־קריגלעך, וואָס זיי טראָגן פאַר די פּאַציענטן; זיי קלאַפּן מיט די כלים, און רעדן הויך אויף אַ קול. זיי רייסן אויף די קראַנקע פון אביסל שלאָף און מאַכן דעם טאָג, וועלכער איז גענוג לאַנג פאַר די חולאים, — נאָך לענגער.

עס איז געווען אַ טומלדיקער טאָג. אַ טאָג פון באַזוכער און דאָקטוירים. ביידע מאַמעס האָבן זיך געטראָפן אין עלעווייטער. מעריס מאַמע האָט באַגעגנט די יידישע מאַמע מיט אַ וואַרעמען שמייכל. זי רעדט צו דער עלטערער פרוי און דערוואַרט ניט קיין ענטפער, ווייל זי ווייסט, אַז יענע פאַרשטייט ניט. אָבער זי רעדט, זי טוט עס פון העפלעכקייט.

צו מעריס בעט זיינען די דאָקטוירים ניט צוגעגאַנגען, אָבער ביי קלאַראַס בעט האָבן זיי געפירט אַ גאַנצע דיסקוסיע. זי האָט ניט פאַרשטאַנען זייערע רייד און געפילט מאָדנע, נאָך מאָדנער ווען אַ דאָקטאָר האָט עפּעס באַמערקט, און אַלע האָבן זיך צעלאַכט. טרערן האָבן זיך געשטעלט אין קלאַראַס אויגן און זי האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו די שטייענדיקע, און איז שוין אַזוי געבליבן ליגן ביז די דאָקטוירים האָבן פאַרלאָזן דעם „וואָרד”. זי האָט זיך געפרייט מיט איר מאַמען, וואָס איז פריער געשטאַנען פון דערווייטן, ווען די דאָקטוירים האָבן אַרומגערינגלט קלאַראַס בעט. איצט האָט זי געפרעגט: „וואָס מאַכסטו, מיין קינד? זעסט אויס בעסער”. זי האָט געשמייכלט, אָבער קלאַראַ האָט דערקענט, אַז די מאַמע איז צעווייטיקט.

קלאַראַ האָט געקענט די מאַמע. זי האָט געוואוסט, אַז די שלאָפט ניט קיין נעכט צוליב איר. זי האָט זיך געפילט אַביסל שולדיק, און זיך באַמיט דער מאַמען צעשטרייען. זי האָט אַרויסגענומען אַ שפּיגעלע, אָנגעשמירט די ליפּן, זיך געגלעט די פריזור און געזאָגט: „אַזוי שנעל ווי איך קום אַהיים, שער איך אָפּ די האָר גאַנץ קורץ. איך וויל אויסזען יינגער. אָט־די פריזור מאַכט מיר אַ לאַנגן פּנים און איך זע אויס ווי אַן אַלטע פריצטע. די מאַמע

האָט געשמייכלט: „אַ פריצ׳טע גאָר? ווען האָט זיך דיר דאָס געחלומט? וואו האָסטו געגומען דאָס וואָרט, מיין קינד?״ קלאָראַ האָט שמייכלענדיק געענטפערט: „ביי דיר, מאַמע, ביי דיר האָב איך עס גענומען״. מאַמע און טאָכטער האָבן זיך איבערגעקוקט און ביידע האָבן אויף אַ ווייל געפאָרשט איינע די אַנדערע.

פאַר דער מאַמען איז איצט קלאָראַס טאָן געווען אַביסל ניי און דערפרייענדיק. זי איז ניט געוואוינט געווען צו הערן פון איר טאָכטער אַזוינע רייד. קלאָראַ האָט צוגעגעבן: „און מען וועט זיך אויך דאַרפן קויפן אַ ניי קליידל. מיינע קליידער זיינען דאָך אַזוי ווי איך — פאַרעלטערט״. זי האָט געלאַכט אויפן קול.

מעריס מאַמע האָט, ווי אַלעמאָל, אַ סך גערעדט, גערעדט הויך, שנעל. זי האָט זיך איבערגעקוקט מיט דער יידישער מאַמען, ווי זי וואָלט ביי איר געפרעגט, צי זי איז מסכים מיט דעם וואָס זי זאָגט.

דער רעש פון די באַזוכער האָט אַנגעפילט דעם גאַנצן „וואָרד״. לעבן יעדער בעטל איז געשטאַנען אַ בינטל מענטשן. זיי האָבן פאַר־געסן אַז דאָ ליגן מענטשן, וואָס זיינען פול מיט יסורים; מענטשן, וואָס האַלטן ביי גסיסה. און אַז די באַזוכער האָבן פאַרלאָזן, איז געוואָרן אַ שטילקייט, ווי צענדליקער מאַשינען וואָלטן זיך מיטאַמאָל אָפּ־געשטעלט. פון דער פּלוצלונגדיקער שטילקייט איז אַזש ענג געוואָרן אין די הערצער ביי די וואָס קוקן אויס אויפן מאָרגן און ווייסן ניט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

די געפּערלעך־קראַנקע ביים פענצטער האָט ניט אָפּגעלאָזט די האַנט פון איר שוועסטער. די אַלטע און קראַנקע שוועסטער איז געווען פאַרצווייפלט, ביז מערי איז צוגעקומען און זי באַפרייט פון דער שוועסטערס קלעם. די אומגליקלעכע האָט געפילט, אַז אירע שעה׳ן זיינען געציילט, און האָט זיך געקלאַמערט אין דער האַנט, ווי זי וואָלט אין דער האַנט געזען איר איינציקע שוץ.

דער טאָג האָט זיך גערוקט פאַמעלעך. דורך די גרויסע פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ טריבער, גרויער הימל. די נאַקעטעביימער לעבן די פענצטער האָבן געציטערט פון קעלט. אויף די שויבן האָט זיך פאַרצויגן אַ נאַסער נעפּל, האָט איינגאַנצן פאַרשטעלט די גאַס.

נאָכדעם ווי די צוויי מיידלעך האָבן זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן, זיך ארויסאַנטפּלעקט מיט זייערע אינטימסטע געפילן, האָבן

ביידע דערפילט די נויטווענדיקייט פון שווייגן. ביידע האָבן געוואָלט פאַרדייען דאָס אָריינגענומענע.

נאָכן אָוונט־ברויט, וואָס איז באַשטאַנען, ווי פריער, פון צוויי טעפּלעך קאַווע און אַ פּאַפּיראָס פאַר פאַרבייסן, זיינען זיי געלעגן און גערוט נאָכן רעשיקן טאָג. מערי איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און געפּרוווט אָנמעסטן אויף זיך קלאַראַס מצב, איר פריידלאָזע מיידלשאַפט; איר לעבן אָן ליבע, אָן פאַרזוכן דעם טעם פון דעם, וואָס יעדער מיידלשע נשמה פאַרזוכט, ווען זי ווערט צייטיק, רייף. זי האָט מיטגעפילט קלאַראַן, ווייל זי האָט געוואוסט, וואָס עס מיינט בענקען. עס האָט איר ווי געטאָן פאַר איר ניי־געפונענער פריינדינע — אַזוי ווי געטאָן, אַז זי האָט ניט געוואָלט איר פריינדינע זאָל עס דערקענען...

קלאַראַ האָט געטראַכט וועגן מערין ווי שרעקלעך עס מוז זיין צו האָבן אַזאַ טייערן מאַן און אַזוי שרעקלעך און שנעל אים פאַרלירן; אָרעמע מערי! זי פילט ווי אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ גרויס גליק און אַ טייוול איז געקומען און עס ביי אים אַוועקגעריסן, און ער איז געבליבן אַליין, עלנט, פאַרבענקט, מיט אַ צעריסן האַרץ. קלאַראַן האָט אַזוי ווי געטאָן פאַר איר יונגער פריינדין. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און געזען מערין אין די אָרעמס פון אַ יונגן, שיינעם סאָלדאַט, און פּלוצלונג איז אַלץ פאַרגאַנגען ווי אַ ווייסער וואָלקן.

קלאַראַ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ געשריי: „ניין! ניין! גיי צוריק! העלף! העלף!" — דאָס האָט דאָס נעגער־מיידל אַזוי געשריגן. אַלע האָבן שוין איצט געשריגן. פאַר קלאַראַס אויגן האָט זיך איצט אַנטפּלעקט אַ שוידערלעכע סצענע. די קראַנקע, אינמיטן צימער האַלב־נאַקעט. אירע פיס, דינע ווי ביי אַ קינד. זי, וואָס איז שוין לאַנגע וואָכן ניט אַראָפּ פון בעט, איז איצט געשטאַנען און זיך געהאַלטן מיט איין האַנט אין איר קורצן העמדל און איר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט. איר משונהדיק גרויסער קאָפּ מיט די צעשויבערטע האָר האָט זיך גענויגט אַרויף־און־אַראָפּ, און זי האָט געזונגען: „טשאַ־טשאַ טשאַ"... ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט און זי פאַלט. שנעל ווי אַ קאַץ, האָט זיך קלאַראַ אַ טראָג געטאָן צו איר און איר אונטערגעשטעלט איר קערפּער. די צעדרייטע האָט אַלץ געזונגען און געטאַנצט. קלאַראַ האָט צו איר גערעדט: „זייער

שיין! זייער שיין! קום, קום, פּיין געטאַנצט!" קיין נוירס איז גראד ניט געווען. מערי איז אונטערגעלאָפן. ביידע מיידלעך האָבן די קראַנקע אַריינגעלייגט אין בעט. זי האָט געשמייכלט מיט אַ קינדערשן שמייכל און איז זינגענדיק איינגעשלאָפן.

אַלע קראַנקע זיינען געווען דערשראָקן און היסטעריש. דאָס נעגער־מיידל מיט דער אַסטמאַ האָט ניט געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם פאַר שרעק. זי האָט זיך געשטיקט, געראַנגלט מיט איר אָפן מויל און אַרויסשטאַרטשנדיקע אויגן. זי האָט אָנגעוואָרפן אַ גרויל אויף די קראַנקע. דאָס זעכצן־יאָריק מיידל האָט געשריגן: „מאַמע, נעם מיך אהיים!" פון יעדן בעט — איז דערגאַנגען אַן אַנדער קול. ווען עס האָבן זיך אַריינגעשטעלט צוויי דאָקטוירים, זיינען זיי געבליבן שטיין אין מיטן צימער און ניט געוואוסט, וואוהין פריער צו גיין. די וואָס איז געווען „פאַראַנטוואָרטלעך" פאַרן גאַנצן טומל, איז געלעגן רואיק, מיט איר אויסגעדרייט מויל האָט זי געשמייכלט און עפּעס געשעפּטשעט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. די דאָקטוירים זיינען לאַנג געשטאַנען ביי איר בעט און נאָכדעם זיינען זיי שווייגנדיקע, מיט די פּנימער געווענדט צו דער ערד, אַוועק.

עס האָט גענומען אַ שטיק צייט, ביז וואַנען די דאָקטוירים איז געלונגען איינצושטילן אַלעמען. אויף מערין האָט די געשעעניש געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. דאָס ערשטע מאָל האָט זי דערזען פאַר זיך דעם טויט און האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין אירע אַלע גלידער. זי האָט געשפּירט אַ קעלט און זיך איבער־געדעקט איבערן קאָפּ. אויף קלאַראַן האָט עס ווייניקער געווירקט. איר געדאַנק האָט באַזיגט דאָס הארץ... זי האָט געטראַכט, אַז די קראַנקע מוטשעט זיך צופיל, און וואָס גיכער, אַלץ בעסער..

די מיידלעך האָבן גערן גענומען די שלאָף־טאַבלעטן, וואָס די קראַנקן־שוועסטער האָט אַלעמען אויסגעטיילט. פאַרן איינשלאָפן האָט זיך מערי מיט עמיצן געקריגט און געזידלט. עפּעס אַ „פּאַינט" האָט זי געזען און זיך צו דעם געריסן, און זי האָט זיך געשטיקט מיט ווערטער, וואָס זי האָט געוואָלט אַרויסשרייען און ניט געקענט..

אינדערפרי האָט מערי דערציילט קלאַראַן איר חלום און האָט צוגעגעבן: „דיין נעכטיקע שנעלע האַנדלונג האָט מיך איבערצייגט,

אַז דו ביסט ניט געבוירן געוואָרן פאַר דיין שטייגל, נאָר פאַר אַ שפּיטאָל. ס'איז נאָך ניט צו שפּעט". קלאַראַ האָט ניט געענטפערט. זי האָט אויסגעזען רואיק און מיד.

דאָס בעט ביים פענצטער איז געווען אָפּגעצויגן. די אַלטינקע, וואָס לעבן קלאַראַס בעט, האָט אויסגעזען צעשראָקן, און האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון יענעם „ווינקל", ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז באַלד וועט זיך יענע ווידער באַווייזן אַ טאַנצנדיקע. אָן ווערטער האָט זי געבעטן די מיידלעך, מען זאָל זיי ניט איבערלאָזן אַליין.

נאָך דער טומלדיקער נאַכט האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ שטילער, ווי אויף עפּעס וואַרטנדיקער פרימאָרגן. דורך די גרויסע פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ בלייכער, אויסגעלייטערטער הימל. די זון, נאָך ווייטלעך, האָט זיך פּאַמעלעך דערנענטערט און צוגעזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ שיינער טאָג.

מען האָט ניט געקרעכצט, ניט געהוסט, ווי אַלע ווייטיקן וואָלטן איינגעשלאָפן. פּיטראָ, דער יונגער בחור, וואָס האָט אויסגעקערט אונטער די בעטן, האָט שטיל און מאָנאָטאָן עפּעס געזונגען און דאָס געזאַנג האָט געקלונגען ווי אַ תפילה.

ביידע מיידלעך, בלאַסע און אויסגערוטע, האָבן געקוקט אויפן דאָקטאָר. זיי האָבן געפילט, אַז נאָך היינט וועלן זיי אויסגעשריבן ווערן. דער דאָקטאָר, אַ יונגער, אַ הויכער, מיט אַן אויסגעבויגענער פּלייצע, קליינע, פלינקע אויגן, און זייער אַ ווייך, מעלאָדיש קול, איז אַריינגעקומען מיט רעש. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן מעריס בעט, געבלעטערט אין אַ דיקער העפט, עפּעס געציילט, און ענדלעך געפרעגט: „ווילסט אהיימגיין, מערי?" מערי האָט אים געענטפערט מיט אַ פראַגע: „פרעגסט נאָך צי איך וויל?" — „גוט, היינט גייסטו אהיים! אָבער איך ראָט דיך, זאָלסט ניט בלייבן צופיל מיט זיך אַליין. זוך דיר געזעלשאַפט. גודבאַי!"

צו קלאַראַן איז ער צוגעגאַנגען לאַנגזאַם. ער האָט זיך געזעצט אויפן בעט ווי אַ נאָענטער מענטש און געזאָגט: "איך מיין, אַז דו האָסט דאָ מערניט וואָס צו פאַרבלייבן. אויב וועסט וועלן, וועסטו

געזונט ווערן!" ער האָט איבערגעחזרט: „אויב דו וועסט ווערן!" ער האָט נאָך גערעדט. מען מוז עסן, אַז עסן לעבט מען ניט. אָבער דו דאַרפסט אויך האָבן אַמוזירונג. פאַרשטייסט, א מענטש איז געבוירן צו זיין מיטן לעבן, ניט אויסערן לעבן. איך גלויב, אַז דו פאַרשטייסט. גייסט אַהיים! גודבאַי!"

ביידע מיידלעך האָבן געוואוסט, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט. כאָטש צו יעדער איינער האָט ער גערעדט אויף אַן אַנדער אופן.

די שטראָף

שוין דעם דריטן טאָג, אַז „מיס מאַרעי״ איז אין דער היים פון „הייליקן פּאָול״, און כאָטש קיינער האָט איר ניט געצוואונגען צו קומען אַהער, — האָט זי גוט געוואוסט וואוהין זי גייט. זי איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט פאַרמאָגט דאָס ביסל געלט זיך איינצוקויפן די נייע דירה, וואָס זי האָט געמוזט האָבן נאָכן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, וואו זי האָט לאַנגע יאָרן געאַרבעט און געלאָזט הינטער זיך אַ צוגעמאַכטע טיר. וועגן טראַכטן פון צוריקגיין האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. דאָך האָט זי זיך אין דער היים ניט געקענט איינהיימישן, זיך ניט געקענט צופּאַסן צו דער אַרומיקער שטילקייט.

אייגנטלעך האָט מיס מאַרעי יאָ געדאַרפט זיין צופרידן מיט דער היים. אַלע יאָרן האָט זי געשטרעבט צו זיין צווישן אייגענע. איר אומצופרידנקייט האָט זיך אָבער גענומען פון צוויי זאַכן, ערשטנס, וואָס זי איז אָנגעקומען אַביסל צו־פרי. זי איז טאַקע ניט קיין סך יינגער פון די „היים״־איינוואוינער, זי פילט אָבער, אַז זי איז אַנדערש פון די אַלטע. זי האָט אַ באַגער צו לאָזן הערן פון זיך, האָט ליב ווען עס רעשט זיך אַרום איר; זי איז ווי אַ ווילדער פויגל, וואָס דאַרף יעדעס מאָל האָבן אַ קרבן, וועמען צו שטעכן מיט זיין שאַרפן שנאָבל. נאָר מילא, זי וואָלט זיך שוין ווי עס איז דאָ איינגעלעבט, איז אָבער די ערגסטע צרה, וואָס דווקא די היים אויפן נאָמען פון „הייליקן פּאָול״ געפינט זיך אין אַ יידישער געגענט. דאָס באַטראַכט זי שוין ווי אַ שטראָף פון גאָט. אויף דעם האָט זי זיך נישט געריכט.

די שנאה צו יידן איז ביי מיס מאַרעי געווען כראָניש, און ווען דאָס חולאת האָט זיך ביי איר באַוויזן, געדענקט זי אַליין ניט. אין דער קאַטוילישער שול פאַר נוירסעס, וואו זי האָט געלערנט, פלעגט די שוועסטער „סופּיריאָר״ אָנזאָגן די שילער, אַז אַ קראַנקן־שוועסטער טאָר ניט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן קראַנקע, ליב האָבן יעדן חולה ווי אַן אייגן קינד. מיס מאַרעי האָט אָבער ניט געפאָלגט דעם געבאָט פון דער „עלטערער״ שוועסטער. ווי נאָר זי איז אָנגעקומען אין דעם שפּיטאָל, וואו עס האָבן זיך געפונען

יידישע חולאים, האָבן שוין די יידישע פּאַציענטן דערפילט די קעלט, וואָס האָט געיאָגט פון דער נוירס מיטן צלמל אויפן האַלדז. וואָס לענגער זי האָט געאַרבעט אין דעם שפּיטאָל, אַלץ מער שנאה האָט זי אַרויסגעוויזן צו יידן. אמת, מיס מאַרעי האָט גאָרניט געמוזט אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל וואו עס זיינען דאָ יידן. זי האָט געקענט געפינען גענוג שפּיטאָלן אָן יידן, איז אָבער די מעשה, וואָס אין די שפּיטאָלן אָן יידן, האָט זי זיך געפילט געצווימט, זי האָט דאָרטן ניט געהאַט אויף וועמען אויסצולאָזן אירע „עמאָציעס". זי האָט געמוזט האָבן עמיצן, וואָס זאָל זיין אַן אָביעקט פון איר האָס. זי האָט געדאַרפט האָבן וועמען צו באַליידיקן, וועמען צו פּייניקן מיט ווערטער. עס איז געווען נאָך אַ סיבה, פאַרוואָס זי האָט געאַרבעט צווישן יידן. עס האָט זיך איר פּשוט געלוינט דאָס געשעפט. זי האָט געהאַט אַ ספּעציעלע טעכניק ווי אַזוי אַרויסצוקריגן ביי די יידישע פּאַציענטן „טיפּס". ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז דער יידישער חולה קלייבט זיך פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, האָט זיך איר אייבערשטע ליפּ מיט די צוויי זעקעלעך איינגעצויגן, ווי זי וואָלט געשמייכלט, און זי האָט אָנגעהויבן רופן דעם פּאַציענט, וועמען זי האָט ערשט נעכטן געזידלט, — מיט דעם זיסן נאָמען — „האָני", און האָט אים געגעבן עצות, ווי אַזוי זיך אויפפירן בעת דער דערהאָלונג. זי האָט דעפאַר באַקומען אַ קאָנווערטל.

פאַר איר אויסגעהאַלטענער שנאה האָט מיס מאַרעי באַצאָלט. כל זמן זי איז נאָך געווען יונג און געקענט אַרבעטן פאַר צוויי, האָט מען די קלאָגעס אויף איר ניט גענומען ערנסט. אָבער אַז זי איז עלטער געוואָרן ; אַז אירע פיס זיינען געוואָרן שווערער, דער קערפּער — אָנגעגאָסן, — און האָט שוין ניט געהאַט מיט וואָס זיך איבערצונעמען, האָט מען איר פאַר איר באַנעמען זיך געוויזן דעם וועג. אַפילו דאָס צלמל, וואָס זי האָט שטענדיק געטראָגן אויפן האַלדז, אַלס באַשיצער, האָט ניט געהאָלפן. עס האָט פּאַסירט און זי האָט געעפנט איר מויל אויף אַ חולה, ניט ווייסנדיק, אַז דער קראַנקער איז פון די מענטשן, וואָס לאָזט זיך ניט באַליידיקן. איז געוואָרן אַ טומל און מיס מאַרעי איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר צוויי ברירות : אָדער, אָדער : אָדער בעטן אַנטשולדיקונג און צוזאָגן, אַז מער ניט. אָדער איינפּאַקן און גיין !

אין משך פון איר לאַנג-יאָריקער פּראַקטיק האָט זי טאַקע

דורכגעמאַכט ביידע ברירות, אָבער ווי אַ קאַץ פלעגט זי אָפּטרייסלען פון זיך דאָס געוועזענע, און פלעגט אָנהויבן אַלץ פונסניי. מיט די יאָרן וואָס זיינען געגאַנגען איז זי געוואָרן אַלץ מער אָנגעצויגענער, קרענקלעכער. זי האָט אָבער ניט פאַרלוירן דעם חוש צו שטיין אויף דער וואַך, און אויפכאַפּן מיט אויג און אויער, ביי וועמען מ׳קאָן קריגן אַ גוטן „טיפ״. ווען זי האָט דערשפּירט, אַז איר „טראָן״ וואַקלט זיך, האָט זי אויסגערעכנט, אַז די „יידישע טיפּס״ וועלן איר צוניץ קומען אויף דער עלטער, אַז זי וועט זיך קאָנען באַזאָרגן מיט אַ היים צווישן אייגענע. אין דער היים איז זי טאַקע אָנגעקומען פריער ווי זי האָט גערעכנט.

אין שפּיטאָל האָט זי געפירט אַן איינזאַם לעבן. פון מענער־פריינטשאַפט איז אָפּגערעדט. די אַנדערע נוירסעס האָבן זיך אויך געהאַלטן ווייטלעך פון איר. אפילו אירע קאַטוילישע „שוועסטער״ די מיידלעך, וואָס האָבן אינאיינעם מיט איר געקניט פאַרן אַלטאַר, האָבן זי קיינמאָל ניט געלאַדן צו זיך אויף אַ גלאָז טיי. מיס מאָרעי איז ניט מסוגל געווען צו זיין איינעמס אַ פריינט. דעריבער האָט זיך קיינער פאַר איר ניט אָנגענומען אין אַן אומגליק. ווען דער אומגליק איז געקומען — אַ האַרץ־אַטאַקע — איז זי געוואָרן נאָך אַ פּאַציענט, וואָס פאַרנעמט אַ בעט אין שפּיטאָל — מער ניט!

זי זיצט אין גאָרטן, וואָס צאַמט אַרום די „היים״ פון די אַלטע לייט, און דערמאָנט זיך ווי פיינלעך עס איז איר אָנגעקומען דאָס שמייכלען צו די קראַנקע יידן, און דאָס רופן זיי זיסע נעמען, אין דער צייט ווען איר האַרץ איז גאָר געווען פול מיט האַס. זי דערמאָנט זיך, אַז אַ סך מאָל האָט זי זיך איינגעפּאַך געביסן די ליפּן פון כעס אויף זיי. אָבער זיי, די יידן, האָבן געוואוסט פון דעם. זיי האָבן עס געזען אויף איר פנים. ווען זי האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, האָט זי געפילט ווי הינטער אירע פּלייצעס שטעלט מען איר אַרויס אַ צונג. מיס מאָרעי פאַרמאַכט די אויגן, און עס דאַכט זיך איר, אַז עמיצער שטעקט אַרויס אַ צונג און חוזקט, רייצט זיך מיט איר: „אַהאַ! האָסט פיינט געהאַט די יידן און ליב געהאַט זייער געלט? — איז אַט האָסטו עס! אויף דער עלטער מוזטו זיין אין אַ יידישער געגנט, צי דו ווילסט יאָ אָדער ניט״.

מיס מאָרעי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און געוואָלט אָפּטרייסלען פון זיך דעם קאָשמאַר, וואָס זי האָט נאָר וואָס געזען,

זי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט און איז געבליבן שטיין געפּלעפט. זי האָט דערזען פאַר זיך אַ ווייסע פיגור, אַזאַ ווייסע, אַז עס האָט איר אַזש געבלענדט אין די אויגן. ס'איז געווען די סטאַטוע פון הייליקן. ער איז געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי ער וואָלט גערופן אַהער די פאַרבייגייער. מיס מאַרעי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ הייליקער מאַרטירער, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר קריסטוסן, זיך געלאָזט פּייניקן צוליב אים. זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין חשק צו דערנעענטערן זיך צום הייליקן. האָט זי זיך אָוועקגעדרייט פון אים און איז אַוועק אין גאָרטן, וואו אויף שיטער־צעטיילטע בענק זיינען געזעסן עטלעכע אַלטינקע און גע־דרימלט קעגן דער זון, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין זעצן. די שקיעה האָט דערמאָנט דעם פיר־שטאָקיקן מויער און דעם גאָרטן מיט די סימעטריש־באַשניטענע ברעג־ביימלעך, אַז עס ווערט באַלד נאַכט.

מיס מאַרעי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. עס איז איר געווען שווער אויפן געמיט. די פרומע, פאַרגליווערטע שטילקייט, האָט אַזוי ניט האַרמאָנירט מיט דער לעבעדיקער רירעוודיקייט, וואָס האָט דאָ אַרום געררוישט מיט לעבן. ווייבער האָבן געשטופּט קינדער־וועגעלעך, געטראָגן פּעק עסנוואַרג, געאיילט אַהיים צו זייערע היימען, וואו די מענער האָבן געוואַרט אויף אַ מאָלצייט. מיס מאַרעיס האַרץ האָט זיך געצויגן איבער די שטאָכעטן. זי האָט געטראַכט: „האָב נאָך געקענט זיין צווישן לעבעדיקע מענטשן אַ גוטע פאָר יאָר, וואָס טו איך דאָ, צווישן די דרימלענדיקע?״ — „אפשר באַצאָל איך פאַר מיין גרויס מויל״ — איז געקומען אַ מחשבה. פאַרוואָס האָב איך ניט געשוויגן, נאָך אַזויפיל יאָרן זיין מיט די טייוולאָנים?״

די אַלטינקע האָבן זיך געהויבן פון די בענק. מיס מאַרעי האָט געזען ווי די אַלטע צעגייען זיך, זיי שפּאַנען מיט אַ שווערקייט. מאַנכע קאָנען זיך ניט שלעפּן און כמעט אַלע גייען מיט שטעקנס. סיידן זי זאָל אויך נעמען שלעפּן די פיס, אויב ניט וועט מען נאָך מיינען, אַז זי האָט געגוג כח צו העלפן אַנדערע. דאָס וויל זי בשום אופן ניט. שוין גענוג געהאָלפן!

דער זייגער האָט אויסגעקלונגען זעקס. איצט איז די צייט פאַר די אַלטע צו גיין אין „טשעפּל״. עס קומען זיך דאָ צונויף די שוועסטער, וואָס דאַרפן געבן גייסטיקע פירונג. זיי מאַרשירן אריין

פֿאַרלעכטוויז. שטיל, מיט געבויגענע קעפּ, גייען זיי פֿאַרביי די סטאַטוע פֿון „הייליקן פּאָול", וואָס שטייט ביים אַריינגאַנג. מיס מאַרעי האָט ניט געקענט באַשליסן צי זאָל זי אויך גיין צו דער תּפֿילה. זי האָט באַשלאָסן אַז זי וועט קומען שפּעטער. זי האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט און איז שוין געזעסן לענגער ווי זי האָט געוואָלט.

אירע געדאַנקען האָבן ווידער אַוועקגעוואַנדערט אַהין פֿונוואַנען זי איז אַהער געקומען. זי האָט זיך געזען אין שפּיטאָל, ווי זי לויפֿט אַרום צווישן די קראַנקע אין די לאַנגע קאָרידאָרן. זי איז מיד און איז פֿול מיט צאָרן אויף די יידישע פּאַציענטן, וואָס נאָר זיי מאַנען; דערלאַנג זיי! פּופּצן בעטן און אַלע פֿאַרנומען. איין בעט האָט זיך ערשט אָפּגעליידיקט. די אַרויסהעלפֿער אירע, די שוואַרצע, זיינען ביי זיך „פּאַרריסן". מען טאָר זיי גאָר קיין וואָרט ניט זאָגן! און אַז עס קומט די צייט ווען זיי ווערן פֿריי, הייבט זיי גאָרניט אָן צו קימערן, וואָס עס איז נאָך געבליבן אַרבעט. זיי זאָגן איר: „ווילסט, אַרבעט! ניט איך, איך בין פֿאַרטיג!" דאָס וואַרפֿט איר נאָך מער אַריין אין כּעס. און אָט האָט מען געבראַכט אַ נייע פּאַציענטין, גראַד אַ שוואַרצע. מיס מאַרעי איז צוגעלאָפֿן צום טעלעפֿאָן, געבעטן מען זאָל איר שיקן הילף, זי וועט ניט אָנרירן די „ניגערטע!"

דאָס נעגער־מיידל האָט געהערט ווי זי זידלט זיך און ניט געוווּסט פֿאַרוואָס. זי איז געווען צו קראַנק. זי האָט געפֿרעגט, פֿאַרוואָס האָט מען קיינעם ניט געשיקט. מיס מאַרעי האָט זי אַליין געמוזט באַהאַנדלען, אָבער אירע הענט זיינען ניט געווען צו־פֿריינטלעך; עס האָט אין איר געקאָכט. איר פּנים האָט געברענט. און זי האָט געוואָלט עמיצן זידלען, האָט זי זיך נוקם געווען אין נעגער־מיידל. זי געדענקט ניט וואָס זי האָט געזאָגט דער שוואַרצער פּאַציענטקע. מסתּמא עפּעס ניט קיין שיינע זאַך. זי געדענקט נאָר, אַז אַלע פּאַציענטן, באַזונדערס די יידישע זיינען געוואָרן אויסער זיך. אויף מאָרגן אינדערפֿרי, ווען זי איז צוגעקומען צום בעט פֿון נעגער מיידל, האָט יענע איר ניט געוואָלט ענטפֿערן. מיס מאַרעי האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט פֿאַראַכטונג און געזאָגט: „וואָס? דו ביסט גרויס ביי זיך, ניגער!" — און דאָ איז עפּעס געשען! די פּאַציענטן האָבן אַלע, אויף איין קול, געשריגן, זי זאָל גלייך פֿאַרלאָזן דעם וואָרד! זי האָט זיך ניט געוואָלט צוהערן און גע־פּרוּווט אָנגיין מיט איר אַרבעט, אָבער באַלד האָבן אָנגעהויבן

פליען אויף איר זשורנאַלן, שטעק־שיך, שאַלעכץ פון פרוכט. מען האָט געשליידערט און געשריגן: „אַרויס!"

זי איז געלאָפן פון וואָרד און געשריגן, אַז די נעגער און די יידן ווילן זי דערהרגענען! באַלד האָט זי דערפילט ווי עס שטיקט איר אין האַלדז. ס'ווערט איר פינצטער אין די אויגן, און עס כאַפּט זי אַרום אַ מאָדנע קעלט...

אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי זיך שוין געפונען אין אַ בעט. זי איז געלעגן אַליין. קיינער איז צו איר ניט צוגעגאַנגען. בלויז ווען זי האָט גערופן אַ נוירס, האָט די שוועסטער זי פּראָפעסיאָנעל באַהאַנדלט. קיין פריינטשאַפט האָט איר קיינער ניט אַרויסגעוויזן. נאָך צוויי טעג איז זי שוין געווען גענוג שטאַרק צו אַרבעטן. מען האָט איר געלאָזט וויסן, אַז אין דעם שפּיטאָל קאָן זי מער ניט אַרבעטן. קיין רעקאָמענדאַציע־בריוו האָט זי אויך ניט באַקומען.

דער הויז־דאָקטאָר האָט איר פריינטלעך געראָטן, זי זאָל אַוועקגיין אין אַ „היים". דאָס האָט ער זי רעקאָמענדירט אַהער.

עפּעס האָט אַ בליץ געטאָן אין מיס מאָרעי'ס געדאַנק: „זאָל עס זיין, אַז דער דאָקטאָר האָט געוואוסט, אַז די 'היים' געפינט זיך אין אַ יידישער געגנט?" מיס מאָרעי האָט באַלד אָפּגעטרייסלט דעם געדאַנק, ווי מען טרייבט אָפּ אַ בייזע פליג. „ניין! דאָס קאָן גאָר ניט געמאָלט זיין! דער דאָקטאָר איז דאָך אַ גוטער קאַטאָליק! עס איז ניט דער דאָקטאָר, וואָס האָט זי אַהער פאַרשיקט. עס איז נאָר אַ שטראָף פון גאָט!"

„גוד באַי קלעאָפּאַטראַ״

דער פינף־און־צוואַנציק־יאָריקער, אביסל אומגעלומפּערטער פּיעטראָ איז פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם גרויסן וואונדער: די בוי־מאַשינערי. זינט ער געדענקט זיך, האָט ער געהאַט אַ ליבע צו קאָנסטרוקציע. עס פלעגט אים מאַדנע ציען צו יעדער זאַך וואָס מען בויט. ער טראַכט: וואָלט ער נאָר ניט אַנטלאָפן פון דער היים, ווען ער איז אַלט געווען דרייצן יאָר; ווען ער וואָלט, ווי די אַנדערע קינדער, געפאָלגט זיין טאַטן, וואָלט ער איצט זיכער געווען אַ בוי־מייסטער, אַט ווי יענע בויער דאָרט, וואָרים פאַרשטיין פאַרשטייט ער זיך אויס מער פון זיי.

פּיעטראָ שטייט אַ פאַרגאַפטער פונעם גרויסן וואונדער, וואָס ער זעט דאָ, ביים עק גאַס, וואו מען בויט די נייע געביידע. אַזוי איז ער פריער געשטאַנען ביי דער אויסגראָבונג. ער פילט ווי ער וואָלט געווען אַ טייל פון דער אונטערנעמונג, ווייל אַלץ איז פאַר אים אַ וואונדער, אַלץ חידוש, ווי ער וואָלט ערשט געבוירן געוואָרן.

ווי לאַנג פּיעטראָ האָט ניט געדאַרפט אַרבעטן, כל זמן ער האָט נאָך געהאַט אַ פּאָר אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַר אין קעשענע, האָט ער זיך געפונען לעבן דער בויאונג אַ גאַנצן טאָג. ער איז געשטאַנען פונדערווייטנס און זיך צוגעקוקט און ביי אים אין מוח האָט גערוישט, געקלונגען. זינט אָבער די עטלעכע דאָלאַר האָבן זיך אויסגעלאָזט, און מען דאַרף גיין זוכן אַרבעט, האָט ער זיך דערווייל געמוזט שיידן מיט זיין „וואונדער״.

ווען פּיעטראָ איז אַוועק האָט מען ערשט גענומען אַרויפציען די שטאָלענע שטאַנגען פאַרן סקעלעט פון בנין, ווען ער האָט זיך שפּעטער צוריקגעקערט, האָט ער שוין דערזען פאַר זיך אַן אַנדער בילד. אַנדערע מאַשינעס און אַנדערע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן צו זיינע אויערן. די מוליער זיינען געשטאַנען אויף די רושטאָוואַניעס און געלייגט ציגל. ער האָט געקוקט אויף די אויסגעלייגטע רייען ציגל און עס איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ פרייד. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז און נאָכגעפאָלגט די ציגל־לייגער. ער האָט געציילט די ציגל, וואָס די אַרבעטער־הענט האָבן געלייגט

פלינק, געשיקט. ער האָט זיי נאָכגעפאָלגט מיט זיין גאַנץ וועזן, מיט אַלע זיינע חושים, און געשפּירט אַז ביי אים אין האַרצן וואַקסט עפּעס אָן, אַז ער אַליין וואַקסט אויך.

אָך, ווי ער האָט זיי מקנא געווען, די מויערער פון די ווענט! ער האָט דערביי געטראַכט: „וואָלט איך אַליין דען ניט געקענט שטיין איינאיינעם מיט זיי און לייגן די ציגל? זיי וואָלטן דאָך גע־זונגען אונטער מיינע הענט!" ער קוקט אויף זיינע גרויסע הענט, באַלד צופּט ער אויס אביסל גראָז, און פילט ווי די פינגער ווערן אים פאַרטעמפּט, זיי בענקען שוין נאָך אַרבעט. פּיעטראָן טוט באַנג, וואָס ער האָט ניט מיט וועמען צו טיילן זיין באַגייסטערונג מיטן ביי־געבויטן הויז. עס אַרט אים ניט, וואָס מען קוקט אויף אים ווי ער וואָלט געווען אביסל „פאַררוקט". ניט ער פרעגט ביי עמיצן, וואָס יענער טראַכט, און ניט זיי דאַרף אָנגיין, וואָס ער טראַכט. אַלץ וואָס עס וואונדערט אים, איז דאָס: פאַרוואָס גייען מענטשן פאַרביי גלייכגילטיק די געביידע, פאַרוואָס זיי זעען גאָרניט!

ווען די אַרבעטער גייען אַהיים פון דער אַרבעט און לאָזן דעם וועכטער, גייט דעמאָלט פּיעטראָ צו נאָענט צו אַ שטיק־פאַרטיקער וואַנט, גלעט די ציגל און עס ווערט אים אַזוי גוט פון דער קילקייט! דאָס צוקומען צו דער וואַנט קומט אים ניט אָן אַזוי גרינג. ער מוז קריכן איבער הורבעס זאמד, איבער קאַריטעס מיט וואַפּנע, גריבער ליים, אָבער עס לוינט זיך! די הנאה איז אַזוי גרויס, אַז עס ליגט אים אין טעם אַ לענגערע צייט. ער פאַסמאַקעוועט זיך אַזש, ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ געשמאַקן ביסן: אָט־אַזעלכע גלאַטינקע ציגעלעך, ווי דאָס לייב פון אַ קינד!

אַ פּאָר וואָכן האָט פּיעטראָ געשעפּט נחת פון בנין. זיינע אויגן האָבן ניט דורכגעלאָזט דעם מינדסטן צווואוקס צום הויז. דאָס הויז איז געוואַקסן צווישן דעם כאַרכלען און רעווען פון די ציגל־הייבער און דער באַזאָכטער אַרבעט פון די מויערער, געוואַקסן מיט אַ ריטמישער שנעלקייט און פּיעטראָס האַרץ האָט זיך געפרייט מיט יעדן צוואוקס, ווי ס'פרייט זיך דאָס האַרץ ביי אַ מאַמען מיט יעדן נייעם ציינדל ביי איר קינד אין מויל.

אָנהויב מאַי האָט דער דרויסנדיקער פרימאָרגן געשאָטן מיט מתנות. אַ בוים האָט זיך צעגרינט ביים פענצטער, אַ פויגל מיט אַ רויטן שנעבעלע און בלויען בייכל, איז פון ערגעץ אָנגעפלויגן.

פיעטראָ האָט באַלד פאַרגעסן, אַז ביי אים אין קעשענע ווערט לײדיק, אַז מען מוז גײן צו דער אַרבעט.

פיעטראָ איז ניט געווען קיין קוואַליפיצירטער אַרבעטער, האָט ער ניט געקענט אויסקלייבן קיין אַרבעט. ער האָט אָבער געשטעלט זיך אַליין צוויי באַדינגונגען, פון וועלכע ער וועט קיינמאָל ניט אַרונטערלאָזן: ערשטנס, מוז די אַרבעט זיין אויף דער פרייער לופט, און צווייטנס, דאַרף עס זיין אַזאַ סאָרט אַרבעט, וואָס קיינער זאָל אים ניט לערנען. ער האָט פיינט, אַז מען לערנט אים, און גענוג!

פיעטראָ נעמט די צייטונג אין האַנט, מישט אויף די זייט וואו עס געפינען זיך די אַנאָנסן וועגן זוכן אַרבעטער, און אַז אים געפעלט די אַרבעט, אַז ער נעמט זיך אונטער, ווייסט ער, וועט שוין דער „דזשאָב" זיין גוט. ער האָט אַ גוט אויג און איז מיט זיך זיכער. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגענאַרט.

לויט זיין אויסזען און זיין קליידונג, קוקט פיעטראָ אויס אַביסל טשיקאַווע. ווען ער גייט פאַרביי און האַלט די הענט אין די קעשענעס פון די ברייטע הויזן, קוקט מען אים נאָך. מען באַטראַכט זיין רעקל מיטן אונטערשלאַק, וואָס איז צענויפגעלייגט גלאַט אויף אַ באַרקע. דאָס טונקעלע העמד, וואָס איז אָפן צונויפגעלייגט אפילו אין פראָסט. ער טראָגט אַ קליין מיצל אויפן קאָפּ, וואָס פאַרשטעלט ניט זיינע געקרייזלטע, לענגלעך־געשווירענע, העל־ברוינע האָר. זיין פּנים איז שטענדיק צוגעברענט פון דער זון, און כאָטש זיינע געזיכט־צוגן זיינען שווערע, איז אין מויל פאַראַן עפּעס צאַרטעס, כמעט ווייבלעכעס.

פּעטראָ האָט שטאַרק ליב קליינע קינדער. וואו ער קומט, קלייבן זיך אַרום אים קינדער. ווען ער קומט אויף זיין פּלאַץ, ווערט ער באַלד אַרומגערינגלט פון אַ כאַפּטע קליינוואַרג. ער באַווייזט זיי קונצן מיט אַ שטריק, לערנט זיי מאַכן קאַזעלעך מיט די הענט, און ווי מען קען אויפהייבן דעם אייגענעם שטערן, ווי מען קען דרייען מיט די אויערן. דאָס טוט ער אָבער נאָר ווען גרויסע זיינען דערביי ניטאָ. טאָמער באַווייזט זיך אַ גרויסער הייבט ער זיך אויף: אָ, גיין! נאָר ניט קיין גרויסע!

קיין נאָענטע קרובים האָט ער ניט, שאַפט זיך פּיעטראָ איין קרובהשאַפט. די מענטשן מיט וועלכע ער טראָגט זיך אַרום אין געדאַנק ווייסן ניט פון דעם. ניט איין מאָל האָט זיך שוין פּיעטראָ

פאַרקנסט צו מיידלעך אין דער פאַנטאַזיע. ער קלייבט אויס נאָר אַזעלכע מיידלעך, וואָס זיינען לויט זיין גוסט, גייט זיי נאָך, באַוואונדערט זייער שיין פּנים, זייער גאַנג, זייער בליק. ער גיט קיינמאָל ניט אויף די האָפענונג צו געפינען אַזאַ מיידל, וואָס זאָל זיין פאַר אים אַ גליק, אַט, למשל, אַזעלכע וואָס ער זעט אין די „מואוויס".

פּיעטראָ האָט זיך אויך ליב צו פאַרטראַכטן וועגן ביכלעך, וואָס ער לייענט. אָפט וויל ער זיך דערמאָנען אין דעם נאָמען פון אַ ביכל, וואָס האָט אים געמאַכט ליכטיק אין דער נשמה. אָבער ניט שטענדיק געלינגט עס אים. דעם נאָמען פון ביכל געדענקט ער ניט, אָבער וואָס עס שטייט אין ביכל, דאַרף ער ניט געדענקען, גענוג אַז ער האָט דערפילט, דורכגעלעבט. אַז מען דערשפּירט עפּעס האַלט ער, איז גלייך ווי מען פאַרשטייט עס. פּיעטראָ האָט ליב צו קויפן ביכלעך, גענוצטע ביכער, וואָס קאָסטן ניט קיין סך.

עטלעכע חדשים איז פּיעטראָ געווען פאַרנומען ביי דער אַרבעט און ניט געהאַט קיין צייט צו זען זיין „וואונדער", די נייע געביידע, וואָס איז דערווייל געוואַקסן אַן זיין אויפזיכט, די גאַנצע צייט האָט ער די געביידע ניט אַרויסגעלאָזט פון זיין געדאַנק. ער האָט דאָס הויז אַ נאָמען געגעבן „קלעפּאַטראַ", און זיין „קלעאָפּאַטראַ" איז אים שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער געזען ווי די געביידע וואַקסט, און דער געדאַנק, אַז ער וועט זי באַלד זען אַ פאַרטיקע, אויסגעוואַקסענע, אַ צייטיקע, האָט אים געפרייט און דערהויבן, ווי זי „קלעאָפּאַטראַ", וואָלט געווען זיינע. מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען ער וועט זיך צוריקקערן צום נייעם בנין. ווען ער האָט זיך דערוואַרט, איז ער געלאָפן צום פּלאַץ מיט אַ יום טוב אין האַרץ, ווי מען לויפט אַנטקעגן אַ געליבטער, פון וועלכער מען איז לאַנג געווען צעשיידט. ער האָט זיך אפילו צו אַט־דער געלעגנהייט אָפּגעראַזירט און אַרומגעוואַשן.

געגאַנגען אהין איז ער דווקא פּאַמעלעך. צו וואָס די איילעניש? אַלץ שטייט דאָרט אויפן אָרט. ער האָט זיך דערמאָנט אין אַ ביימל, וואָס ער האָט אַמאָל געפלאַנצט. ער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר זיבן. ער האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט עס צעטרעטן, האָט ער עס אַרומגעלייגט מיט שטיינדלעך און אריינגעשטעקט אין דער ערד אַ ווייס פענדל. דאָס פענדל האָט זיך אָנגעזען פונדערווייטנס.

דאָסביימל איז זיך צעוואָקסן. אָ, ווי ער וואָלט איצט געוואָלט אָנקוקן דאָס ביימל. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך אומקערן אַהיים, וועט ער אָנטרעפן אַ צעוואָקסענעם בוים, אָבער ער האָט גאָרניט געטראָפן, ווי עס וואָלט פאַרברענט געוואָרן. אָט אַ וועלט!

„אָט־דאָ! אָט־דאָ! אָט איז עס! זע נאָר, ווי אַלץ האָט זיך דאָ געביטן, אפילו די גאַס איז ניט צו דערקענען, אָט אַ וועלט! ווי אַן אמתע קלעאָפּאַטראַ", איז די נייע צוועלף־שטאָקיקע געביירע געשטאַנען און זיך געריסן צום הימל. סאַראַ שיינקייט! און אַזוי גיך? אָט דאָס הייסט בויען! אפילו דער טראָטואַר איז שוין פּאַרטיק. אַרום זיינען פּאַרפלאַנצט בוימער. היינט די גרויסקייט, די רחבות! אָבער וואָס שטייט ער דאָ, דער יאָלד, און וואונדערט זיך? מען דאַרף אַריינגיין אינעווייניק.

פּיעטראָ האָט ארויסגענומען די הענט פון די קעשענעס, האָט אַריבערגעשפּאַנט די גאַס און איז געבליבן שטיין, באַטראַכט דאָס הויז פון דער נאָענט. מיט הונדערטער פענצטער האָט דאָס הויז געקוקט אויף די קליינע, אַלטע פאַרשעמטע שטיבלעך פון דער געגענט. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי, די שטיבלעך, שעמען זיך און באַהאַלטן זיך אין שאָטן פון זייער גבירישער שכנה.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג. פון מערב האָבן פלאַמען, ווי פייער־צונגען געטאַנצט אין די שויבן פון די העכערע עטאַזשן, געשפּרונגען פון שויב צו שויב, ווי משוגעים. די קאָלירן האָבן זיך געביטן מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט. פּיעטראָן האָט זיך גע־דאַכט, אַז די פייער־צונגען קושן די שויבן. ער האָט צוגעגלעט די קוטשמע האָר אויפן קאָפּ, און זיך אַריינגעשאַרט אין דער אָפענער טיר פון גרויסן, האַלב־טונקעלן קאָרידאָר. עס האָט אים גענומען שווינדלען אין די אויגן פון די קרישטאָלענע הענג־לאָמפּן, פון באַשלאָגענעם באַגילדעכטס אויף די ווענט. דער קאָרידאָר איז געווען אַזוי גרויס, אַז פּיעטראָ האָט זיך אין אים ווי פאַרלאָרן. ער איז געשטאַנען עטלעכע מינוט, געשמייכלט, ביז ער האָט דערזען לעבן זיך אַ קליין מענטשעלע, וואָס האָט אים באַטראַכט. איז עס מעגלעך, אַז דאָס מענטשעלע, האָט זיך דאָ געפונען זינט ער איז אַהער אַריין? — האָט זיך פּיעטראָ געוואונדערט.

דאָס מענטשלע אַ ציכטיקס, מיט גלאַט־פאַרקעמטע האָר, האָט אים געפרעגט: „וועמען דאַרפט איר דאָ?" — פּיעטראָ האָט זיך

צעשמייכלט, אביסל אַ פאַרלאָרענער, און געזאָגט: „איך בין דאָ ניט קיין פרעמדער. איך וויל אַרויפגיין אויפן דאַך. איך האָב זיך גאָרניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס הויז וועט זיין אַזוי הויך. פון אַזאַ הייך, קאָן מען אוודאי אַנזען גאַנץ ניו־יאָרק. איך גיי שוין אַרויף!"

דאָס מענטשעלע, וואָס האָט שוין איצט געקוקט אויף אים מיט פאַרדאַכט, האָט זיך אַביסל אָפּגערוקט, ווי ער וואָלט עפּעס וועלן זיכער מאַכן. פּעטראָ האָט ניט געזען קיין טרעפּ. ער האָט געמאַכט אַ טראָט נאָך אַ טראָט. אַ טיר האָט זיך געעפנט. ער איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט ליכט. פון דער טיר זיינען אַרויסגעקומען עטלעכע פאַרפּוצטע מענער. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך און זיך ניט אומגעקוקט אויף די צוויי אין קאָרידאָר. ווען די טיר פון עלעוויטער האָט זיך פאַרמאַכט, האָט דאָס מענטשעלע געזאָגט:

„מיסטער, איר געפינט זיך אין אַ הויז פאַר ניט אַזעלכע ווי איר. עס איז ניטאָ קיין דאַך. מען קאָן דאַרט ניט אַרויפגיין. דאָס איז אַ וואוינונג פאַר רייכע מענטשן. „וואָס מיינט איר ווילט אַהין גיין?" האָט אים דאָס מענטשעלע, מיט שפּאָט אין די אויגן, אָנגעוויזן אויף אַ בודקעלע, אין ווינקל: „אָט דאָ דאַרפט איר זיך פריער מעלדן!"

פּיעטראָ האָט ווייניק־וואָס פאַרשטאַנען וואָס דאָס מענטשעלע איז אויסן, ניט פאַרשטאַנען זיינע רייד וועגן די רייכע, וועגן „מעלדן זיך". אים, פּיעטראָן, איז קיינמאָל ניט אויסגעקומען האָבן צו טאָן מיט רייכע. די באַלעבאַטים, ביי וועלכע ער האָט געאַרבעט, זיינען געווען פּשוטע מענטשן, ווי ער: רייכע מענטשן האָט ער נאָר געזען אין די פילמס. הייסט עס, אַז „זיין קלעאָפּאַטראַ" איז גאָר אַ רייכע!

„פּענט־הויז, שמענט הויז!" — האָט אים אָנגענומען אַ פאַרדרוס, און ס'האָט זיך אים געוואָלט אויסשפּייען אין קאָרידאָר. ער האָט זיך איינגעהאַלטן, ביז ער איז אַרויס אין גאַס. ער איז געגאַנגען גיך, געשטעלט שווערע טריט מיט זיינע גרויסע פיס. אָפּגעגאַנגען עטלעכע טראָט, האָט ער זיך אויסגעדרייט און אויסגעשריגן הויך, כדי די „פּענט־הייזער" זאָלן דערהערן:

„גוד באַי, קלעאָפּאַטראַ! גוד באַי!"

דער גורל פון אַ האָר

וואָלט די האָר געקענט ריידן, וואָלט עס געוויס געעפנט פאַר אונדז אַ האַרץ פול מיט טראַגישע איבערלעבונגען. ווי מענדעלעס „קליאַטשע" וואָלט עס געוואָרן אַ סימבאָליש בילד, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ געוויסע עפּאָכע, אָדער געוויסע טיפּן. אָבער די האָר קאָן ניט ריידן!

אַמאָל, גאָר אַמאָל, ווען די האָר האָט נאָך ניט געהאַט קיין יאָרן צום ציילן, ווען ס'האָט ערשט גענומען פילן די פרייד פון אַ קיל ווינטל, די וואַרעמקייט פון דער ליבער זון, אָדער דעם קילן שפּיזל פון אַ פּאָר טראָפּנס רעגן, — אין יענער צייט, ווען די האָר האָט אַן איר אייגענעם ווילן זיך געלאָזט גלעטן פון יעדער האַנט, — איז דער קאָליר פון דער האָר געווען גאָלדיק־ברוין. לויטן אויסזען האָט עס דערמאָנט אין בינען־האָניק. פון יענער גאָלדענער צייט זיינען אין זכרון פון דער האָר ניט פאַרצייכנט קיין קאָנפליקטן. אָבער זינט דאַן, האָט זיך די האָר אַ סך געביטן.

ווי די האָר וואָלט געפילט, אַז זי וועט זיך מוזן שטעלן קעגן שטאַרקע כּחות, האָט עס זיך גענומען קרעפּטיקן, געוואָרן דיק, עקשנותדיק, אַ צעשויבערטער וואַלד! אונטער קאַם אָדער באַרשט האָט די האָר רעוואָלטירט, זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. איר קאָליר איז שוין ניט געווען גאָלדיק־העל. עס האָט שימערירט צווישן קאַשטאַן־ברוין־און קופּער־רויט.

ווער קען וויסן צי אַ האָר וויינט? ווער ווייסט דען צי אַ האָר קען פילן? שפּירט דען אַ האָר ווייטיק, ווי אַ מענטש? אָבער די שער האָט זיכער געוויינט, ווען זי האָט געשאָרן גאַנצע קוסטעס! זי האָט געוויינט, ווי עס וויינט אַ זעג, וואָס פאַרשניידט אַ יונגן בוים!

יאָרן זיינען אַוועק. צייטן האָבן זיך געביטן. די האָר האָט באַקומען אַ נייעם פּנים.

כאָטש עס האָט זיך געדאַכט, אַז די האָר וועט נאָכן שניידן מער ניט בלענדן מיט דער פילפאַרביקייט, ווי פריער, האָט אָבער פּאַסירט גראַד דאָס פאַרקערטע; ווי גראָז נאָכן שניידן, האָט די האָר גע־

נומען ווידער וואַקסן, און מיט נאָך מער צאַרטקייט און מער רייץ און פרייד, האָבן נייע קאָלירן געשפּילט קעגן דער זון. און אין די פּאַרנאַכטן, ווען די זון האָט זיך געזעגנט און אַ נעפּל האָט די האָר באַהויכט מיט אַ פייכטקייט, האָט זיך די ווייכע, סאַמעטענע האָר, געחנדלט מיטן פאַרבייגייענדיקן טאָג.

פּלוצלונג האָבן בייזע ווינטן פון ערגעץ פאַרטראָגן אַ מגפה אויף דער האָר. ס׳איז געווען אַן אומדערבאַרעמדיקע מגפה. זי האָט געברענט די האָר פון די קעפּ, איז אונדזער האָר געווען צווישן די קרבנות. די האָר האָט אויף אַן אמת אָנגעפירט אַ שטאַרקן קאַמף, ניט געוואָלט אונטערגיין. אַדאַנק דעם יוגענטלעכן כח איז איר ענדלעך געלונגען אָפּצוראַטעווען דעם שטאַם, פון דער רייצנדיק־שיינער האָר איז פאַרבליבן אַ קליין טונקל פינטעלע, וואָס האָט זיך געדאַרפט צעוואַקסן פון דאָס ניי.

צי דאָס איז געווען ווייל דער קאָפּ, וועלכן די האָר האָט באַשיינט, איז שוין געווען עלטער, אָדער צוליב אַן אַנדער זאַך — נאָר די האָר איז ווידער געקומען אויף דער ליכטיקער וועלט אין אַן אַנדער פיזאָנאָמיע, סיי אין קאָליר, סיי אין כאַראַקטער. אַ נייע האָר, ווי עס וואָלט זיך מיט יענער, דער אַמאָליקער גאָלדיק־ברוינער, גאָרניט אָנגעקערט.

שטיל, ווי פאַרשעמט, אָן קאַפּריזן, האָט די האָר פון אַ טונקעלן, כמעט שוואַרצן קאָליר, פאַרנומען אַ פּלאַץ. עס איז ווידער געוואָרן די קרוין פון קאָפּ, — אַ קרוין אָן פּרעטענזיעס.

ס׳זיינען אָנגעקומען און אָוועק ווינטערס און זומערס, פרעסטלעך האָבן זיך געשטעלט, און די האָר האָט ס׳פרעסטל ניט אויסגעמיטן. ווי אַ גראָ פּאַסיקל האָט זיך דאָס פרעסטל אַריינגעגנבעט אין דער האָר. ביים ערשטן אָנבליק האָט די האָר געמיינט: אַ פאַרבלאָדזשע־טער גאַסט. אַזעלכעס פּאַסירט אפילו ביי גאַנץ יונגע האָר. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז עס איז ניט סתם אַ פאַרבלאָנדזשעטער גאַסט, נאָר אַזאַ, וואָס איז געקומען אויף צו פאַרבלייבן, אויף תמיד. די גרויקייט האָט זיך געצויגן פּאַמעלעך, אָבער מיט זיכערקייט, העכער און העכער, ביז די האָר האָט זיך אַליין ניט דערקאָנט.

שטיל, באַשיידן, מיט לאַנגזאַמע טריט האָט זיך די גרויקייט געשפּרייט. די האָר האָט זיך געשפּיגלט אין געמיש פון גרוי און

שוואַרץ. עס האָט זיך פאַרגליכן צו קילע, מילדע פאַרנאַכטן, וואָס זאָגן אָן די רו פון אָנקומענדיקער נאַכט.

אָבער גלייכצייטיק האָט זיך די האָר דערפילט שוואַכער, באַדנ־לאָזער, און כאָטש קיינער האָט דער האָר גאָרניט געלערנט, האָט עס געגומען זוכן עפּעס, אין וואָס אָנצוכאַפּן זיך. פון אָנהויב איז דער עפּעס געווען אַ שוואַרצער מאַנטל.

... אין אַ האַלב־טונקעלן וואַגאָן, ביי אַ דאַמע אויפן אָרבל פון מאַנטל האָט זיך די האָר צוגעטוליעט און זיך געוואַרעמט, געחלומט פון רו. די דאַמע האָט אָבער באַמערקט אויף זיך די לאַנגע זילבערנע האָר, מיט אומצופרידנקייט פאַרביסן די ליפּן און אַרונטערציענדיק שנעל די הענטשקע האָט זי אויך אַרונטער־געצויגן די האָר. זי האָט זיך ארומגעקוקט צי מען זעט ניט און עס שנעל אַראָפּגעטרייסלט פון זיך.

אַ יונג בחורל, אַ יאָר אַכצן, בלוט און מילך, מיט פולע, רויטע ליפּן און אַ לענגלעך נעזל, איז געזעסן און געלייענט אַ צייטונג. דאָס בחורל האָט אויסגעזען פאַרשלאָפן. ער האָט אַלע ווײַלע פאַרמאַכט די אויגן און זיי צוריק געעפנט מיט אַ טרייסל פון קאָפּ, ווי ער וואָלט אָפּטרייבן אַ פליג. ער האָט דערזען ביי זיך אויף די קני די לאַנגע העלע האָר, און האָט זיך קינדיש צעשמייכלט. מיט צוויי פינגער האָט ער די האָר פאַרזיכטיק אויפגעהויבן, זי צוגעטראָגן צו די אויגן און באַטראַכט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען: פון וואַנען און פון וועמען? דאָס ייִנגל האָט זיך ווייניק אויסגעקוקט אויף די קאָלירן פון האָר. אים איז געפעלן דער קאָליר בלאָנד. ער האָט געוואָלט האָבן האָר פון אַ בלאָנדער. ער האָט געהאַלטן אין איין איבערלייגן די האָר פון איין האַנט אין דער צווייטער, ווי ער וואָלט עס געמאָסטן. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דער האָר. ער האָט עפּעס געגומען זוכן אין וועסטל־קעשענע, נאָר דאָ איז די האָר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. דער קאָנדוקטאָר האָט פּלוצלינג אויסגערופן אַ סטאַנציע. דאָס ייִנגל האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג, און די האָר איז פאַרבליבן אַליין אויף דער האַלב־ליידיקער באַנק.

באַשערט געווען דער האָר נאָך איין ביסעלע האָפנונג, האָט עס נאָך איינמאָל געפּרוואווט דעם מזל.

אַן עלטערער מאַן מיט אַ הוילן קאָפּ האָט זיך געזעצט אויף דער

באַנק, און די האָר, ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָט זיך פאַר־קליבן צום אַלטן אויפן לאַץ.

דער אַלטער איז ברייטלעך געזעסן, אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אויף אַ דיקן שטעקן. ער האָט איינגעדרעמלט. ווען די באַן האָט זיך אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן, האָט ער געעפנט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען, וואו ער געפינט זיך. ער האָט דערזען ביי זיך אויף דער לאַץ די האָר, און זיך ברייט צעשמייכלט. ער האָט די האָר באַלד ניט אַרונטערגענומען, נאָר זיך געשאָקלט מיט פריידיקער איבערראַשונג. אויף זיין פּנים אַזאַ אויסדרוק, וואָס האָט געזאָגט: ביסט גאָר דאָ, האַ?

אָפּגעשמייכלט, אָפּגעשאָקלט, האָט ער מיט צוויי דיקע פינגער אַנגענומען די האָר, און מיט אַ פּנים, וואָס האָט זיך געביטן, אַ ווײַלע געקוקט און פלוצלונג אַן אומצופרידענער, גענומען טרייסלען די פינגער. זיינע ליפּן האָבן געציטערט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער גרייט זיך אויסשרייען: „דו, אַזאַ און אַזאַ! גיי זיך דיר!"

ער האָט די האָר אָפּגעטרייסלט פון די פינגער און עס צעטראָטן מיט די פיס.

עס לאָזט זיך גלויבן, אַז אויף קיין ווייטערע נסיעות האָט זיך שוין די האָר ניט פאַרנומען!

איז דאָס דער סוף? דער אָנהויב? — ווער ווייסט.

קליק-קליק

די ברייטע, רעשיקע עוועניו האָט געיובלט, זיך געגרייט צו דער פייערונג פון אַ נאַציאָנאַלן יום טוב. עס איז געווען אַ שבתדיקער שפּעטער נאָכמיטאָג. דער טאָג איז געווען אַ הייסער. שפּעטער האָט די היץ נאָכגעלאָזט. עס האָט געבלאָזן אַ קיל ווינטל, און דער אויס־געפּוצטער עולם אין העלע קליידער האָט געמאַכט די ברייטע טראָטואַרן זאָלן אויסזען ווי אַ קאַרניוואַל. די פרויען אין די פיל־פאַרביקע קליידער האָבן זיך געצויגן צו די געשעפטן, וואָס האָבן צוליבן יום טוב אויסגעפּוצט זייערע וויטרינעס. די מאַנעקענען אין די שוי־פענצטער האָבן אויסגעקוקט אין זייערע קאָסטיומען ווי מיטשפּאַצירנדיקע צווישן עולם.

די מענטשן זעען אויס ווי אָפּגעפרישטע, באַגייטע און באַפרייטע פון דער היץ. פון אַלעמענס פּנימער איז, דאַכט זיך, פאַר־שוואונדן די זאָרגלאָזיקייט. טייל האָבן זיך גטאיילט און טייל — זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם, ווי זיי וואָלטן געוואָלט דעמאָנסטרירן זייער יום־טובדיקייט.

קליק־קליק! — מען קוקט זיך אום — שווער צו זען פון דער וייטן פון וואַנען דער מאָדנער, ניט־הויכער קלונג קומט. קיינער ווייסט ניט, צי האָט זיך דער קליק־קליק דאָ, אינעם טומל, נאָר־וואָס געלאָזן הערן, אָדער האָט זיך שוין פון לאַנג דאָ געהערט און מען האָט אים ביז איצט ניט אויפגעכאַפּט.

קליק־קליק... קליק־קליק!

די גאַס יובלט. די גאַס קאָכט. דאָס לעבן שרייט אַרויס פון יעדן טראָט. אָט מאַרשירט אַ פּאָרל, יונגעטלעכע. זי — אַ יאָר זיבעצן. אַ צעפּעסטעט, געצערטלט קינד מיט אַ שיין, ליכטיק פּנים. זי טראָגט אַ העל־געל קליידל און זעט אויס ווי אַ געל בלימל. ער, — אַביסל עלטער, אַ טונקעלער, מיט עטלעכע שפּראָצן אויף דער אויבערשטער ליפּ.

זיי האַלטן זיך ביי די הענט. דאָס בלימל־קליידל בלאָזט זיך פונעם לייכטן ווינט און דעם ריטם פון איר גאַנג. נאָר פּלוצלונג: קליק־קליק! דאָס מיידל גיט זיך אַ שטאַרקן צאַפּל, זי שטעלט זיך

אָפּ, רייסט זיך אַוועק פון דעם יינגל און רופט אויס: „אָ גאָד! גאָד!״ זי פאַרדעקט די אויגן מיט אירע קינדערשע הענטלעך און טרייסלט זיך אָפּ פון שרעק.

דאָס יינגל בלייבט שטיין, קוקט זיך אַרום: קליק־קליק! זיינע אויגן האָבן דערזען אַ הענג־טישל. אויפן טישל — שלייפלעך פון רויט, ווייס און בלוי. ער האָט דערזען, אַז עס הויבט זיך צו אים אַ שלייפל, אָבער זיך פאַראַנדערקלייבן ווי אַזוי דאָס שלייפל האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער ניט געקענט. ער האָט געמוזט לויפן צו זיין מיידל. ער איז דאָך איר באַשיצער.

„ביסט גאָר ווי אַ קינד! וואָס האָסטו זיך דערשראָקן?״ — ער האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט, זיך באַמיט צו שמייכלען, כאָטש זיינע ווייכע ליפּן האָבן אַביסל געציטערט. זי האָט זיך צוגעט־טוליעט נאָענט צו אים און געזאָגט: „איך וויל אהיימגיין! איך וויל ניט גיין אין די מאָוויס!״ — „זיי ניט קיין קינד,—האָט ער איר אַריינגעקוקט אין פּנים. זיי זיינען געגאַנגען גיך, און ווען זיי האָבן דערגרייכט דעם ראָג גאַס האָבן זיך ביידע אָפּעשטעלט ווי די פיס וואָלטן זיך צעגויפגערעדט, זיך אומגעדרייט און ווידער דערהערט דאָס שאַרפע, מאַנאָטאָנע: קליק־קליק! קליק־קליק!

די גאַס איז שוין געווען ביינאַכטיק, באַגאָסן מיט ליכט פון די פייער־שילדן, טאַנצנדיקע ליכט־פּאַסן און ברענענדיקע רעקלאַמעס פון די טעאַטער. און מענטשן, מענטשן, אַזויפיל מענטשן זיינען דאָ אויף דער וועלט! אָבער דער „קליק־קליק״, אַביסל צעצויגן, ווי פאַרמאַטערט, איז נאָכגעגאַנגען די מענטשן־כוואַליעס, די ליכט־כוואַליעס. די מענטשן האָבן גאָר ניט געזען ווער עס איז געשטאַנען אין שאָטן ביי אַ קאַרג־באַלויכטן פענצטער. נאָר אַ טישל איז געווען באַלויכטן און אין דער האַלב־טונקלקייט האָבן שי־מערירט איבערן טישל צוויי מעטאַלענע זאַכן, וואָס האָבן ניט גערעדט, נאָר אויסגעשריגן דעם משונהדיקן קלאַנג: קליק־קליק!

עס זיינען פאַרבייגעגאַנגען צוויי יינגלעך. איינער אַ יאָר צען, דער צווייטער נאָך גאָר אַ קינד. זיי האָבן דערזען און דערהערט דאָס גרויסע וואונדער און זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט: „אָ דזשי!״— איז דער יינגערער געשפּרונגען צום מענטשן מיט די מאָדנע מאַשינקעס. „אָ, דזשי!״ — האָט אים דער קליינער באַטראַכט פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף. ער האָט געזען אַז דאָס מענטשל

רירט זיך ניט, האָט ער גערופן צום גרעסערן ייִנגל, וואָס האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, און געקוקט מיט גרויסע, דערשראָקענע אויגן: „איז דהיס עי ריעל מען?״ דער גרעסערער שלעפּט דאָס קינד און לויפט אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס, כדי פון דאָרטן קענען בעסער באַטראַכטן די דאָזיקע אויסטערלישע זאַך. „קליק־קליק! קליק־קליק!״ — מאַכט דער קלייִנער נאָך און לאַכט אויפן קול...

די גאַס זינגט! די גאַס שפּילט! פון די געשעפטן ליאַרעמען די גראַמאַפאָנען. אַ קאָנצערט אויף אַ הויכן שטאָק, ראַדיאָס אין די אַוטאָמאָבילן — אַלץ זינגט, אַלץ שפּילט, טומלט וועגן עפּעס: קליק־קליק, קליק־קליק!

עס גייט פאַרביי אַ מיטליאָריקע פרוי. זי גייט פאַרטראַכט אָבער דער קליק־קליק האָט זי אויפגעוועקט. זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. דער קלאַנג איז געווען נאָענט, אָבער די זאַך האָט זי ניט געקענט דערזען. אַ רגע איז זי שטיין געבליבן. זי האָט געזען ווי מענטשן לייגן אַריין די הענט אין די קעשענעס, נעמען אַרויס מטבעות, לייגן עס אַוועק אויפן אַ טישל און לויפן שנעל אַוועק. זייער וויניק מענטשן האָבן אויסגעצויגן אַ האַנט צו נעמען דאָס שלייפל, וועלכן די „קליקער״ האָבן פאַר זיי געהאַלטן גרייט.

די פרוי, אַ פּשוטע ייִדישע מאַמע, איז געבליבן שטיין מיט ברייט צעעפנטע אויגן, געקוקט אויף דעם מענטשל און געזאָגט אין זיך: „ווי איז מיר! מיין גאָטעניו!״ אָבער אַוועקגיין האָט זי ניט געקאָנט. אירע פיס האָבן זיך ניט גערירט. אויב זי זאָל בלייבן שטיין, האָט זי געטראַכט, קאָן זי ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די מענטשן. האָט זי זיך מיט שווערע פיס דערשלעפּט צום אַריינגאַנג פון אַפּטייק, ביי וועלכן דאָס מענטשל איז געשטאַנען. דאָס גרויסע פענצטער פון דריי זייטן, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין דער עוועניו און אויף דער זייטיקער גאַס, האָט דער פרוי געהאָלפן זיך גוט איינקוקן און באַטראַכטן. אירע אויגן, דורכגענומען מיט צער, האָבן זיך איינגעגעסן אין דעם מענטשל׳ס קינסטלעכע הענט, וואָס האָבן געקלאַפּט מיט דער פינקטלעכקייט פון אַ זייגער.

אַ הייב, אַ קליק, אַ לאָז אַרונטער, און — קליק. דאָס טישל, וואָס איז געהאָנגען ביים מענטשל אויפן האַלדז, איז ניט געווען גרעסער ווי צוויי פוס. עס איז געווען פירעקעדיק. זיינע עלנבויגנס האָבן גערוט אויפן טישל פון די עלנבויגנס אַרונטערבלישטשנדיקע

אַלומיניום־טרייבלעך, ווי טרומייטערס, אויבן ברייטער און ביים סוף — שמעלער, האָבן זיי זיך פּאַרענדיקט שמאָל. אין אַ קעסטעלע צווישן די טרייבלעך — שליפלעך, רויט, ווייס און בלוי, און ווען דאָס טרייבל לאָזט זיך אַרונטער, עפנט זיך אין שפּיץ אַ פּיסקל, דאָס פּיסקל שטעקט אַרויס אַ צינגל, און דאָס צינגל הייבט זיך אויף פון שלייפל און דערלאַנגט עס צום פאַרבייגייער...

...דאַכט זיך אַ גאַנץ־לאַנגע פּראָצעדור, אָבער לעבן זאָל די ציוויליזאַציע! עס גייט זייער שנעל. קליק אַרויף, קליק — אַרונטער, און דאָס קעסטעלע מיט די שלייפלעך ווערט ליידיקער, דאָס בערגל מטבעות — העכער. ווייניק פאַרבייגייער נעמען זיך צייט צו באַטראַכטן דעם מענטשן הינטער די טרייבלעך: קליק־קליק. מען קוקט זיך אום, מען וואַרפט אַריין אַ צען־סענט שטיק. טייל שטעלן זיך אפילו ניט אָפּ צו נעמען דאָס שלייפל. מען באַפרייט דאָס אייגענע געוויסן מיט דער מטבע. וואָס העלפט דען דאָס קוקן?

די יידישע מאַמע שטייט אָפּ ביים פענצטער אַ שעה, אָדער נאָך מער. די פריערדיקע שבתדיקייט און געמיטלעכקייט איז שוין פאַר שוואונדן. זי שטייט דאָ און ווערט ארומגענומען פון אַ מין זעלבסט־פייניקונג. זי וויל אָנקוקן דאָס פּנים פונעם מענטשל. אָבער זיין פּנים איז ווי אַ שאָטן, און אפילו דער שאָטן איז אַ געמאַכטער, אַ קינסטלע־כער. זי זעט, אַז ער איז זייער יונג. זיין פּלייצע, אַ שמאָלע, ס'קעפּל — קליין, און דאָס זעלנערישע היטעלע פון אַ געוועזענעם סאָלדאַטל איז אַראָפּגערוקט אַזוי נידעריק, אַז עס זעט זיך ניט אַרויס דער שטערן.

זי באַמערקט, אַז די באַקן זיינען ביי אים זייער טונקל און איינ־געצויגן, ווי ער וואָלט קיין איין צאָן אין מויל ניט געהאַט. די ליפּן, — מען זעט זיי כמעט ניט אָן — זיי זיינען אָדער איינגעצויגן, אָדער פאַרביסן. זי קוקט און איר האַרץ רייסט זיך צו אים. זי וואָלט אים כאַטש וועלן אַ גלעט טאָן, ווייזן, אַז עס טוט איר זייער, זייער ווי פאַר אים, אָבער זי האָט ניט קיין מוט צוגיין צו אים.

עס איז געוואָרן טונקעלער. אויף דער גאַס איז געוואָרן מער רעשיק. יונגוואַרג איז פאַרבייגעגאַנגען מיט געזאַנג, מיט געלעכטער. די פרוי האָט דערפילט, אַז דאָס לעבן וואָס איז פאַרבליבן, וואָלט שטייענדיק, מיטן הענג־טישל אויפן האַלדז, געדאַרפט שרייען, וויינען... וואָלט געדאַרפט שילטן! וואָלט געדאַרפט, געדאַרפט!

אבער — זי האָט צום ערשטן מאָל געכאַפּט אַ בליק פון דעם מענטשנס אייגעלעך און זיי, די אויגן, זאָגן גאָרניט... מיין גאָט! די אויגן זעען אויס ווי די גלאַנציקע אייגעלעך פון אַ געמאַכטן בערעלע, אַ „טעדי בער".

זי האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו דער וויטרינע און ניט גע־געגלויבט די אויגן. זי האָט שוין געזען אַ סך פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, וואָס זיינען צוריקגעקומען פוןביידע וועלט־מלחמות, געזען מענטשן אָן פיס, מענטשן מיט ליידיקע אַרבל. דאָס אויג, דאָס הארץ פאַר־פאַנצערט זיך, ווערט פאַרהאַרטעוועט אַנטקעגן אַלע שוידערס, אָבער פאַרוואָס דאָס מענטשל, אָט־דער קליק־קליק, האָט זי אַרומגענומען מיט אַזאַ גרויל, ווייסט זי אַליין ניט.

די פרוי איז געשטאַנען און געקוקט אויף דער לעפּישער אומ־באַהאָלפנקייט. זי קוקט און עס דאַכט זיך איר, אַז זי האָט יאָ געפונען אָן ענטפער אויף דער גרויסער דערשיטערונג אירער; יאָ דער מענטש האָט זיך געביטן. ער האָט זיין נשמה אָפּגעגעבן די מע־טאַלענע הענט און איז אַליין געוואָרן אַ שטיק מעטאַל.

זי האָט געטראַכט, אַז אפשר האָט זיך איר בלויז געדאַכט, אַז די אויגן פון דעם קריגס־אינוואַליד זיינען אויסדרוקסלאָז; מעגלעך אַז עס איז איר אייגענע פאַנטאַזיע — קליק־קליק! אָבער ניין! זי האָט אין די דאָזיקע אויגן ניט געזען קיין נשמה. די מעטאַלענע רערן האָבן פאַרביטן אַלע חושים.

קליק־קליק... קליק־קליק! דאָס קעסטעלע האָט זיך אויס־געליידיקט. דאָס מענטשעלע האָט זיך געשאַרט אַהיים. די פרוי, די מאַמע, איז אים נאָכגעגאַנגען אַ שטיק וועג, געוואָלט מאַכן זיכער, אַז ער ווייסט דעם וועג. ער האָט זיך פאַרקערעוועט אין אַ זייטיק, טונקל געסל.

מיט אַן אַנדער וועג

מאַרק האָט פּאַר קיינעם ניט דערציילט אַז ער האָט אין אַ קורצער צייט, אין אַ צוויי־דריי חדשים, דורכגעמאַכט אַזוינס, וואָס האָט אין אים עפּעס אָנגעצונדן, און אויך עפּעס אויסגעלאָשן. כאָטש דאָס איבערגעלעבטע האָט פאַרקריצט אַ וואונדיק אָרט אין זיין יינגלשן זכרון, פאַרדריסט אים פונדעסטוועגן ניט דאָס, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. איצט פילט ער זיך ווי אַ מענטש מיט דערפאַרונג. ער האָט טאַקע באַצאָלט פאַר דער דאָזיקער דערפאַרונג, אָבער ס'איז ווערט געווען. ער ווייסט איצט זיין פּלאַץ און וועט זיך ניט רוקן צו די וואָס גייען ניט אויף זיין וועג. ער גייט אויפן וועג פון זיין טאַטן.

מאַרק האָט זיך איצט דערפילט רייפער, דערוואַקסענער און עלטער ווי מיט דריי חדשים צוריק.

אָגעהויבן האָט זיך עס אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען מאַרק איז אַ צוגויפגעדריקטער געשטאַנען אין אַ געפּאַקטן אויטאָבוס. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף צוויי שיינע מיידלעך. אַזעלכע שיינהייטן האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען! ניט סתם שיינע, אַ ליכטיקייט האָט פון זיי געפלייצט. ווען די ענגשאַפט אין „באָס" איז געוואָרן קלענער, אַ סך מענטשן זיינען אַרונטערגעשטיגן ביי דער סאָבוועי, האָט זיך מאַרק אָוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזיציע, ער זאָל בעסער קאָנען קוקן אויף די מיידלעך. ס'איז אים געווען אַזוי גוט צו קוקן אויף זיי, ווי ער וואָלט זיך איינגעקוקט אין אַ גאָרטן מיט שיינע בלומען. זייערע ליכטיקע קליידער, זייערע ווייסע און ריינע הענטלעך מיט די פאַרשפּיצטע, רויטע נעגל, די זייגערלעך אויף זייערע הענט, אַפילו די ביכער, וואָס זיי האָבן געטראָגן, — אַלץ איז פאַר אים געווען אַ חידוש. מיט אַ דורשט האָט ער נאָכגעקוקט די מיידלעך ביז ער האָט געדאַרפט אַרונטערגיין אין דער סאָבוועי און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז זיך נאָכאַמאָל טרעפן מיט זיי. דאָס וועט אים ניט אָנקומען גרינג, אָבער מען דאַרף פּרוּוון ס'מזל.

מאַרק האָט ניט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ כשוף די מיידלעך האָבן אים פאַרמאַניעט, און די מיידלעך האָבן אַפילו ניט געאַנט, אַז ניט ווייט פון זיי איז געשטאַנען אַ בחור'ל און האָט זיך געוואָרעמט

אין דער זוניקייט, וואָס זיי האָבן אַרום זיך געשפּרייט... די מיידלעך האָבן גערעדט, געלאַכט, איינער דער צווייטער דערציילט ווי זיי האָבן נעכטן אָוונט פאַרבראַכט און וואָס זיי וועלן טאָן היינט אויף דער נאַכט. זייערע פּיסקלעך האָבן ניט אויפגעהערט צו מאָלן און דאָס מאָלן האָט אין זיך געהאַט חן, אַז אַ זיסקייט האָט געטריפט פון זייערע מיילער. אַ פרישקייט האָט געפלייצט פון די מיידלעך, ריחות פון אַ פרישן פרימאָרגן און מאַרק איז אין דעם פרימאָרגן אַריינגעצויגן געוואָרן און האָט פאַרגעסן אָן זיך.

מאַרק האָט געזען, אַז די מיידלעך זיינען יינגער פון אים. דאָס זיינען שילערינס, סטודענטקעס, וואָס גייען נאָך אין סקול. ווען ער וואָלט געהאַט אַ מעגלעכקייט, וואָלט ער נאָך אַליין געגאַנגען אין סקול. ער האָט בלויז פאַרענדיקט די עלעמענטאַר־שול און זיין מאַמע האָט געהאָפט, אַז ער, איר עלטסטער זון, וועט ווערן אַן אַדוואָ־קאַט, אָדער אַן אינזשינער. האָט אָבער מיטן טאַטן געטראָפן אַן אומגליק. ער האָט זיך אָפּגעהאַקט צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט, און די דאָקטוירים האָבן קוים אָפּגעראַטעוועט די איבער־געבליבענע דריי פינגער. די משפחה האָט געדאַרפט לעבן אויף אַ קליינער פּענסיע און מאַרק האָט זיך געמוזט לערנען אַ פאַך. ער האָט אויפגענומען אַ קורס אין אַן אינדוסטריעלער שול, פאַרענדיקט שנעל און זיך אָנגעדונגען ווי אַן אַרויסהעלפער אין אַ פאַבריק וואו מען פאַרריכט מאַשינעס.

כאָטש ער איז נאָך ניט קיין מעכאַניקער זיינען שוין ביי אים די הענט שוואַרץ און די נעגעל אָנגעשטאָפּט מיט בלאָטע. ער פאָרט צו דער אַרבעט אין אַ טונקל העמדל און אין שווערע, לייוונטענע הויזן. זיין גאַנג איז פון איינעם, וואָס פאַרדינט זיין חיונה. ער מאַכט גרויסע שפּרייזן און האַלט דאָס פּעקל עסן אונטערן אָרים און די הענט אין די קעשענעס. כאָטש זיין פּנים זעט אויס קינדעריש, איז שוין קאָנטיק אַ מידקייט אונטער די אויגן. צו פרי איז ער געוואָרן אַ דערוואָקסענער מענטש. אין זיינע ביינער ליגט נאָך דאָס יינגל און וויל אָפּט ניט נאָכגעבן דעם דערוואָקסענעם. מאַרק איז דערפאַר עפּעס ניט־אַהין, ניט־אַהער. ער וויל אַרבעטן. עס אַרט אים ניט וואָס ער איז געוואָרן אַ פאַרדינער, פאַרקערט, זינט ער בייט אויס זיין אייגן־פאַרדינטן דאָלאַר קוקט ער אויף זיך מיט מער דרך ארץ. יעדער מאָנטיק גיט ער דער מאַמען

זיין קאַנווערטל און מאַכט דערביי אַ זשעסט ווי זיין טאַטע. ער קוקט אויף דער מאַמעס פּנים, שלינגט איר געטרייען בליק און גיט איר אַ פּאָר טרייסט־ווערטער, ווי אַ מין צולייג צום קאַנווערטל: „זאָרג זיך ניט, מאַם, איך וועל נאָך לערנען, בין נאָך יונג. איך קאָן אַ סך, וואָס האָבן געלערנט ביי דער נאַכט, און זיינען געוואָרן גרויסע מענטשן״. פונדעסטוועגן האָט דאָס יינגל, וואָס אין אים, עפּעס געמאַנט. ער האָט געפילט ווי מען וואָלט אים אַרויסגעריסן פון אַ וואַרעם בעט אין מיטן אַ זיסן און רואיקן שלאָף. צו האַסטיק איז געווען דער איבערבייט. מאַרק האָט ניט נאָר אויסגעביטן דעם קלאַס־צימער אויף דער פאַבריק, ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיינע זעכצן יאָר און האָט געמוזט אַריבערשפּרינגען אַ בערגל, וואָס מען דאַרף געוויינלעך שטייגן מיט לאַנגזאַמע טריט.

ווען ער איז געוואָרן אַן אַרבעטער האָט מאַרק געביטן זיין אַרטריידן און טראַכטן. ער האָט זיך אויך דערווייטערט פון זיינע ביז איצטיקע חברים. די יינגלעך האָבן אָנגעהויבן רעדן צו אים ווי צו אַ פרעמדן, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל געוואָרן אַן אַנדערער, ווי ער וואָלט געווען עלטער פון זיי מיט צען יאָר. דאָס יינגל אין מאַרקן האָט נאָך געבענקט נאָך די חברים אָבער ער אַליין האָט זיך געפילט פרעמדלעך צו זיי.

אויך צווישן די אַרבעטער האָט זיך מאַרק געפילט ניט גאָר היימיש, כאָטש זיי האָבן זיך באַצויגן צו אים ווי צו אַן אייגענעם מענטשן. די אַרבעטער האָבן געקענט זיין טאַטן און זיי האָבן געזען אינעם יינגל אַ טאַטנס אַ קינד. אָבער מאַרקן האָט זיך געדאַכט, אַז די אַרבעטער זיינען צו ווייך צו אים, אַז מען גיט אים עפּעס, וואָס ער האָט ניט די ווערט. ס׳איז אים געווען אַביסל שווער צו פאַר־דייען די גוטסקייט, עפּעס ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ צו־ווייכע זאַך.

אין שטוב איז מאַרק געווען דער גרויסער ברודער. די דריי יינגערע ברידער האָבן אים געהאַלטן פאַרן אַלץ־ווייסער. זי האָבן אַלץ ביי אים געפרעגט, און דעריבער האָט ער, דער אַלץ־ווייסער, זיך געמוזט פירן ווי אַ דערוואַקסענער מענטש. פאַר זיין טאַטן האָט ער געמוזט ווייזן אַ פריילעך פּנים. ער האָט ניט געוואָלט דער טאַטע זאָל טראַכטן, אַז ער האָט אים, מאַרקן, אָפּגעריסן פון זיין קינדהייט.

אָבער ניט גוט האָט ער זיך געפילט מיט דער מאַמען, דווקא ווייל זי איז אים געווען אַמנאַענטסטן. די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף אים, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי זיפּט דורך יעדעס וואָרט וואָס ער זאָגט צו איר.

מאַרק איז אָבער געווען זייער יונג, און דאָס זעכצן־יאָריקע בהורל מיט זיינע גלוסטעניש צו קלעטערן אַרויף האָט דורכגעריסן די מניעות און אַראָפּגעשליידערט די באַשווערונג.

אינדערפרי גייט מאַרק אַרויס פון שטוב מיט אַ גרויסן שפּרייז. מיט אַ שטיקל באַס, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין זיין יונגער שטים, שרייט ער אויס „גוד־באַי", און ווי ער פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, הייבט ער אָן אויסזינגען אַ לידל און לויפט אַרונטער די טרעפּ. ווען ער דערגרייכט די גאַס, זוכן זיינע אויגן עפּעס אינעם פרימאָרגן. זיין האַרץ דערפילט, אַז ער גייט אַריין אין אַ טאָג, וואָס איז ניט זיינער, און ער בענקט נאָכן נעכטן, וואָס איז שנעל אַוועק.

אין „באָס" איז מאַרק ניט קיין נייער פּאַסאַזשיר. ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין גאַס און קאָן גוט דאָס יונגוואַרג, אָבער דערפאַר וואָס ער פאָרט אַזוי פרי, איז אים דער עולם פרעמד. ווען ער איז פריער געפאָרן אין סקול האָט ער געהאַט ארום זיך זיינע שול־חברים. איצט האָט ער דאָ, ארום זיך, עלטערע מענטשן, וואָס וואַרפן אויף אים אָן אַ מין שווערקייט. אָבער זינט ער האָט דערזען די צוויי מיידלעך אין ווינקל, האָט זיך אַלץ געביטן. צוליב די דאָזיקע מיידלעך אין ווינקל פון „באָס" איז אים די רייזע אין באָס גאָר אָנגענעם. ווען אין „באָס" איז ענג, איז ער ניט אָנגעכמורעט, ווען ס'איז ענג איז נאָך בעסער. פון צווישן געפּאַקטן עולם קאָן ער בעסער קוקן אויף די מיידלעך און זיי זאָלן אים ניט באַמערקן. קוקט ער וויפיל זיין האַרץ גלוסט.

די באַגעגעניש מיט די מיידלעך האָט פאַר מאַרקן געשאַפן אַן אָנהאַנג, וואָס האָט פאַרנומען די ניט־קלאָרע בענקשאַפט נאָך די נעכטנס. עס איז געווען א ציטעריקער, דינער אָנהאַנג. מאַרק האָט געוואוסט, אַז היינט־מאָרגן קען ער זיי פאַרלירן. עס האָט זיך אָבער ביים זעכצן־יאָריקן אָנגעהויבן שפּינען אַ געוואַגטער, שרעקעדיקער און אין דער זעלבער צייט עקשנותדיקער געדאַנק: ער וועט זיך

פּרואוון באַקאַנען מיט די מיידלעך. ווי אַזוי ער וועט עס טאָן האָט ער אַליין ניט געוואוסט. ער אין זיינע אַרבעטער־קליידער און זיי — אַזעלכע שיינענדיקע! אָבער דעם „ווי אַזוי", האָט מאַרק אָפּגעלייגט אויף שפּעטער.

דערווייל זיינען אַוועק גוטע טעג פאַר מאַרקן. אין די טעג, וואָס ער האָט געזען די מיידלעך איז ער געווען אין אַ גוטער שטימונג, אָבער ווען ער האָט זיי ניט געזען, איז אַלץ געווען קאַפּויער, אַלץ איז אים געפאַלן פון די הענט. ער האָט זיך קוים דערוואַרט, ער זאָל שוין קאָנען אַהיימגיין און זיך דערוואַרטן אויפן אינדערפרי...

אין איין פרימאָרגן האָט מאַרק געטראָפן לעבן די צוויי מיידלעך צוויי יינגלעך, וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין אין זעלבן עלטער. די יינגלעך האָבן אויך געהאַט ביכער. זיי זיינען געווען נעט און ריין געקליידט און האָבן זיך באַנומען מיט די מיידלעך ווי אַלט־באַקאַנטע. זיי זיינען געזעסן נאָענט מיט זיי, גערעדט שטיל. די מיידלעך האָבן, ווי אַלעמאָל, געשיינט. זיי האָבן געהאַלטן אין איין שמייכלען, אַז מאַרקן האָט זיך געדאַכט, ווי זיי רייצן זיך מיט אים. ער האָט געקוקט אויף די מיידלעך, אויף די יינגלעך, און אויף זיינע שוואַרצע הענט און מיט אַ שאַרפן ווייטיק אין דער קעל האָט ער זיך אָפּגערוקט וואָס ווייטער פון זיי. יענעם טאָג האָט ער געליטן פון אַ קאָפּ־ווייטיק. ער איז געווען אין כעס אויף זיך, געווען ברוגז, וואָס ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַ פּאָר קליידלעך, ווי ער וואָלט געווען אַ פּוסט־און־פּאַסניק; ווי ער וואָלט קיין אַנדערע דאגות ניט געהאַט! אָבער אַ האָפנונג האָט דאָך געטליעט אין האַרצן. פאַרט אַ זעכצן־יאָריקער!

עס זיינען אַוועק טעג, וואָכן. עס איז געקומען דער מיטן־ווינטער סעזאָן. די צען־טאָגיקע וואַקאַציע איז פאַר די שול־גייער אַ זאַך, וואָס ווערט אויפגענומען מיט פרייד. דעמאָלט מאַכט מען פלענער פאַר אַלערליי פאַרוויילונגען און די יוגנט לעבט אַ טאָג! פאַר מאַרקן זיינען אָבער די צען טעג אפשר געווען די סאַמע ליידיקסטע אין זיין יונג לעבן. ער איז געפאָרן צו דער אַרבעט אַ האַלב־פאַרשלאָפענער, אַן אַנגעכמורעטער. ביי דער אַרבעט האָט ער דאָס מויל ניט געעפנט. די עלטערע מענטשן האָבן געקוקט אויף אים מיט אומרואיקע אויגן. די יינגערע האָבן זיך מיט אים גערייצט,

אים פֿאַרגעוואָרפֿן, אַז ער איז ערגעץ פֿאַרקראָכן אין אַ זומפּ. אײנער האָט אים אַרײַנגערוימט אין אויער אַ סוד: „ביסט פֿאַרליבט, אַלטער בחור!" מאַרקן איז הײס געוואָרן אין פּנים און ער האָט ניט געוווּסט, ווי אַזוי מען דרײט זיך אַרויס פֿון די אויגן, וואָס קריכן אים הינטער דער הויט.

אויף מאָרגן, נאָכן נײַ יאָר, איז מאַרק אויפֿגעשטאַנען אַ פֿרישער. ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב פֿריער ווי אַלעמאָל, און איז אַוועק צום „באָס", ווי ער וואָלט געגאַנגען צו אַ באַגעגעניש מיט אויסגעבענקטע פֿרײַנט. אין זײַן בענקשאַפֿט נאָך די מײדלעך האָט מאַרק געהאַט דאָס געפֿיל, אַז די מײדלעך ווײסן פֿון דעם. ווי נאָר ער איז אַרײַנגעשטיגן אין „באָס" האָט ער זײ באַגעגנט. ער איז געווען אַזוי נאָענט לעבן זײ ווי קײנמאָל פֿריער. מאַרק האָט מער ניט געקענט אײַנהאַלטן די פֿרײד און האָט זיך צעשמײכלט. זײַנע אויגן האָבן זיך צעשפּילט. די מײדלעך, מיט די שײַנענדיקע פּנימער, האָבן זיך דורכגעקוקט, אים אָפּגעמאָסטן מיט זײערע פֿאַרוואונדערטע אויגן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, זיך אויסגעדרײט און בײדע האָבן אויסגעפּלאַצט אין אַ הילכיקן געלעכטער.

דער שמײכל, וואָס איז געבליבן הענגען בײַ מאַרקן אויפֿן פּנים, האָט זיך פֿאַרביטן אויף אַ נאַרישער גרימאַסע. זײַנע פֿיס האָבן זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן; די הענט האָבן עפּעס געזוכט אין דער קעשענע. ער איז אַ ווײַלע ניט געשטאַנען און ניט געגאַנגען, און פּלוצלונג, ווי עפּעס וואָלט אים אַ ביס געטאָן, האָט ער אויסגעדרײט זײַן קאָפּ צו די מײדלעך און דערזען אַנדערע צוויי מײדלעך, צו־געטוליעט אײנע צו דער צווײטער און אַלץ געלאַכט. דער „באָס" האָט זיך אָפּגעשטעלט. מאַרק האָט זיך אַלײן געוואונדערט, ווען ער האָט זיך דערזען שטײן אויפֿן טראָטואַר אין אַ ניט־באַקאַנטער געגנט.

פֿאַרשײדענע געפֿילן האָבן זיך געמישט בײַ אים. ער האָט זיך געזידלט פֿאַרשעמט. אַ כּעס האָט זיך געריסן פֿון זײַן פֿאַרשטיקטן האַלדז. ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס האָט באַוואויגן די מײדלעך זײ זאָלן אַזוי גראָב אָפּלאַכן פֿון אים. ער האָט איצט געהאַט אַ חשק זיך אַלײן אָפּשמײסן.

אין מיטן אָט דעם געמיש פֿון געפֿילן האָט פּאָר זײַנע אויגן

אַ בלענד געטאָן אַ גאָלדן ציילעמל. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ביי איינער פון די מיידלעך אויפן האַלדז האָט זיך אויף אַ גאָלדן קייטעלע געבאָמבלט אַ גאָלדן ציילעמל , און דאָס האָט שוין אים אַלץ קלאָר געמאַכט.

מאַרק האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן פון דער ערד אַ קליין שטיינדל, עס אַ וואָרף געטאָן אין דער ריכטונג, וואוהין דער „באָס" איז אָפּגעפאָרן, און געברומט צו זיך :

„מען וועט דאַרפן גיין מיט אַן אַנדער וועג !"

עס קייקלען זיך דריי עפל

סוזאַן איז שוין עטלעכע מאָל אַרויפגעפאָרן מיטן עלעוויטער צום זעקסטן שטאָק און געקלונגען אין דער טיר פון מאַדאַם לאַשס וואוינונג. זי האָט באַלד נאָכן ערשט קלונג געוואוסט, אַז זי וועט ניט קריגן קיין ענטפער און וועט פאַרלירן אַ האַלבן טאָג אַרבעט. זי האָט געוואוסט, אַז עס איז אומזיסט דאָס קלינגען, ווייל זי האָט פאַרשפּעטיקט אויף פופצן מינוט און די מאַדאַם לאַש האָט אויף איר ניט געוואַרט. זי איז אָבער דאָך געפאָרן מיטן עלעוויטער אַהין און צוריק. זי האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך, איז זי געבליבן שטיין ביי דער טיר און האָט געקלונגען. זי האָט גע־קלונגען מיט איין פינגער, אָבער וואָס לענגער דאָס קלינגען האָט געדויערט, אַלץ דרייסטער און שטאַרקער האָט זי געדריקט די פינגער, ביז זי האָט דערהערט הינטער דער טיר דעם ליאַרעם פונעם גלעקל. זי האָט אַוועקגענומען די פינגער און איז געבליבן שטיין אַ פאַרזאָרגטע, מיט אַ דריקעניש אין האַרצן, און געטענהט צו זיך: דו, נאַרישע, שוואַרצע! ווייסט דאָך, אַז דיין שטיין איז אומזיסט. שוין צייט זאָלסט וויסן, אַז די איידעלע דאַמע וועט צוליב דיר ניט לאָזן וואַרטן איר „פּיט׳ן" — דעם הונט — אפילו ניט פאַר אַזעלכע צען ווי דו!

ווען סוזאַן איז אַרונטער איז זי געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג; ס׳האָט נאָך אין איר געטליעט אַ פונק פון האָפנונג, אַז די מאַדאַם וועט צוריקקומען. זי האָט אויסגעקליבן אַ טונקעלן ווינקל לעבן דער טיר, געוואָלט אויסמיידן דעם בליק פון דעם אַנגעקראָכמאַליעטן טיר־וועכטער.

סוזאַן איז געשטאַנען און זיך געוואונדערט, וואָס זי האָט ביז אַצינד ניט באַמערקט ווי שיין די לאָבי איז. סאַראַ גראַמקייט... ס״האָבן דאָ געקענט וואוינען עטלעכע פאַמיליעס. אַ גרויסער, גע־ראַמער, פירעקעכדיקער צימער, פלושענע בענק ביי די ווענט, מאַרמאָרנע טישן מיט כינעזישע לאָמפּן אין די ווינקלען. די שטילקייט איז דאָ טונקל־וואַרעם, מענטשן גייען אַריין און אַרויס, די טיר עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך; אַלץ גייט דאָ אָן שטיל, אָן שום רעש.

די אויסגעפּוצטע לאָבי רופט אַרויס ביי די אַריינקומער דרך־ארץ. אויף סוזאַנען וואַרפט די שטילע וואַרעמקייט אַן אַ דרימל. זי האָט ליב די דרעמלענדיקע שטילקייט און פאַרלירט דעם חשק אַרויס־צוגיין אויף דער ליכטיקער, קאַלטער גאַס.

סוזאַן איז אַ יאָר פינף־און דרייסיק. זי איז גרויס און שווער. אירע פּלייצעס און היפּטן זיינען ריזיק, אָבער דער טראַט איז אַ גרינגער. זי טראָגט איר שווערן קערפּער לייכט און שפּילעוודיק. כאָטש סוזאַן איז אַ גוטע אַרבעטאָרין, האָט קינדערשע רואיקע אויגן און אַ ווייבלעך־אומבאַהאָלפן פּנים, איז אָבער פאַר איר, צוליבן מאַסיוון קערפּער, שווער צו קריגן אַרבעט. זי טאָר דעריבער ניט זיין איבערקלייבעריש און נעמען וואָס עס מאַכט זיך.

פאַר דער מאַדאַם לאַש אַרבעט זי שוין אַ לענגערע צייט. זי אַרבעט דריי מאָל אַ וואָך, צו האַלבע טעג. די מאַדאַם איז אַ רייכע, צעדרייטע און קאַפּריזנע פרוי. סוזאַן האָט אַ סך געדולד מיט איר. די מאַדאַם לאַש האָט אַ קאַפּריז: סוזאַן מוז זיין אין איר דירה אַכט אַזייגער צו דער סעקונדע. אויב זי קומט פריער — עפנט זי ניט די טיר פאַר איר; אויב זי קומט אַ פּאָר מינוט שפּעטער — שליסט זי צו די טיר און לאָזט זיך אויף אַ שפּאַציר מיטן הונט.

וואָלט סוזאַן ניט געשטראָפט געוואָרן מיט אַזאַ שווערן קערפּער, וואָלט זי שוין פון דער מאַדאַם לאַנג אַוועק, אָבער בדלית־ברירה! וואָס זאָל זי טאָן, אַז די איידעלע דאַמען ציטערן, האָבן גאָר מורא, אַז זיי וועלן איר דאַרפן געבן צופיל צו עסן.

„איך בין אַ פאַרשאָלטענע שוואַרצע!" — האָט סוזאַן זיך אַליין געגעסן, — אָט, היינט האָב איך פאַרלוירן אַ האַלבן טאָג אַרבעט, ווייל עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט אַן עפּל! ניט אַנדערש, אַז גאָט האָט מיך געשטעלט פאַר אַ נסיון. ווי מיט כשוף האָבן מיך די עפּל געררייצט; נאָר אויב עס איז ניט געווען גאָט, נאָר דער טייוול, איז אומזיסט זיין אַרבעט. ער האָט דאָס מאָל ניט אויסגעפירט! איך האָב מיין נדר ניט געבראָכן; כ'האָב די עפּל ניט גענומען, און האָב פאַרן וועלן אַליין פאַרלאָרן אַ האַלבן טאָג אַרבעט".

סוזאַן איז געשטאַנען אין ווינקל און געמאַכט איר חשבון הנפש. זי האָט זיך אַליין געוואָלט איבערצייגן אין דער ריינקייט פון איר כוונה, ווי אַלע פרימאָרגן איז זי היינט אויך אויפגעשטאַנען זעקס אינדערפרי. זי האָט אָפּגעזאָגט די טעגלעכע תפילה, צוגעגרייט עסן,

אויסגעטרונקען איר טעפל קאַווע, און מיטן ביסן אין מויל אַרויס פון הויז; ניט געוואָלט אויפוועקן די קליינע. דאָס קינד, ווי נאָר עס עפנט די אויגן האָט עס שוין וואָס צו דערציילן. ווער האָט עס צייט פאַר איר? מיין אָרעם מיידעלע! עס איז דאָך שטענדיק אַליין. ווי נאָר עס דערזעט דער מאַמען, אַזוי וויל עס שוין ריידן. צו דער סאָבוועי איז אַ שטיק וועג און ס'נעמט אַ גאַנצע שעה דאָס פאָרן.

ווען סוזאַן איז אַרויס פון דער סאָבוועי, איז עפּעס ווי דער טייוול אַליין וואָלט זי געשטופּט צו גיין מיט דער זייטיקער גאַס, וואו עס געפינט זיך דער גרויסער פּרוכט־מאַרק; ווי אויף צו־להכעיס איז גראַד דעמאָלט געשטאַנען דער בחור און געהאַלטן אין איבער־שיטן עפּל פון אַ זאַק אין אַ קעסטל — אַזעלכע פרישע, שמעקענדיקע, ערשט פון בוים אָפּגעריסן. איר האָט זיך געדאַכט: זי האָט נאָך עפּל. זיי האָבן אַזש פאַרשמעקט די גאַנצע גאַס, ווי מען וואָלט געהערט אין זיי דאָס קלאַפּן פון די קערנדלעך. אַ סימן פון צייטיקייט.

און זי האָט דאָך אַזוי ליב עפּל!

דאָס קעסטל האָט זיך אָנגעפילט, זיך איבערגעשאָטן, די עפּל האָבן זיך צעשאָטן איבערן טראָטואַר. דריי עפּל האָבן זיך גענומען קייקלען גלייך צו אירע פיס, אַזוי נאָענט, כאָטש נעם און צעטרעט זיי. צוויי עפּל האָבן זיך געקייקלט צוזאַמען, און איינער, דער גרעסטער, באַזונדער, ווי ער וואָלט די אַנדערע צוויי געוויזן דעם וועג. אויף זיינע רויטע באַקן האָט ער זיך געקייקלט צו אירע פיס, אַז זי האָט זיך געמוזט אָפּרוקן אין אַ זייט. זי האָט זיך איינגעביסן מיט אירע אויגן אין דעם עפּל און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי פילט דעם שפּריצנדיקן זאָפט. איר מויל האָט געוואָסערט. דער שוים פון עפּל איז צעגאָסן איבער די ליפּן. זי האָט זיך אַ בויג געטאָן, איר האַנט האָט זיך אַ צי געטאָן... אָבער עפּעס אין איר האָט געזאָגט: ניטע! עס פעלן דיר צרות, שוואַרצע? מען וועט דערזען און מען וועט דיך באַשולדיקן אין גנבה. מער פעלט דיר ניט!

זי האָט זיך אַרומגעקוקט. קיינער איז דאָ ניט געווען. דער בחור, וואָס האָט צעשאָטן די עפּל, איז געשטאַנען אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע. דער נאַשער אין איר האָט געטענהט: נאָר איינער, הויב אויף! אויב ניט, וועט עמיצער אַנדערש אויפהויבן.

דער גרויסער, רויט־באַקיקער עפּל האָט געוואונקען צו איר.

זי האָט זיך ווידער אָנגעבויגן, אויסגעשטרעקט די האַנט. דאָ האָט זיך פּלוצלונג פון ערגעץ אָנגעטראָגן אַ מאַן און איז גלייך געלאָפן אויף איר. זי האָט זיך אויסגעגלייכט, אַריינגעטאָן די האַנט אין קעשענע און איז געבליבן שטיין. דער מאַן האָט ניט געזען די עפּל און זיך געיאָגט אַ פאַרטראָגענער. ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דער גרויסער, שוואַרצער פרוי, עפּעס אַ בורטשע געטאָן און איז אַוועק. זי איז ווידער געבליבן שטיין. די עפּל האָבן געוואונקען, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן: נעם, נאַר, נעם. סיי ווי וועט מען אונדז צעטרעטן. זי האָט ווידער געוואָלט אויסשטרעקן די האַנט, אָבער זי האָט זיך דערמאָנט אין אַ זאַך, וואָס האָט שוין מיט איר געטראָפן. ס'איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק.

זי איז געגאַנגען צו דער אַרבעט. אויפן טראָטואַר איז געלעגן אַ ריינע פרישע באַרנע. זי האָט לאַנג ניט געטראַכט, אויפגעהויבן די באַרנע, איינגעביסן. דאָ האָט זי דערהערט אַ געשריי: „העי, דו! גנבטע!״ זי האָט זיך אומגעקוקט: אַ פּרוכט־וואָגן. דער פּרוכט־הענדלער יאָגט זיך נאָך איר און זידלט זי מיט וואָס עס קומט אים אין מויל אריין, ווי זי וואָלט געווען די אמתע גנבטע!

זי האָט אים אַ וואָרף געטאָן די באַרנע אין פּנים און אים נאָכגעשיקט אַ פּאָר קללות. די באַליידיקונג האָט איר אָבער אַזוי וויי געטאָן ביז טרערן. דעמאָלט האָט זי אַ נדר געגעבן, ניט געבן מער קיינעם קיין געלעגנהייט זי באַליידיקן, קיינמאָל וועט איר האַנט ניט אָנרירן עפּעס וואָס געהערט ניט צו איר.

סוזאַן איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט זי גאָט אַליין היינט אויסגעהיט פון זינד, ווען זי האָט זיך דערמאָנט אין יענער פּאַסירונג פּונקט אין דער מינוט, ווען זי איז שוין געווען גרייט נאָכצוגעבן דעם יצר הרע. זי האָט געגעבן אַ לעצטן קוק אויף די עפּל, ווי זי וואָלט זיך אַנטשולדיקן פאַר זיי, וואָס זי לאָזט זיי ליגן אויף דער ערד, און איז אַוועק.

אָבער פאַרן ו ע ל ן אַליין האָט זי באַקומען איר שטראָף. זי האָט געפּטרט צייט און פאַרלאָרן אַ האַלבן טאָג אַרבעט. איצט וועט זי זיך שוין מוזן אַרומשלעפּן איבער די גאַסן ביז איינס אַזייגער, ביז עס וועט זיין צייט אויף צוגייז צו דער נאָכמיטאָקדיקער מאַדאַם! אַהיימגיין קען זי ניט. זי וועט דאַרפן אויסגעבן די לעצטע עטלעכע סענט אויף פאַרן.

סוזאַן האָט הויך אָפּגעזיפּצט, כמעט פאַרגעסן, אַז זי שטייט דאָ ביי דער טיר. — „און איך האָב שוין געטראַכט, אַז היינט וועל איך מאַכן פאַר דער קליינער מיטאָג!" — האָט זי גערעדט צו זיך — האָב זיך אליין אָפּגעטאָן! עפּל האָט זיך מיר פאַרגלוסט, שוואַרצער נאַר, וואָס איך בין!"

סוזאַן האָט געטראַכט: וואָלט זי ניט געשטראָפט געוואָרן מיט אַזאַ גרויסן און שווערן קערפּער, וואָלט זי ניט געהאַט קיין דאגה מיט אַרבעט; אָבער וואָס קאָן זי טאָן. ס'איז גאָטס גאָב!

דער וועכטער, וואָס איז שוין זי דריי מאָל פאַרבייגעגאַנגען, איז צוגעקומען צו איר, ווי ער וואָלט זי געוואָלט דערמאָנען, אַז ער איז דאָ אויך דאָ — זי איז ניט אַליין. ער האָט צוגעבויגן צו איר דעם קאָפּ און זייער שטיל, ווי ער וואָלט ניט געוואָלט עמיצן אויפוועקן, האָט ער געפרעגט: איר וואַרט אויף עמיצן? קאָן איך אייך העלפן?

ער האָט גערעדט העפלעך, אָבער סוזאַן האָט אין זיין טאָן דערהערט ווי ער זאָגט: שוין גענוג דאָ געשטאַנען. צייט זיך אָפּצו־טראָגן! געגאַנגען!

אָן חשק, מיט אַ שלאַבעריקייט אין קערפּער און אביסל אין כעס אויף זיך אַליין, האָט זיך סוזאַן אַרויסגעשאַרט פון דער טונקעלער, וואַרעמער און דרעמלענדיקער לאָבי צו דער ליכטיקער קאַלטער גאַס.

פנימער

אין דעם פריען האַרבסטיקן פרימאָרגן איז די באַוועגונג אין פּאַרק געווען שטיל, כמעט סודותדיק. אַלץ האָט זיך באַוועגט אין אַ ריטמישער רעגלמעסיקייט.

דאָס שטילע רוישן פון די ביימער, דער געווירבל פון אַרונטער־פאַלנדיקע בלעטער, וואָס האָבן זיך געהנדלט אַנטקעגן דער זון מיט זייערע קופּער־ברוינע, בורשטין־געלבלעכע, מינענדיקע קאָלירן; געהורבעט אין בערגלעך אויף דער פייכטער ערד, ווי דאָס זשומען פון טויזנטערליי פלאַטערלעך — אין אַלץ האָט זיך געפילט אַ סודותריקייט. אַלץ האָט געזוכט אַ זוניק אָרט אויף איינער פון די בענק, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אין אַ שרענגע איבער דער לאַנגער אַספּאַלטירטער אַלייע, וואָס ציט זיך פונעם מזרח־טייל פּאַרק צו מערב.

אין דעם וואָכעדיקן פרימאָרגן זיינען דאָ געווען ווייניק מענטשן. שילא האָט געזוכט אָט־די שטילקייט. מיטן רוקן האָט זי זיך שטייף צוגעדריקט צום ווענטל פון דער באַנק און האָט פאַרדעקט מיט ביידע הענט אירע אויגן. דורך אירע פינגער־שפּאַלטן האָבן זיך געצויגן פייערדיקע שפּיזן און דריי־עקיקע פיגורן. די דרייעקן האָבן זיך געשפּרייט איבער אַ ניט באַגרענעצטער ווייטקייט... שילאַ האָט געבלאָנדזשעט אין דער ווייטקייט. זי האָט זיך פאַרקליבן אין זיך און איבערגעלעבט אַלץ, וואָס איז שוין לאַנג אַוועק אָבער איז נאָך געבליבן פריש אין איר לעבן.

זי האָט נאָך געזען איר דעיווידן, און געפילט זיינע אויגן אויף זיך. זי זעט ווי ער איז אַריין אין וואַגאָן. זי האָט דעמאָלט אפילו קיין איין מינוט געצווייפלט, אַז ער וועט זיך באַלד צורקקערן אַהיים. אין אירע צוואַנציק יאָר האָט זי ניט געזען קיין וואָלקן איבער זיך. זי האָט געגלויבט, אַז מיט אים, מיט איר געליבטן, איז זי זיכער, אַז ער וועט אויסמיידן אַלע געפאַרן. דעיוויד איז דאָך געווען אַזאַ געשיקטער אַטלעט! אַזאַ גוטער לויפער! ער וועט זיך שוין אַרויס־דרייען פון סכנות. איצט, אָן אים, האָט שילאַ געפילט, איז זי ניט קיין גאַנצער מענטש. זי איז צעריסן אויף צווייען. האָט זי דאָך

געטראַכט, אַז עס וועט לאַנג ניט נעמען. אַזוי האָט ער איר אויך פאַרזיכערט.

די אונטן זיינען געווען פוסט. די זונטיקס — נאָך ערגער. זי האָט זיך באַלד אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. געאַרבעט פאַרן רויטן קרייץ, אין שפּיטאָלן, קלובן. זי האָט אויסגעמאַרקירט, זי זאָל ניט דאַרפן בלייבן זיצן אין דער היים. אין שטוב האָט די מאַמע אויף איר געקוקט מיט אומרואיקע אויגן. זי איז געווען איינע פון אַ גרופּע מיידלעך, וואָס האָבן זיך געזוכט צו פאַרטאָן כדי צו פאַרגעסן אויף אַ ווילע זייערע געליבטע. זיי זיינען געווען צווישן זיך אינטים און אָפּנהאַרציק. די אַרבעט אַרום קראַנקע, פאַר מיידלעך, וואָס אַרבעטן אין אַ ביוראָ, אָדער אין פאַבריקן, דערהייבט דאָס געמיט. עס איז אַ פרייד פאַר זיי צו זען, ווי אַ פאַרשמאַכט פּנים לויכט אויף ווען מען דערלאַנגט אים אַ ביסל וואַסער, אָדער ווען מען גלייכט אים אויס דעם קישן צוקאָפּנס.

ווען זיי האָבן געהאַט אַ ביסל פרייע צייט, האָבן זיי געלייענט די בריוו, זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן חתונה געהאַט אָן דעם וויסן פון זייערע עלטערן און האָבן געטראָגן די קידושין־רינגעלעך צווישן זיך. שילאַ האָט שטענדיק אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, זעענדיק ווי די קליינע, כמעט קינדערשע סילוויע, גלעט און קושט דאָס רינגל.

ווען בריוו האָבן זיך פאַרצויגן, האָבן די מיידלעך ניט אויסגעזאָגט. ווען אייניקע האָבן יאָ באַקומען בריוו און די אַנדערע ניט, האָבן דעמאָלט אַלע געשוויגן, ניט געוואָלט ווי טאָן איינע דער צווייטער. אַזוי איז געגאַנגען די צייט ביזן ערשטן ריס, וואָס די קליינע סילוויע האָט געמאַכט אין אַלעמענס הערצער. עטלעכע טעג האָט זיך סילוויע אינגאַנצן ניט געוויזן. מען האָט זיך אַנגעשטויסן, אַז עפּעס האָט געמוזט פאַסירן. ווען מען איז געקומען צו סילוויען אַהיים, איז זי שוין געווען אין אַ סאַניטאַריום פאַר גייסטיק־קראַנקע.

סילוויע איז אַלט געווען ניינצן יאָר. זי איז געווען די לעבעדיק־סטע און יינגסטע צווישן אַלע. אַ קינד פון אָרעמע עלטערן, האָט די מאַמע געהיט ס'קינד פון אַלדאָס בייז. אַן איינציק, יונג־געצערטלט קינד, איז איר באַשערט געווען אין דער יוגנט צו קומען אין באַריר מיט די גרויליקייטן פון דער וועלט. אירע נערוון האָבן ניט אויס־געהאַלטן. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איר מאַן, איר שול־חבר, זינט

זי געדענקט זיך, איז צעריסן געוואָרן פון אַ מינע אויף זיין ערשטער ים־רייזע, און זי האָט צוזאַמענגעבראָכן!

מיט איינער וויניקער זיינען די מיידלעך ארומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. סילוויע איז געווען אַן אָנזאָג, אַז אויך אַנדערע קאָנען דערוואַרטן ענלעכעס. זיי האָבן סילוויעס אומגליק אַזוי לייכט ניט געקענט אַראָפּשלינגען. אַ שאָטן האָט זיך געשפּרייט איבער די קעפּ פון די מיידלעך. איידער מען האָט זיך צוגעוואוינט צו סילוויעס ליידיקן פּלאַץ, איז נאָך איינע און נאָך איינע פּלוצלונג אָפּגעשטאַנען פון דער גרופּע. ווען ביי איינער האָט פּאַסירט אַן אומגליק, איר חתן איז פאַרוואונדעט אָדער פאַרפאַלן געוואָרן, האָבן זיי זיך מער אין שפּיטאָל ניט באַוויזן, ווי זיי וואָלטן דערפילט, אַז זיי האָבן שוין אָפּגעצאָלט אַ חוב דער וועלט.

שילא האָט געדענקט דעם פאַל מיט איינער, וואָס האָט אויף איר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. יענע האָט געהייסן מערי. אַ ליב מיידל. ווען מערי איז ניט געקומען אין שפּיטאָל, האָבן זיי שוין געאַנט, אַז זי איז בייט טייוול אין פּויסט. שילא האָט מערין שטאַרק ליב געהאַט, זי האָט זיך ניט געקענט איינהאלטן און איז געגאַנגען זי זען. מערי האָט אָבער שילאָן ניט געלאָזן אַריבערטרעטן די שוועל. זי איז איר אַנטקעגנגעקומען און איר דערקלערט: סאַל איז צוריקגעקומען מיט אַ דורכגעשאָסענעם האלדז. ער רעדט מיט דער הילף פון אַ טרייבל; דאָס ריידן קומט אים אָן שווער און עס איז אַ מין קרייען, ניט קיין מענטשיש קול. ער שעמט זיך וויל איך אים ניט ווי טאָן.

ביסלעכווייז, איינע נאָך די אַנדערע האָבן זיך די מיידלעך צוריק־געצויגן, גאַנצע טעג האָט איינע די אַנדערע ניט אָנגעזען. די אינטימקייט איז צעשטערט געוואָרן, די אַרבעט איז געפאַלן שווער. יעדע האָט זיך אָפּגעשלאָסן מיט איר מורא פאַרן מאָרגן. ווערטער זיינען געוואָרן איבעריק, ווייל איינע האָט געפילט וואָס די אַנדערע טראַכט. עס זיינען געווען אַזוינע, וואָס האָבן יאָ געהאַט מזל. זיי האָבן באַקומען אָפּטע בריוו. זיי האָבן דערוואַרט זייערע געליבטע אויף אורלויב, אָבער פילנדיק דעם טרויער פון די אַנדערע, וואָס האָבן אַזעלכע בשורות ניט דערהאַלטן, איז זיי זייער אייגן גליק ניט איינגעגאַנגען.

שילא האָט געטראַכט מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי מאָדנע זי געדענקט אַזוי גענוי, ווי עס האָט פּאַסירט מיט דער און מיט יענער,

וואָס זי זעט נאָך פֿאַר זיך אַזוי קלאָר, יעדע פֿון די מיידלעך און זי געדענקט אָבער ניט, וואָס מיט איר אַליין האָט פּאַסירט, ווען איר איז געשען דאָס אומגליק. זי געדענקט אַפּילו ניט וואו זי האָט זיך דעמאָלט געפֿונען. אַלץ איז ווי פֿאַרצויגן מיט אַ וואָלקן דורך וועלכן זי קאָן ניט דורכקוקן. זי געדענקט נאָר דעם פֿינצטערן בליק פֿון איר מאַמען. זי געדענקט אויך, ווי איר קליין שוועסטערל האָט זיך געהאַלטן אין איין אויסבאַהאַלטן פֿון איר. ניט דאָס שוועסטערל און ניט דאָס יינגל, מיט וועלכן זי איז באַפֿריינדעט, האָבן אַ שטיק צייט אין איר אַנוועזנהייט אַ שמייכל געטאָן. זי האָט זיך געהאַלטן פֿון דערווייטן; ניט געוואָלט דערמאָנען די קינדער אָן טויט. זי האָט דאַן געפֿילט, און פֿילט נאָך איצטער, ווי דאָס בעסטע פֿון איר, דאָס וואָס האָט געהאָלפֿן פֿאַרמירן איר פּערזאָן, איז פֿון איר אָפּגעריסן געוואָרן; אַז זי איז שוין ניט דאָס וואָס זי האָט געדאַרפֿט זיין.

שילאָן האָט זיך ניט געגלויבט, אַז עס זיינען שוין אוועק יאָרן. זי האָט זיך ניט געזען אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרן. זי האָט זיך נאָר געזען אין שפּיגל. אינעם שפּיגל האָבן אויף איר געקוקט צוויי בלוילעך־שוואַרצע פֿיינלעכע אויגן. די בלויע רעמלעך, וואָס אונטער זיי האָבן געמאַכט די אויגן זען ווייט און טיף. אין מיטן פֿון דעם בלאַסן שטערן האָבן דריי דינינקע שנירעלעך צעטיילט דעם שטערן אויף צווייען. זי גלעט און צערטלט די שנירעלעך, און עס דאַכט זיך שילאָן אַז זי זעט איר דעיווידן אין דער ווייטקייט פֿון אירע אויגן. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט קוקן אין אירע אויגן, קוקן און קוקן. אַז זי האָט אים אַמאָל געפֿרעגט: וואָס קוקסטו אַזויפֿיל אין מיינע אויגן? האָט ער איר געענטפֿערט: וואָס מער איך קוק אין זיי, אַלץ ליבער ווערן זיי מיר! ווייל ער האָט אַזוי ליב געהאַט איר פּנים, האָט זי געפֿילט אַז זי מוז עס אָפּהיטן, האַלטן טייער, אים צוליב!

עטלעכע שורות אין אַ זשורנאַל האָט אָנגערירט אַ וואונדיק אָרט ביי שילאָן: „עס זיינען דאָ אין לאַנד אַ מיליאָן פֿרויען, וואָס פֿאַרבלייבן אַליין, ווייל זייערע מאַנסבילן האָבן זיך ניט צוריק־געקערט פֿון דער מלחמה!" זינט זי האָט געלייענט די דאָזיקע שורות, איז זי אַרומגענומען געוואָרן פֿון אַ נייעם ווייטיק. זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס זי האָט ביז איצט געליטן בלויז פֿאַר די טויטע און פֿאַרפֿעלט צו זען די אָפּגעריסענע לעבנס — אַ מיליאָן

פרויען, מיידלעך, מאַמעס, קינדער. און ליבע... און באַפרוכפּערונג! און לעבן! וואָס פאַר אַ גרויל!

שילא האָט דעם איינס מיט די זעקס נולן ניט געקענט אַרויס־לאָזן פון גדאַנק. זי זעט די קיילעכדיקע נולן אָנגעפּילט מיט מיידלשע פּנימער. טויזנטער און טויזנטער פּנימער! עלטערע, מיטליעריקע, יונגע און גאָר־גאָר יונגע. פּנימער מיט בייזקייט אין די אויגן; פּנימער מיט קאַלטן צאָרן און רוגזה; פּנימער, וואָס זעען אויס ניט טויט און ניט לעבעדיק. זי זעט אפילו איר אייגענעם פּנים. שווער צו דערקענען דאָס פּנים פון איר קליין שוועסטערל!

שילא האָט אויפגעצאַפּלט פונעם קאָשמאַר. ס׳איז אַ בייזער חלום! — האָט זי געוואָלט אויסשרייען — ס׳איז אַ קראַנקע צע־רודערונג! עס נעמט זיך פון דעם וואָס זי האָט נעכטן געהערט אויף דער ראַדיאָ: „אין דריי יאָר אַרום קענען מיר זיך גרייטן אויף אַ נייעם קריג״. ס׳איז ניט קיין אויסטראַכטעניש. ס׳איז וואָר. זי האָט עס געהערט אויף דער וואָך, ניט אין שלאָף.

שילא האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער באַנק, ווי פון אַ בייזן, קראַנקן שלאָף. זי האָט זיך געלאָזט מיטן וועג באַרג אַראָפּ. זי איז געווען מיד, אויסגעשעפּט, אירע קני האָבן זיך געבויגן און זי האָט זיך ווידער געמוזט צוזעצן אויף דער ערשטער באַנק, וואָס זי האָט דערזען.

עס האָבן זיך באַוויזן אין פּאַרק מאַמעס מיט קינדער־וועגעלעך. די זון איז געוואָרן העכער און וואַרעמער. באַרג־אַראָפּ, וואו הימל און ערד האָבן זיך באַגעגנט, האָט זיך אַ טייכל געשפּיגלט קעגן דער זון. די ווייסקייט, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן פונעם פלאַכן וואַסער האָט אָפּגעמעקט אָנהויב און סוף.

מיט אַ דאַרשטיקייט האָט שילא געקוקט אויף דער אַרומיקער העלקייט. די זון האָט געגלעט און געצערטלט מיט מאַמעשער וואַרעמקייט אירע איינגעזעסענע גלידער. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז ביים שטילן גערויש פון וואַסער רוימט די זון איר אַריין אין אויער: ביזט איצט ערשט אַלט זעקס־און־צוואַנציק יאָר, מיין קינד! מען טאָר אַזוי יונג ניט מורא האָבן פאַרן לעבן! מען טאָר ניט, מיין קינד!

א.

ראָסטי, מיין פריינט

ראָסטי, מיין פריינט, כאָטש דו ביסט אַ פיר־פיסיקער, און איך בין אַ צוויי־פיסיקע, איז דאָ צווישן אונדז אַ סך געמיינשאַפט־לעכעס. מיין מיטגעפיל צו דיר איז טיף. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך פיל דיך ווי זיך אַליין; אַז איך טראַג דיך ווי כ'וואָלט געטראָגן זיך אַליין. אַזוי ווי איך, ביסטו אויך, צוליב דיין עלטער, פאַרגעסן און באַזייטיקט. ביזט אַרויס פון דער ספערע פון מענטשישער פראַקטישקייט. וואָס האָסט זיך דערוואָרבן מיט די יאָרן, גייסט קיינעם ניט אָן. ווי איך ביסטו, פיר־פיסיקער פריינט מיינער, אַליין און ניט קיין צוציאונג פאַרן אויג, און דיין הינטישע פראַקטישקייט — אַ פאַרווינקלטע.

איך פיל דיך, מיין פריינט, און לאָז דיך ניט אַרויס פון אויג. אָט זע איך דיך זיצן דאָרט, ביים בערגל. האָסט אויסגעקליבן אַ זוניק שטיקל ערד און זיך צונויפגעקנוילט, איינגעגראָבן דיין קאָפּ אין די עטלעכע פייכטע גראָזן, און מיט פאַרשלאָפענע, מוטנע אויגן, קוקסטו נאָך טעמפּ ווי דיינע „ערדן" און „זיען" — שפּרינגען אַרום אויף דער לאָנקע, יאָגן זיך נאָך זומער־פליטערלעך, און די פריידיקע קינדער, ארום זיי, פילן אָן די לופט מיט זייער הילכיק געלעכטער.

קיינער, ראָסטי, קען זיך מיט דיר ניט פאַרמעסטן, ווען עס קומט צו דערשמעקן עפּעס פון דער ווייטן און עס ווילט זיך דיר, אַ שפּיל טאָן מיט דער „זי", אַרום וועלכער אַלע טאַנצן איצט אַרום.

לויט דיין פלעגמאַטישן קלעפּן זיך צו דער ערד, קאָן זיך דאַכטן, אַז דיר גייען גאָר יענע ניט אָן; קוקסט אפילו ניט אין זייער זייט. איך ווייס אָבער, מיין פריינט, אַז דאָס איז נאָר אַן אָנשטעל אַזאַ. איך שפּיר דיין אינעווייניקסטן צער. איך זע, דו טוסט פון צייט צו צייט אַ פּאַכע מיט אַן אויער, אַ שמאָרע מיט דיין ציטערדיקער נאָז און כאָטש איך קאָן ניט באַהויפּטן, אַז איך בין אַן עקספּערט אויף הינטישער פּסיכאָלאָגיע, וואָלט איך געשוואָרן, אַז דו, מיט דיין גאַנצן אומגעלומפּערטן קערפּער, ביסט איצט מיט זיי, מיט די יונגע „צוציקלעך", וואָס שענקען דיר אפילו ניט קיין פריינטלעכן שמעק...

עס האָט שוין פּאַסירט עטלעכע מאָל. אָט ביסטו געלעגן אין דיין איינזאַמקייט, ווי איינגעגראָבן אין דער ערד, און פּלוצלונג, ווי די ערד וואָלט דיר אריינגערוימט אַ סוד אין אויער, טוסטו אַ שפּרונג, ווי אין דיינע יונגע יאָרן, און לאָזט זיך אַוועק ווי אַ ווינטער. די אַרומיקע פּרוּוון דיר נאָכטאָן, לויפן אַביסל, אָבער קערן זיך באַלד צוריק, ווי זיי וואָלטן באַשלאָסן: סיי ווי ווילן מיר אים ניט דעריאָגן, זאָל ער לויפן, דער אַלטער נאַר. ווען דו קערסט זיך אום מיט אַ גאַסט, ווי אַ זיגער, קוקט זיך קיינער אויף דיר ניט אום. דיין באַלעבאָס גיט דיר אפילו קיין גלעט ניט אַלס אַ דאַנק.

נאָך אַזאַ עקספּעדיציע באַמערק איך אין דיינע אויגן אַ פונק פון אַלטקייט. מען זעט: עס איז צופיל פאַר דיינע כחות. דו טוסט באַלד אַ פאַל צו צו דער ערד, דיין שטענדיקער געלעגער, און אויס־געשעפּטער. ערשט מיט אַ רגע צוריק האָסטו מיט דיין חוש, וואָס האָט דיך קיינמאָל ניט גענאַרט, דערשמעקט אַ שטוביקן גאַנץ ווייט, אָבער ער גיט דיר ניט דאָס, וואָס דו האָסט פאַרדינט. די לאַסקעס, די גוטע ווערטער, אַ גלעט פון הענט, קריגט ער, „גראַציע". ער טאַנצט אַרום דעם גאַסט, ניט דו. ער איז שיין. זיין שוואַרצע שפּיגל־דיקע פעל מיט די ווייסע פלעקן קאָן קיינער ניט באַשטיין; דער פלעק אויפן סאַמע מיטן שטערן זיינעם, גיט אים צו אַ וועלט מיט חן. יובלט איצט „גראַציע" מיט זיין דעראָבערונג!

איך האָב דאָס זעלבע דורכגעמאַכט, דעריבער פיל איך דיך מיט. אוי, ווי איך פיל מיט, ראָסטי, מיין פריינט! איך ווייס, אַז דו ביסט פאַרמאַטערט, האָסט אַ ווייטיק אין דיינע זייטן פונעם אַרומ־לויפן; מיט קורצן אָטעם און שלאָף אין די אויגן ליגסטו דאָ אינעם טומל! איך פיל דיך מיט, ראָסטי, מיין פריינט. פאַרגעסענער ווי איך! איך לייען ארויס אַלע דיינע פאַרדרוסן. אָט זע איך דיך איצט אַ מידן, ווי דו ציטערסט פון צייט צו צייט. דיין מאָרדע רוט אויף דיינע פאָדערשטע, שלאַבערדיקע פיס, דיינע ברייטע, לאַפּטשעדיקע אויערן זיינען מיט דער ערד צוגלייך, און דיינע האַלב־אָפענע אויגן זיינען פאַרצויגן מיט אַ שליימיקן הייטל. שווער צו זאָגן, צי דו שלאָפסט. ס'איז שוין טונקל. אַ שטיקל הימל פלאַמט אויף פון דער פאַרגייענדיקער זון. עטלעכע שטראַלן האָבן פאַרבלאָנדזשעט אויף דיין קאָפּ, זיך דורכגעריסן דורך די טונקעלע קעמערלעך פון דיין איינגעדרעמלטן מוח און ליכטיקן דאָרטן אויף דערמאָנונגען

און פֿאַרלאַנגען. דו שוועבסט איצט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, מיין פריינט. איך פֿיל ווידער מיט מיט דיר, ראָסטי, מיין פריינט. ווייל אויך אין מיר האָט די פֿאַרגייענדיקע זון אַרויסגערופֿן פֿאַר־גאַנגענע, ניט פֿאַרגעסענע צייטן... דו שפּירסט נאָך ווי אַזוי, אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן, זיך צו וואַרפֿן אויף דיין שונא, אויף דעם, וואָס שטייט דיר אין וועג און לאָזט דיך ניט צו צו דער באַגערטער פֿון דיין האַרצן... סע צינדט זיך אָן אין דיר אַ ברענענדיקער צאָרן. דו לאָזט אַרויס אַ ווילדן געוואַי! טוסט זיך אַ וואַקל, און אָט ליגסטו ווידער. זיך אויפֿגעכאַפּט...

אָ, ראָסטי, מיין פריינט, ווי איך פֿאַרשטיי דיך; אָ, יענע יאָרן, ווען דיינע פֿיס זיינען געווען גלייך, דין, בויגיק און פֿלינק, ווי פֿייל פֿון בויגן! אַז דיינע פֿיס זיינען געלאָפֿן אַזוי פֿלינק אַז מען האָט זיי ניט אָנגעזען. אויך איך, ראָסטי, מיין פריינט, ווען איך פֿאַרמאַך די אויגן דערזע איך מיין אַמאָל... דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס איך זיץ אויף דער באַנק, און דו — אויף דער ערד.

ראָסטי, געדענקסט יענע צערטלעכע, ווייכע און געטרייע הענט, וואָס מיר ביידע האָבן געגערן געהאַט? צווישן מיר און דיר, ראָסטי, איז ניט געווען קיין אָרט פֿאַר קנאה. איך האָב ליב געהאַט צו גלעטן דיינע סאַמעטענע געלאָקטע האָר — האָר פֿון אַזאַ קאָליר, וואָס האָבן אין דער טונקל אויסגעזען ווי פֿלאַמען, די נאַרוואָס פֿאַר־שוואונדענע פֿלאַמען פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון. אויגן האָסטו געהאַט אַזעלכע מענטשישע, אַז איך האָב אָפֿט געמיינט, דו פֿאַר־שטייסט שוין אַביסל צופֿיל פֿאַר אַ הונט... און סאַראַ שטיפֿער ביסט געווען! דיינע אויערן זיינען געשטאַנען ווי ביי אַ יונגן האָז. איך און זי, ביידע האָבן מיר ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט דיינע אויערן. ניט ווייניקער ווי איך, ביסטו געווען להוט נאָך די לאָקעס פֿון יענע הענט מיט די צויבער־פֿינגער.

געדענקסט ווי יענע הענט האָבן דיך געגלעט. דו האָסט געוואָלט אָפּדאַנקען זיי מיט אַ קוש, און דווקא אין פּנים? געדענקסט ווי זי האָט ארומגענומען דיין שיינעם קאָפּ אין אירע דורכזיכטיקע הענט מיט אַזאַ צאַרטקייט, כדי דיר ניט וויי צו טאָן. דאַן פֿלעגסטו מיט דיינע אויגן ביי מיר בעטן, איך זאָל דיר צוהילף קומען. מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז פֿלעגסטו קוקן אויף מיר אַביסל פֿאַרשעמט. איך האָב געזען אַ טרער אין אַ ווינקל פֿון איין אויג.

אַך־אַך, ראָסטי, מיין פריינט, ווי נאַריש מען קען זיין, ווען מען איז יונג און פאַרליבט! איצט, ווען איך רעד צו דיר אַן ווערטער, קען איך עס דיר זאָגן. ווייסטו, ראָסטי, אַז ס'איז געווען אַ צייט, ווען איך האָב דיך מקנא געווען? ניין, קענסט עס ניט וויסן. ניט איינמאָל, ווען איך האָב זי דערזען אין גאָרטן זיצן אויף דער באַנק, דו ביי אירע פיס; דיין שיינער קאָפּ אויף איר שויס, און זי האָט זיך געשפּילט מיט דיינע זיידענע האָר — אוי, האָב איך דיך מקנא געווען! אוי, האָב איך זיך געוואונטשן צו זיין אויף דיין אָרט!

אַך־אַך, ווי אומווירדיק יאָרן קענען זיין, ראָסטי, מיין פריינט! דו ליגסט אין דיין ווינקל און כאַטש עס ציט דיך שטענדיק צו דער ערד, דרייסטו אויס דיין קאָפּ צום שטיקל לבנה, וואָס שפּרינגט אַלע ווילע אַרויס פון די שווערע, טונקעלע וואָלקנס, ווי זי וואָלט זיך וועלן באַפרייען פון זייער דרוק. אָבער די וואָלקנס איילן ווער ווייסט וואוהין! מיינע אויגן האָבן דיך נאָכגעפאָלגט ערשט היינט בייטאָג, ווען דייניקע האָבן געשאָלטעוועט אויף די לאָנקעס, און דיך איז פּלוצלונג באַפאַלן אַ מאַנאַקאַליע. דו האָסט זיך האָסטיק אויפגעהויבן פון דיין געלעגער, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, און דערזעענדיק אַ ווייסע „זי", צו וועלכער דו האָסט קאָנטיק אַ „שוואַכקייט" — האָסטו זיך צו איר אַ לאָז געטאָן, ווי צו אַן אַלטן פריינט. אָבער זי, כאָטש שוין אויך ניט מיט די ערשטע ציין, האָט זיך אַזוי צעהאָווקעט, געמאַכט אַזוינע גוואַלדן, ווי דו וואָלסט זי געוואָלט קוילענען! אויף אירע קולות איז זיך צעגויפגעלאָפן די גאַנצע „סאָבאַטשנע קאָמאַנדע". אַלע האָבן זיך צעבילט — און דו, אָרעמער ראָסטי, האָסט, נעבעך, קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי זיך אָפּטראָגן...

אמת, ביסט אַוועק מיט ווערדע, ביסט ניט אַנטלאָפן, נאָר מיט אַ הכנעהדיקן קאָפּ, און פּאַמעלעך, טראָט־ביי־טראָט, זיך אומגעקערט צו דיין געלעגער.

ווי מיר האָט דאָס האַרץ וויי געטאָן פאַר דיר, ראָסטי, מיין פיר־פיסיקער פריינט. איך האָב דאָך אויך עפּעס ענלעכעס אַמאָל מיטגעמאַכט אין מיין לעבן. מאָדנע, ווען איך האָב דיך געזען גייענדיק צוריק מיט אַ טרויער און אַ לעפישקייט אין דיינע טריט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער דיינע ברייטע, הענגענדיקע אויערן ווײנען אויף דיין ביטערן מזל...

...ס'איז האַלבע נאַכט, פון אַ הענגענדיקן לאָמפּ אויפן באַלקן, ציט זיך אַ ליכט־פּאַס, וואָס שניידט דורך דעם דיקן נעפּל. דו, ראָסטי, ביסט איינגעהילט ווי אין אַ שאָטן, נאָר ווען עס אַנטפּלעקט זיך אַ ראַנד פון דער לבנה, צייכנסטו אָן דיין אָנוועזנקייט אויף דער ערד. ווען מ'איז נאָענט צו דיר קאָן זיך דאַכטן, אַז דו ביסט שטיל, ווי די ערד, אויף וועלכער דו ליגסט, און ווי דיביימער, וואָס שטייען דיר צוקאָפּנס — עס איז אָבער ניט אַזוי. ניט די ערד איז שטיל נאָר די ביימער זיינען שטיל; דו ראָסטי, ביסט ווייט־ווייט פון זיין שטיל. אין דיין אונטערבאַוואוסטזיין קומט עפּעס פאָר. שווער צו זאָגן וואָס. זען זע איך: דיין קערפּער גיט אַ ציטער, אַ צאַפּל, ווי עמיצער וואָלט אויף אים אָנגעטראָטן, און פון דיין האַלדז — ווי דו וואָלסט זיך אויף עמיצן געבייזערט — הערט זיך אַ מין גררדר... אָט וועסטו אַרויסקומען מיטן אמתן הינטישן ביל. אפשר בייזערסטו זיך אויף דער לבנה...און אפשר האָט די לבנה־שיין גאָר אַרויסגערופן אין דיר דערמאָנונגען פון אַמאָל?... אפשר האָט זי, די לבנה, אין דיר אויפגעוועקט אַ בענקעניש נאָך יענע צאַרטע הענט — די הענט מיט די כשופדיקע פינגער, נאָך וועלכע אויך איך בענק, בענק אָן אַ סוף?

אין איין זאַך בין איך זיכער: אָפּגעזען פון דיין אומגעלומפּערט־קייט און דיין נאָענטקייט צו דער ערד ביסטו אַ טרוימער, און דאָס דערפרייט מיך! ווייל וויסן זאָלסטו, ראָסטי, מיין פריינט, אַז חלומען איז אַ מדרגה! און נאָך עפּעס זאָלסטו וויסן — ניט אַלעמאָל קאָן מען חלומען. אַ חלום האָט אויך זיין צייט...

טאָ חלום, ראָסטי, חלום מיין פריינט!

„גוד באי האַני"

א ניט געבעטענע האָט די זון זיך דורכגעריסן דורך די טאָפּלטע, שווערע, זיידענע גאַרדינען צום אַנהויב אויפן דיל, דערנאָך אויפן סאַמע שפּיץ פונעם געזימס, וואָס איבערן גרויסן שפּיגל און האָט אַ שפּרונג געטאָן צו דער בעט. שפּליטערלעך זון האָבן זיך געגנבעט דורך די שמאָלע שפּעלטעלעך פון דער שלאָפנדיקערס אויגן. שטיפעריש האָבן די לענגלעכע, פייערדיקע פעדימלעך גע־קיצלט אירע אויגנדעקלעך. זי האָט זיך געוועט, געדרייט מיטן קאָפּ, ווי אָפּצוטרייבן אַ פליג. דאָס קיצלען איז געוואָרן אומדער־טרעגלעך, האָט זי געעפנט די אויגן און זיי באַלד פאַרשטעלט מיט ביידע הענט. די זון האָט זיך שוין היימיש געמאַכט, צעגאָסן אירע גאָלדענע שטראַלן אין יעדן ווינקל פונעם גרויסן צימער און האָט זי באַגריסט מיט אַ ליבן ליכטיקן פרימאָרגן.

ס'איז נאָך געווען פרי. ערשט צען אַזייגער, נאָך צו פרי פאַר איר אָנצוהייבן דעם טאָג, אָבער דער שלאָף האָט זיך שוין אָפּגעטאָן פון איר. זי איז שוין געווען וואַך, ווי זי וואָלט שוין לאַנג געווען אויף. מאָדנע...

זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס צודעקעכץ, זיך הנאהדיק אויסגעצויגן, און זיך פאַרטראַכט. זי האָט זיך דערזען אין שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען גלייך אַנטקעגן בעט, געקוקט אַביסל פאַר־וואונדערט, ווי זי וואָלט געפרעגט: בין איך דאָס טאַקע? — יאָ, איך! איר לויכטנדיק פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ לייכטן שאָטן, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט, אַז זי גייט איינגעמען אַ ניט־געשמאַקן רעצעפּט. זי האָט אָפּגעהוסט, געפּרוּווט דאָס קול און אויסגערופן: „האַני! האַני!"... פון צווייטן צימער האָט זיך געהערט: יעס, בעיבי, קאַמינג!

קיין טריט האָט מען ניט געהערט. די דילן זיינען געווען אויס־געבעטט מיט שווערע טעפּיכער, נאָר די קליינע מעבל־שטיק האָבן זיך געטרייסלט. עס האָט זיך אַריינגעשטעלט אַן אַלטער מאַן פון זיבעציק. ער איז געווען אָנגעטאָן ווי גרייט אַרויסצוגיין אין גאַס. ער איז געשטאַנען ניט דרייסט, געוואַרט ביז זי וועט אים נאָכאַמאָל

רופן. זי האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר האָט אויסגעצויגן צו אים אַ האַנט. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, געהאַלטן דעם קאָפּ אַביסל אַרונטערגעלאָזן. זיין געלבלעך, פליישיק, פריש־ראַזירט פּנים, אַביסל אָנגעברוגזט און פאַרשולדיקט. ער האָט געטאָן אַ גרעסערן שפּרייז, האָט זיך אַריבערגעבויגן און איר אַ קוש געטאָן אין די ליפּן, וואָס זי האָט אים אָנטקעגנגעטראָגן. דער קוש — אַ ניט איינגעגעבענער,— האָט ביידן געלאָזט אין אַ פּאָזע, ווי עמיצער וואָלט זי איבערגעשלאָגן. זי האָט צוגעדעקט ס׳פּנים מיט די הענט און ער האָט געקוקט אויף דער ערד, ווי ער וואָלט זיך פלוצלונג פאַר איר פאַרשעמט...

זי האָט פאַרשטעלט די אויגן מיט די הענט און ס׳האָט איר אָנגענומען אַ רחמנות אויף אים. באַלד איז דאָס רחמנות־געפיל איבערגעגאַנגען אין אַ פאַרדרוס. וואו האָט דער אַלטער גענומען די העזה זי איינצוהאַנדלען? אפשר האָט ער גאָר רחמנות אויף איר? ס׳איז דאָך אים גוט! ער האָט אַרויפגעלייגט אַ שטאַרק־וואַרעמע האַנט אויף איר נאַקעטן קאַרק. זי האָט אַראָפּגענומען די הענט פון די אויגן, דערזען זיינע אַביסל פאַרשעמטע, אַביסל בעטנדיקע אויגן, געזען אַז ער קלייבט זיך איר עפּעס זאָגן, און אין זיין בליק איז געווען אומגעהייערע געטריישאַפט. איר האָט שוין באַנג געטאָן פאַר די מאָדנע מחשבות. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און זיין פּנים האָט אויפגעלעבט: — „מיר וועלן היינט גיין עסן אין אַ פּלאַץ, איינער אין אַמעריקע! הערסט, בעיבי, איינער אין גאַנצן לאַנד!"

— „ביסט אַ גוטער, פּאַפּ" — האָט זי געענטפערט.

ער האָט נאַריש געשמייכלט און געשאָקלט מיט אַ פינגער: „נאָר ניט פּאַפּ! מאַכסט מיך פילן אַלט, ווען דו רופסט מיך אַזוי".

—„נו, איז זאָל זיין האָני! האָני, זאָג דעם מיידל זי זאָל עפּעס מאַכן צום טרינקען, יאָ?"

— „שוין, אָט גיי איך!"

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט אַ געמאַכטער פלינקייט, וואָס האָט אויסגעזען קאָמיש און זי האָט ווידער געטראַכט: ס׳איז אַ רחמנות. אויף וועמען אַ רחמנות?

ס׳איז אינגאַנצן זעקס וואָכן זינט זי, מאַלי די פריזירערין, איז געוואָרן מרס. קאַרסן. יאָרן און יאָרן איז זי געווען מאַלי, פשוט מאַלי. ביי איר צווייטן נאָמען האָט זי קיינער ניט גערופן. דאָס איז אויך געווען דער נאָמען פון איר פירמע, „מאַלי׳ס ביוטי סאַלאָן". קיין

געהויבענער סאַלאָן איז עס ניט געווען, אַ קליין קרעמל. זי אַליין, מאַלי, איז געווען די גאַנצע פירמע.

זי איז פאַרבליבן אַ יונגע אלמנה מיט צוויי ייִנגלעך. פאַר די עטלעכע דאָלאַר וואָס זיינען פאַרבליבן פון אַ קליינער „פּאָליסי״, האָט זי זיך אויסגעלערנט דעם פאַך און איז געוואָרן אַ „פירמע״ אין אַן אַפּגעלייגטן געגנט. מאַלי האָט געאַרבעט שווער, זייער שווער!

מאַלי איז נאָך געווען יונג און שיין. איר שיינקייט האָט איר אַ סך געהאָלפן צום געשעפט. די ווייבער זיינען געווען זיכער, אַז מאַלי קאָן זיי מאַכן שיין ווי זי אַליין איז. די ווייבער האָבן איר געהאַלטן אין איין מאַכן קאָמפּלימענטן, און וואָס מער קאָמפּלימענטן, — אַלץ מער האָט זיך מאַלי באמיט אויסצונעמען מיט איר שיינקייט. כאָטש שיינקייט קאָן זיין פאַר אַ פרוי אַ גרויס גליק, האָט אָבער מאַלי פאַר איר שיינקייט געצאָלט מיט ניט דערשלאָפן און מער האָרעוואַניע, מער ווי אירע כחות האָבן דערלויבט.

זי איז געווען די מאָדעלקע פון איר „פירמע״... זי האָט אַליין, אויף אירע אייגענע האָר אויספּרובירט יעדע נייע מאָדע און ווייל זי האָט אַליין געהאַט האָר פון אַ געלאַקטן מין און פון אַ געזונטן, ברוינעם קאָליר, האָט זי די ווייבער פשוט פאַרכשופט. דאָך, מיט איר גאַנצן צויבער, האָט זי געמוזט אַרבעטן לאַנגע שעהן און איז געווען אָרעם. זי האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט פאַרגינען קיין וואַקאַציע. אַליין פאַרן האָט זי ניט געוואָגט, ווייל ווער וועט אַכטונג געבן אויף די קינדער? מיטנעמען די קינדער — קאָסט צופיל געלט. זי האָט געוואַרט אויף דער צייט, ווען די קינדער וועלן אונטער־וואַקסן. ווען די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן, האָט שוין מאַלי געהאַט אַריינגעבראַכט אין די ווייבערשע קעפּ, אין זייערע פריזורן, אַ סך פון איר צויבער און אירע כחות, און אפילו אַ שיין ביסל פון אירע האָפנונגען. ווען די ייִנגלעך האָבן פאַרענדיקט די קורסן, איז זי ווידער געווען אַנגעוויזן אויף אירע אייגענע הענט.

די יאָרן זיינען געלאָפן און מאַלי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זי מוז זיך אין עפּעס אָנכאַפּן איידער עס ווערט צו שפּעט.

אהיים פלעגט מאַלי קומען א מידע. די פיס זיינען איר געווען שווער, די ביינער האָבן געבראָכן און די אויגן זיינען געווען ווי אויס־געלאָשן. דאָס אויפשטיין אינדערפרי איז איר אַלץ שווערער געוואָרן.

זי האָט זיך געבעטן ביים זייגער; וואַרט־אויס, לויף ניט אַזוי... דאַכט זיך, ערשט פאַרמאַכט די אויגן, און די ווייזערס זיינען שוין פאַר־קראָכן אויף גאַנצע צען מינוט!

אַזוי — טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך, אָן אַ סוף; ענדלעך איז געקומען אַ שטיקל דערלייזונג. איין זון איז געקומען, מיט אָפענע אויגן באַטראַכט די מאַמע און געזאָגט: „ס'טויג ניט, מאַמע, מען דאַרף ניט אַריינלייגן ס'גאַנצע לעבן אין די ווייבערשע קעפּ, דאַרפסט זיך אַרומקוקן אויף די יאָרן וואָס שטייען נאָך פאַר דיר"... מאַלי האָט אַליין אָפּט געטראַכט דאָס זעלבע: גיכער, איידער דאָס לעבן אַנטלויפט, און ס'וועט ווערן צו שפּעט! וואָס־זשע טוט מען?

מאַלי האָט אַ סך געהערט פון פלאָרידאַ. אין פלאָרידאַ ווערט מען יינגער! דאָרטן — ציט אַ מענטש אַרויף אויף זיך אַ ניי לעבן! און דער עיקר איז דאָס, וואָס קיין פלאָרידע קומען אָרעמע פרויען און געפינען דאָרטן „פרייגט"... ניט נאָר געליבטע, עס זיינען דאָרט פאַראַנען עלטערע מענטשן, וואָס זיינען בעלנים אויף אַ שיין ווייבל. אמת, זי, מאַלי, איז שוין ניט דאָס וואָס אַמאָל, אָבער זי האָט נאָך אין זיך אַסך צויבער. ווער רעדט נאָך, אַז זי וועט זיך אויסרוען, אויספּוצן... אַ זון האָט מיטאַמאָל אויפגעשיינט פאַר די אויגן. דער ים, זי — אין אַ שיינעם באָד קאָסטיום, מענער קוקן איר נאָך מיט הונגעריקע אויגן. זי האָט דאָך שוין כמעט פאַרגעסן, ווי מען פאַרברייינגט מיט אַ פרעמדן מאַנספּאַרשוין.. אַ שטיק לעבן, זינט איר מאַנס טויט, האָט זי געלעבט צווישן ווייבער. ס'האָט זיך איר פיל מאָל געדאַכט, אַז די ווייבער האָבן אָפּגעטויט אין איר די געפילן, די בענקענישן פון אַ פרוי נאָך אַ מאַן.

מאַלי איז שוין געווען אַריבער די פערציק, ווען אַ נייער פאַר־שפּעטיקטער פרילינג האָט אויפגעטויכט פאַר איר.

די זעלבע פרויען, וואָס זיינען געקומען צו איר אין סאַלאָן, האָבן ניט איינמאָל דערציילט מיט אַ ברען: האָסט געהערט פון דער און יענער? זי האָט דאָך אָנגעטראָפן אויף אַ שמאַלץ־גרוב; ביי זיך אין האַרצן האָט זיך מאַלי ניט פאַרגליכן צו דער און יענער; וואָס איז זי און ווער איז זי אַזוינס, זי זאָל זוכן. זי האָט געשמייכלט צו זיך: איך וועל זיך ניט אַוועקשטעלן אויפן מאַרק צום פאַר־קויפן. איך פאָר נאָר געניסן פון דער זוניקער פלאָרידאַ און אביסל

אָפּכאַפּן דעם אָטעם, קומען צו זיך. זאָלן מיינע זין האָבן אַ שיינע מאַמע, ניט קיין אויסגעמאַרעט פּערדל...

עס איז פאַר איר ניט גרינג געווען זיך אָפּצוזעגענען מיטן געשעפט, וואָס האָט איר געהאָלפן אויסהאָדעווען צוויי קינדער, ניט אָנקומען צו קיינעם. אָבער זי האָט דערפילט, אַז זי קאָן שוין לאַנג ניט אָנגיין מיט איר אַרבעט. דער סאַלאָן האָט צופיל אויס־געזויגט איר קערפּער און נשמה.

ווען מאַלי איז, נאָך אַ קליינעם אָפּרו, אַוועק איבער די געשעפטן איינקויפן קליידער, האָט זי געפילט, אַז זי טוט עס פאַר דער מאַלי, וואָס האָט יאָרנלאַנג ניט געוואוסט פון קיין אָפּרו. די געוואוינהייט צו מאָדעלירן, זיך צו מאַכן ווי אַ שילד פאַר איר „פירמע", האָט זיך איר נאָכגעשלעפּט. ווען זי האָט ענדלעך דערגרייכט די זוניקע פלאָרידאַ, האָט זי זיך אַליין דערזען און דערפילט.

פלאָרידאַ האָט מאַלין פאַרכשופט. אַזויפיל זון, ליכט און אַזוי־פיל צייט! דאָס איז דאָך שענער און בעסער ווי די שענסטע חלומות!

זאָל עס זיין טאַקע זי? אָט־די, וואָס מ'זעט אין שפּיגל מיט די ליכטיקע אויגן און רואיקן שמייכל? זי האָט זיך פאַרגליכן, ווי זי האָט מיט אַ צייט צוריק אויסגעזען און ווי זי זעט איצט אויס. ס'האָט איר אַרומגענומען אַ רחמנות אויף זיך, און אויף אַזוינע ווי זי, וואָס לעבן אָפּ אַ ניט געלעבט לעבן!

די ערשטע פאַר טעג אויפן וואַרעמען זאַמד ביים ים ברעג פון מיאַמי, איז מאַלי געווען ווי אין אַ טראַנס. די פרויען וואָס האָבן געוואוינט מיט איר אין האָטעל, האָבן פאַרדעכטיקט, אַז זי איז ניט מיט אַלעמען. זי איז אַביסל פאַרטראַכט. אָבער ווען מאַלי האָט זיך אין איין שיינעם טאָג באַוויזן צווישן זיי אַן אויסגעניכטערטע, פול מיט שמייכל, האָבן זיי איר באַלד אַריינגענומען אין זייער קרייז. טאַקע דאָרטן, צווישן די „גוד־טאַימערינס", האָט זי אים געטראָפן..

צום ערשטן, ווען מען האָט מאַלין אָנגעוויזן אויף דעם ברייט־פּלייציקן, שוואַר־פּיסיקן יידן, מיט די קליינע, ווייסע אייגעלעך און דער הענגענדיקער אויבערשטער ליפּ, וואָס מאַכט אים אַביסל אָנגע־בלאָזן, אָנגעברוגזט, און פאַרשעמט, — אַז מען האָט איר געזאָגט: „איר זעט דעם קאַוואַליער? ער איז צום האָבן" .. — האָט עס איר אַ ברען געטאָן, און זי איז גרייט געווען צו זאָגן די ווייבער, וואָס זי טראַכט וועגן זיי: זי האָט זיי געהאַלטן ווי ליידיקע, פּוסטע

קעפּ, וואָס האָבן ניט וואָס צו טאָן, נאָר נעמען יענעם אויף די ציין...
צי וואָס האָט זי בכלל זיך געדאַרפט באַגעגענען מיט זיי? זי איז
דאָך אַנטלאָפן פון אַזעלכע! באַלד האָט זי זיך געכאַפּט: אַזויפיל
יאָרן געוואַרט אויף דער וואַקאַציע, און טאַקע אויפן עיקר — אַרויס־
צורייסן זיך פון איר אָרעמקייט, און אַ קול האָט איר שטיל אונטער־
געזאָגט: מאַך ניט קיין אָנשטעל, ביסט דאָך געקומען אַהער מיט
האָפנונג עפּעס צו געפינען...

זי האָט די ווייבער גאָרניט געענטפערט. זי האָט זיך געמאַכט,
ווי זי האָט ניט געהערט וואָס זיי האָבן צו איר גערעדט. מיט אַ טאָג
שפּעטער, ווען די רויטע זון האָט זיך גענומען קילן, אויפן ביטש
איז געוואָר שיטערער, און אַ טייל פּרויען פון האָטעל זײַנען אַוועק
שפּילן אין קאָרטן, אָדער געגאַנגען צו „דעיטס״, — דעמאָלט
האָט שוין מאַלי דערפילט אַ לאַנגווייל; וואָס קאָן זי טאָן? שפּילן אין
קאָרטן? זי קאָן ניט די מלאכה. אין מיטן פון איר טראַכטן איז
„ער״ אויסגעוואַקסן הינטער איר פּלייצע. זי האָט זיך אַביסל פאַר־
לאָרן, ווי ער וואָלט אונטערגעהערט אירע געדאַנקען. זי איז שוין
גרייט געווען אים צו זאָגן, אַז איר איז גאָרניט אומעטיק, זי מוז,
אייגענטלעך, ערגעץ אַוועקגיין, אָבער ער האָט איר ניט געגעבן קיין
צייט צו ריידן. ער האָט איר אָנגעבאָטן גיין מיט אים עסן מיטאָג, ווי
ס'וואָלט געווען אַ פאַרשטענדיקע זאַך. ער האָט איף איר געקוקט
מיט אַ מין באַהאַלטענער פרייד און געזאָגט, כמעט מיט אַ קנאַק
פון דער צונג: „איר זעט אויס פּרעכטיק!״ זײַן קיילעכדיק פּנים
איז בעת מעשה געוואָרן נאָך קיילעכדיקער. זײַנע הענט זײַנען געלאָפן
אין די קעשענעס, פון די קעשענעס, ווי זיי וואָלטן דאָרטן
געזוכט נייע ווערטער.

מאַלי איז ניט געווען די איינציקע אין רעסטאָראַן, וואָס איז
געזעסן מיט אַן אַלטן מאַן. ס'זײַנען דאָרט געווען נאָך יינגערע
ווייבלעך מיט עלטערע מענער. דער אַלטער האָט געוואוסט וואוהין
זי צו נעמען. זי האָט געזען, אַז דער אַלטער האָט אַן אָפענע האַנט
און אַ גוטן נאַכגיביקן שמייכל; אַז ער איז דאָ, אינעם רעסטאָראַן
ניט קיין פרעמדער. ער איז בכלל גאַנץ פיין איינגעבירגערט אין
מיאַמי. קאָנטיק, אַז ער האָט דאָ גוטע געשעפטן.

מאַליס באַגלייטער האָט זיך אין יענעם אָוונט אָנטפּלעקט פאַר איר
אין אַלע זײַנע קאָלירן, די שיינע און איבלדיקע...

זיין נאָמען איז געווען מר. קארסאַן. שוין אַ סך יאָרן אַז ער איז געווען אַן אלמן. ער פאַרמאָגט אין די בראָנקס אַ גאַנצע גאַס מיט הייזער. פון וואַנען קומט צו אים אַזאַ רייכקייט? ס'איז אַ לאַנגע מעשה. ער האָט געהאַט אַ שפּייז-קרעמל, געשפּאָרט, געזאַמלט, געלעבט אין אָרעמקייט, אַליין געטאָן אַלע אַרבעטן און — זאָל זי ניט מיינען, אַז אַ שפּייז-געוועלבל קאָן ברענגען גליקן. נאָר גאָט האָט אונטערגעשיקט דעם קריג. ער האָט פון זיינע אָפּגעשפּאָרטע פאַר טויזנט דאָלאר גענומען קויפן הייזער. געקויפט און פאַרקויפט, אין איין ווינטער האָט ער דריי מאָל געקויפט און דריי מאָל פאַרקויפט די זעלבע הייזער. וויאַזוי האָט ער זיך אויסגעלערנט די חכמה? געלט לערנט שוין! זיין ווייב האָט, נעבעך, ווייניק גענאָסן פון זיין רייכקייט. זי האָט ניט געוואָלט אויפרייסן לייטישע אויגן, ניט געוואָלט אפילו אָנטאָן דעם מינק-מאַנטל, וואָס ער האָט איר געקויפט פאַר גאַנצע צוועלף הונדערט דאָלאַר. נו — וואָס ווייטער? — איז דער מלאך־המות געקומען איינס־צוויי, און אויס! מר. קארסאַנס אָנגעבלאָזענע ליפּן האָבן געציטערט. ער האָט געקוקט אויף זיינע העלע, פּוכקע הענט, און מאַלין האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט ווי אַ טרער פאַלט אַראָפּ אויף זיין ווייסער זיידענער העמד. זי איז געווען גערירט; ס'טוט אים וויי, וואָס זיין ווייב האָט ניט געקענט געניסן פון זיין עשירות. וואָס זי איז אויסגעשטאַנען ביז ער איז רייך געוואָרן!

פאַרטיק געוואָרן מיט דערציילן, האָט ער אָנגענומען איר האַנט און מיט פייכטע אויגן געקוקט אויף איר. אין זיין בליק איז געווען צער און בעטלענדיקער רחמנות. זיין פּנים האָט איר דערמאָנט אין אַ הונט, וואָס שטייט ביים טיש און וואַרט מען זאָל אים עפּעס אַראָפּוואַרפן פון טיש. זי האָט געטראַכט: וויפיל פּנימער איין מענטש קאָן אויף זיך אָנטאָן!...

אויף מאָרגן איז שוין מר. קארסאַן געזעסן לעבן איר אויף דער וועראַנדע. ער האָט שוין ניט אויסגעזען אַזוי אומגעלומפּערט, ווי פריער. ער איז געווען געקליידט עלעגאַנט. ער האָט איר פאָרגעשלאָגן זי זאָל אים באַגלייטן אויף אַ שפּאַציר צום ים, און אויך געפרעגט צי איז זי אַ בעלן אויך היינט גיין מיט אים עסן. זי האָט זיך ניט געאיילט מסכים צו זיין, אָבער ער האָט שוין די הסכמה ביי איר אַרויסגעקראָגן, און כאָטש ער איז געווען אביסל פאַרדראָסיק,

וואָס ער האָט מיט אַ זיכערקייט אָנגענומען איר איינשטימיקייט, האָט זי זיך ניט געוועלט: גוט, זי וועט מיטגיין!

ביידע זיינען באַלד געווען ביי מענשן אין די מיילער. די ווייבער האָבן גערעדט: זי איז שוין גאָרניט קיין נאַר! און די מאַנסבילן האָבן געזאָגט: אַן אַלטער, האַ? און ער האָט זיך צוגעקליבן אַ ווייבל אַ פאַרשוין! וואָדען, אַז גאַנץ טיפּעני סטריט איז ביי אים אין קעשענע. ווער קאָן זיך צו אים גלייכן?

שפּעטער האָט ער זיך שוין ניט געדאַרפט בעטן. זי האָט שוין אויף אים געוואַרט. יעדן טאָג האָט ער איר איבערראַשט מיט עפּעס שענערס, בעסערס. וואו זיי זיינען געקומען האָט זיך פאַר איר אַנטפּלעקט אַ ניט־געחלומטער לוקסוס.

מר. קאַרסאָן האָט פריער פאַר זיין דאַמע געעפנט אַ פאַרטקעלע, און נאָכדעם אַ גאַנצע טיר פון אַ צויבער־וועלט! רייזעס אויף יאַכט־שיפן, קאָנצערטן, טענץ. אַלץ איז געווען רעשיק. איין רייכקייט האָט איבערגעשטיגן די צווייטע. ס׳איז געווען אַ קאָנקורענץ פון רחבות און תענוגים.

זי האָט זיך ניט געלאָנגווייליקט מיט אים. זיי זיינען קיינמאָל ניט געווען אַליין. מאַלי האָט ניט געטראַכט פון די נעכטנס און ניט פון די מאָרגנס. זי האָט פאַרגעסן אין איר עלטער. די ים־כוואַליעס האָבן געשלונגען די יאָרן. זי האָט זיך דערפילט גרינג, ווי צום פליען...

עס זיינען דערוויילע אַוועק מער טעג און וואָכן אין פלאָרידאַ, ווי מאַלי האָט פריער געפּלאַנט. אירע פינאַנצן האָבן זיך גענומען אויסשעפּן, און כאָטש דער סעזאָן איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט, איז שוין אין האָטעל געוואָרן אביסל לײדיק. אַ קאַלטער חווק האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר מאַלין: וואָס, צוריק אַהיים? צוריק צו די ווייבערשע קעפּ אין סאַלאָן. אַ וואָלקן האָט זיך פאַרצויגן איבער איר פון זון־פאַרברוינטן און אויסגערוטן פּנים.

מר. קאַרסאָן האָט זיך אויך גענומען קלייבן אַהיים. ער איז געשטאַנען איבער איר און גערעדט ווי אַ געשעפטסמאַן. ער קאָן איר צוזאָגן אַ סך פריידע, האָט ער געזאָגט. ער האָט מער געלט וויפיל ער קאָן פאַרנוצן. זיין איינציקער זון איז רייך און דאַרף ניט זיין געלט. ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיי ביי אים, ווי די „קווין שיבאַ". זי וועט האָבן אַ שיינע שטוב, אַ דינסט, צירונג — ער

האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל דימענטן — „זעסט אָט־דאָס? איך וויל ניט וויסן דיינע יאָרן, און דו פרעג ניט מיינע...״

מאַלי האָט געקוקט אויף זיין ברייטן, גוידערדיקן פּנים. זי האָט געזען ווי נאָך יעדן וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס ציטערט ביי אים די אונטערשטע ליפּ; געזען ווי ער קוקט איר גלייך אין די אויגן, וויל ניט פאַרלירן קיין איין צוק פון איר פּנים, זוכט אַלץ אויפכאַפּן, ווי איינער, וואָס גייט איינהאַנדלען אַ מציאה און וויל זיין זיכער, אַז מען וועט אים ניט אָפּנאַרן...

ווען זי האָט דערזען ווי זיין פּנים צעשטראַלט זיך, ווייל ער נעמט איר שוויַיגן אָן, ווי אַן איינשטימיקייט, — האָט זי אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. אַ פיינלעכער פּאַרדרוס האָט זי אַרומגענומען: שוין, ער פרייט זיך שוין... און זי האָט געפילט, ווי קליינע ווערעמלעך וואַלטן געקראָכן איבער איר לייב... באַלד האָט זי זיך אָבער אין געדאַנק געפרעגט: צוריק צו דער אַרבעט? צו די קעפּ, די פריזורן ביז שפּעט אויף דער נאַכט? און ביז וואַנען איז דער שיער צו הערן וועגן יענעמס גליק און אַליין קום זיך דערשלעפּן אַהיים, אַרויסציען פון זיך דאָס לעצטע ביסל קליאַק פון די ביינער? — ניין! צוריק — ניט!

מאַלי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט צוויי פאַרשיידענע געפילן. פון איין זייט, אַ געפיל פון דערלייזונג: אויס מיטן „ביוטי סאַלאָן!״, אויס מיט די ווייבערשע קעפּ! דאָס האָט איר אָנגעפילט מיט אַ מין יום־טובדיקייט. און אַ צווייט געפיל: זי האָט מורא, אַז זי וועט זיך אַריינפּלאָנטערן אין אַ נעץ פון ליגן. אַ דינע, גאָלדענע נעץ, אָבער אַ נעץ!

קיין ניו־יאָרק האָט מען זיך שוין צוריקגעקערט ווי מאַן און ווייב. שטיל, אָן שום טאַראַראַם, האָט מאַלי איבערגעשפּרייזט דעם גרויסן מהלך פון א אומבאַדייטנדיקן ביוטי סאַלאָן אין אַ פאַרוואָרפן געסל, ביז ריווערסייד דרייוו. ס׳איז געווען — פאַלג מיך אַ גאַנג!

מאַלי האָט פונדעסטוועגן געפילט, אַז דאָס האָט ער געמאַכט דעם גוטן געשעפט, ניט זי. שוין צוויי חדשים, ווי מאַלי הייסט מרס. קאַרסאָן. קאַרסאָן האָט ניט איבערטריבן מיט זיין רייכקייט. ער האָט פאַרמאָגט מער ווי ער האָט איר אַריינגעגעבן אין נדן. אין זיין פּערזאָן האָט זי זיך אויך ניט גענאַרט. ער איז געווען ווייך, אַ נעבעכל. ער האָט זיך. איר צוליב, אפילו געלערנט טאַנצן די „טאַנגאָ״.

מאלי האָט שטאַרק געלאַכט, ווען זי האָט געזען ווי דער אַלטער פּרוואווט טאַנצן מיט איר דעם עקזאָטישן טאַנץ...

אין שטוב קאָן ער, מר. קארסאן, זיך פאַרגינען צו זיין פאַר זיין „בעיבי", שטיל, ווי אַ לאַשטנדיק הינטל. אָבער ווען ער קומט דאָרטן, אויף „זיין" גאַס, דאָרטן ווערט ער אַן אַנדערער, גייט מיט אַן אַנדער מין טראָט און רעדט מיט אַן אַנדער מין קול.

דאָרטן, ווען ער רעדט מיט די לאָקאַטאָרן, מיט די אַרבעטער, די פאַרבער, די פּלאָמבער, די דזשעניטאָרס; דאָרטן האַלט ער דעם קאָפּ הויך און זיינס אַ וואָרט איז געזעץ! פון הויז גייט ער אַרויס מיט שטילע טריט, אָבער ווי נאָר ער דערזעט דעם שאופער, איז ער שוין מער ניט דער שטילינקער אַלטער מאַן. ער איז שוין דער באָס!

ערשט צוויי חדשים ווי זיי לעבן צוזאַמען, אָבער די צייט ציט זיך לאַנגזאַם און כאָטש זי פאַרברענגט ווייניק אין הויז, זיינען די טעג פּוסט... בלויז צוויי חדשים און וואָס ווייטער? אַן אומעט, אַ בענקשאַפט נאָך עפּעס נאָגט אירע גלידער. אירע אויגן וואַנדערן איבערן רחבותדיקן צימער. אַ זון־שפּליטער, ווי אַ שטיפעריש קעצל, שפּילט זיך אויף איר נאַקעטן פוס... ער איז שוין אַוועק? גוט וואָס ער איז שוין ניט אין הויז. זי וויל זיך איבערצייגן, צי ער איז טאַקע שוין אַוועק פון שטוב, טוט זי אַ קלונג מיט אַ קליין גלעקל, וואָס איז אויפן טישל צוקאָפּנס לעבן דער בעט. עס קומט אריין אַ יונג, שלאַנק מיידל מיט אַ גלאָז פרוכט־זאַפט. דאָס מיידל איז אַ ברוינהויטיקע, מיט גלאַטע, בלוילעך־שוואַרצע האָר און אַ קליין, חנוודיק פּנימל. זי גייט אויף די שפּיץ פינגער, וויגט זיך אין גאַנג און איז ציכטיק אַנגעקראַכמאַליעט, ווי זי וואָלט זיך נאָר־וואָס אויסגעפּוצט פאַר איר מאַדאַם. זי דערלאַנגט מאלין די גלאָז און קוקט מיט אַ זיסן שמייכל. מאלי איז מקנא דער מיידל איר גרינגקייט, איר פלאַטערדיקייט, און ס'דאַכט זיך איר, אַז דאָס מיידל קוקט אויף איר מיט שפּאָט אין די אויגן. זי וואָלט איר וועלן עפּעס זאָגן, איר אָנווייזן איר אָרט, אָבער זי זאָגט גאָרניט. זי הייסט דער מיידל אַוועקשטעלן די גלאָז אויפן טישל און פרעגט איר, צי איז דער באַלעבאָס אַרונטערגעגאַנגען. דאָס מיידל ענטפערט, אַז יאָ, און מאַלי גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַ צייכן אַז זי קאָן שוין גיין. ווען דאָס מיידל דערווייטערט זיך, קוקט זי איר נאָך מיט אַ שטייף־פאַרמאַכט מויל און עס צופּט איר עפּעס אין האַלדז...

עס פּאַרדריסט דער מאַדאַם קאַרסאַן, וואָס זי האָט זיך געהייסן צוטראָגן די זאַפּט צום בעט. עס דאַכט זיך איר, אַז ס׳מיידל האָט געקוקט אויף איר , ווי זי וואָלט געוואָלט פרעגן: פון ווען אָן ביסטו עס געוואָרן אַזאַ פּריצטע? פאַרוואָס עפּעס דיר דערלאַנגען די פּרוכט־זאַפּט אין בעט? עס נעמט מאַלין אָן אַ פאַרדרוס אויף זיך און אויפן מיידל. באַלד אָבער כאַפּט זי זיך, אַז דאָס מיידל האָט גאָרניט געמיינט. ס׳האָט זיך איר נאָר אַזוי געדאַכט. זי טראַכט: עס פּאַסט מיר טאַקע צו זיין אַ מאַדאַם, ווי אַ קאַץ אַ צילינדער...

באַלד פאַרענטפערט זי זיך אין דער מחשבה: האָב געבעטן די גלאָז זאַפּט, כדי זיך צו דערוויסן, צי ער איז שוין אַוועק. כ׳קאָן ניט פאַרטראָגן ווי ער קוקט אויף מיר... ווידער גייט איר דאָס מיידל ניט אַרויס פון געדאַנק. מאָרגן, איבערמאָרגן, איבער־איבער מאָרגן. מען וועט זיך מוזן באַגעגענען מיטן מיידלס אויגן, מיט איר מאָדנעם בליק. זי וועט זי אַוועקשיקן. נאָך היינט!

דער טעלעפאָן קלינגט: „העלאָ, העלאָ, האָני? קומסט באַלד? יאָ, יאָ איך בין באַלד פאַרטיק! גוד באַי, האָני!"

יאָ, — טראַכט מאַלי, — מען מוז דאָס מיידל אַוועקשיקן. זי אַליין קען עס ניט טאָן, אָבער ער, — ער וועט עס שוין טאָן פאַר איר. גוד באַי, האָני...

זיי האָבן זיך דערזען

פאַלין זיצט אין וואַרט־צימער אויף איר שטענדיקן פּלאַץ, אויף אַ באַנק, וואָס איז די לעצטע ביי דער טיר און די ערשטע ביים אַריינגאַנג. ווען פאַלין קומט אַריין און טרעפט עמיצן זיצן אויפן בענקל, הייבט זיך יענער אויף, ווייל ער ווייסט אַז דאָס אָרט געהערט איר. פאַלין זעצט זיך אַוועק אויף איר פּלאַץ, צו וועלכן זי טרעפט, לויט דער צייט, וואָס עס נעמט איר צוצוגיין פון טיר ביז זי בלייבט שטיין.

אַ רעדל פרויען, וואָס זיצן אַרום איר, באַוואונדערן ווי געשיקט אירע פינגער אַרבעטן. זי שפּינט אויף אַ קליין רעמל, וואָס איז באַצויגן מיט אַ נעץ פון זייד און איבער דער נעץ שוועבן לאַנגע, שטאָלענע שפּיזלען, וואָס בליצן אין אירע באַוועגלעכע פינגער, ווי פייער־פליגעלעך. שנעל־שנעל לויפן די שפּיזלען, טונקען אונטער די קעפּלעך ווי אונטער וואַסער, שווימען ווידער אַרויף, פאַררייסן די קעפּלעך, ווי זיי וואָלטן וואַרטן אויף דעם קוים־באַמערקטן באַריר פון פאַלינס פינגער. אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, און עס וואַקסט אויס אַ קיילעכל די גרויס פון אַן אַרבעסל. איינס נאָך איינס, איינס נאָך איינס. און אָט זיינען שוין די אַרבעסלעך אין אַ גרופּקעלע און עס קוקט שוין אַרויס אַ לעבעדיק קנאָספּל!

און ווידער לויפן די שפּיזלען, לויפן, לויפן און אָט באַווייזט זיך אַ גרין בלעטל, איין בלעטעלע, צוויי, אַ דריטס און דאָס בלייכע, ראָזע קנאָספּל איז באַקראַנצט מיט דריי פרישע גרינינקע בלעטעלעך.

די ווייבער קוועטשן מיט די פּלייצעס, קוקן זיך איבער און איינע זאָגט: „קוקט נאָר אָן די פינגער! יעדער פינגער קוקט אויס ווי אַ קליין פאַרכשופט מענטשעלע". זיי רוקן זיך צו נעענטער צו פאַלין, וועלכע פילט אויף זיך אַלעמענס אויגן און ס'איז איר וואַרעם ביים האַרצן. זי באַנעצט די ליפּן, ציט צונויף די באַקן און דאָס גריבעלע אויף דער פיר־עקיקער מאָרדע ווערט טיפער. די ווייבער פרעגן ביי איר: „וואו האָט איר געלערנט אַזעלכע שיינע אַרבעטן?" זי פאַררויטלט זיך און זאָגט שטיל: „אַ, דאָס

איז נאָך ניט דאָס שענסטע, וואָס איך קאָן מאַכן. איך האָב שוין מיין אַרבעט געהאַט אויף אַן אויסשטעלונג!"

עס איז צוגעקומען די באַגלייטערין. זי הערט און זעט ווי פּאַלין ווערט באַוואונדערט. זי ווייס וויפיל גליק דאָס גיט איר און ווי אַ מאַמע, פרייט זי זיך מיט דעם ביסל גליק און דעם טראָפּן גוטס, וואָס ס'איז איר צוגעטיילט.

פּאַלין ווייסט אליין ניט אירע ריכטיקע יאָרן. זי איז הויך, האָט ברייטע פּלייצעס. זי גייט גלייך, מיט אַ פּאַמעלעכן, געמאָסטענעם טראָט, ווי זי וואָלט געגאַנגען אויף אַ שמאָלן וועג. דעם קאָפּ האַלט זי אביסל אין אַ זייט, ווי זי וואָלט געזוכט עפּעס אויפן פּאַלאָפּ. אירע האָר זיינען טונקל-ברוין, גלאַט און מיט אַ צאַרטער ווייכקייט ווי ביי אַ יונג קינד. זי האָט אַ ברייטלעכן מויל מיט דיקע ליפּן און טראָגט שווערע, טונקעלע אויגנגלעזער. שטענדיק טראָגט זי אויף איין שולטער איר אַרבעטס-בייטל, מיט וועלכן זי שיידט זיך כמעט קיינמאָל ניט. דער בייטל הענגט אויף אַ לעדערנעם פּאַס. אין דער זעלבער האַנט טראָגט זי שטענדיק אַ דין שטעקל. די צווייטע האַנט איז אָנגעלענט אויף איר באַגלייטערין, אָדער, ווי זי רופט זי, די פירערין.

פרידאַ, פּאַלינס באַגלייטערין, איז אַ מיטליאָריקע פרוי מיט אַן ענערגישן גאַנג, אַ טונקעלן פּנים און גוטע, וואַכע און העל-גרויע אויגן. פרידא איז מער ווי אַ באַגלייטערין פאַר דער בלינדער פּאַלין. זי איז געוואָרן אין אַ קורצער צייט אַ טייל פון איר, פרידאָס, לעבן. כאָטש זי האָט איר אייגן לעבן, האָט אַ גוטן, געטרייען מאַן, זי איז פאַר איר אַ פאַרבינדונג מיט דער לעבעדיקער, זעענדיקער וועלט. פרייוויליק האָט פרידאַ אויף זיך גענומען אַ פליכט, וואָס איז פּאַלין געוואָרן מער ווי אַ טייל פון איר לעבן. זי איז געוואָרן עפּעס, וואָס פאַרנעמט אַלע אירע מחשבות און אָפט טראַכט זי: אָן איר, וואָס וואָלט געווען?

פאַרבונדן די צוויי האָט אַ צופאַל, פאַרבונדן אפשר אויף שטענדיק.

פרידאָס מאַן איז אַן אַרבעטער. אַזאַ אַרבעטער, וואָס האָט זיך מער ווי צו חיונה ניט דערשלאָגן. זיין אַרבעט איז געווען אַ פּראָסטע, ניט קיין קוואַליפיצירטע. עס איז אַזאַ אַרבעט, וואָס יערע פאַר הענט קאָן זי פאַרבייטן. ער איז שוין אַ מענטש אין די יאָרן.

קיין אַמעריקע איז ער געקומען אין אַ שווערן קריזיס־יאָר, האָט זיך אַזויפיל אָנגעליטן, אָנגעהונגערט, אָנגעפרווירן, אויסגעוואַלגערט אין אומזיסטע נאַכט־לעגער־הייזער, אַז ער איז פאַרבליבן אַ דער־שראָקענער און דערשלאָגענער. ווען ער האָט זיך נאָך אַ סך מאַטערניש דערשלאָגן צו אַן אַרבעט, וואָס האָט אים געגעבן ברויט, אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ גאַנצע פּאָר שיך, איז ער געווען גליקלעך, און האָט מיט שרעק געקוקט אויף צוריק, אויף יענע הונגער־טעג, וועלכע זיינען אים אַזוי אַריין אין די ביינער, אַז ער האָט זיך קיינמאָל אינגאַנצן פון דער שרעק ניט באַפרייט.

אַ מענטש מיט קליינע אַמביציעס, האָט ער זיך באַנוגנט מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט. דער עיקר איז פאַר אים געווען דאָס ווייב, זיין גוטהאַרציקע, טייערע פרידאַ. זיין גרעסטע אַמביציע איז געווען: פרידאַ זאָל ניט אַרבעטן אין שאַפּ. ער האָט געפּועלט און ס׳האָט אים גליקלעך געמאַכט.

געווען צייטן, ווען פרידאס פאַרדינטע עטלעכע דאָלאַר וואָלטן צונוץ געקומען, געהאָלפן צאָלן דירה געלט, אָדער קויפן אַ נייעם אָנצוג. קיין צופיל נויט האָט מען אָבער ניט געליטן. אין סלעק איז געווען וואו צו באָרגן. איר, פרידאַן, איז אָבער דאָס האַרץ אויס־געגאַנגען אַליין צו פאַרדינען עטלעכע דאָלאַר. זי האָט געוואוסט, אַז מיט אירע הענט וואָלט זי איינס־צוויי זיך אויסגעלערנט אַ פאַך, אָבער אַז מענדל, איר מאַן, האָט געזאָגט: „ניין!" איז — ניין. זי האָט געטראַכט: אויב איר זיין אין שטוב מאַכט אים גליקלעך, זאָל זיין אַזוי!

איינמאָל האָט זי איבערגעלייענט אַזאַ אַנאָנס אין דער צייטונג: מען פאַרלאַנגט אַ פרוי, וואָס זאָל פירן אַ בלינד מיידל, עטלעכע מאָל אַ וואָך, צו דער שול פאַר בלינדע און צוריק. דער אַנאָנס האָט פרידאַן אָנגערירט ביים האַרצן: זי האָט גענוג צייט, און יענע איז נעבעך בלינד! נאָך איידער זי האָט דערציילט מענדלען, און נאָך איידער זי האָט געוואוסט, אַז ער וועט איינשטימען, זי זאָל גיין צו דער בלינדער איז זי דורכגענומען געוואָרן מיט אַ טיפן מיטגעפיל צום מיידל. זי האָט זיך קוים דערוואַרט מענדל זאָל צוריקקומען פון דער אַרבעט. ווען ער האָט אָפּגעגעסן, האָט זי אים אונטערגערוקט די צייטונג און געקוקט אויף זיין פּנים, געוואָלט זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס שטיקל נייעס וועט מאַכן אויף אים.

מענדל האָט פּאַמעלעך געלייענט, זיך ניט געכאַפּט וואָס זיין ווייב איז אויסן. אָבער, אַז ער האָט דערזען ווי זי קוקט אויף אים מיט בעטנדיקע אויגן, האָט ער שוין פאַרשטאַנען.

— „נו, וואָס? ווילסט זיך אָנדיינגען אַרומפירן די בלינדע?" האָט ער געפרעגט. — „עס גייט ניט אין אָנדינגען זיך" — האָט זי געענטפערט — „איך וויל באַהילפיק זיין אַן אָרעם אומגליקלעך קינד. עס גייט מיר ניט אין געלט. כ׳וועל עס ניט טאָן אויף דיין חשבון, נאָר אין דער צייט, ווען דו ביזט ביי דער אַרבעט. דעמאָלט איז דאָך דיר ניט קיין חילוק, צי איך בין אין דער היים, אָדער ערגעץ אַנדערש?" — זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט און ביידע האָבן אין דער זעלבער רגע געטראַכט: „קיין אייגן קינד האָבן מיר דאָך ניט"...

מענדל האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל, איז דורכגעגאַנגען איבערן צימער און געזאָגט: „אפשר איז טאַקע דער אָרעמער מיידל באַשערט אביסל גוטס אין לעבן, גיי, גיי, גיי!"

פאַלין איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פופצן־זעכצן. זי איז ניט לאַנג צוריק אַריינגעגעבן געוואָרן אין דער לערן־שול. מען האָט זי געבראַכט פון אַ היים פאַר בלינדע קינדער. איר בלינד־קייט האָט זיך גענומען פון אַ שווערער שקאַרלאַט־קראַנקהייט און זי האָט געליטן פון נאָך חולאת׳ן.

פאַלין האָט ווייניק געדענקט איר פאַרגאַנגענהייט. נאָר אַ ווייט בילד איז אַמאָל אויפגעשוואומען אין איר זכרון. זי איז אַ קליין מיידעלע. אין שטוב איז געווען ליכטיק. זי האָט זיך געשפּילט מיט שפּילצייג. פּלוצלונג איז זי אומגעפאַלן, די מאַמע האָט זי גע־נומען אויף די הענט, זי אַריינגעלייגט אין בעטעלע, זיך אַריבער־געבויגן איבער איר און זי געקושט. זי געדענקט דער מאַמעס הייסע באַקן, איר קול. דער מאַמעס פּנים געדענקט זי קוים. אָפטמאָל — אין חלום — דערפילט זי דער מאַמעס הענט... שפּירט ווי איר מאַמע גלעט זי. דער מאַמעס הענט זיינען וואַרעם און ווייך. זי שפּירט אויך דער מאַמעס אָטעם אויף איר פּנים, הערט ווי די מאַמע רופט זי: „פעסעלע!" זי וועקט זיך אויף און איר מאַמעס קול קלינגט נאָך אין אירע אויערן. קיינער, חוץ דער מאַמען, האָט זי ניט גערופן „פעסעלע".

ווען די מאַמע איז געשטאָרבן ווייסט ניט פאַלין. זי ווייס נאָר,

אַז ווען זי איז קראַנק געוואָרן, האָט זי געהאַט אַ טאַטן מיט אַ מאַמען. דעם טאַטן געדענקט זי אינגאַנצן ניט.

פּאָלין האָט צוויי ברידער. זיי זיינען ביידע פאַרנומענע מענטשן אין אַ געשעפט. ניט די ברידער און ניט זייערע ווייבער, האָבן זיך צופיל אַריינגעטראַכט אין דער שוועסטערס קראַנקהייט. זיי האָבן איר אָבער געהאָלפן מיט וואָס זיי האָבן געקענט. פּאָלין האָט געפילט אַ פּוסטקייט, אַן אייביקע טונקלקייט. דאָס לעבן, דאָס לעבעדיקע לעבן, איז פאַר איר קיינמאָל ניט אַנטפּלעקט געוואָרן, אַ טונקעלע וואַנט האָט זיך געשטעלט פאַר איר. די נאַטור האָט אָבער געטאָן אירס. עפּעס און ערגעץ האָט אין איר געצייטיקט, זיך געריסן. ס'האָבן פון איר זיך געריסן אומפאַרשטענדלעכע פאַרלאַנגען און אַ האַרץ־רייסנדיקער געיאָמער, וואָס האָט די שטוביקע אַריינגע־וואָרפן אין פאַרצווייפלונג.

צו יענער צייט איז פרידא געקומען. ווי נאָר פרידא האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דער בלינדערס שטוב, ווי נאָר זי איז אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָט זיך אין איר אויפגעוועקט אַ פאַרלאַנג אַריינעמען די בלינדע אין אירע אָרעמס, זי צודריקן צו זיך און רעדן צו איר ווערטער, ווי אַ מאַמע צו אַן אייגן קינד, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ מצב. אָבער, אויף צו־להכעיס, האָט זי ניט אַרויסגעבראַכט קיין איין וואָרט פון מויל. זי איז געשטאַנען און האָט זיך געצאַפּלט פון פּאָלינס הייזעריק־דערשטיקטן קול: „ווער איז דאָ? וואָס ווילט איר?" — ווי פון אַ הייסן קוואַל האָבן זודיקע טרערן געפלייצט פון פרידאס אויגן. זי האָט גענומען פּאָלינס הענט און זיי באַדעקט מיט הייסע קושן. אירע קושן האָבן גערעדט מער ווי רייד. מיט דער פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל האָט פרידא געוואונען דעם צוטרוי פון דעם עלענטן מיידל.

פּאָלין האָט געהונגערט נאָך מענטשלעכער וואַרעמקייט און פרידא האָט זיך אָפּגערופן אויף דעם הונגער. זי האָט גאָר אַליין ניט געוואוסט, וויפיל וואַרעמקייט זי פאַרמאָגט אין זיך פאַר יענעם. אין פרידאס מאַמעשע הענט האָט זיך פּאָלין דערקוויקט, ווי אַ פאַר־חלשטע פלאַנץ וואָס מען האָט אָפּגעפרישט מיט קוועליק וואַסער פרידא איז ניט געווען צוגעגרייט פאַר דער אויפגאַבע, אַריינקוקן אין די פינצטערע קאַמערן פון אַ יונג לעבן, וואָס האָט געשוועבט אין אַ וועלט פון אייביקן גאַרניט, — זי האָט דאָך מיט אירע געזונטע

חושים און שטאַרקן ווילן, געפונען מיטלען, וויאַזוי אַריינברענגען ליכט אין פאַלינס ניט־גרויזעמע טעג. זי האָט פאַלינען אַריינגענומען אין איר אייגן לעבן, זיך געטיילט מיט אירע איבערלעבונגען, אַזוי אַז פאַלין האָט זי נאָכגעפאָלגט מיט איר געדאַנק, ווי אַן אַלץ־וויסנדיקע, ווי זי וואָלט געהאַט אָפענע אויגן.

מענדל, פרידאַס מאַן, איז געוואָרן אַ שותף צום געשעפט. ער האָט געבעטן פרידאַן, זי זאָל ברענגען פאַלינען אין שטוב. ווען די בלינדע איז צום ערשטן מאָל געקומען צו זיי, האָט זיך מענדל אויסגעפּוצט, ווי ער וואָלט געוואָלט מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויפן גאַסט... פרידאַ האָט אָנגעקוואָלן פון איר מאַנס גאַסט־פריינטלעכקייט. ווען מענדל האָט דערזען ווי פאַלין שטייט אינמיטן צימער און וואַרט מען זאָל זי צופירן צו אַ שטול, איז ער געוואָרן בלאַס און זיין אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט. ער איז געבליבן שטיין פונדערווייטן און ניט געוואַגט זי אָנצורירן. ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוואוינט צו דער בלינדער און האָט זי אפילו אַמאָל אַהיים־געפירט.

פאַלין האָט ליב באַקומען מענדלס הענט. סאַראַ שטאַרקע הענט, האַרטע הענט, גוטע הענט!

די צייט איז געגאַנגען. אַ יאָר נאָכן צווייטן. פאַלין איז געוואָרן אַ געשיקטע שטיקערין און העפטערין. מיט פרידאַס הילף האָט זי באַזוכט די שול פאַר בלינדע צוויי מאָל אַ וואָך.

פּלוצלונג האָט עפּעס פּאַסירט אין פאַלינס לעבן! זי איז געזעסן אין וואַרט־צימער אַליין, פרידאַ איז ניט געווען. זי האָט געאַרבעט. די שפּיזלען זיינען געלאָפן, די אַרבעט איז געוואַקסן. זי האָט זיך געוואונדערט, וואָס זי הערט קיינעם ניט אויסרעדן אַ וואָרט. זי האָט אָבער געשפּירט, אַז עמיצער זיצט לעבן איר. עס איז איר באַפאַלן אַן אומרואיקייט. זי איז שוין געוואוינט געווען צו די באַוואונדערער, וואָס האָבן זיך געקליבן אַרום איר. ס׳איז שוין ביי איר געווען מער ווי אַ געוואוינהייט דאָס הערן באַמערקונגען אַרום זיך. זי האָט זיך באַוועגט אויף איר פּלאַץ און גערעדט צו זיך אַליין, כמעט אַן אַ קול: „פאַרוואָס זאָגט מען גאָרניט?" — באַלד האָט זיך אָפּגערופן אַ קול: „איר ווילט עפּעס? וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך?" זי האָט זיך אַביסל פאַרשעמט און געפרעגט: „ווער איז דאָ?" און

דאָס קול האָט געענטפערט: „איך בין דאָ!" — „און ווער זייט איר?"
— „איך וואַרט, מען זאָל מיך קומען נעמען!"

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, און ניט געוואוסט אַליין פאַרוואָס זי האָט עס געטאָן. זי האָט געפילט, ווי עמיצער וואָלט זי אַראָפּ־געשטופּט פון דער באַנק. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, ווי עמיצער, דאַ־דערנעבן, רייצט זיך מיט איר און דאָס קול איז אַ מענערשער. „וואו איז פרידאַ, פאַרוואָס קומט זי ניט?" — האָט זי אַרויסגעזאָגט די ווערטער מיט אַ בלאָס קול. — „ווער איז פרידאַ?" — האָט דאָס מענערשע קול געפרעגט. זי האָט דערפילט, אַז זי געפינט זיך נאָענט לעבן דעם, וואָס רעדט צו איר און אָט וועט זי באַלד אַ פאַל טאָן אויף אים: „פרידאַ איז מיין פירערין, מיין באַגלייטערין, מיין פריינט, מיין פרידאַ!" — האָט זי זיך שוין געוואָרגן מיט טרערן. דאָס קול האָט געענטפערט: — „אַ, אָ! אַ באַגלייטערין אַ פירערין! ביסטו אויך אַזאַ ווי איך... ביסט, הייסט עס, אויך ווי איך... דו קענסט גאָרניט זען? טאָקע גאָרניט?" ער האָט אויסגעצויגן צו איר ביידע הענט, אָנגעטאַפּט איר זשאַקעטל, געזוכט איר האַנט, געפונען און שוין מיט אַן אַנדער קול געזאָגט. „האָב קיין מורא ניט! ס'איז ניטאָ וואָס זיך צו שרעקן!" זי האָט זיך אָוועקגעזעצט און איר האַרץ האָט געקלאַפּט. די שרעק האָט זיך שוין אָפּגעטאָן פון איר און ס'האָט זיך איר איצט געדאַכט, אַז זי הערט אַרויס פון זיין קול אַ געטריישאַפט. עס איז ווי איר ברודער, וואָס רעדט צו איר אַזוי ווען ער איז אין אַ גוטער שטימונג. אָט־דער איז דאָך אויך ווי זי אַ בלינדע, מאָדנע, גאָר מאָדנע!

זאָל זי אים פרעגן זיין נאָמען? ניין, זי וועט בעסער וואַרטן ביז פרידאַ וועט קומען. זי האָט אָבער ניט געקענט בלייבן זיצן אַ שווייגנדיקע. זי האָט געמוזט עפּעס זאָגן. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל ריידן און ריידן, געוואָלט הערן דאָס קול, וואָס איז ענלעך צו איר ברודעס, ווען ער איז גוט געשטימט. זי האָט זיך עטלעכע מאָל געדרייט אויף דער באַנק ווי זי וואָלט געוואָלט ציען זיין אויפמערק־זאַמקייט, און ס'איז איר געוועזן אַ שאָד, וואָס ער קאָן ניט זען איר שיינע אַרבעט. זי האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט אָבער די הענט זיינען ניט געלאָפן ווי פריער. זי האָט פאַרדעקט דאָס רעמל און אים געפרעגט: „און ווען קומט מען דיך נעמען?" ער האָט געענטפערט: „נאָך מיר קומט אַ מאַשין, וואָס קלייבט אונז צונויף. מיר

קומען פון עטלעכע פלעצער". פאַלין האָט ניט פאַרשטאַנען. זי האָט געפרעגט: „און צו וואָס קומסטו אַהער?" — „איך דאַרף זען אַ דאָקטאָר" — האָט ער געענטפערט — „איך האָב אַ קראַנקן פוס".

פרידאַ, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט, איז אַנגעלאָפן. זי האָט דערזען אינעם האַלב־ליידיקן קאָרידאָר דעם פרעמדן זיצן לעבן פאַלינען, האָט זי זיך דערפילט שולדיק און האַסטיק געפרעגט דעם פרעמדן, צי איז עפּעס ניט געשען מיט פאַלינען. זי האָט גלייך ניט חושד געווען, אַז דער, צו וועמען זי רעדט, איז אַ בלינדער. ער איז געזעסן מיט אַ גרויסן לעדערנעם טאַש אויף די קני. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּאַפּיראָס, אין דער צווייטער שוועבעלעך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין צינדן. דערהערט לעבן זיך פרידאַס טריט, האָט ער אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך ער איז גרייט עפּעס צו פרעגן. ער האָט געטראָגן, ווי זי, פרידאַ, טונקלע גלעזער, און עס איז איר גאָרניט איינגעפאַלן, אַז ער איז בלינד.

פאַלין האָט זיך צערעדט. זי האָט גערעדט גיך. איר פּנים האָט געפלאַמט, אירע ליפּן זיינען געווען נאַס. דאָ האָט זי זיך באַקלאָגט, דאָ געפרייט מיט דער באַגעגעניש. זי האָט געצויגן פרידאַן פאַר אַן אַרבל, און געפרעגט: ווי געפעלט ער דיר? ער האָט אַ וואַרעמע האַנט, ווי דיין מאַן. כ'האָב עס דערפילט, ווען ער האָט מיר געהאָלפן זיך זעצן. זיין קול איז ווי מיין ברודער נייטנס. האָסט אַמאָל געהערט ווי נייטן רעדט, ווען ער איז ניט ברוגז? רייד צו אים, פרידאַ, רייד, זאָג איך דיר, ווועסטו הערן... — דאָס מויל פון דער בלינדער מיידל האָט געמאָלן ווי אַ מיל, אָן אויפהער. אַז פרידאַ האָט איר ענדלעך געזאָגט: „עס איז צייט, מיין קינד, מיר זאָלן גיין אַהיים" האָט פאַלין ווייטער גערעדט: „פרעג אים, פרעג אים, פרידאַ, זיין נאָמען. פרעג אים אויך צי וועט ער דאָ זיין ווען מיר וועלן אַהער צוריקקומען". פרידאַ האָט אים געפרעגט, און ער האָט געזאָגט, אַז זיין נאָמען איז פראַנק. ער האָט איר דערלאַנגט אַ געדרוקט קאַרטל מיט זיין נאָמען. ער האָט אויך געזאָגט, אַז ער וועט אַהער קומען נאָכאַמאָל. ער מוז! מיר וועלן זיך נאָך זען!

פון דער באַגעגעניש איז פרידאַ אַהיימגעקומען אַ צעטומלטע. זי האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויף מענדלען. פרידאַ איז

געווען די מער וועלטלעכע און באַהאַוונטע אין לעבן, ווי ער, מענדל, אָבער ווען ס׳האָט זיך עפּעס פּאַרהאַקט אָדער ווען מ׳האָט געדאַרפט עפּעס אויפפּלאָנטערן, האָט איר מאַן, געמוזט זיין דער, וואָס האָט געהאַט דאָס לעצטע וואָרט. פּאַרט אַ מאַן!...

ווען מענדל האָט אָפּגעגעסן, פאַררויכערט די ליולקע און זיך געגרייט צו כאַפּן אַ דרימל האָט פרידאַ פאַר אים אַוועקגעלייגט די פּראָבלעם: דאָס מיידל האָט זיך, ווי אַ ווילד פערדל אַ ריס געטאָן פון שפּאַן. זי האָט פאַלינען געמוזט צוזאָגן, אַז זי וועט באַלד טרעפן דעם יונגנמאַן, וואָס איז געזעסן לעבן איר. דעריבער פרעגט זי וואָס טוט מען? פאַלין איז דאָך ווי איר אייגן קינד, ניט ווי איר אייגן קינד, נאָר טאַקע איר קינד. דאָס מיידל איז איר אַזוי איינ־געבאַקן אין האַרצן, אַזוי אַריינגעוואָקסן אין איר נשמה! איז וואָס טוט מען? ווער ווייסט ווער דער פרעמדער מאַן איז? זי פאַרשטייט אפילו, אַז פאַלין איז אויך אַ לעבעדיקער מענטש, אַ מענטש מיט אַ נשמה, מיט געפילן פון אַ פרוי, ווי קאָן זי זי אָפּרעדן פון אַזאַ זאַך? נו, איז וואָס מיינט ער, מענדל, איז עס אַ גלייכע זאַך זי זאָל ביידע בלינדע צונויפפירן? און אפשר איז עס אַ באַשערטע זאַך? ווער ווייסט?

מענדל האָט דעם ענין גוט באַטראַכט. ער האָט זיך געשאָקלט, ווי ער וואָלט געדאַרפט פסקענען אַ האַרבע שאלה, נאָכדעם האָט ער געראַטן, צום ערשטן זאָל מען אביסל צוואַרטן. מען דאַרף זיי געבן צייט. ווי זאָגט זי, פרידאַ אַליין — מען איז דאָך ניט מער ווי אַ לעבעדיקער מענטש. זי, פאַלין, האָט ניט חתונה געהאַט, איז זעסטו דאָך: אויף אַלץ קומט אַ צייט!

נאָכדעם ווי מאַן און ווייב האָבן זיך דורכגערעדט, איז מען געגאַנגען שלאָפן מיט אַ לייכטערן געמיט. אויף מאָרגן האָט פרידאַ געפּרואווט רעדן מיט פאַלינען וועגן פאַרשיידענע זאַכן, אָבער פאַלין האָט איר אַלע ווילע איבערגעשלאָגן און האָט נאָר געוואָלט וויסן, ווי ער זעט אויס. זי האָט אויך געוואָלט הערן איר מיינונג, צי איז ניט דאָס, וואָס ביידע זיינען בלינד, די גינסטיקע געלעגנהייט, אַז ביידע זאָלן אָנקניפּן אַ פריינטשאַפט? אַ זעענדיקער וועט דאָך ניט וועלן זיין איר פריינט, אָבער זי איז אַזוי גערן צו האָבן עמיצן פאַר אַ פריינט. דאָרטן, אין איר שול, זיינען דאָ בלינדע מאַנסבילן,

אָבער יענע זיינען קאַנטיק זייער יונג. פריינדלען זיך מיט די יונגע און זי בלייבט אַלעמאָל אַליין.

די גאַנצע צייט, וואָס פאַלין האָט גערעדט, איז ביי פרידאַן עפּעס געבליבן שטעקן אין האַלדז, און ס'האָט איר עפּעס געביסן און געקניפּט. זי האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף פאַלינען מיט פּיין אין די אויגן, געקוקט אַזוי לאַנג ביז פאַלין האָט עס דערפילט, מאַגנעטיש דערפילט. פון פרידאָס קוק איז איר געוואָרן וואַרעם אין פּנים. ביים געזעגענען זיך האָט פרידאַ שטאַרק געדריקט פאַלינס הענט.

זיין אמתער נאָמען איז ניט געווען פראַנק, נאָר פּייוול. ער איז אַהער געקומען אַ יונג עלנט יינגל. זיך געשלעפּט צוויי יאָר קיין קאַנאַדע און דערנאָך קיין אַמעריקע. דאָס איז געווען אַ יאָר פאַרן ערשטן וועלט־קריג. זיין אריינקומען אַהער איז ניט געווען אינגאַנצן „כשר", האָט מען אים געצהט, ער זאָל זיך אַנשליסן אין דער אַרמיי און אַזוי אַרום ווערן אַ בירגער.

געקומען אַ פרישער, אַ געזונטער מיט כוחות איבערצוקערן וועלטן. אַ פּאָר לאַנדסלייט, וואָס האָבן אים געוואָלט אַרויסהעלפן זיינען אַליין געווען אויף געהאַקטע צרות. פּייוול איז געוואָרן אַ סאָלדאַט און האָט געהייסן פראַנק קופער. איידער נאָך ער האָט זיך צוגעוואוינט צום נייעם נאָמען, איז ער שוין געווען אויף אַ שיף. וואוהין מען שיקט אים האָט ער ניט געוואוסט. אָפּזייענדיק אַכצן חדשים אויפן שלאַכטפעלד, איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די וואונד ביי אים אונטערן אויער איז ניט ערנסט. ער האָט טאַקע געליטן שטאַרקע ווייטיקן, אָבער אויף אַזאַ אומגליק — האָט ער זיך ניט געריכט.

אין שפּיטאָל האָט ער באַמערקט, אַז מען פאַרעט זיך צופיל אַרום אים. ער האָט געפרעגט דעם הויפּט־דאָקטאָר און יענער האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פּנים פול מיט צער. דער דאָקטאָר, אַ יידישער יונגערמאַן, האָט זיך אַ שטיקל צייט געקווענקלט, און דערנאָך געזאָגט: „איך האָב פאַר דיר שלעכטע נייעס, דיין אָפּטישער נערוו איז געשעדיקט. מ'קאָן דערוואַרטן בלינדקייט". ער האָט אים אָנגעזאָגט די „בשורה" און איז גיך אַוועק פון זיין בעט.

איצט האָט פראַנק דערפילט, אַז אַלץ איז ווי פאַררויכערט אַרום אים. קיין אַנדערן קאָליר ווי רויך האָט ער ניט געזען!

עטלעכע יאָר האָט געדויערט ביז ער איז אינגאַנצן בלינד געוואָרן. ביסלעכווייז איז די כמאַרע פאַר די אויגן געוואָרן דיקער, געדיכטער, נעענטער. ער האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף אויסנוצן יעדע ליכטיקע רגע, געוואוסט אַז זיינע טעג פון זען די ליכטיקע וועלט זיינען געציילטע, און ער האָט זיך געלערנט די בריל־סיסטעם און אויך שרייבן אויף אַ שרייב־מאַשין. ער האָט זיך אויס־געלערנט צו פאַררירכטן עלעקטרישע באַלייכטונג, און ביז ניט־לאַנג צוריק האָט ער נאָך געקענט פילן די זון־שטראַלן. דאָס האָט אים געגעבן אַ סך גליק. ער האָט זיך זייער ניט געוואָלט געזעגענען מיט די געציילטע זון־שטראַלן, אָבער עס איז געקומען! אין איין טאָג האָט ער דערפילט אַ היץ אויפן פנים און — חושך; גענוי ווי דער דאָקטאָר האָט אים פאָראויסגעזאָגט.

איצט איז שוין פרענק אַ מיטל־יאָריקער מענטש. ער איז הויך, שלאַנק און דאַר ווי אַ סקעלעט. זיינע האָר זיינען טונקל. ער האָט אַ פול מויל מיט ציין, און אַ שמייכל וואָס קאָן פאַרכשופן פרויען. ער האָט ווייניק געזען אין זיינע יונגע יאָרן און נאָך ווייניקער פון זיי גענאָסן. אָבער ער איז ניט דערשלאָגן. ער זאָגט: ווען ער וואָלט ניט אונטערגעקרענקט געזונטערהייט, וואָלט ער נאָך אַ סך געקענט אויפטאָן. ער פילט זיך ניט הילפלאָז און זאָגט, אַז ער זעט מער, ווי מען שטעלט זיך פאָר וועגן אַ בלינדן.

ער האָט ערנסט געטראַכט וועגן זיך פאַרבינדן מיט פאַלינען. ביז איצט האָט ער ניט געטראַכט, אַז ער וועט מיט עמיצן טיילן זיין לעבן, אָבער ער פילט, אַז פאַר פאַלינען וועט ער זיין דער זעער. ער האָט אין זיך אָנגעזאַמלט ליכטיקייט, וואָס ער וויל מיט איר טיילן. די פענסיע, וואָס ער באַקומט, איז ניט גרויס, אָבער ער קען שטענדיק אביסל פאַרדינען ביי דער זייט.

ער איז געגאַנגען געקליידט נעט, האָט ליב געהאַט פרישע לופט און לייענט אַלץ, וואָס ער קאָן קריגן אין בריל. ער האָט געלייענט אין דריי שפראַכן. ער האָט געזאָגט פרידאַן: „דענקט איר ניט, אַז פאַלין וועט דורך מיר אויך עפּעס דערזען? פאַרוואָס זאָל זי ניט טיילן מיט מיר דאָס ביסל, וואָס איך האָב געהאַט דאָס גליק זיך אויסצולערנען? אַ בלינדער מעג זיך אויך פאַרגינען צו האָבן עפּעס פאַרוואָס צו לעבן?"

בעתן רעדן האָט ער אויסגעזען ערנסט, כאָטש פון צייט־צו־צייט

האָט ער געשמייכלט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, ער וויל וויסן וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינען ווערטער מאַכן אויפן צוהערער.

דאָס פּאָרל האָט זיך גענומען טרעפן עטלעכע מאָל אַ וואָך. פאַלין האָט אויפגעלעבט. אַלע אירע גלידער האָבן אויסגעדריקט די באַלעבטקייט. זי האָט געהאַלטן אין איין פרעגן ביי פרידאַן: „האָט ער מיך טאַקע ליב? דו זעסט עס? ווי אַזוי זעסטו עס?" פון די פראגעס איז זי איבערגעגאַנגען אין אַ טאָן פון ענטפער: „ער איז טאַקע אַ סך עלטער פון מיר. ער האָט עס מיר אַליין געזאָגט, אָבער אין זיין קול איז ניטאָ קיין אַלטקייט..." זי האָט געפרעגט: „און דיין מאַן, פרידאַ, איז אויך עלטער פון דיר?"

אין פאַלינס אָפּגעצאַמטער וועלט האָבן געוועלטיקט ווייניק מענטשן, און פון אָט־די ווייניקע האָבן צו איר געשטראָמט די שטראָמען פון דער לעבעדיקער וועלט, וואָס האָט אין אירע געדאַנקען אָנגענומען פאָרמען און קאָלירן, וואָס זי האָט געוואָלט איבערגעבן אין ווערטער. די ווערטער האָבן געקלונגען קינדעריש צוליב איר מאַנגל אין שפּראַך־אויסדרוק. אַנדערש, גאָר אַנדערש איז געווען פרענקס וועלט. אין פאַרגלייך מיט פאַלינען, האָט פראַנק אויס־געזען ווי ער וואָלט זיך בלויז צייטווייליק אָפּגעטיילט פונעם לעבן, אָבער דורך איר, דורך פאַלינען, וועט ער זיך צוריק פאַרבינדן מיטן לעבן און זי, פאַלינען, מאַכן זען דורך זיינע ניט־זעענדיקע אויגן. ווען ער האָט גערעדט מיט איר האָט ער זי געפירט דורך אַ וועלט מיט קאָלירן. פון דער וועלט האָט ער געשעפּט און זיך מיט איר געטיילט.

דער קאָליר אין אירע באַקן האָט זיך געביטן. אָט האָבן אירע באַקן אויפגעפלאַמט מיט אַ צונטער־רויטן קאָליר און אָט האָבן זיי זיך פאַרצויגן מיט אַ גרוילעכער בלייכקייט. זי האָט זיך געקלאַמערט אין זיינע הענט, ווי זי וואָלט געוואָלט זיכער מאַכן, אַז ער וועט זיך ניט לאָזן אַוועקיאָגן פון איר. איר שטומע מורא האָט זי איבערגעגעבן צו פרענקן דורך די הענט. ער האָט דערפילט איר קינדערשע אומבאַהאָלפנקייט, דערפילט אַז זי זוכט ביי אים שוץ און ער האָט געדריקט אירע הענט מיט אַ צערטלעכקייט, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעקליבן דורך די יאָרן. איז גוט געווען צו פילן,

אַז עמיצער דאַרף אים, אַז ער לעבט ניט אומזיסט! ער האָט באמת דערפילט, ווי נויטיק ער איז פאַר דער בלינדער מיידל...

פרידאַ איז געווען גליקלעך ווי אַ געטרייע מאַמע און מענדל האָט זיך געפילט ווי אַ מחותן. זי איז דאָך געווען זייער אייגן קינד! זיי האָבן דען געהאַט עפּעס נעענטערס? אָבער דער עיקר איז די גאַנצע זאַך געווען פאַר זיי אַ נס. זיי האָבן דאָך פאַרט איינע די אַנדערע דערזען — און דאָס איז גענוג.

דער גלגול פון אַ וועגעלע

אין אַ שיינעם יוני־פרימאָרגן האָט דער שווייצאַר אין בלויען מונדיר מיט זילבערנע קנעפּ אַרויסגעפירט פון אַ שפּאָגל־ניי הויז אַ קינדער־וועגעלע, באַגלייט פון אַ „נוירס״.

די גאַס, „סענטראַל פּאַרק וועסט״, איז שוין געווען לעבעדיק־רירעוודיק, אָבער ווען די פאַרבייגייער האָבן דערזען דאָס וועגעלע, האָבן זיי פאַרלאַנגזאַמט זייער רעשיקן גיין. אַזאַ פּרעכטיק קינדער־וועגעלע האָבן זיי נאָך קיינמאָל ניט געזען!

„האָסטו אַמאָל געזען אַזעלכעס?״ — האָט אַ נעגער פרוי געפרעגט ביי איר חברטע.

„ניין, ניט איך און ניט מיין באָבע־זיידע״, — האָט די צווייטע געענטפערט. זיי האָבן געקוקט פון דער נאָענט, זיך דערווייטערט, און באַטראַכט דאָס וועגעלע פון דער ווייטן, און געזאָגט: „אַז זיי ווערן גאָר משוגע, ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט זייער געלט!״.

די „נוירס״ האָט זיך געפילט געהויבן. אַלע האָבן געקוקט אויף איר וועגעלע און געשמייכלט צו איר, ווי עס וואָלט געווען איר דערפינדונג. דער אמת, אַז אַביסל האָט זי זיך דערשראָקן, ווען זי האָט דאָס „אויסטראַכטעניש״ דערזען. ווען מען פרעגט ביי איר, וואָלט זי דער יונגער מאַמען זיכער ניט געראָטן צו באַשטעלן „אַזאַ מין פאַרשוין״, וואָס שרייט געוואַלד מיט זיין אויסזען, רייסט די אויגן מיט זיין אַנדערשקייט.

די „נוירס״ איז קיינמאָל ניט אַליין. אַלע ווילע קומט עמיצער אַנדערש צו צום וועגעלע, טאַפּט דאָס האַלץ, באַוואונדערט די רעדלעך, דאָס אויסגעבעטעכץ, די טייערע שפּיצן, וואָס באַפּוצן דאָס קישעלע, און דאָס צודעקל, וואָס איז געקומען אַזש פון איטאַליע.

עס האָט זיך דערהערט אַ פּיפּס פון דעם ניי־געבאָרענעם פייגעלע. די „נוירס״ האָט זיך געפרייט, וואָס איצט וועט זי זיך קאָנען אויסדרייען צו די קוקער מיט דער פלייצע. דאָס קליינע נפשל, אַ ראָז, אַ דורכזיכטיקס, זעט אויס אַזוי קליין צווישן דעם אָנגעבלאָזענעם באַפּוצעכץ, אַז קוים וואָס מען זעט עס אַרויס.

עס דרייט מיטן קליינטשיקן קעפּעלע, מאַכט מיטן פּיסקעלע און וויל ניט עפענען קיין אויג. עס וויל מסתמא אַ טרונק מילך. אָט קריגט עס, באַלד!

די „נוירס" נעמט ארויס פון אַ בייטל אַ פלעשעלע, טראָגט צו דאָס גומקעלע צום קינדס מיילעכל, אָבער דאָס קליינטשיקס קאָן זיך ניט דערוואַרטן, שטופּט עס אַריין אין ברעקל פּיסקל אַ קולאַקל וואָס זעט אויס ראָז, קליין, ווי אַ יונג ציבעלקעלע.

דער טראַטואַר איז ברייט און זויבער. די געביידע פון ווייסן, גלאַטן מאַרמאָר; די שפּיגלען און דאָס פלוש אין פאָדער־צימער; די באַדינער אין די ליווירטע קאָסטיומען; די אַנגעקראָכמאַליעטע, זויבערע „נוירס" — אַן אייז־קאַלט בילד!

עס איז אַן אַנגענעמער סוף־יוניקער פרימאָרגן. מענטשן איילן צו דער סאַבוועי. דער פּאַרק איז פול מיט מענטשן. די באַקאַנטע „פּאַרקיסטן", ווי זיי וואָלטן געוועזן אויסגעהונגערט נאָך אביסל זון, שעפּן די וואַרעמקייט מיט אָפענע מיילער און שמייכלען צו דער זון מיט אנערקענונג. אַ יונגע פרוי, וואָס זוכט אַן אָרט אויף אַ באַנק, קומט צו. אַלע ווי איינער פרעגן די זיצער: „וואָס איז דאָס?" און עמיצער ענטפערט: „וואָס הייסט, וואָס? — אַ קינדער־וועגעלע!".

די פרוי, וואָס שטופּט דאָס וועגעלע דערפילט אויף זיך אַלעמענס אויגן, ווי זיי שטעכן זי דורך. זי וואָלט זיך גערן אומגעקערט, ווייסט זי אָבער, אַז זי וועט זיך פון די דאָזיקע בליקן ניט קענען אויסבאַהאַלטן, און וואוהין זי זאָל ניט גיין וועט זי טרעפן די קוקער. וואָס טוט מען? זי דערזעט אַ גרויסן שטיין: „אפשר דאָרטן?" זי לאָזט זיך גיין. עס באַגלייטן זי די דערעסענע שטימען פון באַוואונדערונג: „אָט, אַ וועגעלע! איר האָט שוין אַמאָל געזען אַזוינס? איך ניט!" — זאָגט איינער. — „אַ נייע אויסטראַכטעניש! ווי קומט צו אזעלכער, וואָס וואוינט דאָ, צווישן „נאָש־בראָט", אזא מין אַנטיק? עס פּאַסט זיך פאַר די ראָקפעלערס!" — זאָגט אַן אַנדערער.

אָט־די ווערטער נעמען צו דאָס געזונט ביי דער מאַמען, וואָס שטופּט דאָס נגידישע וועגעלע. די באַזיצערין פונעם אַנטיק מוז נאָך צושמייכלען מיט דאנקבאַרקייט צו איר לאַנדספרוי, וואָס האָט איר צוגעשאַרט דעם אוצר.

די לאַנדספרוי האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט פאַר איר באַקומען

אַ וועגעלע „צו וועלכן עס איז גאָר קיין גלייכן ניטאָ“, אָבער אַז מענטשן שטעלן זיך אַרום באַוואונדערן, ווערט איר ניט גוט. זי האָט פֿיינט זאַכן, וואָס רייסן אויף די אויגן, בפֿרט אַז די שכנים ווייסן, אַז זי איז אַ ניי־געקומענע און וואוינט מיט אַ שוועסטער אין דריי צימערן. טאָ פֿונוואַנען קומט צו איר אַזאַ וועגעלע? אָבער וואו זאָל זי נעמען אַן אַנדער וועגעלע? איר מאַן לערנט זיך ערשט אַ פֿאַך: סיידן טראָגן דאָס קינד אויף די הענט, אָדער גאָר האַלטן אין שטוב אָן לופֿט.

ווי אַזוי דאָס וועגעלע איז געקומען צו איר לאַנדספֿרוי? צו דער פֿראַגע האָט זי זיך אַפֿילו ניט געוואָלט צורירן. זי האָט זיך ניט געוואָלט דערווייסן אַזוינס, וואָס וואָלט זי פֿאַרפֿאָלגט אַ גאַנץ לעבן.

די לאַנדספֿרוי האָט איר אַמאָל דערציילט, אַז זי קאָן זיך מיט אַ פֿאַרמעגלעכער פֿרוי, און יענע פֿרוי קאָן זיך מיט איינער, וואָס איז אַ פּרעזידענטין אין אַ קלוב, וועמענס אויפֿגאַבע איז צו באַזאָרגן די „ניט פּריווילעגירטע“ יונגע מאַמעס מיט אויסשטאַטונגען פֿאַר זייערע ניי־געבוירענע, „ניט פּריווילעגירטע“ עופֿעלעך. די יונגע מאַמע האָט אַפֿילו ניט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם אַז עמיצער זאָל קאָנען באַטראַכטן אַ ניי־געבוירן קינד ווי „ניט פּריווילעגירט“. אַריינעמען איר זונעלע אין אַ „ניט פּריווילעגירטן“ קלאַס, נאָך איידער עס האָט פֿאַרזוכט די שיינע וועלט — דאָס וועט זי ניט דערלאָזן!

זי איז צוגעקומען צום גרויסן, באַרגיקן שטיין. עס איז דאָ קיינער ניט געווען. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז אַביסל ווייטער זיצן עטלעכע פֿרויען און שפּילן קאָרטן. זי איז געווען זיכער, אַז קיינער וועט זי ניט באַמערקן, אָבער מען האָט זי יאָ דערזען און זי טאָקע „גענומען אויף די צינגער“. זי האָט עס דערפֿילט, אַפֿילו ניט הערנדיק זייערע רייד...

„איר זעט דאָס וועגעלע? אין מיין לעבן האָב איך אַזאַ וועגעלע ניט געזען. מען דאַרף האָבן אַ רייכע קעשענע פֿאַר אַזאַ וועגעלע!“— האָט איינע געזאָגט. — „און זיי זיינען אָהער ניט לאַנג־צוריק געקומען. אפֿשר האָט זי עס מיטגעבראַכט?“ — האָט אַ צווייטע געזאָגט. — „וואָס איר רעדט? גייט שוין, גייט, נאַדיר גאָר מיט־

געבראַכט! — לאָזט עס צו זיי, די נייע, די 'רעפּיודזשיס', זיי האָבן אויף אַלץ" — האָט אַ צווייטע געזאָגט.

מיט דער צייט האָט זיך די מאַמע צוגעוואוינט צו די ניט־געוואונטשענע בליקן, און די פּאַרק־זיצער זײַנען אויך זאַט געוואָרן מיטן קוקן אויפן ווענעלע און ביסלעכווייז געוואָרן גלייכגילטיק צום גרויסן וואונדער. דערווייל איז זיך דאָס ייִנגעלע געוואָקסן אין דער רחבות.

דאָס ייִנגעלע, אַ פריילעך שטיפערל, האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן דרך־ארץ פאַרן יחוסדיקן ווענעלע. ווי ער וואָלט געפילט, אַז דאָס ווענעלע האָט דער מאַמען פאַרשאַפט ווייניק פאַרגעניגן, האָט ער זיך אויף דעם פאַרלייגט און עס געוואָלט מאַכן „ אויס פאַרשוין". אָן רחמנות האָט ער צעקראַצט דאָס פּאַליר און געריסן שטיקער פון דער אינעווייניקסטער באַפּוצונג. דאָס ווענעלע איז טאַקע געווען אַ שטאַרקס, אָבער דעם קינדס געזונטע פיסלעך, וואָס האָבן געדאַרפט האָבן רחבות, האָבן עס צעשפּאַרט, האָבן די עלטערן געמוזט אויס־בײַטן דאָס טייערע ווענעלע אויף אַ גרעסערן און אָפענס.

אין אַ מילדן, וואַרעמען און זון־שמייכלענדיקן אָקטאָבער־טאָג האָבן די שכנים פונעם גרויסן טענעמענט־הויז אויפן ראָג סימפּסאָן און 167טע גאַס דערזען אַ מיטל־יעריקע נעגער־פרוי אופן שמאָלן ניט־צו ריינעם טראָטואַר, שטופּן אַ שיין ווענעלע. ס'איז געווען „אונדזער פאַרשוין". כאָטש עס איז שוין געווען אַלט און אָפּגענוצט, האָט עס נאָך געהאַט אין זיך גענוג סימנים פון זיין געזונטן שטאַם; ס'האָט געשיינט ווי אַמאָל, ווי עס וואָלט זיך באַרימט: „איך בין איך!"

אין ווענעלע איז געלעגן אַ פּיצלס. אַ מיידעלע, נאָך קיין גאַנצן חודש ניט אַלט. דאָס קינד איז געקומען אַביסל שווערלעך, און די שוואַכע, אָפּגעצערטע מאַמע האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. דעם קינדס טאַטע האָט געאַרבעט אויסער דער שטאָט, און איז בלויז אַהיימגעקומען אויף די סוף־וואָכן. פאַרשטייט זיך, אַז וועגן קויפן אַ ווענעלע פאַרן קינד האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד. אָט אַזוי איז ס'ווענעלע אַריבער אויף סימפּסאָן סטריט. אַלטע, אָפּנהאַרציקע פריינט, האָבן געזאָגט: „ניטאָ קיין געלט פאַר אַ נייַ קינדער ווענעלע? נעם דעם „פאַרשוין". ווען דו וועסט זיך נאָר קאָנען שטעלן אויף די פיס, וועסטו עס אַראָפּנעמען מיטן קינד אין גאַס, מעגלעך אַז וועסט אויך האָבן ניט ווייניק האַרץ־

ווייטיק, נאָר עס מאַכט ניט! עס איז אַ באַקוועם וועגעלע און דאָס קינד דאַרף פרישע לופט״.

שטופּט סוזאַן דאָס וועגעלע, וואָס זעט אויס אַ ניט־היגער לעבן די אָרעמע טענעמענט־הייזער אויף סימפּסאָן סטריט.

סימפּסאָן סטריט איז אַ שמאָלע גאַס מיט אַלטע, הויכע, זעקס־שטאָקיקע הייזער. פאַרטאַפּטשעטע הייזער מיט פינצטערע קאָרידאָרן, וואָס האָבן שוין ניט פאַרזוכט קיין ביסל פאַרב, גאַט ווייסט ווי לאַנג. סוזאַן, די אויפפּאַסערין אויפן קינד, איז אַליין אַ מאַמע פון יונגע קינדער. אירס אַ טאַכטער איז אין שפּיטאָל און דער קאָפּ איז איר פאַרדרייט און זי איז אומעטיק. אַליין אַ מאַמע, איז ביי איר דאָס עופהלע וויכטיקער ווי דאָס וועגעלע. זי ציטערט איבערן קינד, און וואָלט וועלן אין דעם אַריינבלאָזן אַביסל פון אירע כחות, אָבער קיין סך כח האָט זי ניט.

דאָס קינד איבעראַשט סוזאַנען און טאַטע־מאַמען. עס איז בלויז עטלעכע וואָכן אַלט אָבער „עס וואַקסט דורך די נעכט״ — זאָגט סוזאַן — „ווי די אוגערקעלעך אין זומער צייט״.

די מאַמע פון קינד איז געקומען צו זיך. דאָס קינד איז געוואָרן אַלט ניין חדשים, האָט שוין ניט געוואָלט זיין ווייט פון דער ערד. עס האָט שוין ניט געוואָלט זיצן אין וועגעלע. בקיצור, עס איז גע־קומען די צייט דאָס וועגעלע זאָל דורכמאַכן אַ נייעם גילגול. מגולגל ווערן אין וואָס? — אַ נו, טרעפט!

פאַראַן אויף סימפּסאָן סטריט אַ גרויסער „מאַרקעט״. אין דעם מאַרקעט שטייט שוין היבשע עטלעכע יאָר אַן עלטערער ייד מיט זיין קעסטל סחורה. דער ייד פאַרקויפט פון האָר־נאָדלען ביז מענערשע און ווייבערשע אונטערוועש. די אַרומיקע ווייבער רופן דעם יידן: „דער ייד מיטן גמרא־ניגון״, ווייל ער ברומט שטענדיק עפּעס, וואָס קלינגט ווי דער ניגון פון גמרא. דער ייד איז אַן אַלמן און וואוינט ביי אַ טאָכטער, און אַהין איז דאָס וועגעלע מגולגל געוואָרן.

ווען דער ייד האָט דערזען דאָס וועגעלע איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן: „אַ מתנה פון גאָט!״ — האָט ער אויסגערופן.

דאָס קעסטל, זיין „געשעפט״, וואָס דערהאַלט אים ביים לעבן, איז געווען קליין. דער „סטאָק״ איז דאָרט געווען אויסגעמישט. שווער צו דערגיין אַ טאָלק. אַז ער ווערט פאַרטיק מיטן טאָג, קומט אים

אַן שווער איינצופּאַקן די סחורה. „אוי, אַ גליק האָט מיר גאָט באַשערט!" — זיפצט ער.

אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי דער ייִד האָט אַריינבאַקומען דעם „אוצר", האָט מען שוין אין „מאַרקעט"-ווינקל דערזען אַ נייעם אויסגעפּוצטן געשטעל, דאָס ווענעלע, וואו עס איז געלעגן דעם ייִדנס פּאַרמעג: מענערשע אונטערוועש, ווייבערשע זאָקן, קאָלירטע באַזטיכלעך, צירונג, פּאַטשערקעס, — אַלץ וואָס אייער האַרץ גלוסט! צוליבן ווענעלע האָט דאָס גאַנצע ווינקל באַקומען אַן אַנדער פּנים. אויך דער ייִד מיטן גמרא ניגון, וואָס האָט שטענדיק אויסגעזען פאַרקנייטשט און פאַרשטויבט, האָט גאָר באַקומען אַן אַנדער אויסזען. ער זיצט לעבן זיין געשטעל מיט מער חשיבות, און אפילו זיין גמרא ניגון קלינגט אַנדערש.

און דאָס ווענעלע אין נייעם גילגול? וואָלט עס געקענט ריידן, אָדער כאָטש געוווּן אין דער בחינה פון מענדעלעס „קליאַטשע", אַ וויפיל עס וואָלט דערציילט וועגן די פאַרשיידענע גילגולים, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט. אָבער עס איז שטום, ווי אַלע שטומע...

אין די בערג

דאָס הויז שטייט ווייט פון טראַקט, צווישן וועלדער, וואָס ציען זיך אויף צענדליקער מײלן. אַרום איז וואַלד און באַרג, בערג און ביימער. אַלטע, ריזיקע ביימער, ווי עלטער־זיידעס, נאָר ניט געבויגן פון די יאָרן. הויך און ברייט זיינען זיי. זייער צעוואַקסנקייט רופט, דאַכט זיך, די יינגערע, די קלענערע ביימער: „קוקט אַרויף צו אונדז, דעריאָגט אונדז!"

און די יינגערע, קלענערע ביימער שטרעקן אויס זייערע צווייגן צו דער הייך. זיי אײלן זיך ניט. זיי האָבן צייט, פאַר זיי איז די אייביקייט. יעדן זומער — נייער בלי; יעדן יאָרצענדליק — מער כח, שטאַרקערער ווידערשטאַנד, ברייטערע און טיפערער וואָרצלען.

אויף זייער ביימער לשון רופן זיי דעם מענטשן ווי געטרייע מאַמעס: קומט אונטער אונדזער שאָטן, אָטעמט אַריין אונדזערע ריחות! —עס וועט קלעקן פאַר אַלעמען. זאָל אייך וואויל באַקומען!

באַהעפט זיך דער שטאָט־מענטש אַמאָל מיטן בוים; הערט זיך צו צו זיין שטילן געריוש, און שמייכלט דעמאָלט פאַרטראַכט צו די אַרומיקע מענטשן, זוכט אַ דערנעענטערונג, בענקט נאָך עפּעס און ווייסט ניט נאָך וואָס.

אַרום האָטעל, אויף געל־און־גרין געפאַרבטע שטולן, זיצן די מיטל־יאָריקע און עלטערע געסט. דאָס יונגוואַרג, וואָס מען קען ציילן אויף די פינגער, איז דאָ ניטאָ. זיי לויפן אַרום, באַווייזן זיך נאָר ווען דער גלאָק קלינגט. נאָר אַ פּאָר יונגע זיצן דאָ, אַזעלכע וואָס קאָנען ניט אַרומלויפן, ווייל זיי זיינען שוואַך.

מיסטער קאַנטאָר, א ייד, קרוב צו זיבעציק, לייקנט קיינמאָל ניט זיינע יאָרן. לויט זיין אויסזען איז קאַנטיג, אַז ער האָט ווייניק זאָרג. דאָס פּנים — פריש, די אויגן — לעבעדיקע, און די פּלייצע אביסל פאַרקיילעכט. ער זיצט דאָ און קוקט אויף אַלץ און אַלעמען מיט אָפענע אויגן. ער האָט ניט וואָס אויסצובאַהאַלטן. ער איז אַ ייד, וואָס שטייט אויף די אייגענע פיס. מר. קאַנטאָר האָט אַלעמאָל געקויפט און פאַרקויפט הייזער און שטענדיק געהאַט

ריוח. ער איז, ניט צו פארזינדיגן, „גוט אפ״. ווען ניט דאס אומגליק, וואס האט אים געטראפן, וואס זיין ווייב איז אים פלוצלונג אוועקגעשטארבן און אים איבערגעלאזט אליין, וואלט גוט געווען. ער האט גוטע, געראטענע קינדער. איינער א דאקטאר, דער אנדערער — אן אדוואקאט. די קינדער האבן זייער אייגן לעבן. זיין ווייב איז אלעמאל געווען ביי זיין זייט. איצט איז ער אביסל פארלוירן. אפט קוקט ער זיך ארום, ווי זי וואלט נאך אלץ געווען לעבן אים.

ער איז אויף זיך ניט קארג, מר קאנטאר. ער קען זיך פארגינען דא אפזיצן א גאנצן זומער. ניטא וועמען צו פארזארגן, און ער וועט דאס געלט מיט זיך ניט מיטנעמען. אבער גראד אין דער ארומיקער שיינקייט פילט ער זיך עלנט. עס געפינען זיך דא יונגע ווייבלעך, וועלכע ווייסן אז קאנטאר איז אהער געקומען צו פארן אין א גוטער „קאר״, ווארפן זיי אים צו, פון צייט צו צייט, א שמייכל. זיי וואלטן א בעלן געווען, ער זאל זיי נעמען פאר א „רייד״. ער ווייס אבער, אז ניט אים זיינען זיי אויסן, נאר די „מאשין״. ווען ניט די „קאר״, וואלטן זיי זיך אפילו אויף אים ניט אומגעקוקט. וואס גייט זיי אן אן אלטער מאן?

כאטש קאנטאר איז געזונט און קרעפטיק, זיינען אים פונ־דעסטוועגן די יונגע ניט צום הארצן. צווישן די יונגע פילט ער זיך ווי א זקן. זיצט ער דעריבער צווישן די עלטערע, טוליעט זיך צו צו עמיצן, אבי ניט זיין אליין. ער זיצט אויף דער געפארבטער שטול, וואס ער רופט „קאטשקע״, צוליב אירע קורצע פיסלעך און הויכן אנשפאר, זיצט און קוקט מיט קלוגע אויגן אויפן גרינעם ארום.

ארום האטעל זיצן נאך עטלעכע יידן, אביסל יינגערע פון אים. עס זיצן דא מענער, וואס האבן פרויען, אבער זיי בענקען א גאנץ לעבן נאך עפעס. אויך אזעלכע, וואס בענקען נאך זייערע יונגע יארן, נאך א יוגנט, וואס זיי האבן געזען ביי יענעם און קיינמאל ניט ביי זיך אליין. זייווארטן, אז דער מארגן זאל זיי ברענגען עפעס נייעס. ביי די דאזיקע איז דאס לעבן ערגעץ אנטרונען אין געאייל. זיי האבן זיך געיאגט, זיך געווארפן, מיטגעלאפן מיט די ווינטן, און ערשט איצט, אין די מיטעלע יארן, צווישן בערג און וועלדער, אין דעם טאג־טעגלעכן גערויש, האט דאס אנטרונענע גענומען נאגן און מאנען: „פארוואס האסטו די יארן צעפטרט? האסטו טאקע געמיינט,

אַז מען קען זיי צוריק צונויפקלייבן? די מענטשן נעמט אַרום אַ רחמנות אויף זיך אַליין, כדי ניט צו דערלאָזן דעם אומעט, מישן זיי זיך אויס, מען ווערט איינער פון אַ סך.

עס זיצט דאָ אַ דאַמע, וועמענס יאָרן עס איז שווער צו טרעפן. זי קאָן אַלט זיין דרייסיק און אויך זעכציק. ביידע צאָלן פּאַסן אירע האָר, וואָס זיינען זאַנגען־בלאָנד, אירע באַקן, אַ געמיש פון געלבלעך־ראָז און ראָז־געלבלעך. אונטער איר קין האָט זי אָבער אַ לויז זעקעלע, און אירע אויגן זיינען מיד. אירע היבש־אָנטבלויזטע הענט און פיס זיינען ווייס ווי אָפּגעבלאָקירטער קאַלך. די דאַמע איז אַהער געקומען מיט אַ באַשטימטער כוונה. זי מאַכט פון דעם קיין סוד ניט; זי וויל אָנטרעפן אַן אָנשטענדיקן מאַן... שוין לאַנג, אַז זי זוכט אים, נאָך איידער זי איז אַן אַלמנה געוואָרן...

די דאַמע טראָגט קליידער מיט שרייענדיקע קאָלירן. מען דערקענט זי פון אַ מייל די ווייט. איר פיגור איז מיידלש, איר גאַנג — לייכט און שלאַנק.

זי האָט געהערט, אַז דער מר. קאַנטאָר איז רייך, פאַרמאָגט אַ גוטע „קאַר". ער זעט אַביסל אויס צו פעטלעך, נאָר מען קען דען קריגן איינעם מיט אַלע מעלות? די דאַמע קאָן ביי זיך ניט אָפּמאַכן, צי זאָל זי זיך דערווייל האַלטן פון אים פון דער ווייטנס, אָפּוואַרטן ביז ער אַליין וועט זי באַמערקן, זיך ניט וואַרפן אים צופיל אין די אויגן, אָדער פאַרקערט, זיך האַלטן נאָענט צו אים? אַזוי צי אַזוי, זי האַלט זיך ניט פון דער ווייט. שוין לאַנג, אַז זי זוכט. אַ סך מאָל האָט עס שוין געהאַלטן ביי אַ תכלית, אָבער עפּעס האָט זיך אַלעמאָל אויסגעלאָזן אַ בוידעם...

ווען קאַנטאָר האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען, האָט ער געטראַכט: נישקשה פון אַ ווייבל! נאָכדעם ווי ער האָט זי מער דערקענט, האָט ער שוין געזאָגט: „עס איז נעבעך אויף איר אַ ביטערער רחמנות!"

ניט ווייט זיצט נאָך אַ דאַמע, קאַנטיק נאָך יונג, צווישן פינף און דרייסיק און פערציק. איר נאָמען איז מאַלי. זי האַלט זיך אַביסל אין אַ זייט. ניט, חלילה, ווייל זי האָט פיינט מענטשן, פאַרקערט, זי האָט זייער ליב מענטשן, אָבער עס פאַרדריסט איר, וואָס מען זעט ניט, אַז זי איז ניט פון די דורכשניטלעכע מענטשן.

מאַלי איז שטאַרק פאַרליבט אין זיך. זי קען זיך אויף אירע מעלות, און האַלט, אַז מענטשן פאַרלירן אַ סך, ווען זיי גייען זי

פאַרביי. זי רעדט וויניק צו די מענטשן, האַלט אַז זי איז פאַר זיי צו טיפזיניק, און מען וועט זי ניט פאַרשטיין. זי האָפט, אַז עס וועט דאָך אַמאָל קומען איר צייט!

דאָ געפינט זיך אויך אַ דאַמע, וועלכע אַלע רופן די „דאַמע מיט די גרויע האָר". איר דאַכט זיך, אַז זי איז אין פולער האַר־מאָניע מיט אַלץ. זי איז פול מיט דאַנק צו די גוטע, קילע ביימער און לאָזט ניט אַראָפּ איר בליק פון זיי. כאָטש אירע בליקן זיינען געווענדט צו די ביימער, כאַפּן אירע אויערן אויף די רייד פון פרעמדע מענטשן. זי האַלט, אַז עס זיינען ניטאָ קיין פרעמדע, אַלע ווערן איר נאָענט; ווען מען נעמט זיך די מי און מען זוכט, קאָן מען אין יעדן מענטשן געפינען עפּעס נאָענטס, אייגנס.

עמיצער האָט דער „דאַמע מיט די גרויע האָר" צוגעטראָגן די צייטונג „מאָרגן־פרייהייט". זי האָט זיך דערפרייט. אָט־די צייטונג האָט זי דאָך געזוכט! זי נעמט דעם בלאַט, גייט אַוועק אין אַ קילן ווינקל, אונטער אַן אַלטן, געדיכטן בוים, כדי צו לייענען אומ־געשטערט. אירע אויגן שטעלן זיך אָפּ אויפן בילד פון אַ יונגן סאָלדאַט מיט אַ ליכטיקן שמייכל. אונטערן בילד — די אויפשריפט: העראָלד וויס, געפאַלן אין שלאַכט אין איטאַליע, דעם פערטן יוני. מער האָט זי ניט געלייענט. זי האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פונעם בילד פון דעם יונגן יידישן בחור, וועמענס ליכטיקע אויגן וועלן שוין מער ניט אָנקוקן די וועלט.

פאַרזונקען אין בילד, האָט זי גאָרניט געזען און געהערט. זי האָט שפּעטער דערהערט טריט אַרום זיך. עס זיינען צוגעקומען אַ פּאָר פאַלק, מיט וועלכע זי האָט זיך באַקאַנט מיט עטלעכע טעג צוריק. דער מאַן איז אַהער געקומען פאַר דערהאָלונג נאָך אַן אָפּעראַציע.

דאָס דאָזיקע פּאָרל פאַרמאָגט צוויי זין, וואָס געפינען זיך אין באַזונדערע עקן וועלט. זיי שרייבן בריוו צו טאַטע־מאַמע אויף יידיש, און די עלטערן זיינען צוגעשמידט צו די בריוו פון די קינדער מיט יעדן מינדסטן נערוו פון זייערע קערפּערס. די בריוו דערנענטערט די קינדער צו די עלטערן, ווי זיי וואָלטן ניט געווען ערגעץ אין עק וועלט, נאָר מיט זיי אונטער איין דאַך.

די „דאַמע מיט די גרויע האָר", כאָטש זי ווייסט, אַז דאָס פּאָר וועט אַליין זען דאָס בילד פון געפאַלענעם יידישן העלד, דאָך וויל זי דערוויל פאַרשפּאָרן די לייט עגמת נפש, און זי בויגט זיך

אַריבער איבערן בילד, ווייל עס פאַרשטעלן, אָבער דער „קונץ" איז איר ניט געלונגען. זי האָט געפּרואווט שמייכלען, אָבער איר מויל האָט זיך געקרימט, ווי ביי א קינד ווען עס וויל וויינען און האַלט זיך צוריק. דער פאָטער האָט דער ערשטער דערזען דאָס בילד און זיך אין דעם איינגעגעסן מיט די אויגן.

ער האָט געקענט הערשלען, וואָס איז געווען אַ חבר פון זיינע זין, שלמהלע און משהלע. ער געדענקט אים נאָך אַלס קינד. זיי האָבן געוואוינט אין שכנות. דער פאָטער שטייט אַנגעבויגן איבערן בילד און רעדט עפּעס אין זיך, אָבער די ווערטער קומען ניט אַרויס, בלייבן שטעקן אין האַלדז. אויך די מאַמע, וואָס דערזעט דאָס בילד, בלייבט אָן ווערטער. אַלע דריי, ווי פאַרשטאַרט פון קעלט, צונויפגעדריקט פון ווייטאָג, שווייגן. זיי פילן, אַז ווערטער זיינען ניט גענוג; מען מוז דעם ווייטאָג אַריבערשווייגן, און אויב מען קאָן ניט שווייגן, דאַרף מען אפשר שרייען אַזוי הויך, אַז די וועלט זאָל אויפציטערן.

א פאַריתומטע שול

יעדן פרימאָרגן האָט מען געזען דעם יונגן רב אַרויסמאַרשירן פון אַ זייטיקער גאַס, אין דער באַגלייטונג פון צוויי אַלטע לייט. זיי האָבן זיך געלאָזן צו דער קראָם, וואו מען פאַרקויפט צייטונגען.

דער רב איז געגאַנגען אין דער מיט און זיך באַמיט צו האַלטן אין טראָט מיט די אַלטע. ווען ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער מאַכט א צו־איילִיקן טראָט, האָט ער געמאַכט אַ טריט צוריק און האָט זיך ווידער געפונען צווישן די צוויי זקנים. אויף צוריקוועגס האָט דער יונגער רב געלייענט פאַר די אַלטע די נייעסן, וואָס אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג. די צוויי אַלטע, וואָס האָבן ניט דערגרייכט די הויך פונעם רב און האָבן יעדן מאָל אויפגעהויבן די קעפּ, האָבן געשלונגען די נייעס מיט אָפענע מיילער.

דער גאַנג צו דער קראָם נאָך דער צייטונג האָט זיך ווידערהאָלט יעדן פרימאָרגן. צווישן די מענטשן, וואָס האָבן צוגעזען די דאָזיקע פּראָצעסיע, זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט מיט אַ שמייכל: „דער רבי מיט זיינע משרתים!" אַנדערע האָבן אים גע־בענטשט: „לאַנג לעבן זאָל ער! אַזעלכע ווערן ניט געבוירן צו אָפט!"

די אַלטע האָבן קיינמאָל ניט פאַרביטן זייערע ערטער. איינער ביי דער רעכטער האַנט און דער צווייטער ביי דער לינקער. דער וואָס ביי דער לינקער זייט האָט געהייסן פּאָלעק. אַ קליין מענטשל מיט רויטע אויגן און אַ שפּיציק בערדל. ער האָט געהאַלטן די עלנבויגנס איינגעפּרעסט אין די זייטן, די אונטערשטע טיילן פון די הענט זיינען לויז אַראָפּגעהאָנגען און האָבן זיך געשאָקלט. דער צווייטער, וואָס ביי דער רעכטער זייט, האָט געהאַט אַביסל אַ פרעמדלעכן נאָמען „טאָמסאָן". דאָס האָבן זיינע קינדער פאַר אים אויסגעקליבן דעם נאָמען, מען האָט געזען, אַז דער אַלטער אַליין נעמט זיך ניט איבער מיט דעם נאָמען. ער האָט זיין נאָמען אַרויסגערעדט אונטער דער נאָז. טאָמסאָן! זאָל זיין טאָמסאָן! אַזוי ווילן זיי. ער אליין האָט קיין דעה ניט... ער האָט געהאַט אַ רונדן פּנים, לעבעדיקע אויגן, און מען האָט געהערט פון דער ווייטן ווי ער אָטעמט, ווי ס׳וואָלט עפּעס

געזאָטן ביי אים אין האַלדז. ער האָט ניט געהאַט קיין באָרד, נאָר שפּיציקע וואָנצעס און האָט אויסגעזען ווי אַ וועלטלעכער.

צווישן די זקנים האָט דער רב אַרויסגעלויכטן מיט זיין יונגקייט און פרישקייט. ער האָט אויסגעזען אין עלטער פון 35 יאָר. כאָטש ער איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישער רב, האָט ער זיך אָבער אויפגעפירט אין זיין צוגאַנג צו מענטשן פריי און כמעט וועלטלעך. דאָס איינציקע רבנישע, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, איז געווען זיין שוואַרצער קאַפּעליוש מיט די ברייטע פליגלען, וואָס ער האָט געטראָגן זומער און ווינטער. דער קאַפּעליוש האָט צוגעגעבן חשיבות זיינע העל־בלויע אויגן און זיין קליין, בלאָנד בערדל.

ווען דער רב האָט איבערגענומען די שול אין דער געגנט, איז נאָך די שול געווען ניי. ער האָט געשטרעבט צו שאַפן אַרום שול אַ פאַרבינדונג צווישן יונג און אַלט. מען דאַרף צונויפברייגען — האָט ער געזאָגט — אַלע קינדער פון אַברהמ'ען אונטער איין דאַך! עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז ניט נאָר האָט ער ניט געקענט צוציען די יוגנט, נאָר ער האָט אין די וואָכנדיקע טעג אפילו קיין מנין ניט געקענט צונויפקלייבן.

געלט האָט דער שול ניט געפעלט. אין דער געגנט האָבן גע־וואוינט עלטערע רייכע יידן, וואָס האָבן געוואָלט אַ שיינע שול פאַר ימים נוראים, אָבער אַ גאַנצן זומער זיינען די אידן געווען אין די בערג, און אַ גאַנצן ווינטער — אין מיאַמי, האָט די שול דערפאַר געפּוסטעוועט.

דער רב האָט אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען כדי צוציען די יוגנט. ער האָט געשאַפן פאַרשיידענע אַטראַקציעס פאַר די ייִנגלעך, געשמייכלט צו זייערע מאַמעס, אָבער ווי נאָר די ייִנגלעך זיינען געוואָרן בר מצוה, זיינען זיי זיך צעפלויגן! זיי פלעגן פאַרביי לויפן דעם רב און קוקן מיט אַ מין חוזק אין די אויגן. פון זייער קוק איז דעם רב געוואָרן לײדיק און פּוסט, ווי אין שול.

די ביידע אַלטע, פאַלעק און טאָמסאָן האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי קינדער. פאַלעק ביים זון, און טאָמסאָן — ביי אַ טאָכטער. פאַלעקס שנור, אַן אמעריקאַנער געבוירענע, אַ פריינטלעכע און אַ שמייכלענדיקע, האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען דעם שווערס יידיש לשון. זי האָט גערעדט וועגן אים מיט אַ סך דרך־ארץ, אָבער זי האָט ניט געהאַט קיין צימער פאַר אים. זי האָט געוואוינט אין

געבענטשטע הענט.

פינף צימערן מיטן מאַן און צוויי גרויסע קינדער, און האָט דעם אַלטן באַלייגט אין גרעסערן און ליכטיקערן פאַיער. מען האָט געקויפט אַ דיוואַן, אַ שיינעם, אויסגעבעטן שטול, באַהאַנגען די ווענט מיט גרויסע שפּיגלען, אָנגעשטעלט טישלעך אין די ווינקלען, אָבער דעם אַלטן איז אין דעם פאַרפּוצטן פאַיער געווען ענג, אַז ס'האָט אים אַזש געשטיקט אין האַלדז!

אַז ער האָט זיך אַמאָל געוואָלט בייטאָג צושפּאַרן האָט די שנור געזאָגט: „פרישע לופט, פּאַפּ! עלטערע מענטשן נויטיקן זיך אין פרישע לופט". פאַלעק האָט פאַרשטאַנען; עס קומען זיך דאָ צונויף דאַמען שפּילן אין קאָרטן, איז בעסער ער, דער אַלטער, זאָל איצט זיין אין פּאַרק. ווי איז אָבער, אַז אין פּאַרק איז קאַלט? אַז עס רעגנט? און ווי לאַנג קאָן עס אַ מענטש זיצן אין פּאַרק? פלעגט זיך דער אַלטער אַריינגנבענען אין זיין פאַיער אויף די שפּיץ פינגער, ער זאָל חלילה ניט שטערן די געסט. ער האָט שטיל געעפנט די טיר, זיך אַוועקגעזעצט אין ווינקל פון דיוואַן, פאַרמאַכט די אויגן, ער זאָל ניט זען אין שפּיגל אַ קליינעם, איינגעגניורעטן פאַלעקל גלאָצן אויף אים מיט די אויגן. ער איז געזעסן און זיך אַליין געטרייסט. ער איז קליין און אַליינינק, אָבער אַז מען וויל, איז ער גאָר אַ בוים מיט פאַרשפּרייטע וואָרצלען, אין אַזויפיל לענדער! וואָרצלען און צווייגן, טויטע און לעבעדיקע. זיי זיינען טאַקע איצט פון אים אָפּגעריסן — אָבער אויף יענער וועלט וועלן זיך אַלע זיינע קינדער און קינדס-קינדער צונויפזאַמלען און די מאַמע זייערע, וואָס איז אַוועק פון דער וועלט אַזוי יונג, וועט באַשיינען איר גאַנץ הויזגעזינד!

טאָמסאָנס דאַליע איז אויך ניט געווען אַ סך בעסער. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי אַ יונגער טאָכטער. דאָס ייִנגסטע קינד. זי איז געווען אַ גוטע נשמה, אָבער זי האָט געהאַט אַ קליין דירהלע. זי איז געווען אַ לערערין און איר מאַן איז נאָך געגאַנגען אין אַן אוניווערסיטעט. די טאָכטער פלעגט אַוועקגיין פון שטוב זייער פרי. פאַרן אַוועקגיין האָט זי אויפגערוימט די פּאָר צימערלעך און ער, טאָמסאָן, איז געבליבן אַליין. כאָטש נעם און קלאַפּ זיך קאָפּ אין דער וואַנט! ער איז געווען שוואַך. שוין יאָרן אַז ער האָט ניט געאַרבעט, כאָטש ער איז ניט געווען קיין אינוואַליד. זיינע הענט האָבן געכאַלעשט נאָך אביסל אַרבעט און ער האָט ניט געוואוסט וואָס

צו טאָן מיט זיי אין הויז, אָדער אין פּאַרק. פאַר ביידן איז דערפאַר די שול געווען ווי אַ מתּנה צוגעשיקט פון גאָט אַליין.

כּל זמן דער רב האָט זיך נאָך ארומגעטראָגן מיט זיינע פאַנטאַס־טישע פּלענער איינצוזאַמלען אונטער די פליגל פון דער שול „אַלע אברהמ׳ס קינדער", האָט ער זיך ווייניק אומגעקוקט אויפן ביסל אַלטוואַרג. מיט די אַלטע איז ער געווען זיכער, אַז זיי וועלן אַליין קומען. אָבער אַז ער האָט דערזען ווי זיינע חלומות פּלאַצן ווי זייפנבלעזלעך, האָט ער זיך דערנענטערט צו די אַלטע. ער האָט זיך ניט גערדאַרפט אָנשטרענגען צו באַווייזן די אַלטע, אַז די שול איז זייער היים. זיי זיינען אַהין אַוועק מיטן חוש פון אַ פויגל, וואָס דערפילט די צייט ווען ער דאַרף זיך לאָזן אין וועג.

די צוויי זקנים האָבן אין דער שול אויפגעלעבט און די שול האָט אויפגעלעבט מיט זיי. זיי האָבן שוין געזאָרגט, אַז די שול זאָל יעדן אינדערפרי האָבן אַ מנין צום דאַווענען. דער רב האָט די צוויי אַלטע ניט נאָר געמאַכט פאַר תּלמידים. זיי זיינען געוואָרן זיינע בעסטע פריינט. דאָס גיין אַלע פרימאָרגן איינקויפן די צייטונג איז ניט געווען אַלץ. ער האָט פאַר זיי געלייענט, געשמועסט מיט זיי פּאָליטיק און דערביי פלעגט זיך שוין צונויפקלייבן אַרום די דריי אַ רעדל יידן, וואָס האָבן אויפגעכאַפּט דעם רבס רייד מיט גרויס התפּעלות, ווי ער וואָלט מיט זיי געלערנט תּורה.

אַ צייט האָט די אידיליע געדויערט. עס זיינען פאַרביי עטלעכע זומערס און ווינטערס, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאָזיקער דריילינג וועט אייביק שפּאַצירן צוזאַמען, אַז שטענדיק אין דער זעלבער צייט, וועלן די דריי מאַרשירן אויף דעם זעלבן וועג.

די עלטער האָט זיך גערוקט אויף די צוויי יידן. זיי זיינען געוואָרן שוואַכער, איינגעבויגענער. דער קליינער פאַלעק איז נאָך קלענער געוואָרן און טאָמסאָן האָט נאָך געאָטעמט שווערער. דער רב האָט זיך נאָכמער געמוזט אַראָפּבויגן, ווען ער האָט צו זיי גערעדט, און ער האָט געמוזט נאָכמער פאַרלאַנגזאַמען זיין טראָט, כּדי זיך צופּאַסן צו זייער פּאַמעלעכן גאַנג.

אין איין פרימאָרגן איז פאַלעק ניט געקומען אין שול. טאָמסאָן האָט אַרויפגעקוקט צום רב מיט שרעק אין די אויגן, געהערט ווי דער רב ברומט עפּעס אַ ניגון און געזען ווי ער קוקט ערגעץ ווייט...

יענע נאַכט איז פאַלעק שווער געשלאָפן. די נאַכט האָט זיך

אויסגעצויגן. דער אינדערפרי האָט פּאַרשפּעטיקט. פּאַלעק האָט עטלעכע מאָל געפּרואווט אַרויס פון בעט, אָבער זיין קאָפּ איז צוריק געזונקען אין קישן. ער האָט זיך געוואונדערט וואָס די פיס פרירן אים, וואָס אים איז טרוקן אין האַלדז און וואָס עס וויל גאָרניט ליכטיק ווערן. אָט האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס הייבט יאָ אָן צו טאָגן. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און דערזען ווי פון אַלע שפּיגלען קוקן אויף אים משונהדיקע ברואים. עס זעט אויס, ווי זיי אַלע ווילן זיך באַלד לאָזן אויף אים... ער האָט געוואָלט שרייען אָבער האָט ניט געקענט אַרויסברענגען קיין פּיפּס. ווי זיין מויל וואָלט געווען פאַרזיגלט... ער האָט אַ געשריי געטאָן מיט די לעצטע כחות אָבער האָט ניט געהערט זיין אייגן קול. אַ פּחד האָט אים דורכגענומען! ער מוז אַראָפּ פון בעט, ער מוז רופן דעם זון! ער האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן און איז צוריק געפאַלן. געפאַלן!

די שנור האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס דער אַלטער איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען. אַלעמאָל אין דער צייט איז ער שוין אין קיך און טרינקט שוין זיין טיי? זי האָט געטראַכט, אַז זי מוז היינט וואָס פריער צוראַמען די הויז. היינט קומט מען אויף אַ פריער „קאָרד־פּאַרטי”, נאָכדעם וועט מען גיין אין טעאַטער, — זאָל זיין אַז ער איז פאַרשלאָפן? זי מוז אַריינגיין און זען.

זי איז ווייט ניט געגאַנגען. זי האָט באַלד אַרויסגעלאָזן אַ ווילדן קוויטש: „מאַי גאָד! מאַי גאָד!”... זי האָט זיך צעכליפּעט מיט אמתע טרערן.

שפּעטער האָט זי געזאָגט צו אירע פריינט: „הי וואָז עי סעינט” (ער איז געווען אַ הייליקער). „הי דאַיעד לאַיק עי סעינט” (ער איז געשטאָרבן ווי אַ הייליקער). „פּור, פּור אָלד מען!” (אַלטער, אָרעמער מאַן).

אַ גאַנצע וואָך האָט מען דעם רב מיט טאָמסאָנען ניט געזען גיין נאָך דער צייטונג. ווען זיי האָבן זיך באַוויזן, האָט טאָמסאָן אויסגעזען מיט אַ קאָפּ קלענער און האָט געהאַט אַ פּנים פון פּאַפּולאַטן קאַליר. אויך דער רב האָט זיך אין דער וואָך געעלטערט. זיין מויל איז געווען שטייף, ווי נאָך אַ תענית. ער איז געגאַנגען און געדרייט דעם קאָפּ צו דער לינקער זייט, צו פּאַלעקס זייט, ווי ער וואָלט געפילט, אַז עפּעס פעלט אים ביי דער לינקער זייט.

דער מאַרשרוט פון די צוויי האָט נאָך אָנגעהאַלטן אַ שטיק צייט.

אָבער אין בײדנס גאַנג, אין זײער באַנעמען זיך, האָט זיך געפילט אַ שטילקײט. טאַמסאַן האָט נאָך שווערער געאָטעמט און דער רב האָט געהאַלטן אין אײן זוכן אַן אָרט פאַר זײן לינקער האַנט.

כאָטש פאַלעק איז טאַמסאַנען געװען גאַנץ פרעמד, ניט מער װי אַ פרײנט, צו װעמען מען טוליעט זיך אין פּאַרק אויף אײן באַנק, און כאָטש ער איז געװען אַזוי עלנט װי פאַלעק — האָט ער נאָך פאַלעקס טויט זיך געפילט װי אַן אבל און אפילו די שול איז אים געװאָרן פרעמדלעך. עס איז געװאָרן שפּעט־זומער. די לופט, קיל, װאָלקנדיק. אַ פּוילקײט האָט זיך געקלעפּט צו די גלידער און די אויגן װאָס האָבן זיך געהאַלטן אין אײן פאַרמאַכן. טאַמסאַן װאָלט נאָך אביסעלע געשלאָפן, װען זײן סײדעלע לאָזט אים אַלײן פאַרמאַכן זײן בעט... װאָס איז דען. ער קען אַלײן ניט מאַכן זײן בעט? איז זי אָבער אַ טײער קינד און האָט מורא טאָמער װעט ער זיך איבעראַרבעטן. זי זאָגט אים: „דו טאָרסט זיך ניט אײנבויגן, ס'איז ניט גוט פאַר דײן בלוט דרוק!" אים אַלײן אַרט גאָר װײניק זײן בלוט־דרוק. און אַז עס קלאַפּט אים אַמאָל אין די שלײפן, איז אויך ניט קײן אומגליק! דערפאַר איז ער דאָך אַן אַלטער מאַן! אוי, די אַמעריקאַנער קינדער!

פאַלעקן איז דער טויט אָנגעקומען גרינג. אַזאַ גליק איז ניט באַשערט געװען טאַמסאַנען! אין אײן נאָכמיטאָג האָט ער זיך געקליבן גײן אין שול, און ס'איז אים פלוצלונג פינצטער געװאָרן אין די אויגן. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרײט און ער איז געפאַלן. װען די טאָכטער איז אַהײמגעקומען האָט זי אים געפונען ליגן אויף דער ערד. ער איז געװען פּאַראַליזירט אויף אײן זײט און מען האָט אים אַװעקגעפירט אין שפּיטאָל. זײן סוף איז געװען זײער אַ לאַנגזאַמער...

אויף מאָרגן אינדערפרי איז אין שול שוין ניט געװען קײן מנין. די װאָס זײנען געקומען, האָבן אַלע װײלע אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער, אפשר גײט פאַרבײ אַ ייד, װאָס זאָל דערגאַנצן דעם מנין? אָבער קײנער האָט זיך ניט באַװיזן!

נאָענט בײ די פענצטער, כמעט אָנרירנדיק מיט די צװײגן די שויבן, האָבן זיך דרײ יונגע, שלאַנקע טאָפּאָלן געװיגט אין אַ מאָנאָטאָנעם ריטם...

דער רב איז אַריינגעקומען. ער האָט מיט אַ שנעלן בליק אויפגע־כאַפּט די שטימונג פון די אַכט יידן, און האָט מיט אַ פייערלעך קול, מיט אַ זשעסט פון אַ קאַפּיטאַן, וואָס פילט אַז זיין שיף האַלט ביים זינקען, באַפוילן דעם שמש: „מאַכט ליכטיק! ליכטיק זאָל זיין!"

דער שמש האָט אַ דריי געטאָן די עטלעכע עלעקטרישע קנעפּלעך און פון די הענגלאַמפּן האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ ליכטיקייט, אַז עס האָט געבלענדט די אויגן פון די עלטערע יידן, און זיי האָבן זיך געמוזט שיצן מיט די הענט פון דער ליכט... דער רב האָט געזאָגט: „קיין מנין איז ניטאָ? טאָ לאָמיר דאַווענען ביחידות — דאַווענט יידן!"

ווי אָן חשק האָבן זיך די יידן גענומען צו טלית און תפילין. באַלד האָט זיך דערהערט אַ געזשום ווי פון אַ לויפנדיק וואַסערל. דער רב האָט געקוקט פון אונטערן טלית אויף די יידן און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט פנימער אין טויטע מאַסקעס, ווי אין אַ שפּיל פון אַלטע צייטן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און ס'האָט אים באַשלאָגן אַ קעלט.

לאַנג איז דער רב געזעסן, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט. ער האָט ניט געזען, ווי די יידן האָבן איינציקווייז פאַרלאָזן די שול. אַ טיפער, נאָגנדיקער אומעט האָט אים געדריקט. ער האָט דערפילט זיין אומבאַהאָלפנקייט. זיין מיסיע האָט ער ניט דורכגעפירט. מען דאַרף זיך אונטערגעבן דער אומפאַרמיידלעכקייט! ס'האָט אים ווי געטאָן פאַר זיך, פאַר זיין גורל, ווי געטאָן וואָס ער, דער יונגער רב, האָט איצט, נאָכן טויט פון די צוויי זקנים, דערפילט אַז זיין בנין, וואָס איז געבויט אויף אַלטע פונדאַמענטן ,טרייסלט זיך...

די מחשבות האָבן געבויערט זיין מוח. ער האָט זיך דערפילט אין דער ליכטיקער, אויסגעפּוצטער שול, ווי עמיצער וואָס זיצט אַליין אויף אַ טראָן און מאַכט אַ פּורים־שפּיל! ער האָט זיך אַליין צע־שמייכלט פון אָט־דעם פאַרגלייך... ער האָט אַ קוק געגעבן אויף זיין האַנט־זייגערל, זיך אויפגעהויבן און ווי זיין מנהג איז געווען, געזאָגט: „מען דאַרף גיין נאָך דער צייטונג!"

ווען ער איז אַרויס אויף דער גאַס, איז ער געבליבן שטיין, גע־וואַרט אויף די צוויי ניט־דאָאיקע יידן...

פ ר ו מ ע   ה אַ ל פ ע ר י ן

מיט פֿאַרוואָלקנטע אויגן און אַ געבויגענעם קאָפּ האָט ער זיך פֿאַרנומען מיטן זעלביקן וועג. ער איז געגאַנגען מיט פֿאַמעלעכע טריט, ווי ער וואָלט זיך נאָך געפֿונען צווישן די צוויי יידן.

אויף זיין צוריקוועג מיט דער פֿאַנאַדערגעעפֿנטער צייטונג אין די הענט. האָט זיך דער רב פֿאַרנומען מיט אַן אַנדער וועג..

ביי דער מאמעס קראנקן בעט

וועק זיך ניט, מאַמע, גוטע! שלאָף, שלאָף נאָך אַ ווײַלע און זאָל דיך דער גוטער מלאך דערווײַל האַלטן אונטער זײַנע פליגלען, וועלן דײַנע טריבע אויגן פאַרשפאָרן צו בישטערן אין חלל און דײַן קלאַפּעדיג האַרץ וועט זיך אַליין אײַנוויגן אין רו. זאָל דער שלאָף פאַר דיר זײַן אַ פּאַנצער, וואָס וועט דיך שיצן פון די שטורעמדיקע ווינטן, וואָס טראָגן זיך איבער אונדז מיט אַזאַ מורא־דיקער קראַפט, ווי זיי וואָלטן וועלן צעשטערן אַלץ וואָס לעבט...

שלאָף נאָך, געפּײַניקטע מאַמע, וועק דיך ניט! איך, דײַן קינד, וועל וואַכן איבער דײַן קראַנקן־בעט מיט אַלע מײַנע פאַרשאַרפטע חושים.

עפנסטו די אויגן, אַזוי שעם איך זיך צו קוקן אין זיי. כ'קאָן ניט פאַרטראָגן דאָס שטומע פרעגן און זוכן, אויף וועלכע איך האָב ניט קיין ענטפער; איך קאָן דיך אויך ניט שיצן, ווי דו האָסט מיך געשיצט, ווען דו ביסט אַליין געטראָטן געוואָרן פון די חיה'שע שטיוול. איך בין הילפלאָז קעגן די פינצטערע כמאַרעס, וואָס טראָגן זיך פון אַלע עקן וועלט, יאָגן אָן אַ פינצטערניש, פאַרשטעלן יעדעס פיצל הימל; באַווײַזט זיך אַמאָל די זון, איז זי ווײַט, קאַלט, ווי זי וואָלט אונדז ניט פאַרגינען איר גענאָד, דאָס ביסל וואַרעמקייט, דרייט זיך די זון צו אונדז אויס מיט איר קאַלטער זײַט...

איז וועק זיך ניט, מאַמע־קינד, מאַמע האַרץ. צו שטאַרק איז פאַר אַזעלכע ווי דו דער שטורעם, צו אויפטרייסלענדיק די צייט! שלאָף ביז דער געוויטער וועט זיך אײַנשטילן.

איך שטיי בײַ דײַן צוקאָפּנס. איך זע ווי דײַנע אויגן צוקן אויף פון צײַט צו צײַט. די קאָשמאַרן לאָזן דיך מסתמא ניט געניסן אין שלאָף קיין פולשטענדיקע רו. אָ, ווי איך וואָלט דיר געוואָלט פאַר־שפאָרן אָט־די קאָשמאַרן! איך קוק אויף די פאַלדן פון דײַן פנים און פרעג בײַ דיר, בײַ זיך: ווי אַלט ביסטו, מאַמע? ווי אַלט בין איך? און איך ענטפער זיך אַליין: ציילן דאָך יידן שטענדיק די יאָרן פון אומגליקן, אָנשיקענישן — אין דעם און דעם יאָר האָט מען פּאָג־

ראַמירט, געברענט, אויסגעברענט! אוי, ווי אַלט מיר זיינען. עס נעמט אָן אַ גרויל!

מיר זיינען אָבער אומשטערבלעך, מאַמע, מיר זיינען די אייביקייט! מיר זיינען אַ ביישפּיל פאַר דורות. מען באַוואונדערט אונדז, מען טוט אונדז נאָך און מען ברענגט אונדז אום און מיר זיינען דאָ! און אויב ס'וועט זיין אַ וועלט, מאַמע, וועלן מיר אויך זיין!

וואכנדיק איבער דיר, מאַמע־קינד, און ריידנדיק מיט זיך אַליין, האָט זיך די צייט אַ רוק געטאָן אויף אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק... ווי איצט, איז דאָן מיין צימער געווען טונקל, ווי איצט, האָבן זיך פון די ווינקלען געצויגן איבער די ווענט טונקעלע, גרויע פלעקן. אָט זע איך ווי דו, מאַמע, ראַמסט אָפּ די ברעקלעך פונעם אָרעמען שלש־סעודות. קיין טאַטע איז שוין דעמאָלט ניט געווען, און די צייט — אַ פינצטערע, אַ שרעקנדיקע; עס האָט עפּעס פּאַסירט, מען האָט אויף עפּעס געוואַרט! דו האָסט שטיל, ווי אין זיך, געזאָגט „גאָט פון אברהם" און מיר איז געווען קאַלט!

ס'איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער. ביסט געזעסן אָנ־געלענט אויף דיינע הענט, און דיין פּנים, דיין בליק — אַזוי ווייט... כ'האָב זיך דערפילט מאַדנע עלנט, און האָב זיך געזעצט ביים לעבלעכן אויוון, וואָס האָט נאָך געטליעט פון פרייטיק אָן און האָט זיך געהאַלטן אין אָפּקילן. איך האָב זיך איינגענורעט אין זיך אַליין, פאַרמאַכט די אויגן, און באַלד האָט מיך עפּעס געטאָן אַ טראַג אַוועק אין אַ פאַרכשופטער וועלט... פאַר מיינע אויגן האָט זיך געטראָגן מיט אַ גוואַלדיקער שנעלקייט, אַ העל־בלויער הימל מיט ריינ־בריליאַנטענע שטערן אין די מיליאָנען... די שטערן האָבן זיך געצונדן, געוואָרן ליכט און ווידער שטערן, און מיר איז געווען אַזוי גוט!

איך עפן די אויגן — אויס מיט די שטערן! פאַרמאַך איך די אויגן, זיינען זיי ווידער דאָ! איך בין ניט געשלאָפן... איך האָב געוואָלט די שטערן זאָלן פון מיר ניט אַוועקפליען. האָב איך זיך אַ הויב געטאָן — און איך פלי מיט די שטערן, מיטן הימל...

וועגן ערָאָפּלאַנען האָט נאָך מיין קינדערשע פאַנטאַזיע ניט געחלומט. קיין חשק צו פליען ווי אַ פויגל צו די וואָלקנס האָב איך אויך ניט געהאַט. איך האָב זיך געשראָקן פאַר דער הויך; און דאָ, פּלוצלונג, פלי איך גאָר אַריבער די וואָלקנס! און טאַקע מיט אמתע

פליגלען! איך האָב, דאַכט מיר, זיך דעמאָלט געזען פליען.. ס׳איז געווען אַזאַ וואונדערבאַר געפיל! איך פלי איבער הייזער, איבער ביימער, בערג, אָן שום מורא. ווי דאָס וואָלט געווען אַ גאַנץ־געוויינלעכע זאַך. איך האָב זיך ניט געפילט קליין אין רוים, אָן אַ באָדן אונטן און אָן אַן אויבן.

ווי לאַנג בין איך אַזוי געפלויגן? ווער ווייסט — אפשר אַ מינוט, אפשר אַ שעה. ווען איך האָב געעפנט די אויגן, איז אין צימער געווען אַ געדיכטע פינצטערניש. דיך, מאַמע, האָב איך אינגאַנצן ניט געזען. דו ביסט געווען נאָר אַ פלעק אַנטקעגן מיר. פון דער גאַס איז קיין טראָפּן ליכט ניט אַריינגעדרונגען אין צימער.

איך ווייס ניט, צי פון קעלט, אָדער שרעק, קיין אבער האָב איך ניט געשפּירט. איך האָב געטראַכט, אַז אויב איך בין נאָך ניט אינגאַנצן טויט, בין איך אַוודאי אַביסל געשטאָרבן.

דאָס איז געווען מיין ערשטע רייזע אין דער לופטן. פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך שוין טויזנט מאָל געלאָזט פליען ווי אַ פויגל אין דער הויך, אַריבער די וואָלקנס, מיט די שטערן, און אפשר נאָך העכער... אמת, איך האָב קיינמאָל ניט געקענט זאָגן צו זיך: „פלי!״ האָב ניט געהאַט קיין אויסוואַל. כ׳בין געפלויגן, ווען ס׳האָט זיך געפלויגן. מסתמא פליען אַלע קינדער. אָבער מיין ערשטע עקספּעדיציע אין די רוימען וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איך געדענק, ווי דו, מאַמע, האָסט אויף מיר געקוקט מיט שרעק און אומגלויבן. האָסט געפרעגט: „האָסטו געהערט, מיין קינד, אַז אַ מענטש קאָן פליען ווי אַ פויגל?״ צי האָב איך דיך איבערציייגט אין מיין פלי, ווייס איך ניט.

איצט, שטייענדיק ביי דיין קראַנקן בעט און קוקנדיג אויף דיר, מאַמע אייביקע, מאַמע שווייגנדיקע, פאַרשטיי איך, אַז דו האָסט פאַרבונדן מיין פלי מיט עפּעס וואָס איז אַ סימבאָל. ניט איך און אַוודאי ניט דו, האָבן אין יענעם מרה־שחורהדיקן שבת־צו־נאַכט געטראַכט, אַז אין עטלעכע צענדליק יאָר אַרום וועל איך שטיין לעבן דיין קראַנקן־בעט און זיך דערמאָנען אַלע קלייניקייטן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט... דאָס וואָס דאָס שוועבעלע אין דיין האַנט האָט זיך ניט געוואָלט אָנצינדן, און דאָס וואָס דאָס קנויטל האָט געגומען זינקען, גראָד ווען דו האָסט עס געוואָלט אַרויפציען, מאַכן ליכטיקער, — אַלץ אין איינעם האָט סיי ביי מיר, סיי ביי

דיר, אַרויסגערופן עפּעס מיסטישעס, עפּעס וואָס האָט געהאַט שייכות צו זאַכן אויסער אונדזער באַוואוסטזיין. אַביסל שפּעטער האָסטו מיר דערציילט דיין משיח־מעשה, וואָס האָט זיך גוט אַריינ־געפּאַסט אין יענעם מטושטשדיקן אויפדערנאַכט.

איך דערמאָן זיך ווי דו האָסט אויסגעזען: עפּעס אַזאַ ווייטע, אַ שאָטנדיקע. אויף מיר האָסטו ניט געקוקט, ווי דו וואָלסט וועלן אויסבאַהאַלטן פון מיר די שרעק, וואָס האָט דיך אַרומגענומען. די שרעק האָט מען געפילט אין דער לופט פון יענעם פאַרוואָרפענעם פאַרוואָגלטן שטעטל, און האָט זיך דורך די שפּאַלטן פון די ווענט אַריינגעריסן אין שטוב און אין אונדזערע ביידנס הערצער.

איך דערמאָן זיך וויפיל זיכערקייט ס'איז געווען אין דיין טאָן: משיח, דער דערלייזער פון אונזער פאָלק וואָלט שוין לאַנג געקומען, ווען מיר וואָלטן פאַרדינט ביי גאָט. אַז איך האָב דיך געפרעגט, ווי אַזוי ער וועט קומען, האָסטו מיר געגעבן אַן ענטפער, וואָס קלינגט איצט ווי אַ נבואה. איך געדענק דיינע פאַרטראַכטע רייד: „ווען דער כוס פון ליידן ביי מענטשן וועט דערגרייכן ביז די ראַנדן, וועט זיך פריער באַווייזן משיח בן יוסף. ער וועט זיין אַ שרעקנדיקער. משיח בן יוסף וועט אויסזען ווי אַן אַדלער מיט צוויי קעפּ און צוויי מיילער, גרייט איינצושלינגען מענטשן. מיט זיין קוק וועט ער אַוועקלייגן די זינדיקע; ווי פליגן וועלן זיי פאַלן".

אויף מיין פראַגע, ווי אַזוי וועט ער ויסן, ווער עס זיינען די שלעכטע? האָסטו מיר געענטפערט אביסל פאַרוואונדערט און אביסל בייזלעך, און האָסט געזאָגט: „אַ שליח פון גאָט דאַרף מען ניט זאָגן, ווער ס'איז שלעכט. ער וועט אומברענגען, צעשטערן. פריער וועט די וועלט ווערן וויסט און דערנאָך וועט זיך באַווייזן דער אמתער משיח — משיח בן דוד". איך האָב געפרעגט: „אויב אַלע וועלן שוין זיין טויט, צו וואָס דאַרף מען האָבן אַ משיח?" און דו האָסט גע־ענטפערט קלאָר און באַזאָכט:

„די גוטע, די גערעכטע, וועלן בלייבן! גאָט וועט זיי באַשיצן, ער זאָל האָבן פון וועמען צו שאַפן אַ נייעם דור, אַ גוטן דור!"

קלוגע רייד, מאַמע שלאָפנדיקע, גערעכטע רייד...

אָבער דו, מאַמע, — —וועק זיך ניט! שלאָף נאָך! שלאָף נאָך, מאַמע האַרץ, שלאָף!

אין אַ קאַנוואַלעסענט היים

אויף די זעקס בעטלעך, וואָס זיינען אויסגעשטעלט דריי אין אַ ריי, ליגן די מענטשן אין זייער אָנטועכץ און אין שיך. ס'איז נאָכ־מיטאָק. די שעה פאַר רו. דער טונקעלער פירעקיקער צימער איז איינגעטונקען אין שאָטנס. די לופט איז אַ שווערע. עס טראָגט זיך דאָ אַ ריח פון שווייס אויסגעמישט מיט דער דעמפּקייט פון דער נאַרוואָס אויסגעוואַשענער פּאָדלאָגע.

דער ערשטער, וואָס רייסט איבער די שטילקייט איז מר. סאָן, וועלכער ליגט אויף דער ערשטער בעטל, ביים אַריינגאַנג. ער קאָן לאַנג ניט בלייבן ליגן רואיק. אים ווילט זיך אַרויסגיין אין קאָרידאָר.

מר. סאָן איז אַ קליין אָפּגעצערט מענטשל. ער איז אַ העלער. זיין קאָפּ איז הויל. זיין האַלדז איז דין און די אויגן זיינען טיף אַריינ־געזעצט אין די אויגנלעכער, קוים וואָס זיי זעען זיך אַרויס. ער האָט קליינע הענט און פיס, ווי ביי אַ פרוי, נאָר דאָס קול איז ביי אים שטאַרק, קלינגענדיק, ווי ביי אַ יונגן, צוואַנציק־יאָריקן בחור. שווער צו וויסן, ווי עס האָט זיך געגומען צו אַזאַ קליינעם יידעלע אַזאַ פריש קלינגענדיק קול. מר. סאָן רעדט ווייניק מיט די אַרומיקע. זיין קול צעקלינגט זיך נאָר ווען די נוירס קומט צו צו זיין בעט. די נוירס, די איינציקע פרוי, וואָס ברענגט אַהער אַריין אַ פרישקייט, ווי אַ פרילינג־ווינטל, רעדט מיט אים אויף העברעאיש, און אַז ביידע צערעדן זיך, דאַכט זיך, אַז די כמורנעקייט האָט זיך אָפּגעטאָן פונעם צימער און עס איז געוואָרן ליכטיקער.

אַ סך יאָרן איז מר. סאָן געווען אַ לערער אין אַ העברעאישער שול פאַר העכערער דערציאונג. איצט איז ער אין די זיבעציקער און איז אַביסל טויבלעך. דערצו האָט ער אַלערליי קראַנקהייטן, וואָס קומען מיט די יאָרן. דאָ, אין דער „היים”, האַלטן אים אויס עטלעכע פון זיינע געוועזענע שילער. די נוירס רופט אים „רבי” און באַהאַנדלט אים זייער צערטלעך. ווען זי זעצט זיך אַוועק לעבן אים, איז דעמאָלט דער אַלטער אין זיבעטן הימל! ער האָפט נאָך צו באַנייען זיין לעבן און רעדט וועגן דעם מיט דער נוירס. זי הערט אים אויס געדולדיק, שאָקלט צו מיטן קאָפּ און ער קאָן גאָרניט אַראָפּ־

לייענען פון איר פּנים. זיינע אויגן זיינען ניט געווען שאַרף...

דער „רבי" זיצט נאָך דער שעה פון אָפּרו אויפן בענקל ביי זיין בעט. זיינע קליינע, ווייבערשע הענט האַלט ער אויף די קני און זיין מויל רעדט עפּעס, וואָס קיינער פאַרשטייט ניט. ער קוקט אויף דער טיר און שלאָגט זיך מיט דער דעה, צי זאָל ער אַרויסגיין, אָדער וואַרטן... עס דערהערט זיך אַ בראַזגעריי. דאָס בעטל צעטאַנצט זיך. ער קוקט זיך אַרום, הייבט זיך אויף, האַלט זיך אָן מיט ביידע הענט אָנעם ווענטל פון בעט און וואַרט ביז די בראַזגעריי וועט זיך איינשטילן. ער איז שוין דאָ עטלעכע וואָכן און קען זיך אַלץ ניט צוגעוואוינען צו די טראַסקערייען, וואָס טראָגן זיך אַלע ווילע דורך מיט אַזאַ רעש, אַז עס קאָן אויפוועקן אַ טויטן. ווען דאָס צימער צעשאָקלט זיך, שלעפּט מר. סאָן אַריבער די קאָלדרע איבערן פּנים, באַהאַלט זיך אויס ווי אַ קינד, ווען עס דערהערט אַ דונער, כאַפּט זיך אָן אין וואָס עס מאַכט זיך, און זיינע קליינע אייגעלעך ווערן פול מיט שרעק.

אויפן צווייטן בעטל, לעבן מר. סאָן, ליגט אַ מענטש אָן אַ נאָמען. די איינקוואַטירטע אין דער „היים" רופן אים דאָס „פּייפל". ער איז אַ יונגערמאַן, אַן ערך פינף־און־דרייסיק. כאָטש ער איז ניט טויב און ניט שטום, הערן די שכנים פון אים קיין וואָרט ניט. ער שווייגט שוין פאַר די לעצטע צוויי וואָכן, וואָס ער געפינט זיך דאָ. דאָס וואָרט „פּייפל" זאָגן אַלע אַרויס אין דער שטיל, און מיט אַ אונטערטאָן, ווי מען וואָלט עס וועלן איבערהיפּערן. ס'פּייפל שטעקט אַרויס פונעם גריבל צווישן די צוויי קאָלנער־בויגער. ס'איז אַ ווייס, מעטאַלן פּייפל, גרויס ווי אַ פינף־און־צוואַנציק סענט־שטיק.

די ערשטע צייט, נאָך זיין אָנקומען אַהער, האָבן די מענטשן געהאַלטן אין איין פרעגן: פאַרוואָס דער מענטש מיידט אויס יעדנס בליק, פאַרוואָס ער האַלט זיך אין איין אויסדרייען צו אַלעמען מיט דער פּלייצע. מיט זיין שווייגן, מיט זיין שטענדיקן שאַרן זיך אַרום די ווענט אין קאָרידאָר, און מיט דער אומרואיקייט, וואָס ליגט אין זיינע דינע הענט און פיס, — וואַרפט ער אָן אויף אַלעמען אַ מאָדנע מרה־שחורה. מ'באַגלייט אים מיט ווייטיקדיקע בליקן. אין זיין הויכע, אַביסל איינגעבויגענער פיגור, וואָס פאַרשטעלט זיינע סטאַרטשנ־דיקע באַקנביינער; אין זיינע גרין־גרויע, צעשראָקענע אויגן, אין

זיין הילפלאָזן גאַנג, וואָס איז מער אַ לויפן ווי אַ גייך, — איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט קיינעם ניט רוען.

זיינער אַ פריינט, וואָס האָט אים אַהער געבראַכט, האָט עפּעס יאָ דערציילט וועגן אים, אָבער קיין סך דעטאַלן האָט מען זיך ניט דערוואוסט.

ער איז אַ קרבן פון היטלערן. אַ נאַצי־מערדער האָט אים געבריקעט מיט די שטיוול, איז געשטאַנען אויף אים מיטביידע פיס, ביז ער האָט אים איבערגעריסן דעם גאָרגל. ער האָט פאַרלאָרן אַזויפיל בלוט, אַז די אַנדערע געראַטעוועטע האָבן זיך שפּעטער געוואונדערט אויף זיין גבורה, וואָס ער איז געבליבן לעבן. אויף זיין פּנים ליגט אַ טויטלעכע געלבקייט. ער איז געווען איינער פון די גיבורים, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט אַן אַוואַנגאַרד אין יענעם ראַיאָן. ער רעדט קיינמאָל ניט פון יענע פינצטערע טעג. דאָס פּייפל אויף זיין האַלדז רעדט פאַר אים. ער דריקט צו דאָס פּייפל מיט ביידע פינגער און עס קומט אַרויס אַ קול, וואָס מען פאַרשטייט ניט קלאָר, אָבער בעסער ווי אינגאַנצן זיין שטום. פון אָנהויב אָן האָט ער בכלל אויסגעמיטן צו קוקן אויף די מענטשן. נאָכדעם האָט ער זיך אַביסל באַרואיקט. מעגלעך, אַז נאָך אַ געוויסער צייט, וועט ער זיך לאָזן אַריינציען צוריק אין מענטשן־קרייז.

די גאַנצע צייט, וואָס זיין פריינט האָט וועגן אים דערציילט, איז ער געזעסן מיט דער פּלייצע צו אַלעמען. פון צייט צו צייט האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט צער אין די אויגן זיך שטומערהייט געבעטן: זאָל שוין זיין גענוג!

ער איז גרינג אויף די פיס. ער זיצט ניט איין אויף איין אָרט. אפילו ווען אַלע רוען, איז ער אויף די פיס. ווען עס איז שיין אין דרויסן געפינט ער זיך אין הויף. ער דרייט זיך דאָרטן אַרום מיט די לאַנגע פיס, האַלט די הענט אין די קעשענעס, און זעט אינגאַנצן אויס, ווי עפּעס אַ מין פאַרגולמטער מענטש.

בייטאָג הערט מען אים ניט. אָבער אין די נעכט, ווען דער גערויש שטילט זיך איין, ווערט דער צימער פול מיטן כאָרכלען פון זיין פּייפל, ס'איז אַ כאָרכלען ווי ביי אַ מענטשן פאַר דער גסיסה. אָפט וועקט ער זיך אַליין איבער פון זיין כאָרכלעריי. ער איז דער־שראָקן און פילט זיך אַביסל שולדיק קעגן די מענטשן. עס ווילט זיך אים אַראָפּשפּרינגען פון בעט און זיך לאָזן לויפן — ער זעט ווי די

גוטמוטיקע, קליינע אייגעלעך פון זיין שכן קוקן אַריבער צו אים, און ער בלייבט ליגן אַ געשפּאַנטער, און רעדט צו זיך אַליין: „נאַר ניט איינשלאָפן, ניט איינשלאָפן!" ווען עס געלינגט אים צו זיין וואַך, טראָגט ער זיך אַוועק אין די גיהנומדיקע נעכטנס, האַלט זיך אַן אינעם מאַטראַץ, און רעדט ווידער צו זיך: „ניט איינשלאָפן!"

אויפן דריטן בעטל זיצט אַ ייד אין די זיבעציקער מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס. ער טראָגט אַ טונקל העמד און אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ. זיין קאָפּ איז שווער און קיילעכדיק. זיין פול פּנים מיטן געשוירענעם בערדל איז נאָך גאַנץ טונקל און זיין קול איז געזונט און ברוסטיק. טאָמער וואָלט עמיצער געפרעגט: וואָס טויג אַזאַ יידן אַן אַפּרו־היים? איז געגנוג ער זאָל זען, ווי דער ייד שטעלט זיך אויף, שאַרט די רעכטע פוס, און די לינקע בלייבט הינטער־שטעליק, — און ער האָט דעם ענטפער. דער ייד איז אַ באַרעדעווו־דיקער. ער רעדט זיך אַראָפּ פון הארצן. נאָך דער שעה פון אַפּרו, איז אים עפּעס שווער אויפן האַרצן. ווען די שווערקייט קומט אויף אים, איז כאָטש גיי שריי חי וקים! ער שאַרט מיט די שווערע קני און רעדט צו זיין שכן איבערן וועג: איר הערט, שכן, פאַראַן אַ ווערטל — מען געוואוינט זיך צו צרות און מען וויל זיך מיט זיי ניט שיידן. איך, זעט איר, וואָלט זיך מיט מיינע צרות געזעגנט אַן אַ קאָפּיקע ריוח; איך וואָלט זיך אויך גערן געזעגנט מיט דער ליבער מנוחה פון אונדזער היים. די רגע וואָלט איך אַוועק פון דאַנען: אָ, ווי איך וואָלט אָפּגעדאַנקט פון דעם פאַרדומפּענעם ריח, פון דער בראַזגעריי און טראַסקעריי; פון אַלע גוטע זאַכן!

זיין שכן פרעגט אים אָן חשק: איז פאַרוואָס, טאָקע, גייט איר ניט אַוועק. איר האָט דאָך אַ היים? דער שכן פאַרטראַכט זיך און זאָגט: טאָקע ניט קיין אייגענע היים, אָבער אַז אייך איז דאָ אַזוי דערעסן איז — אָדער, אָדער, האַ? — דער שווערער ייד קוקט אויפן שכן. ער לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ און ווי ער וואָלט גערעדט צו די קני, זאָגט ער: כ'האָב חוטא־בעגל געווען קעגן איר, מיין שנור, בין שולדיק, אַז איך האָב אַ קליינע פּענסיע! ווען איר רעדט צו איר ווערט זי אייך זאָגן, אַז געלט מאַכט א תל פון אַ מענטשן, אַז דער רייכער גלויבט ניט דעם אָרעמאַן; אָבער אַז איך האָב איר געזאָגט, אַז זי אַליין וואָלט מיך בעסער באַהאַנדלט, ווען איך האָב מער געלט, — האָט זי זיך אָנגעצונדן און זיך צעשריען, אַז ווען איך

וואָלט געווען א יוניע־מאַן, וואָלט איך איצט פאַרשפּאָרט אָנקומען צו אָרעמע קינדער. אַט אַזוי רעדט זי צו אַ געטראָפענעם, און זי איז נאָך ברוגז !...

דער שווערער אַלטער האָט זיך מיט שווערקייט אויפגעשטעלט, גענומען דעם שטעקן, וואָס איז געהאָנגען אויפן ווענטל פון שטול, און זיך אַרויסגעשלעפּט פון צימער.

דער שכן, צו וועמען דער אינוואַליד האָט גערעדט, איז דער פּערטער פון די זעקס. ער איז אַ ייד, וואָס לאָזט קיינמאָל פון זיין האַנט ניט אַרויס דעם שווערן סידור. לויט זיין אויסזען איז ער אַ ציכטיקער און אַ ספּריטנער. ער האָט ניט קיין באָרד, אָבער די יאַרמעלקע לאָזט ער ניט אַראָפּ פון קאָפּ. דער דאָזיקער ייד האָט נאָך ניט איבערגעריסן אינגאַנצן מיט דער „אַנדערער זייט". ער האַנדלט דאָ צו צו ביסלעך. ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ צירונג־פּעדלער. אויך אין דער „היים" האַנדלט ער פון רגילות. ער איז אַ מין צווייענדיקער מענטש, דער ייד. אין בעט און אין צימער איז ער אַ גאָטס־פאַרכטיקער מאַן, האָט אַ פרום פּנים. ער רעדט שטיל, איז פאַרטאָן אין זיך, אין זיין סידור, און אין זיינע ציטערדיקע הענט. ווען ער קוקט ניט אַריין אין סידור, קוקט ער שטאַרק אויף זיינע הענט, ווי ער וואָלט מיט זיין קוקן זיי געשטראָפט, געהאַט טענות צו זיי, אָדער זיך געבעטן ביי זיי, זיי זאָלן אים דינען, אים ניט אָנטאָן קיין חרפּה. ווי נאָר דער ייד גייט אַריין אין זיינע סוחרישע בגדים, ווערט ער אַן אַנדערער. דאָס אַלטע העמד, וואָס ער טראָגט, אַ העמד מיט שטייפע מאַנקעטן און אַ שטייפן קאָלנער, גיט צו זיין פּנים אַ מאָדנע האַרטקייט, אַן אָנגעבלאָזנקייט. דאָס קליינע, שוואַרצע שניפּסעלע, דאָס אָפּגעקראָכן רעקל, דאָס קאַפּעלושל, וואָס איז אויסגעווייקט פון אַ סך רעגנס, — אַלץ צוזאַמען מאַכן אַ תל פון דעם פרומען יידל מיטן גראָבן סדור און די ציטערדיקע הענט!

דעם „סטאָק" זיינעם טראָגט ער אין בוזים קעשענע. דאָ געפינען זיך כלה־מתנות אויף אויסצאָלן. אָפּט לאָזט זיך דער ייד צום שטיקל איבערבלייבעכץ פון די גוטע יאָרן. ווען ער מאַרשירט אַרויס פון צימער מיט גלייכע טריט און אַ געהויבענעם קאָפּ קוקן אים נאָך פינף פּאָר הונגעריקע אויגן.

דער פינפטער פון די היגע תושבים, וואָס איילט זיך ניט צו פאַרלאָזן דאָס בעט נאָך דער שעה פון אָפּרו, איז אַ ייד, וואָס וויל

זיך וואָס־ווייניקער אָנזען. ער איז אין מיטל־עלטער. אַ גאַנץ טונקעלער, אַ שווערער. פון זיינע גרויסע, סטאַרטשנדיקע אויגן יאָגט אַ גרויל. ער האַלט זיך שטענדיק אין טוליען צו עפּעס, ווי ער וואָלט געזוכט שוץ. ווען ער זיצט, אָדער שטייט, האַלט ער זיך אָן ניט נאָר מיט ביידע הענט, נאָר מיטן גאַנצן קערפּער. אפילו ווען ער ליגט אין בעט, קלאַמערט ער זיך אין די ווענטלעך, אין מאַטראַץ, אין וואָס עס לאָזט זיך. ווען אַ „טראַק" יאָגט זיך פאַרביי און די געביידע גיט זיך אַ טרייסל, ציטערן ביים יידן די הענט און די פיס און אפילו די באַקן.

ער איז אויך אַ נאַצי־קרבן, אַן אונגאַרישער, און קאָן זיך מיט קיינעם ניט צונויפריידן. ער קען עטלעכע ווערטער אויף „לשון קודש". ער איז געבליבן איינער אַליין אויף דער וועלט. אַלעמען האָט מען פאַרברענט! ער האָט געבראַכט מיט זיך אביסל געלט, עס אַריינגעגעבן אין דער „היים" כדי זיך צו פאַרזיכערן מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ. אויף אַלץ, וואָס מען פרעגט אים, ענטפערט ער: „גם זו לטובה!"...

ער זיצט אויפן ברעג בעטל. זיינע ניט רירעוודיקע פיס הענגען אַרונטער, און מיט די הענט האַלט ער זיך אין דער ראָם פונעם בעט. ער איז אַ גרויסער, אַ שווער־לייביקער און שווער־אָטעמדיקער. ער זעט אויס ווי איינער, וואָס איז נאַרוואָס אַרויס פון אַ געפּעכט, און רוט זיך אָפּ. ווען מען דערנעענטערט זיך צו אים, זעט מען פאַר זיך אַ לעבעדיק בילד פון חושך, עלנט, מורא און צעפּאַל!

פון וואָס פאַראַ פינצטערע ווינקלען אין זיין ניט־קלאָרן מוח, ער האָט אַרויסגעגראָבן די פאָר ווערטער: „גם זו לטובה" — ווייסט נאָר איין גאָט!

דער לעצטער אַראָפּצוגיין פון בעט, וואָס רייסט איבער די שעה פון אָפּרו, איז דער יינגסטער און זעקסטער שכן פונעם צימער. אין פאַרגלייך מיט די פינף איז ער נאָך אַ יינגל. אַזוי רופט אים טאָקע די נוירס — „באָי!" ער, איז יונג. נאָך קיין פינף און צוואַנציק ניט אַלט. אין דער „היים" איז ער אָבער פאַררעכנט ווי איינער פון די אַלטע פּאַציענטן. ער איז אַהער געקומען, ווי מען האָט געמיינט, בלויז אויף עטלעכע וואָכן; געקומען זיך דערהאָלן פון אַ קראַנקהייט, זיך אָנשעפּן מיט כוחות. אָבער די כוחות האָבן זיך ביי אים אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויסשעפּן טראָפּנווייז. ער

הייסט גדליה. נאָך ערגער ווי זיין פאַרשלעפּטע קרענק, איז גדליהס גלייכגילטיקייט, זיין אַפּהענטיקייט. ער פילט זיך ווי אַן אָפּגע־ריסענער פונעם לעבן און האָט פאַרלאָרן דעם מינדסטן גלויבן אין צוריקקער צום לעבן.

גדליה איז הויך און שלאַנק ווי אַ יונגער טאָפּאָל. זיין העלע קוטשמע האָר לויכט אין דער גרויקייט, וואָס הענגט דאָ ווי אַ שיטערער וואָלקן. זיין פּנים איז אָפּגעצויגן, די באַקנביינער שפּיצן אַרויס און זיינע טונקל־ברוינע אויגן זעען אויס שפּיגלדיק אויף דער געלער, בלוטלאָזער הויט. נאָר זיינע פולע ליפּן זיינען זאַפטיק און ווי אויף צו־להכעיס שמייכלען זיי, און דאַן טאָגט אויף אַ יוגענטלעך לעבן. כאָטש ער איז זעקס פוס די הויך, האָט אַ גוטע קאָאָרדינאַציע פון די גלידער, האָט אָבער די אַפּאַטיע, זיין נאָכלעסיקייט, פאַנאַנדער־געשרויפט זיינע לאַנגע פיס, און די אָרעמס הענגען ביי אים אַרונטער פלעגמאַטיש. אַ הילפלאָזיקייט שריַיט אַרויס פון זיינע לאַנגע, ביינער־דיקע פינגער. גדליה ליגט אויפן בעטל אַן אָפּגעצערטער, אַ בלייכער און דאָך אַ באַוועגלעכער. ווען ער גייט אַראָפּ פון בעט איז ער שוין מער ניט דער יונגערמאַן, — נאָר אַ פּאַטעטישע באַשעפעניש, איין שטיק צער! גדליהן אַליין איז דערווידער זיין קערפּער, און ער וואָלט אים וועלן אויסבאַהאַלטן פון פרעמדע אויגן, אָבער ער מאַכט ניט די מינדסטע אָנשטרענגונג, צו באַווירקן מיט זיינע גייסטיקע כחות די פיזישע.

גדליהס בעט איז לעבן פענצטער. ער דרייט אויס דעם קאָפּ כדי זיך צו איבערצייגן, אַז דאָ איז קיינער ניטאָ. דערנאָך שאַרט ער זיך אַרויס פון בעט, שפּאַנט אומגעלומפּערט צום פענצטער. ער שטייט און שטייט ביז וואַנען די פיס הייבן אים אָן חלשן, דעמאָלט רוקט ער צו זיין בענקל צום פענצטער און לאָזט זיך שלאַבעדיק אַרונטער.

דאָס צימער האָט אויסגעזען פּוסט און פאַרלאָזן. ביים ערשטן בעטל, וואָס ביים אַריינגאַנג, האָט זיך אין דער טונקלקייט געווייסט דעם „רבינס" קליין, ווייס קעפּל. פון די ליידיקע בעטלעך האָט געיאָגט אַן אומעט. גדליה איז געזעסן אויף דער פענצטער־ברעט, די הענט אָנגעשפּאַרט אויף דער ברעט, און צוגעדריקט דעם קאָפּ צום אָנגעהיצטן שטיקל שויב, אין וועלכער ס'האָט געפּלעמלט אַן אָפּשיין פון דער פאַרגייענדיקער זון. די צוואָקסענע טאָפּאָלן ביים פענצטער

האָבן זיך געצויגן הויך־הויך איבער דער געבײַדע. פֿון צווישן זייערע פֿאַנאַנדערגעשפּרייטע צווײַגן האָבן זיך אַרויסגעזען קליינע, ווײַסע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי גרויסע פֿליגל־פֿעכער. אַרום די סאַמע שפּיצן פֿון די ביימער האָבן אַרומגעצירקלט טויזנטער שוואַלבן ווי אין אַ קאַרניוואַל. די פֿויגל האָבן געשניטן פֿיגורן, ווי געשולטע סאָלדאַטן, שראַנגענווייז. מיט אַ זשווזשעריי און מיט אַ געפּילדער, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו אַ ספּעקטאַקל.

אָן אָנגעכמורעטער האָט גדליה נאָכגעפֿאָלגט דאָס רעשיקע לעבן הויך איבער זײַן קאָפּ און האָט געטראַכט: ווי שיין, ווי ליכטיק די וועלט איז! ער האָט אויפֿגעריסן דעם קאָפּ, געוואָלט נאָכפֿאָלגן די וואָלקן־פֿעכער, ער האָט געקוקט אָנגעשטרענגט, און ניט געפֿילט, ווי אַלץ האָט זיך צוריק אַ רוק געטאָן אויף פֿינף יאָר...

דער סעמעסטער איז דאָן געווען אַ שווערער, אָבער פֿאַר אים איז ער געווען אַ גלענצדיקער! ער האָט באַקומען אַ „סקאָלערשיפּ", אַ פֿרײַע רייזע קיין אייראָפּע, און אים איז אַזוי גוט געווען, אַז ער איז אַזש געוואַקסן אין דער לענג און דער ברייט. און טאַטע־מאַמע? דאָס גליק האָט אַראָפּגעשײַנט פֿון זייערע פּנימער! אײַן קליניקייט! מיט מי און שווייס איז דאָך זיי אָנגעקומען דאָס ביסל גליק.

ווען איז דאָס געווען? אינגאַנצן מיט פֿינף יאָר צוריק. אָבער אים דאַכט זיך, אַז ער איז שוין צענדליקער יאָרן אָפּגעריסן פֿון דער לעבעדיקער וועלט. ווי אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן? יאָ, ער איז געקומען אַהיים מיט שווערע פּעק אַרבעט, וואָס ער האָט געדאַרפֿט אָפּטאָן אין די געציילטע טעג פֿאַר זײַן רייזע. ער איז געווען אַביסל פֿאַרמאַטערט. די מאַמע האָט געקוקט אויף אים מיט פֿאַרדאַכט: „גדליה, וואָס איז דיר?" — האָט זי געזאָגט — „וואָס ברענט דיר דײַן פּנים?" מילא, די מאַמע קוקט תּמיד צופֿיל און אַלעמאָל געפֿינט זי עפּעס. אָבער אים איז פֿאַרט געווען וואַרעם און דער קאָפּ איז אים געווען שווער. נו, וואָס פֿאַר אַ באַטרעף אַביסל וואַרעמקייט, אַ שווערער קאָפּ, אַז מען איז ווי מיט פֿליגלען, אַז מ'איז שוין פֿאַרטיק זיך אַ לאָז טאָן איבער דער וועלט? ער האָט פֿונדעסטוועגן צוליב געטאָן דער מאַמען און זיך צוגעלייגט אויף אַ ווײַלע. ווי נאָר ער האָט זיך אַרײַנגעלייגט אין בעט, האָט ער שוין דערפֿילט ווי אַלע גלידער גיבן אים נאָך און ס'איז אים גרינג און גוט. עס איז געווען ווי ער וואָלט זיך געטראָגן אויף אַ כוואַליע מיטן

פנים צום הימל, די הענט און פיס אויסגעשטרעקט, און ס׳איז אים אזוי גרינג און גוט... ער איז לאנג געשלאפן, געשלאפן מיט א שלאף, וואס האט אנגעווארפן א מורא אויף די וואכע; מיט א שלאף וואס האט ארויסגעצויגן, אויסגעזויגן, ווי א פאראזיט, דעם קליאק פון די ביינער, דאס בלוט פון די אדערן!

צייטנווייז איז דאס שלאפן געווען אן שום חלומות, ווי ער וואלט אינגאנצן געווען אויסגעטאן פון זיך, און צייטנווייז איז דאס שלאפן געווען א ראנגלעניש עפעס צו דערלאנגען, פון זיך אראפווארפן, זיך ארויסרייסן פון עפעס און אנטלויפן! פון די חלומות פלעגט ער ווערן אויסגעמאטערט און זיך געבאדן אין שווייס. נאכן שוויצן איז שטענדיק געקומען א קעלט און נאכדעם, א שלאפן אן חלומות.

די בראזגעריי פון עטלעכע לאסט־וועגענער האט איבערגע־ריסן גדליהס טראכטענישן, דער רויש האט זיך אריינגעטראגן מיט א שטורם. די ווענט האבן זיך צעטרייסלט, דאס בלעכווארג האט זיך צעקלונגען. דער „רבי" האט אריינגעשטעקט דאס קעפל צווישן די קישנס, און גדליה האט זיך אנגעהאלטן אן דער פענצטער־ברעט, פארמאכט די אויגן און ווידער געפרואווט צונויפ־קייטלען דאס איבערגעריסענע טראכטן.

די דאקטוירים האבן געזאגט, אז עס איז רומאטיש פיבער, וואס ער האט געהאט ווען ער איז אלט געווען דריי יאר און ס׳האט זיך איצט אפגערופן. דווקא איצט ווען ער האט געהאלטן ביים העכסטן שטאפל!

ער איז געגאנגען פון שפיטאל צו שפיטאל און פון סאניטאריום צו סאניטאריום, ביז ער האט זיך דערקייקלט אהער. גדליה האט זיך באמיט צו האלטן גלייך זיין אויסגעשטרעקטע האנט, אבער די האנט איז אים ארונטערגעפאלן. ער האט כמעט ארויסגערעדט אין דער הויך; און די דאקטוירים זאגן נאך, אז איך בין געזונט, אז איך דארף זען זיך צו מאכן נוצלעך, א בייזער שפאס!

ער האט ווידער געצויגן זיין האלדז צו די שפיצן פון די ביימער. ניט געווען מער קיין פויגל. די צווייגן האבן זיך רואיק באוועגט, זיך דורכגערעדט אויף זייער לשון, און גדליהן האט זיך געדאכט, אז די צווייגן לאכן פון מענטשנס הילפלאזיקייט! א צארן איז אין אים אויפגעגאנגען און ער האט מיט א ציטער אין די קני אנגענומען מיטביידע הענט די ברעגעס פונעם פענצטער און ס׳האט זיך

פון אים אַרויסגעריסן אַן אינעווייניקסטער געשריי: וואָס פאַר אַ בייזער, צעשטערערישער כוח געוועלטיקט איבערן מענטשן! פון וואַנען האָט זיך דער כוח גענומען? ביי וועמען מאַנען די גערעכטי־קייט, און וואו איז די גערעכטיקייט? פאַר וועמענס זינד צאָלט ער? ער האָט געפרעגט און געוואוסט, אַז קיין ענטפער וועט ער ניט קריגן, ווייל עס איז ניטאָ קיין ענטפער. גדליה האָט געוויינט. עס האָבן געוויינט זיינע פאַרשעמטע הענט און פיס. ס'האָבן געוויינט זיינע דריי און צוואַנציק יאָר.

ער האָט צענומען די שלאַבעריקע הענט, צוגעפאַלן מיטן קאָפ צו דער ברעט פונעם פענצטער. זיינע ליכטיקע לאָקן האָבן זיך צעשאָטן. די ברעט איז געווען האַרט און שטום...

די נוירס איז אַריינגעקומען אויף די שפּיץ פינגער. זי איז צוגעקומען צו גדליהן, געזען ווי ער זיצט ווי פאַרגליווערט, געקוקט אויף דעם צאַרטן בויג פון זיין כמעט קינדערשן האַלדז. ער האָט איר געענטפערט מיט אַ שמייכלענדיקן בליק, אין דעם שמייכל איז געווען פרייד, פרייד פון אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד, ווען עס דערזעט אַ קענטלעכן פנים. די נוירס — מיס גאָלד — האָט זיך אָוועק־געזעצט קעגן אים אויף דער פענצטער־ברעט און זייערעביידע אויגן האָבן זיך ווידער באַגעגנט. זיינע אויגן — טונקעלע מיט פיבערישן גלאַנץ, אירע — גרין־גרויע, אינגאַנצן שוואַרצאַפּלדיקע, זוכנדיקע, און מיט אַ געוויסן פאַרוואורף אין זיי.

ער האָט געזאָגט: ס'איז גוט אייך דאָ צו זען, מיס גאָלד. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שטימונג, כאָטש נעם און שלאָג זיך מיטן ווינט! ער האָט גענומען אירע הענט און זיי געפּרואווט אַ שטאַרקן דריק טאָן, אָבער די הענט זיינען געווען שוואַך, האָט ער אויף איר געקוקט מיט פאַרלוירנקייט. ניט דאָס האָב איך געמיינט, מיס גאָלד, ניט דאָס... — מיס גאָלד האָט באַפרייט אירע הענט פון זיינע. אַ קוק געטאָן אויף איר האַנט־זייגערל, זיך צוגערוקט נעענטער צו אים און געזאָגט: איך האָב איצט אַביסל צייט, קענען מיר ריידן. איז הער מיך אויס, גדליה, איך פיל, דו ווייסט, אַז איך בין דיר אַ גוטער פריינט. איך האָב עס געפילט אין דיין האַנט־דרוק. דאָס אַליין איז אַ פריידיקע דערשיינונג. איך ווייס, אַז דו ביזט ניט צופרידן, דאָך זיי וויסן, יינגל, אַז דיין קומען צו זיך, וועגדט זיך אין דיר אַליין! דו אַליין קאָנסט זיך העלפן דאַרפסט נאָר נוצן דיין אינטעליגענץ.

ס'איז אמת, אַז דו ביסט זייער אַ קראַנקער, אָבער די צייט איז געווען גוט צו דיר, אויך די דאָקטוירים און דיינע נאָענטע, און איצט דאַרפסטו צוטראָגן דיין אייגענעם חלק, דעם גרעסטן בייטראַג.

מיר קענען זיך, האָבן אַ סך גערעדט. איך ווייס אַז דיין שיין קעפּל איז פול מיט געדאַנקען, אידייען, — דאָ האָט זי אַ פּיר געטאָן אירע פינגער אין זיינע לאַנגע, ווייכע האָר, — אָבער אַלץ האָט איינגעדרימלט אין דיר, איצט דאַרפסטו עס זען אויפוועקן.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און ווייטער גערעדט: גיב נאָר אַ טראַכט, סאַראַ ברייטע האָריזאָנטן עס עפענען זיך פאַר אַ מענטשן פון דיין גראַד, וואָס האָט אַ ליבע צו וויסן. אויב אַ מענטש האָט אַ ציל אין לעבן, איז שוין דאָס לעבן ווערט אַלע קרבנות! אָט־נעם מיך פאַר אַ ביישפּיל. איך האָב דיר שוין דערציילט, אַז כ'בין געווען ניין חדשים אַ שקלאַף אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער איך האָב געוואויגן אַכציק פונט און געמוזט אַרבעטן אַכצן שעה אַ טאָג. וואָס האָט מיך אויפגעהאַלטן? מיך, און טויזנטער אַזוינע ווי איך, האָט אויפגעהאַלטן דער איבערמענטשלעכער פאַרלאַנג צו לעבן און זיי איבערלעבן! דאָס נקמה־געפיל האָט דערהאַלטןביים לעבן די אַלע טויזנטער!

זי האָט פאַרענדיקט: איך האָב דיר שוין געזאָגט, וואָס כ'האָב געדאַרפט. איצט וויל איך הערן וואָס דו האָסט צו זאָגן. האָבן מיינע רייד עפּעס אויפגעוועקט ביי דיר אין געדאַנק? זאָגסט מיר צו, אַז דו וועסט מאָרגן איינדערפרי נעמען אַ שפּאַציר?

גדליה האָט ניט געענטפערט. אין זיינע אויגן האָט די נוירס געזען, אַז ער זוכט אַן ענטפער ביי זיך אין געדאַנק, אָדער ער וויל זיך אין עפּעס דערמאָנען. זי האָט געפילט, אַז אירע רייד האָבן דאָך עפּעס אויפגעוועקט ביי אים אַ פאַרשלאָפן ווינקל, און זי האָט זיך צעשמייכלט.

זי איז אַוועק. אין דער טונקלקייט האָט גדליה געזען דעם פלאַטער פון איר ווייס קלייד. די שכנים האָבן זיך באַוויזן ביי די בעטן. דאָס צימער איז איינגעהילט געוואָרן אין דיקער כמאַרע.

גדליה האָט ווידער געריסן דעם קאָפּ צו דיביימער, געזוכט אַ ריין שטיקל הימל, געפונען, און זיך געפרייט. ער האָט געטראַכט: ווען זי שטייט דאָ דערביי, וואָלט ער איר אָנגעוויזן אויף דער בלוי־קייט צווישן די צווייגן, אפשר וואָלט דאָס געווען זיין ענטפער...

דער לעצטער פרישטיק

די באַן האָט געדאַרפט אָפגיין מיטאָק־צייט, אָבער מאַמע און זון זיינען שוין געווען אויף די פיס מיטן אויפגיין פון דער זון. די מאַמע, עליזאַבעט, איז ווייניק געשלאָפן דורך דער נאַכט. דאָס אָפּ־פאָרן פון איר פערצן־יאָריקן זון, טעד, האָט מען איוספּלאַנירט און באַשימט נאָך מיט וואָכן צוריק, אָבער די גאַנצע צייט האָט זי ניט געוואָלט טראַכטן וועגן זיין פאַרלאָזן. זי האָט צו זיך געזאָגט: „איך טו דאָס פונזייַנעטוועגן. מען דאַרף עפּעס מאַכן פון אים, און מען דאַרף וויסן, אַז עס איז איינס פון די ביידע — אָדער מען מאַכט ניט קיין פיינקוכן, אָדער מען פאַרנוצט אייער". אַזוי האָט איר אויך געזאָגט איר ברודער, קלאַראַ.

עליזאַבעט האָט געטרויט איר ברודער, ווי טעדיס אייגענעם טאַטן, ווען ער האָט געלעבט. קלאַראַ איז געווען אַ גוטער. ער האָט קיין קינדער ניט געהאַט. זיין „גאַראַדזש" האָט אַריינגעטראָגן גענוג פאַר אַ פאַמיליע פון צען, ניט נאָר פון דריי. אפשר, אויב טעדי וועט וועלן, וועט ער גיין ביינאַכט אין דער העכערער שול און זיך צו עפּעס דערשלאָגן.

דער ברודער האָט געוואָלט אַוועקנעמען טעדין צו זיך באַלד נאָכדעם ווי זיין, טעדיס, טאַטע איז געשטאָרבן. זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין האַרץ זיך שיידן מיטן קינד. וואָס איז איר דען פאַרבליבן אויסערן קינד? ווי שיקט מען אַוועק אַזאַ קליינס? אַז עס איז קיין פיר יאָר ניט אַלט געווען!

עליזאַבעט איז אַוועק אַרבעטן אין אַ וואַשעריי און אויפן קינד האָט אַכטונג געגעבן די גוטע סוזי, וואָס האָט אַ האַרץ פון אַ מלאך. דעם קליינעם האָט גאָרניט געפעלט. זי האָט טאַקע געאַרבעט שווער, זייער שווער, אָבער זי האָט געהאַט צו וואָס אַהיימקומען. דאָס קינד איז געווען איר טרייסט. ער איז געוואַקסן, און וואָלט זי געדאַרפט אויסבעטן ביי גאָט אַ זון, וואָלט זי זיך קיין בעסערן ניט געוואונטשן.

פערצן יאָר זיינען שוין אַוועק. וואו זיינען אירע פערצן יאָר? אָט זיינען זיי! זי שטייט אַ האַלב־אויסגעטאָנענע אין מיטן צימער און קוקט אויף איר טעדין. ער האַלט זיך אין איין פּאַקן. וואָס עס האָט

זיך אַלץ אָנגעקליבן אין זיין שופלאָד ! אַ וועלט מיט „טרינקלעטס״. זי נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון אים. אַלע ווײַלע געפינט זי עפּעס אין אים, ווי ער וואָלט ערשט געקומען צו־גאַסט. עס דאַכט זיך איר, אַז ער זעט אויס ווי אייב לינקאָלן. וואָס איר פאַלט איין ? דאָס האָט איר סוזי געזאָגט, אַז טעדי האָט דעם אָנבליק פון אייבן ; זיין הויך, זיין לאַנג פּנים, הויכן שטערן און טיפע ווינקלען — אפילו די נאָז איז די זעלבע. נאָר טעדיס ליפּן זיינען שענער, ווי אייבס. די ליפּן זיינען דעם טאַטנס. אויך זיין קול הויבט שוין אָן צו קלינגען ווי ביים טאַטן.

ווי ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פאָרלייענונגען אין גראַדואיר קלאַס ! ניט אומזיסט האָט סוזי געזאָגט : וואָלט ער ניט געהאַט אונדזער הויט, וואָלט ער אויסגעוואַקסן אַ סענאַטאָר... אַנדערש ניט, ווי נאָר אַ סענאַטאָר ! איך וועל איינגיין אויף אביסל ווייניקער.

איינגעפּאַקט זיין ייִנגליש פאַרמעגן און עס גוט באַוואָרנט מיט שטאַרקע שטריקלעך, האָט טעדי געפייפט עפּעס אַן אומעטיקן ניגון, געקוקט אויף דער ערד, ווי ער וואָלט זיך וועלן עפּעס דער־מאָנען, צי ער האָט גאָרניט פאַרגעסן. זיינע קינדערשע, אָבער זייער ערנסטע אויגן האָבן אויך נאָכגעפאָלגט יעדן טראָט פון דער מאַמע, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל דערזען אירע דינע, כמעט ביינערדיקע פיס. ער האָט פּלוצלונג אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך דערנעענטערט צו דער מאַמען מיט אַ שמייכל און געזאָגט : „דאַכט זיך אַלץ פאַרטיק. ווי מיינסטו, מאָמזי ?״

צו זיינע נאָזלעכער האָט זיך דערטראָגן דער געשמאַקער ריח פון „בעיקאָן״. עליזאַבעט איז געווען פאַרטאָן אין איר קיך־אַרבעט. זי האָט אויסגעדרייט איר פּנים צום זון, און ער האָט דערזען אין איר פּנים אַ מאָדנעם אויסדרוק. זי האָט, ווי געצוואונגען, געזאָגט : „איך מאַך היינט אַ פאַראַדנעם פרישטיק ; אַ לעצטן פרישטיק״. זי האָט צוריקגעכאַפּט דאָס וואָרט „לעצטן״ און פאַרריכט : „אַ גאַר־גאָר פאַראַדנעם פרישטיק !״ זי האָט ניט געקוקט אויף אים און האָט געוויזן מיטן קאָפּ : „זע, זון, פרישע בולקעלעך, אַזוינע ווי דו האָסט ליב. שוין אַלץ פאַרטיק. זעץ זיך צום טיש״. ס׳האָט זיך ווידער אַרויסגעריסן פון איר מויל : „דער לעצטער מאָלצייט״, און זי איז אָנגעצונדן געוואָרן פון אירע אייגענע ווערטער.

טעדי האָט געקוקט אויף דער מאַמען מיט פרעגנדיקע און פיינלעכע אויגן. איר וואָרט „דער לעצטער", האָט אויף אים ניט געמאַכט קיין איינדרוק. ער האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זי איז צעטומלט. ביידע האָבן געגעסן די פּאַטראַוועס מיט אַ גלייכגילטיקייט. טעד האָט עטלעכע מאָל געפּרוווט עפּעס זאָגן, נאָר די ווערטער זיינען עפּעס ניט אַרויסגעקומען גלאַט. צו הויכע פּראַזן האָבן זיך אים געדרייט אין מויל. פאַר דער מאַמען האָט ער זיך געשעמט אַרויסריידן די בוך־ווערטער, האָט ער זיך באַנוגנט מיט קוקן אויף איר און שמייכלען. ער האָט געקלאַפּט איבער אירע שווערע און לאַנגע פינגער, ווי ער וואָלט וועלן אויסקלאַפּן אַ געוויסע מעלאָדיע. און האָט צוגעבאָמקעט: „מאַם, מאַם, מאַמזי"...

עליזאַבעטן איז אויך אָנגעקומען שווער דאָס ריידן, אָבער זי האָט אים עפּעס געמוזט אָנזאָגן, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז ער איז ניט קיין נאַר, און וועט וויסן ווי צו קאָנטראָלירן זיין צונג, אָבער איר איז שווער געווען דאָס האַרץ, האָט זי אים געוואָרנט:

„זון מיינער, יינגל טייערער, זאָג מיר צו, אַז וועסט זיך זען צוימען.... דאָרטן, אין דער שטאָט, וואוהין דו פאָרסט, זיינען מיר, די שוואַרצע, גרויס אין די אויגן פון די ווייסע, פאַרשטייסט? דאָ איז אַ גרויסע שטאָט, און ווען מיר זיינען ניט קיין אָנגעלייגטע שכנים, זעען מיר זיך צופיל ניט אָן, אָבער דאָרטן — דאָרטן איז עפּעס אַנדערש. איך וויל דיך ניט אָנשרעקן, דו פאָרסט צו אַ קלוגן אָנקל. ער וועט שוין אַלץ טאָן פאַר דיר. איך וויל נאָר זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז וועסט זיין שטיל ווי אַ וואַסער און ניט קוקן וואו מען דאַרף ניט. זאָגסט מיר צו?"

טעדי האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט דער מאַמען רעדן אַזוי. זיינע אויגן זיינען געווען פאַרוואָלקנט. ער האָט איבערגעטראַכט: אפשר זאָל ער אינגאַנצן ניט פאָרן? ניט איבערלאָזן זיין מאַמי? — און קאָרא? — עליזאַבעט האָט אים לאַנג ניט געלאָזט טראַכטן. זי האָט אָוועקגעשטעלט זיינע וואַליזקעס אין דער מיט שטוב, האָט באַטאַפּט די שלעסלעך, געווען צופרידן, און גענומען אַרומטאַפּן דעם זון. זי האָט אויסגעגליכן זיין קליין שניפּסל, וואָס טעדי האָט איצט צום צווייטן מאָל אָנגעטאָן. דאָס שניפּסל האָט ער געקראָגן פון סוזין, אַ מתנה צו זיין גראַדואירונג. זי האָט באַטראַכט זיינע שיך־בענדלעך, און באַשלאָסן אים מיטצוגעבן נאָך אַ פּאָר — מען ווייסט דאָך

קיינמאָל ניט ווען עס צערייסט זיך. זי האָט דערזען אַז אַ קנעפּל איז ביי אים לויז. אָט נעמט זי נאָדל־פאָדעם און פאַרנייט.

עליזאַבעט איז געזעסן אויף אַ נידעריקן בענקל און איז געווען פאַרטאָן אין פאַרנייען דאָס קנעפּל. זי האָט געפילט, אַז באַלד וועט די נאָענטקייט פון איר קינד איבערגעריסן ווערן. זי האָט מיט אַלע חושים אַריינגענומען אין זיך דאָס קינד, ווי זי וואָלט אים געוואָלט פאַרשלינגען. זי האָט זיך ניט געאיילט, לאַנגזאַם געצויגן דעם פאָדים, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט. נאָך אַ שטאָך און נאָך אַ שטאָך... טעדי האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף דער מאַמעס קאָפּ, זיך געשפּילט מיט אירע האָר־קרייזלעך און געזאָגט שפּאַסיק: „מאַמזי, מען האָט דאָך שוין געקענט אין דער צייט איינגייען אַ פאָדעשוועאין אַ שוך". עליזאַבעט האָט זיך ווי פאַרלאָרן. זי האָט איבערגעריסן דעם פאָדים, אַרומגענומען דעם זון מיט אַלע אירע כחות. אים אָפּגעשטופּט און געזאָגט: „שוין, איך בין פאַרטיק!"

טעדי האָט ליב געהאַט זיין „מאַמי". ער איז קיינמאָל ניט געווען איבערגעזעטיקט מיט איר מאַמעשאַפט. תמיד אַ פאַרנומענע, האָבן מאַמע און זון געהאַט אַ באַגער זיך דורכריידן וועגן קלענערע און גרעסערע פּאַסירונגען. גראָד איצט, אין די טייערע מינוטן, האָבןביידע געהאַט פאַרשלאָסענע הערצער. טעדי האָט זייער געוואָלט דערציילן דער מאַמען, אַז קאַראַ איז פון אים נעכטן אַנטלאָפן, זיך ניט געוואָלט זעגענען מיט אים. ער האָט איר געוואָלט פרעגן, צי זי מיינט, אַז קאַראַ וועט אַרויסקוקן צו אים פון פענצטער, אָבער ער האָט גאָרניט געזאָגט. זאָל שוין נעמען אַ סוף! ער קען שוין ניט איבערטראָגן דער מאַמעס פאַרוויכערטע אויגן!

און אפשר זאָל ער גאָר אַ זאָג טאָן: „איך וויל בלייבן מיט מיין מאַמזי!"... אָבער וואָס פאַר מאַנספאַרשוין וואָלט ער געווען, ווען ער טוט אַזאַ זאַך? ניין, ניין, ער איז אַן איינציקער זון ביי דער מאַמען. זי ווערט עלטער און שוואַכער. בלייבן דאָ מיט איר, וועט ביידן ניט טאָן קיין גוטס. אָנקל קלאַראָ ווייס וואָס ער טוט!

שכנים זיינען געקומען זיך געזעגענען. די מאַמע איז שוין געווען גרייט. זי האָט זיך אויסגעפּוצט אין איר זונטיקדיקן קלייד און אין אַ שיין ווייס היטעלע. טעדי האָט געטראַכט, אַז די מאַמע האָט מאָדנע אויגן. קיינמאָל האָט ער זי ניט געזען אַזאַ ווי איצט. סקיפּי, דער הונט, האָט דערשפּירט, אַז עפּעס קומט דאָ פאָר, און ווי ער

וואָלט זיך געבייזערט פאַרוואָס מען טיילט אים ניט מיט, האָט ער זיך געדרייט אַרום טעדין, אַרום עליזאַבעטן, מיט אַ מאָדנעם „דראַל". ער האָט אויפגעריסן דעם קאָפּ מיט פרעגנדיקע אויגן צו טעדין, איז אונטערגעשפּרונגען, און זיך ניט באַרואיקט ביז טעדי האָט אים אַרומגענומען, אים צוגעדריקט צו זיך, אים איינגענומען ווי מען נעמט־איין אַ וויינענדיק קינד.

צוויי מיידלעך מיט אָנגעקראַכמאַליעטע קליידלעך, שטייפע צעפּעלעך און אָפענע פּיסקעלעך, האָבן דערלאַנגט טעדין אַ פּעקל איינגעוויקלט אין רויט־גאָלדיק פּאַפּיר. זייער מאַמע האָט זיי אונטערגעשטופּט; „זעגנט זיך מיט טעדין, קינדער". די מיידלעך האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּלעך, אים געגעבן דאָס פּעקל און זיינען גיך אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

עס איז צוגעפאָרן דער גערטנער מיט זיין אויטאָמאָביל. ער האָט דריי מאָל געבלאָזן דעם האָרן. טעדי האָט גענומען דאָס גרעסערע פּעקל, די מאַמע — דאָס קלענערע און ביידע האָבן פאַרלאָזן די שטוב אָן רעש. אַ שטילע אומעטיקע פּראָצעסיע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ. סקיפּי איז זיי נאָכגעגאַנגען שטיל. דורך די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט עטלעכע שכנים און נאָכגעשריען: „גודבאַי!" טעדי האָט געזוכט קאַראַן אין די פענצטער, זי דאַרט ניט געזען און ס'האַרץ האָט ביים יינגל געקלעמט... זי איז ניטאָ! ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי ליגט אויפן בעט, איר קאָפּ איינגעגורעט אין קישן און וויינט...

אין אויטאָמאָביל האָט אים די מאַמע צוגעדריקט צו זיך. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז די רייזע צו דער באַן־סטאַנציע וועט זיך ציען לאַנג און זי וועט נאָך קאָנען ריידן מיטן זון, אָבער די אַלטע מאַשין האָט זיך געטראָגן ווי אויף פליגלען, און שוין! מען איז שוין ביי דער סטאַנציע, וואו די באַן וואַרט אויף זיי. אַ גלאַנצנדיקע, א שיינענדיקע, אַ בייזע און טומלדיקע באַן. און מענטשן — ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט זיך דאָ פאַרזאַמלט. עליזאַבעט איז געווען צעטומלט, ניט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ וואָגאָן אַריינזעצן איר זון. טעדי האָט זיך אַליין געהאָלפן. ער האָט אַרויפגעוואָרפן די פּעק אויף די הויכע טרעפּ, אַראָפּגעשפּרונגען און געצויגן דער מאַמען פאַר דער האַנט. סקיפּי האָט אויך געוואָלט אַרויפשטייגן, עמיצער

האָט אים ניט געלאָזט האָט ער זיך צעבילט. און אָט האָט דער קאָנדוקטאָר אויסגערופן: — „אָל עבאָרד!...״

מאַמע און קינד האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און זיך גיך־גיך צעקושט. עליזאַבעט האָט אים געקושט אין די אויגן, אין האַלדז. עס האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער פייף, אַלץ אַרום האָט אויפֿגעטרייסלט און די מאַמע איז שוין געווען צוריק אויף דער פּלאַטפֿאָרם. די באַן האָט זיך גערירט... אַלץ איז פֿאָרגעקומען אין געאייל, אין אַ כאַפּעניש, אין אייך־מינוטיקן געווירבל!

דער הונט האָט זיך געבייזערט, איז נאָכגעלאָפֿן דעם אָפּגייענדיקן צוג. עליזאַבעט האָט אויפֿגעזוכט טעדיס פּנים צווישן די פֿילע פּנימער, וואָס האָבן זיך געקלעפּט צו די שויבן. עמיצער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט — דער גוטער גערטנער — וואָס האָט זי געפֿירט צו דער באַן.

טעדי איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געפֿאָרן אין אַזאַ גרויסער באַן. ווען די באַן האָט זיך נאָך אַ פּאָר רגעדיקע לאַנגזאַמע רירן אַ טראָג געטאָן מיט אַ קלאַפּעריי, איז ער געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט אַראָפּגעשפּרונגען פֿון אַ גרויסער הויך! ס׳האָט אים געשווינדלט פֿאַר די אויגן און דער קאָפּ האָט זיך אים פֿאַרדרייט. ער האָט געטראַכט, אַז ער דאַרף זיך אין עפּעס אָנהאַלטן, כדי ניט אומפֿאַלן. ער איז ניט געפֿאַלן. ער איז געזעסן לעבן די פּאַסאַזשירן, אַלע דערוואָקסענע, שמייכלענדיקע, טייל פֿון זיי — זייער פֿריילעכע. ער האָט זיך דערפֿילט לייכט. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן שטיקל פֿענצטער, ביי וועלכן ער איז געזעסן און ס׳האָבן זיך פֿאַר זיינע אויגן פֿאַרבייגעטראָגן נייע וועלטן. צויבער־שטיבלעך, קליינינקע, פֿאַרביקע, האָבן זיך געדרייט אין אַ טאַנץ, צוזאַמען מיט בערג, מיטביימער. זיינע פֿערצן יאָר האָבן זיך צעשפּילט. ער האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז ער פֿאָרט צו אַ ליכטיקייט, וועלכע געפֿינט זיך דאָרטן, דאָרטן. וואוהין די באַן יאָגט זיך און ער יאָגט זיך מיט דער באַן.

טעדי האָט געטראַכט פֿון דער מאַמען ניט מיט טרויער, נאָר מיט צוזאָג. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעטלט, ווי ער קומט אָן צום אָנקל און שרייבט באַלד אָן אַ גרויסן בריוו דער מאַמען. צו קאַראָן וועט ער שיקן שיינע פֿאָטאָגראַפֿישע קאַרטלעך וואָס ער האָט געזען אין די געשעפֿטן... ער האָט אויפֿגעבונדן דאָס פּעקל סענד־

וויטשעס, וואָס די מאַמע האָט אַזוי זאָרגפעליק צוגעגרייט, און עס האָט אים אַ קלעם געטאָן אין האַלדז. ער האָט געזען זיין פאַר־גליווערטע מאַמע, ווי זי שטייט לעבן די טרעפּלעך, ווען דער צוג האָט זיך גערירט, ווי זי וואָלט געשטאַנען ביים אַלטאַר, גרייט זיך אַרונטערלאָזן אויף די קני. אַ מיטפּאַרערין האָט באַמערקט, אַז טעדי איז פאַרחלומט, האָט זי אים אַ קלאַפּ געגעבן אין קני און אָנגעוויזן אויפן פּעקל, געזאָגט: „זיי אַ מאַן, באַי, זיי אַ מאַן!"

די ווערטער פון דער פרוי האָבן אים ניט אויפגעהייטערט, נאָר פאַרקערט, ער האָט זיך געשטיקט מיט דעם אַנלויף פון טרערן. ער האָט צוריק פאַרבונדן ס'פּעקל און זיך פאַרקוקט אין דער טונקלקייט פון דעם וואַגאָן.

עליזאַבעט איז צוריקגעקומען פון דער באַן־סטאַנציע אין דער ליידיקער שטוב ווי מיט אָפּגעפרוירענע פיס. זי האָט ניט געפילט אירע אייגענע טריט. אין קאָפּ האָט איר נאָך אַלץ געקלאַפּט און ס'האָט איר געשווינדלט אין די אויגן. טאַ־טאַ־טאַ! ניט אויסצוהאַלטן, ווי איר קאָפּ וואָלט זיך צעפלויגן אויף שטיקער! — „סקיפּי, הונט, פריינט מיינער. קום אַהער צו מיר! פאַרוואָס ווייניסטו?" — סקיפּי האָט הינטיש געווײינט און זיך ווי געבעטן ביי איר כאָטש אַ טרייסט־וואָרט. ער און זי — שותפים אין בענקעניש...

אויף מאָרגן איז עליזאַבעט אַוועק צו דער אַרבעט. זי האָט זיך אַליין געזידלט פאַר דעם, וואָס זי האָט זיך ניט געהאַלטן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פרוי, וואָס האָט אַזאַ שווער לעבן. זי האָט דאָך אים געשיקט פאַר אַ גוטן צוועק! זי גלייבט דאָך, אַז ביים ברודער האָט דאָס קינד אַ בעסערע צוקונפט ווי ביי איר! דאַרף זי זיך טאַקע נעמען אין די הענט! זי האָט זיך באַמיט צו טראַכטן וואָס ווייניקער וועגן איר טעדין. עס וועלן אַוועקגיין אַ פּאָר טעג און ער וועט איר שרייבן דעם ערשטן בריוו, דעמאָלט וועט זי זיך אינגאַנצן באַ־רואיקן, און וועט קענען איינהאַלטן די נערוון ביי דער אַרבעט.

די נאָגעניש אין האַרצן האָט ניט נאָכגעלאָזט, אָבער זי האָט אויסגעזען רואיק און אפילו געשמייכלט: „אַך, ווי דערוואַרט מען זיך שוין אויפן ערשטן בריוו. איז טאַקע אַ מאַמעס האַרץ שטענדיק פאַרזאָרגט אומזיסט? — ניין, ניט אומזיסט!"

עס איז געווען אַ זונטיק אינדערפרי. פיר טעג נאָכדעם ווי זי האָט אַרויסבאַגלייט איר טעדין מיט אַזאַ שווער האַרץ, און דאָך

מיט אַ גלויבן אַז ער פֿאָרט צו אַ ניי, בעסער לעבן. דער טאָג האָט זיך געשטעלט זוניק, העל. איינער פֿון יענע פּרימאָרגנס, וואָס דערפֿרייען בענקענדיקע הערצער...

עליזאַבעט איז געלעגן אין בעט לענגער ווי אין אירע אַרבעטס־טעג. זי האָט ניט געדאַרפֿט צוגרייטן פֿרישטיק פֿאַרן קינד. זי האָט אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער. די גאַס איז געווען באַלאַגערט מיט קליינוואַרג. עליזאַבעט האָט געקענט אַלע קינדער, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אויף איר בלאָק. זי האָט, דאַכט זיך, זיי געקענט נאָך איידער זיי זיינען געבאָרן געוואָרן. עס האָט איר געצויגן צו די קינדער. — אפֿשר זאָל זי אַריינרופֿן די קינדער אין הויז? ס׳וואָלט געווען אָנגענעם צו האָבן אַ פֿולע שטוב מיט קינדערלעך. ניין, מען דאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט, — אָבער וואָס איז דאָס? פֿאַרוואָס לויפֿט דזשין אַזוי? פֿאַרוואָס לויפֿט מען גלייך צו איר פֿון אַלע הייזער — וואָס זאָל עס מיינען? אַלע, אוי, גאָט טייערער!

אַ מאָסע האָט זיך אַריינגעריסן צו איר אין שטוב, האָבן אפֿילו ניט געקלונגען פֿריער מיטן גלעקל. מיט פֿאַרבראָכענע הענט און מיט אַ ביטערן געוויין איז איר דזשין געפֿאַלן אויפֿן האַלדז. זי האָט ניט געקאָנט ריידן. זי האָט געכליפּעט און אָנגעוויזן אויף אַ אָן אַנדערער, וואָס האָט געהאַלטן אַ צייטונג אין האַנט. גרויסע, שוואַרצע, אומפֿאַרשטענדלעכע אותיות, און כאָטש קיינער האָט ניט געזאָגט, וואָס די שוואַרצע אותיות באַדייטן, האָט אָבער עליזאַבעט דערפֿילט, אַז עפּעס שרעקלעכעס האָט געטראָפֿן מיט איר קינד. אירע פֿיס האָבן זיך אונטערגעבראָכן. זי איז געפֿאַלן צו דער ערד מיט פֿאַרשטשעמעטע ציין און איבערגעקערטע אויגן. ס׳הויז איז באַלד אָנגעפֿילט געוואָרן מיט מענטשן און געוויין. קינדער און מאַמעס האָבן געוויינט.

אין הויז איז אַריינגעקומען דער יונגער „פּאַרסאָן“ (קירך באַדינער) מיט אַ געלן פּנים און בלויע ליפּן. ער האָט זיך אַראָפּ־געלאָזן אויף די קני, געטאָפּט עליזאַבעטס קאָפּ און געבעטן מען זאָל אים העלפֿן זי אַריינלייגן אין בעט. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען מיט די אויגן געווענדט צו דער ערד. נאָכדעם האָט ער אַרויס־גענומען אַ צייטונג פֿון קעשענע און מיט אַ פֿאַרשטיקט קול פֿון טרערן געלייענט:

„צוויי ווייסע, רעספּעקטאַבעלע בירגער, ברידער, האָבן זיך

נעכטן, אינמיטן נאַכט, אַרייַנגעריסן אין ייִנגלס צימער פון דעם קאַלירטן גאַראַדזש־מאַן. זיי האָבן, אונטער די גוואַלדן פון דעם מאַן, זיין פרוי און די אַרומיקע שכנים, געבונדן דעם ייִנגלס הענט און פיס און אים פאַרשלעפּט אין וואַלד. דאָרט האָבן זיי דאָס אָרעמע קינד פאַרפּייניקט און אים אַרייַנגעוואָרפן אין אַ דערבייאיקן טייך. די צוויי ווייסע ברידער האָבן טעדיִן באַשולדיקט אין „פּייפן" צו זייערע ווייבער ווען יענע זיינען פאַרבייגעגאַנגען די וועראַנדע, וואו ס׳ייִנגל האָט זיך געוויגט אויף אַ שטול. דאָס ייִנגל איז מיט אַ פּאָר טעג פריער געקומען צו־גאַסט צו זיין אָנקל, דעם נעגערשן גאַראַדזש־מאַן... קיינער איז ניט אַרעסטירט געוואָרן, כאָטש אַלע האָבן געזען די מערדער..."

ס׳קול פונעם קירך־באַדינער איז געזונקען. מען האָט קוים געהערט זיינע לעצטע ווערטער. זיין הויך איז עפּעס ווי קלענער געוואָרן. זיין קאָפּ איז געזונקען צו דער ערד. אין דער פאַרגליווער־טען שטילקייט האָט זיך דורכגעריסן דאָס אוממענטשלעכע רעווען פון דער מאַמען, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין קאַנוואולסיעס. דער קירך־באַדינער האָט געפּרואווט זי באַרואיקן. ער האָט שטאַרק געדריקט אירע הענט, אירע שלייפן, זי צוגעדעקט, אָבער עליזאַבעט האָט ווי געשוועבט אין אַנדערע ספערן. ער האָט געפּרואווט ריידן, און דאָס קול האָט אים ניט געפאָלגט. נאָך עטלעכע מינוטן פון שטילשווייגן האָט זיך דערהערט זיין קול, וואָס האָט געקלונגען ווי אַן עכאָ: „טאָכטער, הער מיין קול! קינד מיינס! איך רייד צו דיר די ווערטער פון גאָט. ער, גאָט אַליין, וועט שטראָפן! די שולדיקע וועלן באַצאָלן פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט! יאָ, זיי וועלן באַצאָלן!"

עליזאַבעט איז אויף אַ ווײַלע געבליבן שטיל. זי האָט געקוקט מיט פינצטערע אויגן אויפן פּאַרסאָן. ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטן איר פינצטערן קוק, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני און אַרויסגעלאָזט אַ האַרצרייסנדיק געוויין!

— אַלץ האָט געוויינט. די שטוב, די ווייבער, די קינדער, די גאַס, — עס האָבן געוויינט, אַ סך, אַ סך גאַסן...

הינטיש בלוט

דער גאַסט, וואָס איז געקומען באַגעגענען די שטראַמס, איז געווען אויסער זיך. פון העפלעכקייט האָט ער זיך איינגעהאַלטן ניט צו נוצן קיין זידל־ווערטער קעגן די פריינט זיינע, מיט וועלכע ער האָט געוואָגלט אַלע חורבן יאָרן, ביז ער האָט זיך אָהער דער־שלעפּט. ער האָט געטראַכט: ווי איז עס גאָר מעגלעך? זיי זיינען צוזאַמען אויסגעריסן געוואָרן, געקייט די ערד, געלעבט ווי פאַר־פאַלגטע חיות — היינט, ווי פאַלט אַ מענטשן איין אַזוי צו טראַכטן? ניט אַנדערש, אַז עפּעס האָט זיך ביי זיי איבערגעקערט אין מוח! ער האָט זיך אויף אַזוינס גאָרניט געריכט! אנשטאָט צו קושן די האַנט, וואָס האָט אים אויפגענומען ווי אַ מענטש; אַנשטאָט צו בענטשן דאָס לאַנד, וואָס האָט אים געגעבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָט ער גאָר טענות, אַז מען האָט אים פאַרשלעפּט!

די שטראַמס, מאַן און ווייב, זיינען געווען עלטער פון די מיטעלע יאָרן. עס זיינען נאָך געווען קאַנטיק אויף זיי די יסורים, וואָס האָבן געשריען אָן ווערטער. שטראַם אַ שווערער, אַ נידעריקער, מיט אַן אָפּגעברענטער ברעם און ניט־פאַרהיילטע שניטן אויפן פּנים. ער האָט פון צייט צו צייט עפּעס גערעדט. זיין ווייב איז אינגאַנצן געווען ווי פאַרשטומט. פאַר איר איז דאָס רעדן געווען אַן אָנשטרענגונג. זי האָט געהערט ווי איר מאַן רעדט און אויף אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַ צייכן, אַז זי איז מסכים. זי האָט קנאַפּ געגעסן פון דער מילך און האָניק, וואָס טריפט דאָ פון די ביימער. זי האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ סקעלעט און אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען גרויס און ליכטיק, און מען האָט זיך געוואונדערט, ווי נאָך זי דערהאַלט זיך ביים לעבן.

שמחה שטראַם האָט געענטפערט דעם גאַסט אויף די טענות:

— ווער געניסט דאָ פון אַלדאָס גוטס, אַז די ערד איז פאַר מיר פרעמד און ליידיק? דאָרטן איז דאָך אַלץ געווען מיין אייגנס! איך זע: דו שמייכלסט, טראַכסט אַוודאי, אַ שיינער אייגנס! אָט־די בלוטיקע פעלדער! איך ווייס וואָס דו טראַכסט. כ׳וויל אָבער דו

זאָלסט וויסן, אַז די דאָזיקע בלוטיקע פעלדער, דיביימער, אפילו דאָס ווילדגראָז אויף די קברים־בעגלעך זיינען מיר אייגן און טייער. ווען זיינען דען אידן אַנטלאָפן פון די קברים פון זייער אייגן בלוט און פליש? און אַז דער׳הרג׳עט, פאַרברענט, זיינען די קברים קיין קברים ניט? מיר האָבן געדאַרפט בלייבן דאָרט, וואו אונזער געביין איז...

ער האָט מיטן קאָפּ אָנגעוויזן אויף זיין ווייב און געזאָגט: „זי, — אַוודאי! מיינסט טאָקע, אַז דאָס פאַרשלעפּן אונדז אַהער איז געווען אַ רעטונג? אַלץ איינס, צי זי זיצט אויפן בענקל אָדער איך שלעפּ זיך אַרום. מיר זיינען דאָרטן! דאָרטן האָבן מיר געהאַלטן די איוגן צו דער ערד. יעדעס זעמדל, יעדעס שטיינדל האָט אונדז אין עפּעס דערמאָנט. און דאָ? — ניטאָ אויף וואָס צו קוקן. די רייכקייט רייסט די אויגן, און ס׳ווילט זיך אַנטלויפן פון דאַנען, לויפן צו די קברים. — ער האָט צוגעגעבן: — און וויסן זאָלסטו, מיין פריינט, אַז דאָרטן וואו עס זיינען נאָך פאַרבליבן יידן, וועט זיין אַ יידיש לעבן! ס׳איז שוין דאָ! וואָלטן מיר דאָרט פאַרבליבן, וואָלטן מיר נאָך געפונען אַ טרייסט פאַר אונדזער פאַרגאָסן בלוט, מיר וואָלטן געהאַט נקמה און נחמה. אָבער דאָ פאַרגינט מען אונדז אפילו ניט צו געניסן פון דערוויטן. אַלץ מאַלן זיי אין שוואַרצע פאַרבן, ווי ס׳וואָלט זיי געגאַנגען אין לעבן צו פאַר׳סמ׳ען אַלץ וואָס זיי קאָנען...

שטראָם האָט גערעדט מיט אַן אָנגעשטרענגט קול, כאָטש ער האָט ניט גערעדט צו הויך, און זיין ווייב האָט אויף אים געקוקט מיט איר פאַרפרוירן פּנים, ווי זי וואָלט אויף עפּעס געוואַרט.

דער גאַסט, אַן אויסגעדאַרט מענטשל, מיט אַרויסשטאַרטשנדיקע באַקנביינער, אַ סך ייִנגער ווי די שטראָמס, האָט ניט אַרויסגענומען די רעכטע האַנט פון קעשענע און מיט דער לינקער האָט ער די גאַנצע צייט געצופּט זיין האַלדז, ווי ער וואָלט מיטן צופן געגעבן אָנצוהערן, אַז כאָטש ער איז פאַרטאָן אין זיינען געדאַנקען, הערט ער וואָס מען רעדט צו אים. שטראָם האָט זיך דערנענטערט צו אים און האָט געזאָגט: איר ווילט אפשר וויסן, וואָס איך טראַכט וועגן אייערער בעל־צדקה׳ס מיט זייערע מיליאָנען? איך טראַכט, אַז עס קריכט זיי שוין פון האַלדז דאָס אָנגעהורבעוועטע גוטס, האָבן זיי זיך גענומען שרעקן, אַז זיי וועלן דאָך אַמאָל מוזן אָפּגעבן

חשבון פאַר זייער שווייגן, ווען די ערד האָט זיך דאָרטן געהויבן, אונטער די שטיוול פון שכורע נאַציס, און די טויטע רירן זיך...

שטראָמס פּנים איז געווען צונטער. ער האָט אָנגעטאַפּט די בוזים־קעשענע, אַרויסגענומען אַן אַלטן לעדערנעם טעשל, אַ קוק געגעבן אויפן ווייב און עס צוריק אַריינגעלייגט אין קעשענע. ער האָט צוגעגלעט זיין אָפּגעטראָגענעם רעקל און געזאָגט שטילער: זיינט ניט בייז אויף מיר. האָב אפשר ניט געדאַרפט דערמאָנען דאָס אַלץ. כ׳ווייס, אַז מיר ביידע טראָגן טיפע וואונדן. מיר זיינען ביידע קרבנות, נאָר איר זיינט ייִנגער. מיר ביידע, איך און זי, וועלן זיך שוין ניט איבערקנעטן. ניט איך מיטן הינטישן בלוט, וואָס איך טראָג אין מיינע געדערים, און ניט זי מיט איר סקעלעטישן פּנים.

דער גאַסט האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. שטראָם האָט מאָדנע גע־שמייכלט, ער האָט ווייטער גערעדט: און ראַצן האָט מען דען ניט געגעסן? דאָס פלייש פון אַ הונט איז שוין געווען אַ יומטובדיקער מאַלצייט. מ׳האָט געשטילט דעם הונגער מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט. און איר מיינט אַז די־אָ, קענען, אָדער ווילן היילן אונדזערע נשמות? איך גלויב זיי ניט! איך געדענק נאָך ווי איך האָב צו זיי גערופן, — מער וויל איך ניט!

דער גאַסט, שוין מיט אַ פינצטערן פּנים, האָט זיך געדרייט אויפן בענקל. ער האָט געפּרואווט עפּעס זאָגן און ניט געפונען קיין פּאַסיקע ווערטער. ער האָט זיך נאָר געפּאָרעט מיט דער האַנט אין קעשענע, אַרויסגעצויגן פון דאָרטן אַ פּעקל צעקנייטשטע פּאַפּיראָסן און אַ קעסטעלע שוועבעלעך, נאָר אַז עס איז געקומען אָנצוצינדן אַ שוועבעלע צום פאַררויכערן, האָבן עפּעס די פינגער ניט געאַרבעט. שטראָם האָט אים געהאָלפן. דער גאַסט האָט גיריק געשלונגען דעם רויך, געקוקט אויף דער ערד און געזאָגט:

—איר זעט די הענט, וואָס וואָלט איך דען ניט געטאָן, ווען ניט זיי? און וואָלט איך פאַרבליבן דאָרטן, וואָלטן מיר די קברים אַ סך געהאָלפן? איר טראָגט אַ האַרץ אויף די היגע בעלי־טובות, פאַרוואָס זיי האָבן ניט דערהערט אונדזערע ווײ־געשרייען, פרעג איך: — וואו איז געווען גאָט? פאַרוואָס האָט איר ניט קיין טענות צו אים?

ער האָט גערעדט זייער גיך, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מען זאָל אים ניט איבערשלאָגן.— נאַרישקייטן, האָט קיין פאַראיבל ניט. נאַרישקייטן, פּוסטע רייד!

שטראָם האָט זיך אַביסל אָפּגערוקט פון זיין גאַסט, אים געוואָלט בעסער זען, און זיך געהיצט: — איז דען גאָט געקומען צו מיר און מיר געגעבן די ברירה, אָדער פאָרן קיין ישראל, אָדער קיין אַמעריקע? איך זאָג ניט, אַז אַלץ וואָס זיי טוען טויג ניט. איך זאָג נאָר, הלואי זאָלן זיי אויפטאָן מיט זייער פאַרמעגן גוטעס, נישט מער — מען טאָר ניט באַהאַלטן דעם אמת. דער אמת איז, אַז מען האָט ניט געטאָרט לויפן, מען האָט זיך ניט געדאַרפט שלעפּן!

— גלויב מיר. ווען עמיצער וויסט נאָר, מיט וואָס פאַר אַ ליבע און מיט וואָס פאַר אַן עקשנות די דאָרטיגע פאַרבליבענע העלפן אויפריכטן דאָס לאַנד; דאָס לאַנד וואָס איז איצט פריי פאַר יעדן בירגער! ניט נאָר זיי, אויך די קברים פון די אומגעבראַכטע זיינען באַוואָרנט און באַשיצט. איך שעם זיך פאַר מיין אומגעבראַכטער מאַמען, וואָס וויינט פון קבר...

שטראָם האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיין ווייב, וואָס איז געזעסן און געקוקט מיט שטאַרע אויגן אין דער זייט. ער האָט אַ ווײַלע אויף איר געקוקט און זיך ווידער אויסגעדרייט צום גאַסט און געזאָגט: אי, האָבן מיר געשריען, געליאַרעמט, אָבער זיי האָבן געהאַט פאַר־שטאָפּטע מוחות. מיינט ניט, אַז זיי גיבן אוועק דאָס לעצטע! ס'וועט נאָך עפּעס איבערבלייבן פאַר זיי! זיין קול האָט זיך שוין געריסן פון אים. ער האָט דערפילט, אַז דער ווייבס שטומע אויגן בעטן זיך ביי אים, ער זאָל זיך אָפּרוען, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפקע און ווידער אַרויסגענומען פון זיין בוזים־קעשענע דאָס אַלט־אָפּגעריבן טעשל. דער ווייבס הענט האָבן זיך אויסגעצויגן און צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט, האָט זי אַ שטאַמל געטאָן: ניטע! ווען ער האָט צוריק אַריינגעלייגט דאָס טעשל האָט זי אַראָפּגעלאָזן אירע פאַרחלשטע הענט.

פּלוצלונג, ווי ער וואָלט פאַרגעסן אין ווייב און דעם גאַסט, האָט זיך שטראָם אויפגעהויבן, איז צוגעלאָפן צום טישל ביים פענצטער, ווידער אַרויסגעשלעפּט דאָס טעשל מיט ביידע הענט, און גענומען פאַנאַדערלייגן פאָטאָגראַפישע בילדער. ניט געאײַלט, מיט אַ סדר, איינס נאָך איינס, אין גלייכע שורות, האָט ער אָפּגעציילט פיר דורות. ער האָט צונויפגעלייגט יונגע לעבן יונגע, אַלטע ביי אַלטע, און זיי גערופן ביי די נעמען און ביי זייערע טיטולן: רבנים, דאָקטוירים, יוריסטן. פון די בילדער האָבן אַרויסגעלויכטן ליכטיקע,

שמייכלענדיקע פּנימער פון פּאָרלעך אין חופּה־קליידער, סטודענטן מיט דיפּלאָמעס אין די הענט, שטיפעריש קינדערישע פּנימלעך, מיט אַ פרייד און אַ טראַציקייט אין די אויגן. פּאָר שטראַמס אויגן האָבן זיך גענומען טראָגן וואָלקנס רויך, וואָלקנס פון אַלערליי קאָלירן... שוואַרצע רויטע... אין די אויגן זיינען געקראָכן מוראַשקעס, אין די אויערן האָט געקלונגען...

מיט איין האַנט האָט שטראַם אָנגעכאַפּט דעם טיש און מיט דער צווייטער גערופן דעם גאַסט. דער גאַסט האָט זיך ניט געאיילט. ער האָט געוואוסט וואָס ער וועט דאָרט זען. זיין פּנים האָט אַ ציטער געטאָן, ווי ער גרייט זיך אָנקוקן אַ בר־מינן, און נאָך איידער ער האָט זיך דערקליבן צום טיש, האָט זיך שוין שטראַם גענומען אַראָפּ־לאָזן אויף דער ערד...

אַלע זיינען צוריק געזעסן אויף די פּלעצער. די פיר דורות זיינען ווידער געווען איינגעפּאַקט אין טעשל, וואָס אין דער בוזים־קעשענע. אין צימער האָט געהערשט אַ פּראַסטיקע און כמורנע שטילקייט. דער גאַסט האָט זיך שוין געקליבן אַהיים. נאָכן לענגערן שווייגן האָט ער ווידער געפונען לשון. זיינע ערשטע פּאָר ווערטער, ווי זיי וואָלטן געשראָקן, האָבן זיך קוים דורכגעריסן די טונקעלע שאָטנס און זיך קוים דערהערט:

— אַדוואָקאַטן, אינזשינערן, רבנים . . און אַז מיין משפחה איז אַ פּראָסטע, אָן יחוס, אַז מיר זיינען געבאָרן געוואָרן מיט גרויסע מעלאָכעס: אַז מיינע ייִנגלעך זיינען געבאָרן געוואָרן מיט גרויסע הענט און פיס, ווי ביי די זיידעס, ווי ביים טאַטן — ער האָט מעכאַניש געקוקט אויף זיין הענגענדיקער האַנט — איז מיינסטו, אַז מיין ווייטיק איז קלענער פון דיינעם?

שטראַם האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שטאַרקן ביס. זיין קאָפּ און די הענט האָבן זיך ביי אים געטרייסלט פון אויפרעגונג: „גאָט מיינער! ווי רעדט עס אַזוי אַ מענטש, אַ ייד? און מיר גייט עס דען אין יחוס, אין די טיטולן? עס איז די נישטיקייט וואָס האָט אַלץ פאַרמיסטיקט, אָט וואָס עס רייסט פון מיר שטיקער! מיסט און הינטיש בלוט מישן זיך ביי מיר אין די געדערים, און איך קען עס ניט פאַרטראָגן! — און דאָס וואָס איר מיינט, אַז מען דאַרף איצט פאַר זיי, צוליב זייער צדקה, צוליב זייערע טועכצן, אַז מען דאַרף פאַר זיי שטיין מיט געבויגענע קעפּ? — ניין, ניט איך! זאָל איך

עס טאָן צוליבן הינטישן בלוט, וואָס אין מיר? אָדער אפשר צוליב איר, צוליבן פּנים און די אויגן, וואָס האַלטן אין איין זוכן? — איך זאָג ווידער: ניין! איך וועל זיי פאַרן שטיקל פאַרפוילטן לעבן ניט בענטשן. איר טענה׳ט, אַז ווען ניט זיי וואָלטן די פאַרבליבענע אויך ניט געווען, און איך זאָג: געבענטשט זיינען די, וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרפירן! זיי, דאָרטן, האָבן זיך שוין באַוויזן צו שטעלן אויף די פיס, און מיר דאָ — וואָס זיינען מיר? וואָס טוען מיר דאָ?

די גרויקייט פון די ווענט האָט זיך געשפּרייט אויף די דריי פּנימער. אַ יאָמערדיקער ווינט האָט מיט אַ רוגזה געריסן די לויזע ראָמען פון די פענצטער און אַ קעלט האָט דורכגענומען די מענטשן.

שטראָם האָט זיך אויפגעשטעלט און איז מיט שווערע טריט צוגעגאַנגען צום פענצטער. פון צווישן צוויי קליינע שטיבלעך האָט אַרויסגעסטאַרטשעט אַ דאַר, ציטערדיק ביימל, וואָס האָט זיך האַסטיק געשאָקלט, זיך געצירקלט ארום זיך אליין, ווי ס׳וואָלט זיך וועלן פון דאנען אַרויסדרייען. שטראָם האָט זיך נאָכגעשאָקלט אינעם ריטם פון די אויסגעדאַרטע צווייגלעך, וואָס האָבן אים דערמאָנט אין מענטשישע הענט, וועלכע ער האָט אַמאָל געזען אַרויסשטעקן פון בערגער ערד.

דער גאַסט האָט געזאָגט „אַ גוטע נאַכט״, נאָר די צוויי שטראָמס האָבן ניט געהערט.

ניטאָ קיין טיר

כאַטש די היץ איז געווען אומדערבאַרעמדיק, שטעכיק; דאָס קליינע שטיבל איז געווען אָנגעברענט, אַז עס האָט אַזש געקנאַקט און געקרעכצט אונטער די היץ־כוואַליעס — האָבן אַלע דריי ביט נאָר ניט געפילט די היץ, נאָר זיינען גאָר אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ גליווערדיקער קעלט.

די שטילקייט איז געווען אָנגעצויגן, פאַרגליווערט. יעדער איינער האָט געפּרואווט אין עפּעס פאַרטאָן די הענט, געוואָלט פאַרטאָן דעם געדאַנק; יעדער איינער האָט עפּעס געזוכט ביי דעם אַנדערן, כאָטש אַלע דריי זיינען געווען אין באַזונדערע צימערן...

דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעפּלאַצט, איז געווען דאָס יינגסטע קינד, דער זעקס־יאָריקער באַבי. אין קינדערשן פּנים, אין די גלידער איז געווען אַן אומרו, און אין די גרויסע טונקעלע אויגן, — אַ שרעק. ער האָט געפילט, אַז עפּעס שרעקלעכעס, אַ גרויסער אומגליק לויערט דאָ אַרום.

באַבי האָט ניט געקענט קוקן דער טאַטע אין די אויגן. זיין גוטע טאַטע האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע, ווען זי האָט אים אַ רוף געטאָן. זיין גרעסערער ברודער, מאַיקל, איז אַלע ווײַלע אַריינגעקומען, אַ קוק געטאָן אויפן קליינעם און איז צוריק אַרויס. דער ברודער האָט אים געבראַכט עטלעכע פּעקלעך קאָלירטן קרייד, אים געהייסן עפּעס אויסמאָלן, און זיך געהאַלטן אַזוי ווי ער וואָלט מיט עפּעס געווען פאַרנומען, פאַרנומען מיט אַ זאַך, וואָס ער, דער קליינער באַבי, וועט ניט פאַרשטיין.

באַבי האָט געפילט, אַז לאַנג וועט ער אַזוי ניט קאָנען שווייגן. ס'האָט ביי אים עפּעס געקאָכט אין העלדזל. זאָל ער נאָר פאַרטיק מאַכן ס'בילד. ער מוז עס פאַרענדיקן!

די הענטעלעך האָבן געאַרבעט גיך־גיך. ער האָט געשמירט, און די געדיכטע פאַרב האָט אים געריצט, אַריינגעבראַכט אין כעס. ער האָט געצופּט מיט די קליינע הענטלעך די בעקעלעך, די האָר, אַלץ וואָס עס האָט זיך געלאָזן אָננעמען. ער האָט געקוקט אויף דער לאַנגער, ניט הויכער וואַנט, וואָס ער האָט אויסגעמאָלן, באַטראַכט

די טונקעלע, פּירקאַנטיקע קעסטלעך. אין איינעם פון די קעסטלעך האָט זיך קלאָר געזען דער קאָפּ פון אַ מאַן. דער מאַן האָט געטראָגן קיילעכדיקע ברילן. אַביסל העכער, ניט אַזוי דייטלעך האָט זיך געזען דער קאָפּ פון אַ פרוי. אַלץ איז אַנגעמאָלן געוואָרן קינדיש, אָבער לעבעדיק, בוילעט. באַבי האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיין צייכענונג. דאָס האָט אַזוי שאַרף געשניטן און געצופּט זיין יונג הערצל.

דער „גרויסער" ברודער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר. באַבי האָט זיך מיט אַ וויינענדיק און פאַרשולדיקט קול באַקלאָגט פאַר אים: זע נאַר מאיקל — אָן אַ טיר! אוי, כ'האָב קיין טיר ניט געמאַכט...

מאיקל איז אַוועקגעלאָפן און באַבי האָט זיך צעכליפּעט אויף אַ קול. זיין וויינען איז געווען אַזוי יאָמערדיק און האַרץ־רייסנדיק, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, די שטוב, אַלץ וואָס אין שטוב און אויך די ברענענדיקע זון, וואָס האָט געסמאַליעט די ערד הינטער די פאַרהאַנגענע פענצטער, וויינען־מיט. ער האָט געבריקעט מיט די פיסלעך, זיך געקלאַפּט מיטן קעפּל אָן דער ערד. דאָס וויינען האָט זיך געטראָגן , ווי פון אַ פאַרבאַרגענעם קוואַל, אין אַלע ווינקלען פון דער שטוב.

די טאַנטע מיטן פאַרגליווערטן פּנים האָט געציטערט פון קעלט און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן לעבן באַבין אויף דער ערד. זי האָט אים געגלעט און מיט אַ פאַרשטיקט קול זיך געבעטן בים קינד: באַבינקע, יינגעלע, מלאכל זיסער, באַבי, מיין קינד...

אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט און זי האָט גערעדט אָן ווערטער. זי האָט אונטערגעלייגט איין האַנט אונטערן קינדס קעפּל און מיט דער צווייטער אים געהאַלטן אין איין גלעטן. זי האָט געוואָלט מיט דער האַנט אַריינגיסן אירע טיפסטע נשמה־ווייטיקן אין קינד, ניט די ווייטיקן האָט זי אים געוואָלט איבערגעבן, נאָר אירע טרייסטן. זי האָט געוואָלט אַרײַננעמען אין איר האַרץ אָט־דאָס דאָזיקע קינד, וואָס האָט אַזוי ביטער געוויינט, און ניט געוואוסט פון דעם שרעקלעכן פאַרברעכן, וואָס מען איז קעגן אים באַגאַנגען... זי האָט געגלעט זיינע זיידענע האָר און ער האָט געוויינט, געוויינט...

נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעשריען אַלע ווייטיקן, אַלע שרעקן, וואָס ער האָט געזען אין מאיקלס סודותדיקע בליקן, אין דער טאַנטעס פאַרשטומטן פּנים, — שרייענדיק מיט די לעצטע כחות,

האָט באַבי גענומען זיפצן ווי אַ דערוואַקסענער מענטש. אויסגעשעפּט, האָט ער פאַרוואָרפן זיין קינדעריש קעפּל, אַ ציטער געטאָן און איז איינגעשלאָפן.

אין שטוב האָטווידער געהערשט אַ טויטע שטילקייט.ביים צען יאָריקן מייקל איז דאָס פּנים געווען דין, אָפּגעצערט, ווי ביי אַ זאַ, וואָס איז צוויי מאָל עלטער. זיינע ליפּן זיינען געווען פאַר־שטייפט און אויף זיין שטערן — דינע קנייטשעלעך. די אויגן טיף אריין אין קאָפּ, ווי ער וואָלט שוין לאַנג דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן צו קוקן אויף דער ליכטיקער וועלט...

אַ גאַנצן פרימאָרגן איז ער ניט אָפּגעטראָטן פון דער טעלעוויזיע. ער האָט געוואָלט צוליב טאָן דער טאַנטע און עפּעס נעמען אין מויל אריין, אָבער האָט געהאַט אַ שטאַרקן ווידערווילן צו שפּייז, און האָט ניט געקענט עפענען ס׳מויל. זיינע ליפּן זיינען געווען טרוקן, און דער האַלדז — פאַרשלאָסן. קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסברענגען. ער האָט געוואָלט זאָגן אַ גוט וואָרט דעם קליינעם ברודערל, אָבער אַז ער האָט דערזען די פיינלעכע צעטראָגנקייט פון דעם קליינעם, האָט ער זיך אָפּגעקערט און איז גיך אַרויס.

ער האָט שוין כמעט ניט געזען, וואָס עס איז אָנגעגאַנגען אויף דער „סקרין״ פון דער טעלעוויזיע, אָבער איז געבליבן זיצן מיט עקשנות און איינגאַנצן געציטערט, געוואָרט, געוואָרט...

באַבי איז אומרואיק געשלאָפן. דער טאַנטעס האַנט האָט אים געגלעט. ער האָט געפילט די ווייכקייט פון אירע פינגער. זי האָט גערעדט צו אים: באַבי זיסער, גיב מיר אַ שטאַרקן קוש! נעם מיך אַרום מיט ביידע הענט. ער האָט זיך געצויגן צו איר, זי געוואָלט דערלאַנגען, אָבער זיין קוש איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. ער האָט זיך געראַנגלט און געהערט אירע ווערטער: מלאכל מיינער, קוש מיך שטאַרק, שטאַרק!

דאָס קינד האָט אויפגעצאַפּלט. די טאַנטע איז אויפגעשפּרונגען. עס האָט זיך געהערט אַ פאַרשטיקטער געשריי אין צווייטן צימער. מאיקל האָט צעגויפגעדריקט די הענט אין פויסטן, געדריקט די שלייפן, דעם קאָפּ, ער זאָל ניט אַרונטערפאַלן. ער איז געזעסן אַריבערגעבויגן איבערן שטול און זיך ניט געקענט האַלטן אויף די פיס.

ער האָט געשריען פאַרשטיקט: שוין אויס! אַלץ אויס! אויס...

פאַרפאַלן! — אַ גרינע געלקייט האָט זיך צעגאָסן איבער דער טאַנטעס פּנים. זי האָט געהויבן דאָס יינגל אין אירע פאַרגליווערטע הענט, אים איינגעקלאַמערט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, איר געקוקט אין פּנים, ווי ער וואָלט נאָך עפּעס געוואָרט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד. באַבי איז אַריינגעלאָפן מיט אַ פרישן געוויין און זיך אָנגעשפּאַרט מיטן קעפּל אָן איר. אַלע דריי האָבן שטיל געוויינט. אַלע דריי ווי איין שטיינערנער קנויפּ... ווי אַ לעבעדיקע מצבה!

אין דעם זעלבן הייסן פאַרנאַכט האָט ערגעץ אַ גליקלעכער טאַטע דערהערט דעם ערשטן געוויין פון ערשטלינג: „מזל־טוב, מזל־טוב, אַ יינגעלע!“.. אין דעם זעלבן הייסן פאַרנאַכט איז אַ פּאָרל אָפּגעפּאָרן אויף אַ „האָנימון“: אַ גליקלעכע רייזע!...

און אין יענעם הייסן, גליענדיקן פאַרנאַכט האָבן צוויי יונגע, אונטער די טענער פון שאַלנדיקער מוזיק פאַרלאָזט דעם ניו־יאָרקער האַפן מיט הונדערטער, טויזנטער זאַרגלאָזע, לויכטנדיקע פאַרגעניגן־זוכער...

און אין יענעם הייסן, גליענדיקן פאַרנאַכט האָבן צוויי יונגע, ליכטיקע נשמות געציילט די לעצטע מינוטן וואָס איז זיי נאָך פאַרבליבן צו לעבן...

גראַדואירונג

די לעצטע עטלעכע וואָכן זיינען די ייִנגלעך און מיידלעך פונעם גראַדואיר־קלאַס געווען פאַרנומען מיט דער צוגרייטונג פון דער גראַדואיר־פייערונג, אַ סך מער ווי מיט זייער שטודירן.

די שילער פונעם קלאַס זיינען געווען פול מיט אָנגעזאַמלטע כחות, וואָס האָבן זיך געריסן פון זיי. אַ רעשיקע פרייד האָט זיך געריסן פון יעדן בענקל, אַז די בענקלעך אַליין זיינען מיט־געריסן געוואָרן. מען האָט געטאַנצט, געיובלט אינאיינעם און באַזונדער. עפּעס אַ קלייניקייט — גרעדיועישאָן! אויס קינד, — אַ דערוואַקסענער מענטש! אַט־באַלד, אַט־באַלד!

ווי אַלע שילער האָט אויך טעלמאַ געוואַרט אויף אָט־דער אַנדערשקייט, אָבער מיט דער דערנענטערונג פון דעם גרויסן טאָג איז געוואַקסן אין איר אַן אומרואיקייט. עס איז געווען אַן אומרו, וואָס זי האָט ניט געקענט טיילן מיט קיינעם. עס איז צוגעקומען צו איר א פריינדינע מיט אַ צעשטראַלט פּנים און טאַנצנדיקע גלידער, און אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם: „מיין מאַ גרייט צו אַ גרויסע ׳פּאַרטי׳ אין דער נאַכט פון ׳גרעדיועישאָן׳, האָסט שוין אַ באַגלייטער? אויב ניט, גיי און זוך גלייך!״ אַז דאָס מיידל איז אַוועק איז שוין טעלמאַס אומרו איבערגעגאַנגען אין אַ קלעמעניש און זי האָט אַזש געוואָלט וויינען.

זי איז געזעסן און געקוקט אין ביכל, און געזען אירע עלטערן. די מאַמע, אַלט געגונג צו זיין איר באָבע. אַ צעגאָסענע, אָנגעכמורעטע, מיט אַ צעריסן קליידל און טיכל אויפן קאָפּ. דער טאַטע — אַ דאַר מענטשל מיט אַ קליין קעפּל, שאַרפע, בייסיקע אייגעלעך, מיט פאַרלייגטע, אויסגעטריקנטע הענט אויפן האַרצן. ער זיצט אויף אַן אונטערגעבעט בענקל, קוקט אַרויס פונעם פענצטער און שאָקלט זיך, ווי ער וואָלט עמיצן באַוויינט.

טעלמאַ האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, צי די שטענדיק פאַר־צאָרנטע, צוליב עפּעס קריגערישע מענטשן, האָבן געפילן פאַר איר, זייער קינד. זי האָט אויך ניט געוואוסט, צי זי אַליין פילט עפּעס פאַר זיי. זי געדענקט זיך שטענדיק ווי עפּעס אַן אָפּגעריסענע פון

וואָס זי ווייסט אליין ניט. ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין קינד האָט זי זיך שוין געטוליעט צו פרעמדע. געגוג געווען אַז אַ שכנה זאָל איר אַ גלעט טאָן, און זי האָט זיך שוין געקלעפּט צו יענער, ווי אַ קעצל. ס׳האָט איר אָפּגעגליקט. עס האָבן זיך אַלעמאָל געפונען פרעמדע מענטשן מיט אַ גוט האַרץ, וואָס האָבן רחמנות געהאַט אויף אַ פאַרזעען קינד. ביי איין שכנה האָט טעלמאַ כמעט געפונען אַ היים. געווען צייטן, ווען זי האָט דאָרט פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג און איז נאָר געקומען אַהיים שלאָפן.

מיט הונגעריקע אויגן האָט טעלמאַ צוגעזען ווי די קינדערלעך פון דער גוטער שכנטע באַפאַלן דעם טאַטן ווען ער קומט פון דער אַרבעט. ער איז געווען אַ פריילעכער, אַ שפּילעוודיקער, געלאָזט רייטן דאָס קליינוואַרג אויף זיינע פּלייצעס. די שטוב איז אַלעמאָל פול געווען מיט געלעכטער. אַט־דער פריילעכער, יונגער טאַטע האָט אויך איר, טעלמען, ניט געזשאַלעוועט אַ גלעט מיט זיינע וואַרעמע הענט, און זי האָט אזוי ליב געהאַט דעם גלעט!

די קליינע איז נאָך געווען צו יונג צו פאַרשטיין, אָדער פרעגן, פאַרוואָס איר טאַטע־מאַמע זיינען אַזעלכע ברוגזע, אומעטיקע, קריגערישע. זי האָט זיך געוואַרעמט ביי פרעמדע פייערן.

וואָס עלטער זי איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זי אויסגעמיטן איר אייגענע שטוב. טעלמא האָט איצט געטראַכט: קיינמאָל האָט זי קיין איין פריינט ניט אַריינגעלאָזן צו זיך אין שטוב. זי האָט אויסגעטראַכט אַלע מינים תירוצים. דער אמת איז געווען, אַז זי האָט זיך געשעמט מיט איר טאַטע־מאַמע, געשעמט פאַר זייער שטענדיקן אַרומקריגן זיך.

אַז טעלמאַ איז אַלט געוואָרן צען יאָר, האָט זי שוין פאַרדינט אויף אַ קליידל. צוגעשאַרט דאָס פאַרדינסט האָט איר טעקע, איינע פון די גוטע שכנטעס. טעקע האָט איר יעדע וואָך געגעבן צוויי דאָלאַר. ס׳האָט געהייסן אַז זי באַקומט עס דערפאַר וואָס זי שפּילט זיך מיט דעם שכנס מיידעלע, ווען די מאַמע גייט אַוועק אָפּטראָגן די אַרבעט, וואָס זי ברענגט פון שאַפּ. טעלמא געדענקט דאָס ערשטע קליידל, וואָס זי האָט געקויפט פאַרן פאַרדינטן געלט: אַ בלוי קליידל מיט ווייסע קעסטעלעך. די שכנה איז געגאַנגען מיט איר איינהאַנדלען דאָס קליידל. די מאַמע האָט זי צום ערשטן מאָל געזען שמייכלען.

זי האָט זיך דערמאָנט אין נאָך פּאַסירונגען. ס׳האָבן זיך פאַר איר פאַנאַדערגעוויקלט די קנוילן, אין וועלכע אירע קינדער־יאָרן זיינען געווען פאַרוויקלט. ווען זי איז עלטער געוואָרן האָט זי זיך אָפט געבראָכן דעם קאָפּ, זיך געוואָלט דערגרונטעווען פאַר וועמענס זינד זי איז געשטראָפט געוואָרן מיט אַזאַ היים? פון ערגעץ אַ טיפן, פאַרבאָרגענעם ווינקל, וואָס זי האָט ביז איצט ניט אַנטדעקט, האָט די אַרויסגעגראַבלט אַ ניי געפיל. דאָס איז געווען אַ רחמנות־געפיל.

טעלמאַ האָט פון דעם געפיל ניט געוואוסט. זי האָט ניט געוואוסט, אַז זי איז געקומען אויף דער וועלט אַ ניט־געוואונטשענע. געקומען אין אַ צייט, ווען די הילפלאָזע טאַטע־מאַמע אירע, האָבן אליין ניט געוואוסט ווי אַנצוהאַלטן זייער לעבן צוזאַמען, און אויך ניט געוואוסט, ווי אַזוי זיך שיידן, ווי אַזוי לויז מאַכן דעם נאַרישן, אפשר פאַרברעכערישן קנופּ, אין וועלכן זיי האָבן געזוכט, ווי בלינדע, זיך צו ראַטעווען.

טעלמאַס מאַמע, „רייזל די מזלדיקע", ווי אירע לאַנדסלייט האָבן זי גערופן, — איז צו איר חתונה שוין געווען אין די מיטעלע יאָרן. די „מזלדיקע" איז ניט געווען קיין שיינע און געראָטענע. זי האָט ניט געקענט דעריאָגן דעם גרויסשטאָטישן הו־האַ. זי האָט אָפט צו־געהונגערט. די באַלעבאָסטע ביי וועמען זי האָט געוואוינט, האָט פאַר איר אויסגעזוכט אַ שידוך, אַן אַלמן, וואָס האָט געהאָט אַן אייגענע דירה. ער איז געווען אַ מאַטראַצן־מאַכער. קיין קינדער האָט ער ניט געהאָט, קיין געלט אויך ניט. ער האָט קוים פאַרדינט אויפן לעבן. מילא, אַ היים, וואו אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ, וועט זי האָבן? וואָס וועט זי זיצן, אַז זי אַליין „קאָן אַ קאַץ אַן עק ניט פאַרבינדן!"...

„רייזל די מזלדיקע" האָט ניט געקוקט מיט וועמען זי האָט חתונה. ער האָט גראָד ניט געאַרבעט, אָבער געוואַרט עס זאָל זיך מאַכן אַרבעט. האָט זי זיך באַגנוגנט מיט דער היים און די אַלטע שטיקער מעבל. נאָך איידער ס׳האָט זיך געמאַכט אַרבעט איז ער קראַנק געוואָרן. ווי נאָר עס האָבן זיך אויסגעשעפּט די אָפּגעשפּאָרטע פאַר דאַלאַר, איז געקומען אַ קריג אין הויז. רייזל האָט שוין דערזען וואָס פאַר אַ מציאה זי האָט אַריינבאַקומען. די ערשטע פאַר וואָכן האָט זי אים געהאָלפן זיך דאָקטערן אַן געלט, און באַלד האָט זי גענומען רחמנות האָבן אויף זיך אַליין און געהאַט טענות צו אים פאַר איר „פינצטערן מזל": „פאַרוואָס האָסטו מיך אָפּגענאַרט?"

— האָט זי געטענהט. ער האָט אויך געהאַט טענות: „אַזוי גיסטו אַכטונג אויף דיין מאַן? — האָסט חתונה געהאַט מיט מיין באַנק־ביכל?" די קריגערייען זיינען איבערגעגאַנגען אין אַ שנאה.

זיין קראַנקהייט האָט זיך פאַרלענגערט. ס'איז געווען אַ פאַר־שלעפּטע קרענק מיט וועלכער מען האָט זיך געעלטערט. דאָס לעבן פון פּאָרל איז געוואָרן איין אַנ'סופ'יקע צאַנקעריי.

עפּעס האָט דאָך די צוויי געהאַלטן צוזאַמען. עס איז געווען ווי דאָס רוסיש ווערטל זאָגט: „קלין, קלינאָם וויביוואַיוט". די פלעגמאַטישע, הילפלאָזע רייזל, וואָס האָט זיך איר גאַנץ לעבן געהאַלטן אין אַ זייט, מורא געהאַט פאַר דער גרויסער וועלט. — האָט דאָך געפונען אַ שטיקל אָנהאַלט אין דעם צעבראָכענעם „מאָנס־פאַרשוין". ער האָט געוואוסט, וואו מען עפנט אַ טיר. ער איז אַ חולה און גאָט איז אַ פאָטער. עס זיינען, ברוך השם, פאַראַן אָרגאַני־זאַציעס, צדקה־פעדעראַציעס! רייזל איז שוין געבליבן ביים אָרעמען לעבן. בעסער ווי גאָרניט.

זיך קריגנדיק, אַמאָל אין דער שטיל, אַמאָל אין דער הויך; אין סאַמע מיטן פאַרביטערן איינס דאָס אַנדערע ס'לעבן, האָט זיי די נאַטור אָפּגעטאָן אַ שפּיצל... ניט רייזל און ניט איר מאַן, וואָס איז געווען הויט און ביינער, זיך קוים געשלעפּט אויף די פיס, — האָבן ניט געגלויבט! ביז דאָס קינד האָט אָנגעהויבן צו בריקען מיט די פיסלעך. פריער האָבן זיי געשריען: „ניין, ניין, און ניין!"

רייזל האָט פון פאַרדראָס אויף זיך, פון זיך געריסן שטיקער, און ביים מאַן האָבן די קליינע, גרינע אייגעלעך אַרומגעטאַנצט, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן אַרויסרייסן פון די אויגנלעכער... ווי אַן איבעריק אָנשיקעניש איז טעלמאַ געקומען אויף דער וועלט.

ביז איר צען־טאָגיקער עלטער, אין זויבערן קינדער־בעטעלע פון שפּיטאָל, האָט טעלמאַ אַרויסגעשיינט מיט איר פרישׂ, קיילעכדיק פּנימל. ס'האָט געהאַלטן אין איין זוכן עפּעס צו נעמען אין פּיסקל. ווען מ'האָט ס'קינד געגרייט אַהיימשיקן, האָט מען עס געשטעמפּלט מיטן נאָמען „ניט פריווילעגירט קינד".

אין געשענקטע קינדער־וועש, מיט אַן אַלט צודעקל, האָט אַ שכנה געבראַכט מאַמע און קינד אַהיים. ניט קיין פריידיקער טאַטע האָט זיי באַגעגנט, נאָר אַן אָנגעברוגזט, צעשראָקן מענטשל, וואָס האָט פאַרלוירן ס'לשון, און ניט אַרויסגעלאָזט קיין פּיפּס פון מויל. ער

איז געבליבן זיצן אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אויף זיין שטעקן, און די צווייטע האַנט געהאַלטן ביים האַרצן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דאָס נפש׳ל זאָל זיך מיט אים ניט אָפּרעכענען פאַר זיינע זינד. ער האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט און אריינגערערט אין זיין צעבראָכענעם פאַרשעמטן שאָטן אַריין: „אָט האָסטו דיר!״ דער ניט־טאַטעדיקער טאַטע האָט געזוכט אַ שטיקל געפיל אויפן נפשל, און ס׳האָט אים אַרומגענומען אַ צער אויף זיך און אויפן קינד, באַזונדערס ווען ער האָט געהערט ווי עס וויינט מיט אַ קול פון אַ קליין קעצעלע. איר וויינען האָט אים געהויבן פון בענקל. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, זיך אַ מעשה אָנטאָן! אָבער האָט זיך ניט געקענט אויפהייבן פון בענקל, און האָט אַריינגעוויינט אין בענקל. ווי ביטער זיין לעבן איז, ווי געשטראָפט ער איז! קיינער וויל זיך אויף אים ניט אומקוקן. ער וועט שוין אַזוי בלייבן אַ פאַרגעסענער! זי, זיין ווייב, באַהאַנדלט אים „ווי אַ הונט״. איצט וועט זי אים שוין אוודאי לאָזן אויסגיין אַ קראַנקן.

„רייזל די מזלדיקע״, אַ ניט־געשיקטע, אַ שוואַכע, אַ פאַר־עלטערטע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ שווערקייט אין די פיס און אירע אויגן, פולע מיט צער, זיינען געהאַנגען אויף די געלע באַקן, האָבן אויסגעזען פאַרלאָרן, פאַרשעמט. זי האָט ניט געקענט נעמען אויף זיך די פליכטן פון אַ מאַמע. זי האָט כמעט ניט באַנומען די נייע ווירקלעכקייט. דאָס קינד האָט גאָרניט געענדערט איר מצב. ווי פריער האָט זי באַשולדיקט איר מאַן אין אַלע צרות. זי איז אַזוי געוועזן שוואַך, אַז זי האָט קיין כח ניט געהאַט צו שרייען.

דאָס ברעקל קינד, מיט וועלכן אַ שכנה האָט זיך געפּאָרעט, האָט ווי אויף צו־להכעיס דער בייזער וועלט און צו דער שטוינונג פון אַלעמען, דווקא אַרויסגעליכטיקט פון צווישן דעם פּעקל אַלט־וואַרג. עס האָט געהאַט אַ רונדיק, ראָזעווען קערפּערל, פולע בעקעלעך און אַ גרויסן אַפּעטיט. ווען מ׳האָט איר אַזוי גיך ניט דערלאַנגט דאָס פלעשעלע, האָט עס אַריינגעשטופּט אַ קולאַקל אין פּיסקל און געקנאַקט מיט די ליפּעלעך, אַז מען האָט געהערט אַזש אין צווייטן צימער.

צוויי טעג נאָכדעם ווי מאַמע און קינד זיינען אַהיימגעקומען פון שפּיטאָל, האָט זיך אין שטוב אַריינגעשטעלט אַ מיטליאָריקע פרוי אין אַ ווייסן קלייד און אַ בלויען מאַנטל. זי האָט געשפּאַנט

מיט אַ פעסטן טראָט, אַז די שטוב האָט זיך געטרייסלט. די פרוי האָט מיט זיך אַריינגעבראַכט אַ פרישן ווינט און אַ געזונטן ריח. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערשטער שטול, צעעפנט אַ טעקע, אַ וואָרף געטאָן אַ פּאָר גרוי־גרינע אויגן אויפן צעשראָקענעם פּאָרל, און — ווי זי וואָלט זיך אַליין וועלן איבערצייגן, אַז זי איז אויפן ריכטיקן פּלאַץ — האָט זי נאָכאַמאָל אַריינגעקוקט אין אַ לאַנג־פאַרשריבענעם בויגן. זי האָט זיך געלאָזן צום אַלטן וועגעלע, וואָס האָט געשמעקט מיט זויערס און ניטגעוואַשענעם בעט־צייג. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן קינד, און געזאָגט אין טאָן פון אַ פּאָליציאַנט:

„ווילט איר מען זאָל ביי אייך צונעמען דאָס קינד?"

דערהערט די ווערטער האָט זיך רייזלס פּנים געביטן פון געל אויף שוואַרץ. ביים טאַטן האָבן זיך די הענט געוואָרפן ווי אין קאָנוואולסיעס. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט אָן דער פענצטער־ראָם און זיך אַרויסגעשלייכט פון בענקל. ער האָט זיך געוואָלט ווערן קעגן דער שטאַרקער פרוי, אָבער האָט זיך גע־פּלאָנטערט, פאַרלוירן דעם באַלאַנס און איז צוריק געפאַלן אין בענקל. די פרוי האָט געביטן איר פּאָליציייאישן טאָן. אירע אויגן זיינען ווייכער געוואָרן. זי האָט אַרויסגענומען דאָס עופעלע פון שמאַטעס, מיט מאַמעשע הענט, און זיך געהייסן געבן אַ שיסל מיט הייסע וואַסער און זייף. זי האָט געגעבן דער צעשראָקענער רייזלען די ערשטע לעקציע, ווי צו באָדן אַ קינד.

פון יענעם טאָג אָן האָט רייזל, צוליב די וואַכזאַמע אויגן פון די געשולטע אויפפּאַסער, אָפּגעהיט טעלמאַן מער פון מורא ווי מיט האַרץ. דאָס קינד איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. ס'האָט אויסגעמיטן אַלע קראַנקהייטן. עס איז געוואָרן דער וואונדער פון דער אַזוי־גערופענער אָרגאַניזאַציע פאַרן שוץ פון ניט פּריווילעגירטע קינדער.

טאַטע מאַמע, וואָס זיינען שטענדיק געווען פאַרנומען מיט זייערע צאַנקערייען, האָבן גאָרניט געוווּסט פון אַזאַ זאַך ווי צערטלעכקייט. ווען מען האָט זיי געזאָגט, אַז טעלמאַ איז אַ שיין, געזונט און געראָטן קינד האָבן זיי זיך געפרייט. טעלמאַ איז געווען אַ מויד מיט ליכטיקע בלויע אויגן, מיט אַ קאָפּ גאָלדענע לאָקן און אַ ליכטיקן שמייכל. זי האָט אַרויסגעשיינט פון די איבער־געניצטע קליידלעך, וואָס מען האָט איר געשאָנקען. איר הויט האָט געהאַט אַ בראָנז־קאָליר; אירע גלידער — סאַמעטדיק, רונדיק.

„ווי מען וואָלט זי געבאָדן אין מילך און האָניק" — האָבן די שכנים געזאָגט. .

זייער יונג האָט זיך טעלמאַ געשטעלט אויף אירע אייגענע פיס. זי איז געווען גוט אַנטוויקלט פאַר אירע יאָרן, געווען אַ גוטע שילערין. זי האָט אַריינגעזויגן די אָרעמקייט „פון די פלעשעלעך" אויף טיפאַני סטריט, צווישן ענג־באַזעצטע טענעמענט־הייזער, וואו די אָרעמקייט איז געווען באַטירלעך. אַלע קינדער, וואָס האָבן זיך מיט איר געחברט, זיינען געווען אָרעם. מאַנכע אביסל מער פאַרמעג־לעך, אָבער וויט פון רייך. פונדעסטוועגן איז עפּעס אַ שאָטן געהאָנגען אויף טעלמאַס לעבן. פון קיין אמתע קינדערשע פרייד האָט זי ניט געוואוסט. אַ טיפער ערנסט האָט אַרויסגעקוקט פון אירע בלויע אויגן. אַ שטענדיק זוכן און בענקען נאָך עפּעס, פאַר וועלכן זי האָט קיין נאָמען ניט געהאַט.

איצט, איין טאָג פאַרן גרויסן יום־טוב, איז זי געזעסן און אַריינגעקוקט אין ביכל, האָט שטודירט די ראָל, וואָס זי האָט געדאַרפט שפּילן מיט אַ יינגל פון איר קלאַס. דעם יינגלס נאָמען איז סימאָ. דעם טאָג פון גראַדואירונג וועט די מאַמע ניט גיין אַרבעטן. זי וועט נעמען סימאָ'ן אין אַ מואווי. אין דער היים האָט טעלמאַ ניט געזען קיין ברעקל סימן, אַז מאָרגן איז אַן אַנדער טאָג. איר טאַטע־מאַמע האָבן ניט דערמאָנט איר גראַדואירונג, פון דער טאָכטער, און דאָס האָט איר שטאַרק וויי געטאָן.

זי האָט געטראַכט וואָס זי זאָל טאָן. אפשר אינגאַנצן צו זיי ניט ריידן וועגן דעם יום טוב? אפשר זיי גאָר ניט איינלאָדן צו דער גראַדואירונג? ביי אָט־דעם געדאַנק האָט זיך איר יונג האַרץ צונויפגעדריקט ווי אין אַ קראַמף. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און איז געווען גרייט צו זאָגן די זיצנדיקע אָרום: „פאַרצייט מיר, איך בין אַ שלעכטע. איך שעם זיך מיט טאַטע־מאַמע". זי האָט זיך אַרומגעקוקט, געמיינט, אַז עמיצער האָט געהערט אירע געדאַנקען. אויפן שוועל פון אירע פופצן יאָר האָט טעלמאַ זיך אַליין אַנטפּלעקט, און די אַנטפּלעקונג איז אַ ווייטיקדיקע...

זי האָט מיט איר גאַנצער יונגקייט באַנומען אַז אַ גרויסער אומרעכט איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן איר, קעגן זיי. טאַטע־מאַמע זיינען אויך ניט אינגאַנצן שולדיק. זיי זיינען וואָס זיי זיינען. טעלמאַ האָט דערזען פאַר זיך סילוויען, וואָס איז געזעסן און געקוקט אין

דער ווייט. סילוויע האָט זיך דערצויגן אין אַ קינדער־היים און האָט אַ שטענדיקן אומעט אין די אויגן. אפשר זאָל זי איצט צוגיין און רעדן מיט סילוויען? ניין, — האָט זי זיך געענטפערט — מיט סילוויען וועט זי ניט ריידן וועגן פּערזענלעכע זאַכן, זי וויל בכלל ניט ריידן וועגן אירע עלטערן.

אַ פלינקע, ווי אויף פליגלען, איז אַנגעלאָפן פרידאַ: „טעלמאַ, כ'האָב פאַר דיר אַ באַגלייטער. גרייט זיך צו, ניין אַזייגער!"

נאָך איידער טעלמאַ האָט זיך באַוויזן אומקוקן, איז שוין פרידאַ ניט געווען, טאַנצנדיק פאַרשוואונדן.

צומאָרגנס, אין דעם טאָג פון דעם „קאָמענסמענט", האָט טעלמאַ געגעבן איר מאַמען צוויי בילעטן און געזאָגט: „טוט אייך בײדע אָן ריין און שיין און קומט. איך וויל אייך דאָרטן זען".
די מאַמע, אַנגעכמורעט ווי אַלעמאָל, האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער האָט ניט באַוויזן, ווייל טעלמאַ האָט זיך אַרויסגעטראָגן פון שטוב.

די גראַדואירונג איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסער „מואווי־הויז". עס איז געווען א שיינער פרימאָרגן. דער הימל אָן אַ קלענסטן וואָלקנדל, אַלץ העל און רואיק, ווי די נאַטור אַליין וואָלט דעם טאָג מיטגעיומטובט, ווי אַ געשאַנק פון גאָט פאַר דער יונגוועלט...

די גאַס אַרום טעאַטער איז געווען באַלאַגערט מיט טויזנטער יוגענטלעכע און עלטערן. די יוגנט, אין העלער קליידונג, האָט אויסגעקוקט ווי איין גרויסער פיל־פאַרביקער בלומען־גאָרטן, ווי איין באַוועגלעכער, שאַלנדיקער און בלענדיקער גאָרטן פול מיט ליכט און פאַרב.

טעלמאַ, אין אַ העלבלוי קליידל, מיט אַ ווייסער בלום אין די טונקל־גלאַנציקע האָר, האָט אויסגעזען ווי אַ זונען־פלאַנץ. זי האָט געדאַרפט אויפטרעטן מיט אירע פריינט אין אַן איינאַקטער, אָבער זי האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דעם קרייז, זיך אָפּגעזונדערט און געקוקט אהין פונוואַנען איר טאַטע־מאַמע האָבן געדאַרפט אָנקומען.

זי איז געווען צעטראָגן און האָט ניט געהערט וואָס מען האָט צו איר גערעדט. זי האָט ניט געוואוסט ווי צו באַגעגענען די עלטערן און האָט געוואָרט עפּעס אויף אַ נס, וואָס זאָל זי באַפרייען אין דער לעצטער מינוט פון דער ניט אַנגענעמער באַגעגעניש.

דער נס האָט פּאַסירט. זי האָט זיי דערזען אָנקומען. איר האַרץ

האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט. דאָס פּאָרל האָט געצויגן די אויפ־אויפמערקזאַמקייט פון דעם גאַנצן פאַרזאַמלטן פּובליקום.

רייזל איז געגאַנגען אין איר שבתדיקן קלייד, נעט־פאַרקאַמט, געקוקט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע. זי האָט געפירט דעם מאַן, מיט דער געניטקייט פון איינער, וואָס ווייסט ווי צו פירן אַן אינוואַליד. דער טאַטע האָט געהאַלטן איין האַנט אויף איר אַקסל, די צווייטע — אויפן שטעקן, געשאַרט מיט די לויזע, נאָכהענגענדיקע פיס. זיין קליין קערפּערל איז געווען פאַררייסן אַרויף, ווי ער וואָלט וועלן ציילן די עטאַזשן פון דער הויכער געביידע. זיי האָבן זיך באַוועגט זייער לאַנגזאַם. טעלמאַ האָט זיך שנעל, ווי אַ בליץ, אַ יאָג געטאָן צו זיי. זי איז געפאַלן דער מאַמען אויפן האַלדז, און דאָס ערשטע מאָל זינט זי געדענקט, האָט זי די מאַמע איינגעקלאַמערט אין אירע אָרעמס. אַן ווערטער האָבן זיך די טרערן פון מאַמע און טאָכטער אויסגעמישט.

גרויע לעבנס

שוין יאָרן ווי מאַניע פּאַרקויפט צייטונגען אין איר בודקע. דאָס בודקעלע איז אונטער די טרעפּ פונעם עלעווייטער, אויף אַ ראָג גאַס, ביי אַ סטאַנציע. קיינער האָט ניט געוואוסט, ווען מאַניע האָט דאָס צייטונגס־שטעלעכל איבערגענומען פון דעם פריערדיקן צייטונגס־פאַרקויפער, און אויב מאַניע וואָלט מאָרגן איבערגעגעבן איר געשעפט צו אַן אַנדערן, וואָלט אויך קיינער ניט געוואוסט. זי וועט קיינעם ניט אויספעלן, ווייל פאַר די פאַרביילויפער, וואָס כאַפּן די צייטונג, איז אַלצאיינס ווער ס'שטייט הינטערן טישל.

דער ראָג איז אַ טומלדיקער. ארום געפינען זיך אַלערליי קראָמען. דאָס רוב מענטשן, וואָס איילן זיך אין די פרימאָרגנס צו דער סטאַנציע, שיטן זיך אַרויס פון די זייטיקע גאַסן אין אַ שטענדיקן געאייל. צייטונגס־קויפער שטעלן זיך קיינמאָל ניט אָפּ. מיט די אַנגעגרייטע עטלעכע סענט נעמט מען אַליין די צייטונג, מען וואַרפט צו דאָס קליינגעלט אויפן פליגל פון דער בודקע און מען לויפט צו די טרעפּ פון דעם עלעווייטער.

ווען עמיצער דאַרף נעמען רעשט, ווערט עס אויך געטאָן אויטאָמאַטיש, אויף שטום־לשון. די האַנט שטרעקט זיך אויס, דאָס קליינגעלט לייגט זיך אריין, דער קויפער כאַפּט און אַנטלויפט. וואָס שפּעטער אין פרימאָרגן, אַלץ שיטערער ווערט דער עולם. האַלב צען איז שוין דאָ שטיל. עס טרעפט זייער זעלטן מאַניע זאָל בלייבן מיט די צייטונגען נאָך צען אַזייגער. עס איז אַן אינדער־פריענדיק געשעפט. פאַרנאַכט, ווען די צייטונגס־קויפער גייען צוריק פון דער אַרבעט, איז אפילו ניט קענטיק אַז אינדערפרי האָט מען דאָ פאַרקויפט צייטונגען.

אַזוי — טאָג איין, טאָג אויס, יאָר איין, יאָר אויס.

מאַניע באַוויזט זיך קיינמאָל ניט אויסערן בוידל. זומער־צייט איז דאָס בוידל אָפן. דער פליגל איז אינגאַנצן אַרונטער. דעמאָלט זעט זיך אַן איין העלפט פון מאַניעס מאָסיוון, ניט־ווייבלעכן געשטעל. ווינטער איז דאָס בוידל האַלב־אָפן און פון סוועטערס און שאַלן קוקן אַרויס אַ פּאָר העלע, נייגעריקע אויגן, אַ ברייטלעך מויל, אַ

פאַר דיקע, צעשפּאָלטענע ליפּן און אַ שמאָל פּאַסיקל פון אַ צעקנייטשן שטערן. מאַניעס אויגן האַלטן זיך אין איין בייטן. עס דאַכט זיך, אַז אַט זוכן זיי עפּעס, אַט קוקן זיי מיט פאַרלאָרנקייט און באַלד — מיט אַ וואָרעמקייט צו די, וואָס איילן זיך פאַרביי און כאַפּן זייער צייטונג.

מען מיינט, אַז מאַניע מיט איר צייטונגס־בײדל זיינען צונויפּ־געוואַקסן, אַז ביידע געפינען זיך שוין דאָ אַן אייביקייט. עס איז אָבער ניט אַזוי. ניט אלעמאָל איז מאַניע געווען אַ צייטונגס־ פאַר־קויפערין. זי האָט זיך גענומען צום געשעפט ווייל זי איז געווען עלנט. דורכן בײדל האָט זי צוגעקניפּט איר איינזאַם לעבן מיט דער אַרומיקער לעבעדיקער וועלט.

מאַניעס גורל איז געווען צו בלייבן אַ שטוב־זיצערקע. זי איז געווען אַן איין־און־איינציקע ביי קראַנקע טאַטע־מאַמע, און האָט געדאַרפט זיצן אין דער היים און אָפּהיטן טאַטע־מאַמע. אירע עלטערן האָבן זי שטענדיק געהאַלטן אונטערן שאָטן פון זייער מורא פאַרן טויט. דערפאַר האָט מאַניע פאַרזען איר אייגן לעבן.

מאַניע איז ניט געווען קיין שיינע. גאָט האָט איר ניט באַשאָנקען מיט ווייבערשן חן, מאַניען איז ניט באַשערט געווען צו האָבן די יאָרן פון בלי, ווען אַפילו ניט קיין שיינע פרויען, האָבן אַ געוויסן פרילינגדיקן רייץ. די יאָרן זיינען געגעבן געוואָרן אַנדערע, גליק־לעכערע, ניט איר, מאַניען.

דערווייל זיינען די יאָרן געלאָפן. טאַטע־מאַמע זיינען געשטאָרבן און מאַניע איז געבליבן אַליין. אַלס אַכצן־יאָריק מיידל איז זי אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ גרויסער פאַבריק. זי איז געווען די פּריוואַטע סעקרעטאַרשע פון אַ קאַפּריזנעם פאַרוואַלטער. זי האָט זיך איינגעלעבט מיט דעם קרענקלעכן מאַן און אים געדינט געטריי, ווי ער וואָלט פאַרנומען דאָס אָרט פון טאַטע־מאַמע.

ווען זי איז געבליבן אַליין, איז איר געבליבן איין זאַך — די אַרבעט. זי האָט איינגעטיילט איר לעבן צווישן איר היים און אַרבעט. דאָס ביסל גליק צו האָבן פאַר וועמען אויסצונוצן איר צייט איז אָבער אויך צעשטערט געוואָרן. אַ קורצע צייט, נאָכדעם ווי זי איז פאַר׳יתום׳ט געוואָרן, איז דער פאַרוואַלטער קראַנק געוואָרן און פאַרלאָזן די פאַבריק. די באַלעבאַטים האָבן פאַרביטן מאַניען אויף אַ שיין, יונג מיידל.

קיין אייגן לעבן, פאַר זיך און צוליב זיך, האָט מאַניע ניט

געהאַט און ניט געוואָלט האָבן. דעריבער, ווען זי האָט פאַרלאָרן די שטעלע, האָט זי אַלץ פאַרלאָרן. ניט געווען צו וואָס צו לעבן.

זי האָט געזוכט אַן אַנדער שטעלע, געשריבן און געענטפערט אויף בריוו. אירע יאָרן האָט זי ניט געלייקנט. זי איז שוין געווען איבער דרייסיק, נאָר האָט אויסגעזען עלטער. אַ הויך, ברייט, מיט אַ הויט פון אַ גרוילעכן קאָליר, און לויזע, אַראָפּהענגענדיקע באַקן, האָט מען זי אָנגענומען פאַר אַ פופציק־יאָריקער. ווען מען האָט געלייענט אירע בריוו, האָט מאַניע געזען אין די אויגן פון לייענער אַ באַהאַלטענעם שפּאָט. זי האָט געקראָגן דעם זעלבן ענטפער: מען וועט איר לאָזן וויסן! מען האָט אָבער ניט געלאָזן וויסן.

ווען זי איז אַהיימגעקומען אַ צעוויינטע, אַ באַליידיקטע, האָט מאַניע געקוקט אין שפּיגל און צו זיך געזאָגט: מען וויל מיך ניט! כ'בין צו אַלט! — אָבער ווי קאָן מען לעבן אַליין? זי האָט ליב געהאַט מענטשן, כאָטש זי געפינט ניט קיין חן אין די אויגן פון אַ סך. מאַניע האָט זיך דערטראַכט צו אַן אויסוועג. פאַר אירע אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע הונדערט דאָלאַר האָט זי געקויפט דאָס צייטונגס־ביידל און זיך צו דעם צוגעבונדן. דאָס ביידל האָט ביי מאַניען פאַרנומען דאָס אָרט פון געזעלשאַפטלעכן אויסלעבן זיך. עס איז געוואָרן אַ קוואַל פאַר איר קערפּער און נשמה. קיין סך האָט זי ניט פאַרלאַנגט, אירע באַדערפעענישן זיינען געווען באַשיידענע. זי איז געווען צופרידן מיט איר פאַרדינסט, און נאָך מער צופרידן מיטן צווייטן טייל פון איר געשעפט, דער טייל, וואָס האָט איר דערמעגלעכט, אַ ניט־געבעטענע און ניט־זעענדיקע, זיך צו באַהעפטן מיט די פאַרביילויפנדיקע אויפקויפער. זי האָט אַלעמען דער־נעענטערט צו זיך, מיט אַלעמען געטיילט אירע מחשבות און די געטריישאַפט, וואָס קיינער האָט ביי איר ניט געמאָנט, זינט טאַטע־מאַמע זיינען געשטאָרבן.

מאַניע איז געשטאַנען אין איר ביידל מיט אָפענע אויגן און אַן אָפן האַרץ, געקוקט אויף אַלע און דורך אַלע אירע קונים. אין געציילטע סעקונדן האָט דאָס אויג אויפגעכאַפּט: איין קויפערין, אַ יונג, פריילעך מיידל. אַ זינגענדיקע, אויסגעשלאָפענע. זי כאַפּט די צייטונג און לאָזט זיך לויפן, לייכט און שפּילעוודיק אויף די טרעפּ פונעם עלעווייטער. מאַניע שמייכלט מיטן מיידל און אויף איר

דיקלעכער האַנט בלייבן ליגן די עטלעכע פּעניס, וואָס דאָס מיידל האָט איבערגעלאָזט. זי האַלט די פּעניס, ווי זי וואָלט וועלן צוהאַלטן די פרייד, וואָס איז פאַרבליבן פונעם מיידל.

און אָט גייט פאַרביי איינע אַ מידע, אַ בלייכע, מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים. זי נעמט די צייטונג מיט אַ גלייכגילטיקייט, אַלץ איינס וועלכע צייטונג עס זאָל ניט זיין. דאָס האַרץ ביי מאַניען קלעמט. זי וואָלט וועלן פרעגן: וואָס האָט פּאַסירט? זי קוקט נאָך דער פרוי, אָדער דעם מיידל, ביז יענערס פיס ווערן פאַרפאַלן אויף די טרעפּ, און זי טראַכט: אפשר איז ביי איר עמיצער קראַנק? נעבעך אַ רחמנות! אַזאַ פרוי, אָדער מיידל, לאָזט איבער מאַניען מיט אַן אָנגעווייטיקט האַרץ. זי פאַרגעסט זי ניט אַזוי שנעל ביז אַן אַנדער קונה, אָדער מיט נאָך אַן ערגערן אויסזען, אָדער פאַרקערט, מיט אַ פריילעכן פּנים, באַווייזט זיך און פאַרווישט אין איר געדאַנק דעם פּנים פון דער פריערדיקער.

כּאָטש מאַניע מאַכט ניט קיין אויסנאַמען און נעמט אַריין אין קרייז פון אירע טראַכטענישן אַלעמען, זיינען פונדעסטוועגן די מאַנצבילן די ערשטע און די לעצטע, מיט וועמען איר געדאַנק איז פאַרנומען. עס איז מסתמא דערפאַר, וואָס מער מאַנצבילן גייען צו דער אַרבעט אָדער קויפן מער צייטונגען, — ווי די זאַך זאָל ניט זיין. פאַרביי מאַניעס אויגן לויפן דורך אַ סך מער מאַנצבילן ווי פרויען, און כאָטש זיי איילן זיך, דאַכט זיך מאַניען, אַז זיי כאַפּן אויף איר אַ שטיקעלע קוק. מאַנכע גיבן אַ מאַך מיט אַ ווינקל פון אַן אויג, אַ הויב אַ שטיקל ליפּ, אַ צוק מיט אַ ברעם. עס זיינען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס גיבן אפילו אַ שמייכל. מאַניע נעמט צונויף די אַלע ברעקלעך, באַהיטט זיי מיט פרויאישן בענקען און ווי מיט אַ קינסטלעכן ליכט צינדן זיך און לעשן זיך אין איר די עמאָציעס פון מענטשלעכן קאָנטאַקט.

אָט דער קאָנטאַקט, דער מאַנצבילשער הויך, איז פאַר מאַניען ווי אַ געטלעך געשאַנק. זי דאַרף עס ביי קיינעם ניט בעטן, ווי זי דאַרף ניט בעטן דאָס ביסל זון, וואָס קוקט אַריין אין ווינקל פון אירביידל אין די פריע זומערדיקע פרימאָרגנס.

ווען מאַניע האָט געקויפט דאָס צייטונגס־ביידל, זיינען נאָך אירע האָר געווען רויטלעך־בלאָנד. מיט די יאָרן האָבן די האָר אָנגעהויבן ווערן גרויער. זי האָט די גרויקייט אויפגענומען מיט מורא. איר

גאַנץ לעבן האָט זי גענומען, ווי עס האָט זיך געלאָזט. זי האָט עס אַביסל צוגעלאָטעט און געוואָלט עס זאָל שוין אַזוי פאַרבלייבן. גרויע האָר זיינען שוין אַן אָנזאָג פון עלטער און פאַר דער עלטער האָט זי זיך געשראָקן. פריער האָט מאַניע כמעט ניט געקוקט אין שפּיגל. זי האָט געהאַט אַ געפיל, אַז אַ שפּיגל איז אַ מין איבערטרייבערישער אָפּלאָכער. איצט האָט זי געהאַלטן אין איין קוקן אין שפּיגל און איר האַרץ איז פול געווען מיט געבעט צום קאַלטן שטיק גלאָז. זי האָט געקוקט, געזוכט און געציילט די גרויע האָר און זיך געטרייסט: ס'וועט נאָך אַביסל געדויערן. אפשר וועט די גראָקייט בלייבן ביי די שלייפן, און דאָס איז גאָרניט אַזוי מיאוס, פאַרקערט, עס מאַכט, דאַכט זיך, דעם פּנים ווייכער. אויך די אויגן ווערן מילדער פון דעם אָפּשיין, וואָס די גרויקייט וואַרפט אויף זיי פון די שטערן־ווינקלען.

מאַניע האָט צוגעפּאַסט די מאַנצבילן, וואָס זי האָט געזען ביי דער בודקע, און אירע חלומות, צו איר אייגענעם עלטער, אויף די ייִנגערע האָט זי געקוקט פון אַ זייט, ניט געזוכט זייער בליק, אָבער אַנטקעגן די יונגע האָט זי זיך געפילט ווי אין אַן אַנדערער, פריער־דיקער וועלט.

די יאָרן זיינען געגאַנגען. די קויפער האָבן זיך עטלעכע מאָל געביטן. אַנדערע זיינען געקומען. מאַניעס קרייז האָט זיך ניט פאַרקלענערט. ער איז נאָך גרעסער געוואָרן. אָבער איצט, אַז מאַניע גייט איבער אין געדאַנק דאָס צעטל פון אירע אַליין־גענומענע נשמה־שפּייזער, זעט זי בלויז מאַנצבילן מיט גרויע האָר. די גרוי־האָריקע האָבן אַרויסגעשטופּט די אַנדערע. זי אַליין איז שוין אינגאַנצן גרוי. זי האָט שוין כמעט פאַרגעסן דעם נאַטירלעכן קאָליר פון אירע האָר. זי מיינט אפילו, אַז דער גרויער קאָליר פּאַסט זיך בעסער פאַר איר.

אויך די גרויע מאַנצבילן זיינען מער צוגעפּאַסט צו איר, ווי די פריערדיקע. זיי זיינען ניט אַזוי קאַרג אויף אַ בליק ווי יענע זיינען געווען און כאָטש זיי איילן זיך אויך, איז אָבער זייער געאייל אַן אַנדערער; אין זייער געאייל איז דאָ צייט. זיי קוקן אויך ניט אויף

איר, אבער ווען זיי גיבן שוין א קוק, זעט מאניע אין זייערע אויגן דעם אפשיין פון איר אייגענע בענקעניש.

עס דאכט זיך מאניען, אז אלעמאל האט זי געלעבט אין א וועלט פון גרויקייט. זי פארשטייט ניט פארוואס די גרויקייט האט זי פריער געשראקן. די גרויקייט פירט דאך צו עפעס, וואס מען קאן ניט אויסמיידן, וויבאלד עס איז דא, עס מוז און ס׳וועט זיין גרויקייט און צייטיקייט, איז זי, מאניע, דאך ניט אויסער דער צייט! די צייט איז מיט איר, מיט איר גרויקייט, מיט דעם מארגן, מיט א סך גרויצע מארגנס.

די באָבע רייזע זוכט אַן עצה

... טייערינקע מיינע, האַרציקע, גאָלדענע! איר זייט דאָך, ווייס איך, אַ מענטש מיט אַ גוט יידיש האַרץ. איר, ווייס איך, וועט מיר גלויבן: אַז איר קוקט אויף מיר, פילט איר, ווייס איך, מיינע ווייטיקן. בעט איך אייך ליכטיקע מיינע, גיט מיר אַן עצה, גאָט וועט אייך דערפאַר אָפּצאָלן. גיט מיר אַן עצה, ווי ווערט מען אויסגעלייזט פון מיינע צוגעטשעפּעטע יאָרן.

ווי לאַנג, גאָטעניו, איז דער שיעור? וואו זאָל איך אַהינטאָן מיינע איבעריקע יאָרן? אַז איך בין דאָך אַ חורבה, וואָס האַלט ביי איינפאַלן. און פאַלט ניט איין.

... אַ וועלט איז צעטרייסלט געוואָרן, מיליאָנען יונגע מענטשן האָט די ערד צוגענומען. נאָר מיך, אַ זאַטע מיט יאָרן, מיך רירט גאָרניט. איז וויל איך אייך, נשמה מיינע, בעטן, זאָגט מיר ווי גאָט איז אייך ליב, זאָגט ווי זאָל איך זיך אָפּרייסן פון דעם וויסטן לעבן? אַז איך וויל ניט מער קיין יאָרן. איך האָב געהאַט גענוג. איר קוקט אויף מיר, זע איך, און טראַכט אַוודאי: נעבעך ניט מיט אַלעמען די אַלטינקע! גערעכט זיינט איר טאַקע. וואָדען, איך בין יאָ מיט אַלעמען? ווער אין מיינע יאָרן און מיטן גוטן לעבן, וואָס כ'האָב אָפּגעלעבט, קאָן ניט ווערן עובר בטל?

פאַראַן גענוג מענטשן מיט צרות, נאָר צו מיינע צרות איז קיין גלייכן ניטאָ. איך בין פול מיט יסורים, ווי אַ מילגרוים מיט קערנער, און עס איז צופיל פאַר איין לעבן מיט איין באַשעפעניש. גאָט האָט מיר איינגעטיילט אַ פּאָרציע, וואָס קלעקט פאַר זעקס. ער, גאָט, ווייסט, אַז כ'האָב געשלעפּט דאָס פּעקל און געשוויגן. אָבער וויפיל איז דער שיער? איך וואָלט געוואָלט פון אייך נאָר אַ וואָרט. איר וואָלט זיך איינגעקויפט עולם הבא! ווי אַזוי, טייערינקע, ווי ווער איך פּטור? איך וויל נאָר פאַרמאַכן די אויגן און מער גאָרניט... צו וועמען זאָל איך רעדן? איר ווייסט דאָך שוין מיין ביטער לעבן, איך האָב אייך שוין דערציילט, אַז פון אַלע מיינע דרייצן קינדער זיינען ביי מיר לעבן־געבליבן פינף, אַלע פון פוילן. איצט — גאָט ווייסט, וואו זייערע ביינער זיינען אַהינגעקומען. אַלע היגע זיינען מיר אויסגעשטאָרבן אין די בעסטע יאָרן פון זייער

לעבן, ווי ביימער זיינען זיי ביי מיר צעפאַלן. איך האָב מיט מיינע אויגן געדאַרפט צוזען ווי מען לייגט אין דער ערד אַריין יונגע טאַטעס פון קינדער, מאַמעס פון יונגע קינדער, פאַרוואָס? פאַר וועןז?

איך זע, איר בייסט נעבעך די ליפּן, ס'טוט אייך ווי יענעמס אומגליק. איז ווי מיינט איר, קאָן אַן אַלטער שאַרבן ווי איך דאָס אויסהאַלטן?

וואָלט איך כאָטש אַליין געקענט שווייגנדיק איבערטראָגן די יסורים, וואָלט איך געזאָגט: גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט! אָבער אַז די ווייטיקן לאָזן ניט איינזיצן בייטאָג און לאָזן ניט איינליגן ביינאַכט, און איך פאַריאָמער אַנדערע די יאָרן, איז דאָך אויף זיי אַ ביטערער רחמנות!

איר פאַרשטייט, קיין מאַמע בין איך דאָך שוין ניט. דאָס וואָרט מאַמע האָב איך שוין פאַרגעסן, באַגראָבן אין די קברים צוזאַמען מיט מיינע קינדער. שוין יאָרן און יאָרן אַז איך בין אַ באָבע און עלטער־באָבע. די באָבע רייזע — רופן מיך אַלע, אַפילו פרעמדע מענטשן. מיר דאַכט זיך אַפילו, אַז איך בין שוין געבאָרן געוואָרן אַ באָבע.

כ'וויל ניט זינדיקן מיט די רייד, אָבער וואָס נאָך קען גאָט פון מיר דערוואַרטן? וואָלט איך געווען אַ צדיקת, וואָלט איך געזאָגט, אַז גאָט שיקט אויף מיר אַן איובס צרות, ווייל ער וויל מיך אויס־פּרואוון, אָבער, ווער בין איך, מ'שטיינס געזאָגט, איך בין דאָך ניט מער ווי אַ פּשוטע אַלטע יידענע.

ווען מיינע אויגן האָבן מיר געדינט און כ'האָב געזען פאַר זיך די ליכטיקע וועלט, האָב איך געטראַכט: ווי ביטער ס'איז, איז גאָטס וועלט דאָך שיין. אָבער היינט, אַז מיינע אויגן קאָנען שוין ניט פאַרנעמען קיין ליכט, און הערן איז מיר שוין אויך שווער, קומט מיר בלויז אויס זיך צוהערן צו מיינע יסורים. איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן? איך האָב מורא אַז די ניט־אויסגעלעבטע יאָרן פון מיינע קינדער האָבן זיך אין מיר אַריינגעכאַפּט און ווילן פון מיר ניט אָפּטרעטן. איך אַליין, די באָבע רייזע, בין כמעט טויט. ווען איר זעט מיינע הענט, מיינע פיס, וואָלט איר מסכים געווען מיט מיר. מיינע פינגער האָט איר דאָך געזען? זיי זיינען ווי אויסגע־בויגענע קראָקוועס: מיין לייב איז ווי פאַרטריקנט ליים. אַלץ אין מיר רייסט זיך צו דער ערד, נאָר גאָטס אויערן זיינען פאַר מיר פאַרשטעלט.

איר וועט מיר גלויבן? איך פאַרדעק יעדעס פּיצל פון מיין לייב, מיין איינינקל זאָל אויף דעם ניט קוקן. איך טו דאָס ניט ווייל איך שעם זיך, נאָר ווייל איך וויל ניט זי זאָל האָבן יסורים. געוואָג, אַז זי זעט ווי איך קריך כמעט אויף אַלע פיר...

איך וויל ניט זי זאָל פאַר זיך זען דעם טויט. זי איז אַ מאַמע פון יונגע קינדער און האָט איר אייגן פעקל צרות. גאָט האָט זי אויך ניט פאַרזען. אירע צוויי בריליאַנטענע זין זיינען אַוועק דינען. קיינער זעט ניט איר צעוויטיקט האַרץ, נאָר איך, מיט מיינע האַלב־בלינדע אויגן. גאַנצע טעג לויפט זי אַרום. דאָ קלייבט זי געלט פאַר פעקלעך, דאָ העלפט זי נייען פאַר — דער גוטער גאָט ווייסט פאַר וועמען. אַז איך זאָג איר: פייגעלע, ווערסט דאָך איינפאַלן! ענטפערט זי מיר: מיינע זין, באָבעשי, אַרבעטן מער פאַר מיר. וואָס קען איך איר ענטפערן?

ווי איך באַמי זיך איר ניט צו דערקוטשען, האָט זי געבעטן פון מיר געוואָג אויסצושטיין. וויפיל איך בעט זיך ניט ביי איר, זי זאָל מיך אַריינגעבן אין אַ מושב זקנים, וויל זי ניט הערן. זי ברוגזט זיך אָן אויף מיר און שוויגט. איך ווייס, אַז ווען זי שוויגט טוט איר שטאַרק ווי. זאָגן זאָגט זי גאָרניט, אָבער איך פאַרשטיי, אַז זי טראַכט: די באָבע רייזע האַלט זיך דאָך שוין קוים־קוים, זאָל זי שוין פאַרענדיקן אירע לעצטע טעג אויף איר אייגן בעט.

אַז גאָט נעמט צו ביי אַ מענטשן אויף די עלטערע יאָרן די כחות, מאַכט פון אים אַ שטיק אויסגעטריקנט ליים, האָט ער שוין אים געדאַרפט אויך פאַרשטאָפּן דעם מוח. ער טוט עס אָבער ניט. דאָס שטיקל לעבן זיצט אין מיר און עסט מיך ווי אַ וואָרים. ס׳טוט מיר ווי פאַר מיין בלוט און פלייש, וואָס פוילט יונגערהייט אין דער ערד און ס׳טוט מיר ווי פאַר די לעבעדיקע.

איר זאָגט: עס וועט אייביק אַזוי ניט זיין! זאָל אייך גאָט געבן כוח צו וואַרטן און זיך דערוואַרטן אויף אַ בעסערער וועלט. איך וו י ל ניט מער. פאַר מיר איז געוואָג. איך האָב שוין מיינס אָפּ־געוויטיקט. איך וואָלט פאַרמאַכן די אויגן אַ צופרידענע, ווען איך וואָלט געגלויבט ווי איר גלויבט. איר, מיין ליבע, זענט אַ געבענטשטע פון גאָט.

אַ חוץ מיין איינינקל, זענט איר דער איינציקער מענטש פאַר וועמען איך גיס אויס מיין ביטער האַרץ. איך וועל אייך זאָגן דעם

ריינעם אמת, אַז זינט ביי מיין אייניקל זיינען אַוועק די זין, פיל איך, אַז איך טאָר זיך גאָר פאַר איר ניט באַקלאָגן. איך וויל איר זאָלט מיר גלויבן, אַז ס׳איז ניט גלאַט אַזוי אַ משוגעת פון אַן אַלטער, נאַרישער יידענע צו קומען צו אייך מיט אַזוינע פינצטערע רייד, אָנוואַרפן אויף אייך אַ מרה־שחורה. ניט איין טאָג האָב איך, קריכנדיק צו אייך מיט מיינע ווייטאָגדיקע פיס, זיך אומגעקערט צוריק, ווי נאָר איך האָב דערגרייכט אייער טיר.

כ׳וויל אייך עפּעס דערציילן, וועט איר לאַכן. מעג מען לאַכן אין אַלע צרות. עס איז אַ געלעכטער און אַ ווייטיק, צו וואָס אַ מענטש קאָן זיך דערטראַכטן.

פון אַלע מיינע יאָרן ווייס איך, איך האָב עס נאָך געוואוסט ווען איך בין געווען אַ קינד, אַז ווען מען טראָגט אַרויס אַ מת פון שטוב, טאָר מען ניט צוליגן דעם אויער צו דער שוועל, ווייל די נשמה פונעם מת דרייט זיך אַרום שוועל און באַוויינט דעם גוף. קיין מענטשיש אויג אָדער אויער טאָר דעם געוויין ניט פאַרנעמען. מ״זאָגט, אויב עמיצער לייגט צו דאָס אויער צום שוועל, מוז ער באַלד שטאַרבן, ווייל גאָט וויל ניט אַנטפּלעקן די נשמה צו די לעבעדיקע.

אָבער, אַז איך זוך דעם טויט אויף זיך און ער מיידט מיך אויס, האָב איך געטראַכט: זאָל גאָט טאָן מיט מיר וואָס ער וויל, פאַר מיר איז דער גיהנום ניט קיין שרעקעדיק אָרט, איך בין שוין אין גיהנום אויף ד ע ר וועלט. און אַ זאַ שכן איז געשטאָרבן ,ביקאַיך ווי עס איז אַריינגעקראָכן, זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל, די שטוב איז געווען פול מיט מענטשן, קיינער האָט זיך צו מיר ניט אומגעקוקט. נאָר אַז אַלע זיינען אַרויס נאָך דעם אָרון האָב איך זיך געטאָן אַ צי אויס איבערן שוועל און געבליבן ליגן מיטן אויער אויף דער שוועל. מענטשן האָבן געמיינט, אַז איך בין געפאַלן, האָט מען מיך אויפ־געהויבן... און ווי איר זעט, בין איך געבליבן צו נאַר, איך בין ניט געשטאָרבן...

בין איך איצט געקומען צו אייך, איר האָט זיך אַזויפיל געמיט מיר מיט עפּעס צו העלפן, האָב איך געטראַכט, אַז קיין בעסערע הילף ווי מיר העלפן אויסלייזן זיך פון לעבן קען גאָר פאַר מיר ניט זיין. איר ווילט מיר בעסער העלפן לעבן? טויט, זאָגט איר, פאַר־שפּעטיקט מען ניט? אַ דאַנק, טייערע, אַ דאַנק, נאָר העלפט מיר ניט. איך וועל עס שוין, איך וועל... זייט געזונט, זייט געזונט!

שניי-קוילן

מיט אומגעצוימטער פרייד האָט דאָס יונוואַרג זיך אַרויסגעלאָזט באַגריסן דעם ערשטן שניי. ער איז אָנגעקומען דורך דער נאַכט, אין אַ שבתדיגן פרימאָרגן, מיט אַזאַ פולקייט און בלענדיקייט, ווי אַ סורפּריז. דער שניי איז געקומען צוזאַמען מיט אַ שבתדיקער זון און האָט אָנגעגאָסן די קינדערשע הערצער און גלידער מיט אַ פריידיקן כח, מיט אַ רעשיקייט, וואָס האָט זיך פון זיי געריסן ווי אַ שטורם, ווי אַן אויפברויז. מיט בלענדיקער ווייסקייט און פוכקער בליציקייט האָט דער שניי צוגעדעקט אַלץ וואָס דאָס אויג האָט געקענט פאַרנעמען. אַלץ האָט אויסגעזען באַנייט, דערפרישט. ניט געווען צו דערקענען די אַרומיקע גאַסן.

קינדער מיט שליטעלעך, מיט גלאַטע ברעטלעך, האָבן זיך געשאַרט אויף די בייכער, זיך געקוליעט מיט די פיס אַרויף און זייערע קולות האָבן אָנגעפילט דעם אַרום. שניי־קוילן זיינען געלאָפן רעכטס און לינקס, האָבן געטראָפן די פנימער, די אויגן, די נעזער און זיך צעשאָטן מיט אַ שווינדלדיקער פריילעכקייט.

אין איר וועגעלע וואָס איז געשטאַנען לעבן פענצטער פון איר טאַטנס קראָם, איז לאה אין יענעם פרימאָרגן געשטאַנען אַ שיינע־דיקע, אַן אָפּגעפרישטע. אירע באַקן, אָנגעפרוירענע, דערוואַרעמטע, פון דער קעלט, זיינען געווען טונקל־רויט; די האָר האָבן זיך געריסן פון געשטריקטן היטעלע און האָבן אויסגעזען באַזילבערט קעגן דער זון. אירע הענט האָבן געאַרבעט פלינק ווי זיי וואָלטן עפּעס וועלן דעריאָגן. זיי האָבן געאַרבעט אָן אויפהער, געוואָלט אַריינכאַפּן. די צוויי הענט האָבן געוואוסט, אַז זעלטן קערט זיך אום אַזאַ פרימאָרגן.

לאה איז געווען אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף. איר טאַטע האָט געהאַט אַ קליין קרעמל, וואו ער האָט געמאַכט און פאַרקויפט ציגאַרן. ער האָט געמאַכט די ציגאַרן ביים פענצער און געהאַלטן אַן אויג אויף לאהן.

ווען מען איז פאַרבייגעגאַנגען די קראָם, באַזונדערס זומער־צייט, האָט מען שטענדיק געזען לאהן זיצן אויף אַ נידעריק וועגעלע,

וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שטול. אַמאָל האָט זי געהאַלטן אַ ביכל אין דער האַנט און אַמאָל אַ שטריק צום שפּרינגען. זי האָט זיך געשפּילט זיצנדיק מיטן שטריק, אים געוואָרפן ווי זי וואָלט עמיצן וועלן כאַפּן.

די שכנים האָבן געוואוסט פאַרוואָס לאה זיצט אַלעמאָל ביים טאַטנס פענצטער. לאה אַליין האָט זיך פון וועגעלע ניט געקענט אַרויסהייבן. זי האָט געמוזט אָנקומען צום טאַטן, כאָטש זי האָט געטראָגן „ברעיסעס״ אויףביידע פיס. ווען זי האָט זיך געוואָלט אויפהייבן האָט דער טאַטע געמוזט אַוועקלייגן די אַרבעט און איר קומען העלפן. אפילו אַז זי האָט זיך שוין אויפגעשטעלט מיטן טאַטנס הילף, האָט זי ניט געקענט גיין אָן צוויי קוליעס.

לאה פלעגט זיצן און וואַרטן, טאָמער וועט אַ ניט־הויך מיידל וועלן שפּרינגען, וועט לאה פאַר איר דרייען דעם שטריק און יענע וועט שפּרינגען איבערן שטריק.

לאה איז געווען דאָס ערשטע קינד ביי טאַטע־מאַמע. זי איז געווען אַ ליכטיקע מיט בלאָנדע לאָקן און טונקל־ברוינע אויגן. איר קערפּערל — ווי פון ווייכסטן סאַמעט. זי האָט געבראַכט אַ סך פרייד אין דער ניט־רייכער שטוב און אַלע שכנים פון הויז — אַרום דרייסיק איינוואוינער — האָבן זיך געקוויקט מיטן קינד. קיין גרעסער גליק ווי אָט דעם גאָלדענעם אוצר האָט זיך גאָר איר מאַמע ניט געוואונטשן.

ווען לאהן איז געוואָרן צוויי מיט אַ האַלב יאָר האָט דער קינדער־פּאַראַליז, ווי אַ גיפטיקע שלאַנג, אויסגעזויגן דאָס חיות פון אירע ביידע פיס. זי איז געבליבן ליגן אין איר קינדער־בעטל ווי אַ שטיק ליים, און עס איז שווער געווען צו גלויבן, אַז דאָס איז דאָס זעלביקע קינד. מיט אַ פּאָר טעג פריער האָט נאָך דאָס קינד אַנגעפילט דאָס הויז מיט איר קינדעריש געלעכטער און פּלאַפּלעריי.

ניט נאָר איז ניט געווען צו דערקענען ס׳קינד. אויך טאַטע מאַמע זיינען אין געציילטע טעג פאַרעלטערט געוואָרן. דער טאַטע האָט געמוזט אָפּהיטן דאָס שטיקל ברויט, האָט ער, זיצנדיק ביי דער אַרבעט, אַ סך מאָל איינגאַנצן ניט געהערט און ניט געזען, וואָס אַרום אים טוט זיך, און די מאַמע האָט מיטן קינד אויף אירע הענט זיך אַרומגעשלעפּט פון דאָקטאָר צו דאָקטאָר, ביז מען האָט אויסגעשעפּט די אָפּגעשפּאָרטע פּאָר דאָלאַר ביי זיך און דער משפּחה. ווען ס׳איז שוין ניט געווען קיין געלט פאַר דאָקטוירים האָט זיך

די מאַמע געשלעפּט מיטן קינד אין די שפּיטעלער. עס איז אַוועק אַ סדרה מיט פאַרשיידענע מיינונגען פון עטלעכע דאָקטוירים. איין דאָקטאָר האָט געראָטן מען זאָל גלייך אָפּערירן, דער צווייטער — וואַרטן. די מאַמע האָט ניט געוואוסט וועמען צו פאָלגן און איז ניט געשלאָפן קיין נעכט. קיין בעסערונג איז מיט דער צייט ניט אַריינ־געטראָטן.

מען האָט אויסגעפּרואווט אַלע נייע „קאָרעקציעס", אָן רעזולטאַטן. אָפּגעזען פון איר קראַנקהייט און הילפלאָזיקייט האָט לאה געשיינט ווי די זון. זי איז געווען דער ליבלינג פון די דאָקטוירים און די נוירסעס, אָבער אַלעמענס באַמיאונג צו שטעלן דאָס קינד אויף די פיס איז געווען אומזיסט.

די צייט האָט געטאָן אירס. עס זיינען אַוועק עטלעכע יאָר. לאהס מאַמע האָט געבוירן נאָך אַ מיידעלע און האָט מער ניט געקענט אָפּגעבן די גאַנצע צייט דער קראַנקער. ווען לאהס שוועסטערל איז נאָך געווען אַ פּיצל, האָט זיך לאה געשפּילט מיט איר ווי מיט אַ ליאַלקע, באַוואונדערט איר יעדער ריר און צאַפּל, און זיך געפריייט, ווי איר מאַמע מיטן פּיצלס אַ מינעלע און שמייכל. אָבער אַז די קליינע איז אונטערגעוואַקסן און איז אַרומגעלאָפן אין אַלע ווינקלען פון דער שטוב, און אַז די מאַמע האָט זיך פאַרגעסן און האָט געקושט דער קליינער די הענטעלעך און פיסעלעך, — האָט זיך עפּעס געשטעלט ביי לאהן אין האַלדז, און איר מויל האָט זיך איינגעהאַלטן פון אַ ציטער. וואָס גרעסער און וואָס שענער דאָס שוועסטערל איז געוואַקסן, אַלץ אומעטיקער איז געוואָרן לאהס פּנים.

אַ ביטערקייט האָט זיך פאַרקליבן אין לאהס ליכטיקע קינדערשע אויגן־ווינקלען. איר נעזל האָט זיך אביסל אַרונטערגעלאָזט. אַ פאַרדריסלעך קנייטשל האָט זיך באַוויזן אויף איר העל־קינדערשן שטערן און ביי איר אַוועקגערויבט אַ טייל פון איר קינדערשקייט. נאָר די דיקע, בלאָנדע לאָקן זיינען פאַרבליבן ווי געטרייע וועכטער, האָבן באַקראַנצט דאָס אויסגעמאָגערט פּנימל ווי אַ זונען־פלאַנץ.

ווען לאה איז געווען ייִנגער, פלעגן אַלע קינדער פון גאַס זיך שטענדיק קלייבן אַרום איר וועגעלע און זיך שפּילן מיט איר. זיי פלעגן זי מאַכן פאַר אַ קינד, וואָס דאַרף באַדינט ווערן, אָדער ווען זיי האָבן זיך געשפּילט אין „סקול", פאַר אַ שילערין. לאה האָט זיך כמעט ניט געלאַנגווייליקט. אָבער ווען זי האָט דערגרייכט דעם

שול עלטער אינאיינעם מיט אירע מיטשפּילער, איז לאה פאַראיינזאַמט געוואָרן. אַ לערערין פלעגט צו איר קומען אויף אַ פּאָר שעה אַ טאָג און דו איבעריקע צייט איז זי געבליבן אַליין.

שפּעטער איז שוין לאה געגאַנגען אין סקול. אַלע פרימאָרגן איז געקומען אַ באָס און זי געגומען אין סקול. אין באָס זיינען געווען נאָך אַזוינע הילפלאָזע קינדער ווי זי. אַ קינד איז — אַ קינד... האָט זי געפונען אַ וועג ווי זיך אַרויסרייסן פון די צוימען... קינדער טראַכטן ניט פון מאָרגן און אויפן וועג איז מען געווען פריילעך. מען האָט געזונגען, געלאַכט, זיך געוואָרפן מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט. איין קינד האָט אָנגעשטעקט ס׳אַנדערע מיט געלעכטער און עס האָבן געלאַכט אפילו די קינדער, וואָס האָבן ניט אָנטייל גענומען אין שפּיל. אָבער אַז לאה איז געקומען אַהיים, איז זי צוריק אַריין אין איר איינזאַמער וועלט. זי האָט נאָכגעקוקט די שפּרינגענדיקע, לאַכנדיקע קינדער. זי האָט זיי געוואָלט נאָכטאָן מיט אירע אַלע חושים, אָבער דאָס זיינען ניט געווען קיין רעאַלע, אויסדרוקספולע באַוועגונגען. לאה פלעגט אַמאָל פרעגן די מאַמע:

— ווען וועל איך שוין קאָנען גיין? נאָכדעם האָט זי שוין ניט געפרעגט. זי האָט באַמערקט אַז די מאַמע האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ און אָנגעהויבן רעדן פון עפּעס אַנדערש, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע האָט איר ניט וואָס צו ענטפערן.

זומער האָט לאה געפילט צום ערגסטן. זומער צעלויפן זיך די קינדער אין די אַרומיקע פּאַרקס. אַ סך קינדער פאַרלאָזן אינגאַנצן די שטאָט. דעמאָלט בלייבט זי אַליין אַ פאַרלאָזענע. עס ווערט איר צו לאַסט די איינזאַמקייט און עס ווערן איר דערעסן די ביכלעך... זי וואָלט אויך געקענט גיין אין פּאַרק, איז איר אָבער שווער אַריבערצוגיין די גאַס און דער פּאַרק איז ווייטלעך, מוז זי זיצן לעבן קראָם און צוקוקן ווי דער טאַטע שאָקלט זיך איבער די טאַבאַק־בלעטער. צייטנווייז פאַרגלוסט זיך איר צו לאַכן פון טאַטן, אָבער ער איז דאָך אַזאַ פאַרזאָרגטער, אַ בלייכער, און זי האָט ניט קיין האַרץ צו לאַכן פון אים. זי וואָלט אים אַרומגענומען און אים אויסגעקושט די צעקנייטשטע באַקן, ווען ער וואָלט איצט אַרויסגעלאָפן צו איר...

עס טרעפט אַז אַ מיידל אָדער אַ ייִנגל יאָגן זיך פאַרביי אויף רעדלעך. זיי טוען אַ פריילעכן מאַך מיט דער האַנט און זי ענטפערט זיי אויך מיט אַ פריילעכקייט. אָבער דאָס טרעפט זעלטן.

זי איז צופרידן אַז עס רעגנט און זי דאַרף ניט צוליב טאָן דער מאַמען און זיצן אין גאַס. זי וויל בעסער זיין אַליין. זאָל קיינער ניט זען ווי איינזאַם זי איז.

ווינטער איז אינגאַנצן אַנדערש. ווינטער דאַרף לאה ניט זיין אַזויפיל אין גאַס. ווינטער האָט זי אַ סך היים־אַרבעט פון סקול און האָט ווייניק צייט מקנא צו זיין די אַנדערע קינדער. ווינטער קאָן זי אויך אַביסל זיין גלייך צו אַנדערע. דאָס איז ווען עס פאַלט אויס אַ שניי, ווי יענער פרימאָרגן.

לאהס טאַטע האָט זיין קראָם אויף דער ראָג גאַס וואָס איז ליידיק פון אַלע דריי זייטן. ווען עס קומט אַ שטורעם פאַלן דאָ אָן גאַנצע בערג שניי און מען קאָן צו דער קראָם ניט צוקומען. דאָס שאַדט דער פּרנסה. פאַר לאהן איז עס אָבער אַ יום־טוב, אויף וועלכן זי וואַרט גאַנצע חדשים. ווען עס פאַלט אָן דורך דער נאַכט אַ געדיכטער שניי, איז שוין יעדע מינוט טייער פאַר לאהן. זי קען זיך שוין ניט דערוואַרטן די מאַמע זאָל איר העלפן אַרונטערגיין. עס קלאַפּט איר שוין באַצייטנס דאָס האַרץ פון דעם געדאַנק, אַז היינט האָט זי די געלעגנהייט צו זיין וואָס זי איז, וואָס זי וויל זיין, ווייזן וואָס זי קען!

לאה האָט פלינקע הענט און געשיקטע. אירע אויגן קוקן ווייט און גלייך. זי שטייט אויף אירע אײַזן־געצוימטע פיס אינמיטן אַ באַרג שניי. די אויגן זיינען בליציק און די באַקן צעפלאַמט פון דער הייסער קעלט... זי שטייט און שליידערט מיט דער פלינקייט פון אַ קאַץ. די קינדער וואָס ווילן זיך מיט איר פאַרמעסטן, כאַפּן אַ גאַב. איידער עמיצער האָט געוואָרפן איין קויל, האָט שוין לאה געוואָרפן צען. לאהס פרייד איז גרויס! זי האָט בעסער ליב צו שליידערן די קוילן אויף ייִנגלעך. מיט אַ ייִנגל איז גאָר עפּעס אַנדערש. אויב זי טרעפט אָן אַ ייִנגל, אויף וועלכן זי טראָגט עפּעס אַ פאַרדרוס, דעמאָלט גייט־אויף אַ פרייד אין איר יעדן ריר און קער, אין יעדן וואָרף מיט איר קאָפּ און ריר מיט אַ באַרקע. איר הילכיקער געלעכטער קלינגט דאָן אָפּ אין דעם פאַרשנייטן אַרום און איר מאַמע שטיקט זיך דאָן מיט טרערן און דרייט דערביי אַוועק דעם קאָפּ לאה זאָל ניט זען.

ווען לאה טרעפט אַן אויף אַ יינגל אַ שטיפער, וואָס וויל איר אָפּטאָן אַ שפּיצל, פאַרגנבעט ער זיך פון הינטן, כאַפּט איר אַן פאַר די הענט, אָדער פאַרשטעלט איר די אויגן מיט זיינע הענט. דעמאָלט, ווי נאָר לאה דערפילט די באַרירונג און אַ וואַרעמקייט דערלאַנגט אַזש צו אירע קוים־פילבאַרע פּיס. די וואַרעמקייט גיסט זיך ווי אַ כישוף פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף. לאה וואָלט וועלן די וואַרעמקייט זאָל אָנהאַלטן אַ לאַנגע צייט, אַן אויפהער, עס זאָל זיך כסדר איבערחזרן...

כדי עס זאָל זיך איבערחזרן דאַרף לאה האַלטן אין איין וואַרפן און טרעפן מיט די קוילן, טרעפן אין ציל — דעם וואָס זי וויל... וואָלט נאָר דער שניי געגאַנגען און געגאַנגען און קיינמאָל ניט אויפהערן, איז אָבער דער ווינטער אַזוי קורץ...

מיניאַטורן

אין שפּיטאָל

עס איז כמעט שטיל אין דעם גרויסן, פיר־און־צוואַנציק בעטיקן „וואָרד״; דאָ — אַ שטילער געמורמל; אין ווינקל — אַ קרעכץ, אַ שטילער הוסט, אָבער צוליב דעם גרויס פונעם צימער מאַכט עס אויפן אַריינגעקומענעם אַן איינדרוק ווי דער גרעסטער טייל פּאַציענטן וואָלט געדרעמלט אָדער גערוט אין דער נאָכמיטאָגדיקער שעה.

אָבער עפּעס שרייט אַריבער אַט־די אַלגעמיינע שטילקייט. עס דערגרייכט צום אויער עפּעס וואָס איז ניט קיין קול פון אַ מענטשן, ניט קיין קרעכץ, ניט קיין געוויין און דאָך עפּעס, וואָס לאָזט ניט רוען. דאָס קול איז אַזוי אַריינדרינגענדיק מיט זיין שטילקייט, אַז איר זענט זיכער, אַז אַ יונג קינד האָלט ביים אויסגיין, און דאָס זיינען די לעצטע צאַנקענדיקע טענער פון אַ נשמה ביים געזעגענען זיך מיטן גוף...

אַז מען גייט ווייטער קומט מען אַריין אין דער צווייטער העלפט פון דער פּאַלאַטע און דאָ ווערן שוין די טענער גאַנץ דייטלעך.

אין סאַמע עק פונעם צימער, אונטער אַ פּאַראַוואַן, ליגט אַ האַלב־טויטער קערפּער פון אַן אַלטער פרוי. איר פּנים געל, אירע אויגן — פאַרמאַכט, און פון דעם האַלב־פאַרמאַכטן מויל ווינט אַרויס אַ רירענדיק, האַרצרייסנדיק געוויין־געזאַנג.

זי זינגט אַרויס אַ געוויין מיט אַ צאַרטקייט פון אַ יונגער מאַמע וואָס האָט איצט נאָר וואָס פאַרלאָרן איר איינציק קינד. צאַרט און האַרציק און קלאָר זאָגט זי אַרויס אין איר געוויין: „קינדעלע, מאַמעלע, גיי ניט אַוועק, ניט לאָז מיך אַליין״.

אַזוי כסדר. לעבן איר בעט שטייט אַ טאָכטער. אַ מיטליאָריקע פרוי מיט אַ באַטריבטן פּנים. די טאָכטער איז צופרידן ווען זי האָט אַ זייטיקן מענטשן מיט וועמען כאָטש אויף אַ ווײַלע צו טיילן איר גרויסן ווייטיק. זי דערציילט:

„ביז מיר האָבן זי געבראַכט אין שפּיטאָל האָבן מיר געמיינט אַז זי וועט כאָטש די אויגן עפענען, כאָטש אירע קינדער דערקענען.

אָבער, ווי איר זעט, איז שוין דער דריטער טאָג אַז זי באַווייַנט איר ערשט קינד, וואָס איז געשטאָרבן, ווען עס איז אַלט געווען צוויי יאָר. זי האָט קיינמאָל דאָס קינד ניט פאַרגעסן, פלעגט עס דערמאָנען, ווען נאָר זי האָט געהאַט אַ געלעגנהייט"...

די טאָכטער גלעט די לעבנגעבליבענע האַנט, גלעט דער קראַנקערס פּנים, אָבער קיין סימן פון אַן אָפּרוף. זי איז ניט מער ווי אַ קערפּער פון וועלכן דאָס לעבן איז אויסגערונען.

אָט געווען, אָט געלעבט, געאַרבעט, גערעדט, געלאַכט און פלוצלונג — עפּעס האָט זיך איבערגעריסן — און אויס...

דאָס וואָס איז אין איר פאַרבליבן האָט זיך אַ קער געטאָן צוריק אויף כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט — און זי ליגט איבערן קערפּערל פון איר ערשט געבאָרן שטאַרבנדיק קינד און רעדט: „קינדעלע, מאַמעלע, לאָז מיך ניט אַליין!..."

אָבער פון וואַנען, פון וואָס פאַר אַ פאַרבאָרגענע קוואַלן, אַזאַ רירנדיק, האַרצרייסנדיק, כמעט מעלאָדיש געוויין־געזאַנג? דאָס געוויין, ווי שטיל עס איז, אַזוי טיף איז עס און אַזוי בויערט עס די מענטשלעכע נשמה...

ווער איז בכוח אַזוינס איבערצוגעבן?

שטייענדיק ביי דער קראַנקערס בעט, זיינען אין מיין געדאַנק אַרויפגעשוואומען דערמאָנונגען פון אַזאַ מין געוויין־געזאַנג. יאָ, איך האָב די טענער געהערט, געהערט פון אַ גרויסער קינסטלערין פון דער „הבימה". נאָר אַזאַ קינסטלערין מיט אַזאַ נשמה־געפיל איז בכח אַזוינס אַרויסברייענגען — די קינסטלערין חנה ראָווינאַ.

וואָס פאַר אַ פּסיכאָלאָג קען אַריינדרינגען אין די לעבנגע־בליבענע קעמערלעך פון דער אומגליקלעכער קראַנקער? און וואו נעמט מען ווערטער, וואָס זאָלן דינען ווי אַ טרייסט פאַר דער טאָכטער?

דאָס לעצטע פענעצל

עס באַקלאָגט זיך דער אַלטער דאָרטן ביים פענצטער. באַקלאָגט זיך אייגנטלעך פאַר זיך אַליין, ווייל זיין שכן צו וועמען ער רעדט, ליגט איינגעדרייט, און באמת זיך איינצוהאַלטן דאָס וואָרפעניש

וואָס, ווי ער זאָגט, לאָזט אים ניט אָפּ זינט זיי האָבן אים געגעבן די פּראָבע־איינשפּריצונג.

דער קראַנקער רעדט צו זיך אַליין; דאָס הוסטן וועט מיך טרייבן פון זינען! אַ בייסעניש אין האַלדז, אַ שטיקעניש. וואו נעמט מען כח דאָס אריבערצוטראָגן? כאַפּט עס אָן, איז כאַטש נעם און שפּרינג פון זיך אליין אַרויס.

דער שכן הייבט אויף אַ קליין ווייס קעפּל, קוקט מיט מיטגעפיל, דרייט זיך אום מיטן פּנים צו דער וואַנט און זאָגט: „מען נעמט עפּעס אין מויל אַריין, אביסל וואַסער אפילו איז אויך אַ שטיקל הילף".

דער הוסטער, צופרידן וואָס יענער האָט אים דערהערט, פּיעסטשעט זיך: „יאָ, מען נעמט עפּעס! ווען דער הוסט איז אַ לייכטער, איז טאַקע אַביסל וואַסער אויך אַ הילף, אָבער אַז עס רייסט און בייסט, פּילט איר ווי אריינצודרוקן אַ בעזים אין האַלדז אַריין..."

„איר זאָגט מען נעמט עפּעס, וואָס ניט איז? נעם איך טאַקע. איך האָב געפונען אַז אַ פּענעצל מאַראַנץ איז אַ שטיקל הילף. מיינע האָט מיר היינט געבראַכט אַ גרויסן מאַראַנץ, אַ גרויסן, אַ זאַפטיקן. זי וועט דאָ ניט זיין גאַנצע דריי טעג. ווי ווייט קאָן מען גיין מיט איין מאַראַנץ, האָב איך דעם מאַראַנץ צעטיילט אויף פּענעצלעך און אַז עס ווערט גאָר שלעכט, אַז קיין וואַסער העלפט ניט, נעם איך אַ פּענעצל מאַראַנץ. איך היט עס אָפּ ווי די טייערסטע רפואה. איצט האָט זיך דאָס זעקעלע מיט די פּענעצלעך אויסגעלאָזט, קוים איין פּענעצל פאַרבליבן"...

דער קראַנקער קייכט און קייכט, הוסט און הוסט. זיין שכן קומט צו. ער זעט ווי דער שכן שאָקלט זיך אַ צונויפגעדרייטער און ציט אויס אַ טרייסלענדיקע האַנט צום טישל, נעמט אַרויס דאָס לעצטע פּענעצל מאַראַנץ, וויל עס דערלאַנגען צום מויל און צעקייכט זיך אַזוי שטאַרק, אַז דאָס לעצטע פּענעצל גליטשט זיך אים אַרויס פונעם מויל און ער בלייבט מיט אַן אָפענעם מויל! ער קוקט אויף דער ערד וואו עס ליגט דאָס שטיקל מאַראַנץ און צעשמייכלט זיך. ער ברומט איראָניש: „אוי גאָט, ניטאָ קיין שיעור צו רשעות!..."

א פאַר ווערטער פון מחבר

אין דעם בוך זיינען צונויפגעזאַמלט אַ גרעסערע צאָל דערציילונגען, וואָס האָבן זיך די לעצטע פאָר צענדליק יאָר געדרוקט אין דער „מאָרגן פרייהייט” און די לעצטע יאָרן אין די „זאַמלונגען”.

דאָס בוך דערשיינט מיט דער הילף פון חברים און פריינט, וואָס האָבן אויף זייער אייגענער איניציאַטיוו גענומען אויף זיך דעם שווערן עול פון שאַפן די פאָנדן פאַר דעם בוך. דער בוך־קאָמיטעט, וואָס אַ טייל פון אים באַשטייט פון אָנגעזעענע שרייבער, האָט זיך איינגעשפאַרט און מיט אַ סך עקשנות און נשמה־דיקער איבערגעבנקייט און ליבע צום יידישן וואָרט געזען אַז די דערציילונגען זאָלן דערשיינען צווישן די טאָוולען.

נאָר אַדאַנק זיי וועלן צענדליקער מענטשישע לעבנס, ווייטיקן, וואָס האָבן ביז איצט געדרימלט צווישן פאַרגעלטע, אַלטע פּאַפּירן, באַקומען זייער געשטאַלטלעכן תיקון אין בוך. איך האָף, אַז זייער שכר וועלן זיי באַקומען אין זייער אחריותדיקער, דאַנקבאַרער אַרבעט.

צי האָט זי די מי געלוינט? זיינען די דערציילונגען אַ ביישטייער צום יידישן וואָרט? דער לייענער וועט, פאַרשטייט זיך, זיין דער פּוסק אחרון!

פאַרן מחבר, פאַר דער דערציילערין אַליין, האָט דאָס בוך געעפנט נייע, ליכטיקע האָריזאָנטן, וואָס האָבן אפילו פאַרשטעלט די נאָענטע שיינקייט פון דער אייגענער סביבה, אין וועלכער עס געפינען זיך אַזעלכע טייערע חברים און חברטעס.

איך ווינטש די אַלע טייערע פריינט און חברים, אַז דאָס ליכט פון די געשילדערטע טיפּן און געשטאַלטן זאָל באַגלייטן זייער וועג.

דעם זעלבן דאַנק און וואונטש אויך די אַלע וואָס האָבן געמאַכט אַ פינאַנציעלן ביישטייער. זיי אַלעמען מיין אַנערקענונג!

פ ר ו מ ע   ה אַ ל פ ע ר ן

יאַנואַר, 1963

אָרגאַניזאַציעס, חברים און פריינט
וואָס האָבן געהאָלפן דאָס בוך זאָל דערשיינען

ב ו ך ק א מ י ט ע ט

י. א. ראָנטש, פּרעזידענט
שמואל דייקסל, וויצע־פּרעזידענט
ברוך מילער, סעקרעטער
בעלאַ גאָלדווירט, לילי מילער, פינאַנץ־קאָמיטע

אַקטיווע מיטגלידער

סאָפי באָבריק, י. פישערמאַן, ראוז אַראַנאָוו, בעסי האָלאָוויץ.

יידישער קולטור און הילפס־פאראיין (שלום עליכם הויז
איסט טרימאָנט עמאַ לאַזאַרוס קלוב
מאָריס ראָזנפעלד לייען־קרייז

י ח י ד י ם

וועלוול סטיין (אין ליכטיקן אָנ־דענק פון זיין פרוי ראָזאַ).
קאַרל, ליזאַ און אייניקלעך (אין ליכטיקן אָנדענק פון זייער מאַמע און באָבע ראָזע סטיין).
נאָראַ ה. ליין (פרומע האַלפּערנס טאָכטער).
דזשעק און איידא פישערמאַן
דר. לואיס שאַצאָוו
יוסף שעיפער
בען בענאָוויטש
ראוז אַראַנאָוו
דעיוו קעס

אַרטור וויראָב
ליזאַ פּאָדאָלסקי
סאָפי באָבריק
מאָלי קרוגער
יוסף און פּאָלי קאָהן
לינאַ טווין
מינא מאַקאָווסקי
לאה און סעם נעלסאָן
יאַשאַ אייזנבערג
ראָכיל סאָלאָמאָן
דר. און מרס. שייפער
יוסף און נינאַ ברידזשער
חבר און חברטע דזשעי האָפמאַן

מר. און מרס. זעגערמאַן
משה קיש
עלא און נייטן וויניג
הערי קעסלער
ראובן האָך
אהרן און שרה גודעלמאַן
משה ראַהינסקי
ס. שעלי
מרס. ה. קאַצמאַן
לינאַ אַלפּערט
בלומע פיינסטיין
ישראל לעווין
עמאַ און דזשעק בעלאַנד
אַנאַ גאָטליב
חברים דאָראָשקין
עלסי סטאַראָבין
אַניוטאַ סאָשין
עטל מאַרשאַק
יעקב און צילי גאַז
ישראל דוב טאַבאַטשניקאָף
ר. קאַן
ה. וויינער
אסתר כץ
דוד סעלצער
שמואל דייקסל
ב. כאַזאַנאָוו
אַהרן בוירג
כאַשע־לאה קאָזיניץ־כץ
פעני קאופמאַן
דזשעני העפטער
אסתר גרינבערג
לאה אַדלער
חבר קויפמאַן
מינא כייקין
מאַלי פאַקס
פרומקע

מר. און מרס. ווייס
העלן קאָניג
בערטאַ און אברהם פרוט
רוט סטרים
עמאַ און נייטןדעניעלס
סעם פינקל
סעם קאָהן
נינאַ גאָלדסטיין
ראָזע סאַפּראַן
מאָריס גראָבין
ברוך און לילי מילער
נאָרמאַ מילער־אַדלער
סעי און ראָזאַ פּערלמאַן
איידע און אברהם וויינגאָרט
ליליע באָרטניק
יוסף גליקסמאַן
יאַנקל און דאָראַ פיש
פייגל און עלי שפּרינגער
דוד קאַפּלאָוו
א. קאַליש
עלי און דבורה סטאָליער
לערי און אסתר אַראָנעק
דזשעק האָלשינסקי (אין אָנדענק)
חוה גראָבאָוויס (אין אָנדענק)
נייטן און קלאַראַ שניידער (סאַן פראַנבציסקא
אסתר מילער (לאָס אנדזשעלעס)
דאָראַ ביירעק (לאָס אַנדזשעלעס)
דאָראַ קאָהן
יוסל און מערי וואַרעק (לאָס־אנדשעלעס)
דזשעני ראָזען
בערל און שרה קוואַלוואַסער
אַנאַ און סעם זאַלצמאַן
יוסף און ראַשע שאַפּירא
מעקס שניידער

יאנקל און פייגל גאָלדווירט
קלמן און אַדעלע פרידמאַן
אײדע מילער
ראשעל דזשייקאָב
איטקע און איטשע בערנשטיין
דזשייקאָב סילווער
רחל פערלסטיין
היימי און סאַראַ אַקון
שמואל און אסתר קעלערמאַן
רעבעקאַ און סידני גרינבערג
סאָפי קאָהן
עמא פאלאק
פערל גאָלדסטיין
מאָריס ווײנטרויב
גאָלדע דוביצקי (אין אָנדענק פון איר מאַן)
ראָזע לעווין
דוד עדלמאַן און פרוי
לינא און גרשון שמוקלער
עליק קאַפּלאָוו
א. שווערדל

ישראל קעס
ש. בודין
משה וואַסערמאַן און פרוי
בעלאַ גאָלדווירט
בלענטש גודמאַן
סאָניע גודמאַן
הערי און ראָזע ביילים
ק. ליבערמאַן
ראָז אסטער
לינאַ ראסקין
באב גאָלדבערג
משה קריסטאל
ליבע סטאָלערמאַן
א. און לילי מאָדעל
לואי און פאולא דען
דאָרא און אלתר קאַזאַן
לינא
דאָראַ שפרינגער
אהרן סליפקין
מאיר כאַריטאַן
אסתר און מאיר איינבינדער

אדעל און אהרן שעק
עלי זיידל קאַגאַן
דייוו און איווא נייסבאנד
מאניע בענדער ל. א
שלמה און פרוי וואסערמאן
סיימען, ראז פעדערמאן
מרים באומעל
חנה גראבים (אין אנדענק)

אינהאלט

י. א. ראַנטש: פאָרוואָרט 5
געבענטשטע הענט 9
אין גן עדן 14
שכנים 19
סוזאַן פלעשער 25
מוניע דער שוסטער און ברוך שפינאָזא 40
חברטע באַשע 44
זי, ער און די לבנה 50
קריסטאָפער וועט דערזיצן 55
בלומע 60
דריי מאָל באַגעגנט 65
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט 71
„העלאָ בוטש" 76
די שטומע מאַמע 86
טויטע בלומען 101
„ביג באָס" 110
קלאַראַ און מערי 115
די שטראָף 135
„גוד באי קלעאָפּאַטראַ" 141
דער גורל פון אַ האָר 147
קליק קליק 151
מיט אַן אַנדער וועג 156
עס קייקלען זיך דריי עפּל 163
פנימער 168
ראָסטי מיין פריינט 173
„גוד באי האָני" 178
זיי האָבן זיך דערזען 189
דער גלגול פון אַ וועגעלע 202
אין די בערג 208
אַ פאַריטעטע שול 213
ביי דער מאַמעס קראַנקן בעט 221
אין אַ קאָנוואָלעסענט היים 225
דער לעצטער פרישטיק ....23[illegible]

הינטיש בלוט 245
ניטאָ קיין טיר 251
גראַדואירונג 255
גרויע לעבנס 264
די באָבע רייזע זוכט אַן עצה 270
שניי קוילן 274
מיניאַטורן 280
אַ וואָרט פון מחבר
רשימה פון בײשטייערער